This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

# סאָוועטיש

4 1982

# היימלאנד

ЦИОЛКОВСКИЙ
ОСНОВОПОЛОЖНИК

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אַפּרעל

4

1982

# אינהאַלט


יורי ווערטשענקאָ. די קאָסמישע טעמע אין דער ליטעראַטור . . . . . . . . . . . 3

הערשל פּאָליאַנקער. דער גורל פֿון אַ קינסטלער. ראָמאַן. (פֿאָרזעצונג). צייכענונג פֿון אי. מאַסטבאַום . . . . . . . . . . . . . 19

מאָטל גאָלבשטיין. מיט אַ זינגענדיק האַרץ (לידער) . . . . . . . . . . . . . . . 65

כאַיִם מעלאַמוד. ניט צו פֿאַרגעסן. צייכענונג פֿון מ. איבשמאַן . . . . . . . . . . . 68

באָריס מאָגילנער. באַרג אַרויף (לידער) . . 120

שמועל גאָרדאָן. אַ ניט פֿאַרענדיקטע שפּיל . 123

אַרן ווערגעליס. פּונעם ציקל „זכרונות פֿון דער ווײַט" (לידער) . . . . . . . . . . . 136

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפֿיע. פּראָגן פֿון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן. געטע און די ייִדישע קולטור 142

אַ בוך וועגן דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט . . . . . . 149

סערגאָ בענגעלסדאָרף. מײַסטערשאַפֿט . . 152

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. צאַלעל בליך. אַ ליטעראַרישער וווּנדער איז אַלט געוואָרן 20 יאָר. ש. בוים. „סאָוועטיש היימלאַנד" 154

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 60־יאָריקן יוביליי פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט" . . . . . . . . . . . . 160

יוסעף אַלבירט. צוויי מעשׂאָלים. צייכענונג פֿון ה. אינגער . . . . . . . . . . . 162

מיר ענטפֿערן אויף פֿראַגעס פֿון אונדזערע לייענער.

וו. בלויוואַקס. ווער זײַנען די „פֿילאַנטראָפּן" 163

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע . . . . . . . 166

מאַטעריאַלן פֿאַר אַ לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור . . . . . . . . . 167

כראָניק . . . . . . . . . . . . . . 141, 148

פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש . . . . . . . . . 168

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פֿונעם נומער (רוסיש, ענגליש) . . . . . . . . . . . . . . . I



**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר), ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, י. שוסטער (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

יורי ווערטשענקאָ

# די קאָסמישע טעמע אין דער ליטעראַטור

## 1

דער טרוים וועגן הימל האָט געלעבט אינעם מענטשן שוין לאַנג. מעגלעך, מיליאָנען יאָרן. די נאַטור האָט באַשאָנקען דעם מענטשן מיט ניט געצוימטן וויסנדורשט, וואָס פּירט אים אין אומבאַגרײַפלעכע ווײַטן מיטן שווערן וועג פון העלדנטאַטן און אַנטדעקונגען. וויפל אַ מענטש זאָל ניט וויסן, איז אים אַלץ ווייניק. שטילן זײַן שטרעבן צו נײַעם וויסן איז אומעג־לעך. ווײַטע שטערן און נאָך מער ווײַטע גאַלאַקטיקעס האָבן אים פון שטענדיק אָן געצויגן צו זיך, געררייצט דעם געדאַנק, געוועקט מוט. ס׳איז נאָך ניט געווען די וויסנשאַפט וועגן ערד־אַרבעט, מע האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט היימיש מאַכן באַלעכאָים, נאָר מע האָט שוין געשאַפן די לערע וועגן די שטערן.

דער וועג צום קאָסמאָס איז רײַך מיט פאַנטאַסטישע אופטוען, לעגענדעס, ווי אויך מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. די ליטעראַטור האָט גאַנץ ברייט און בילדעריש אָפּגעשפּיגלט די מענטשלעכע טרוימען צו פליִען אין קאָסמאָס, פאַרהיט אוניקאַלע פּאָעטישע, דראַמאַטישע און פּראָזאיִשע ווערק.

די ליטעראַטור האָט דורכגעלייגט אַ וועג פאַר דער וויסנשאַפט, געשאַפן לעגענדעס וועגן העלדן, אויספאָרמירט דעם באַגריף וועגן אַן אידעאַל.

וועגן געוואַגטע באַהערשער פונעם וועלטאַל האָבן נאָך אין די אוראַלטע צײַטן געשריבן לוקיאַן סאַמאָסאַטסקי (פון סאַמאָסאַט) און פירדאָוסי, דער אינדישער פּאָעט פון מיטלאַלטער טולסידאַס, דער ענגלענדער יאָהאַן העפּלער, דער דײַטשישער שרײַבער הרימעלסהאַוזען, דער פראַנצויז סיראַנאָ דע בערזשעראַק, דער אַמעריקאַנער עדגאַר פּאָ, דער רוס אַלעקסאַנדער באָגדאַנאָוו.

דערציילונגען וועגן פלוגן פון מענטשן צו די פּלאַנעטן פון דער זון־סיסטעם געפינען מיר אין די פאָלקס־עפּאָסן „מאַכאַבכאַראַטאַ“ און „ראַמאַיאַנאַ“, אין די ווערק פון די באַוווּסטע דענ־קער און שרײַבער וואָלטער, בײַראָן, דיומאַ, זשול ווערן, הערבערט אועלס, אַלעקסיי טאָלסטאָי, אַלעקסאַנדער בעליאַיעוו, איוואַן יעפרעמאָוו און פיל אַנדערע.

רײַך און פאַרשיידנאַרטיק איז די טעמע פון באַהערשן דעם קאָסמאָס פאָרגעשטעלט אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור.

וולאַדימיר איליטש לענין האָט, ווענדנדיק זיך צו די שרײַבער, גערופן: „מיר דאַרפן טאָן די שטענדיקע אַרבעט פון פּובליציסטן — שרײַבן די געשיכטע פון דער הײַנטצײַטיקײַט“.

די ליטעראַרישע זאַך דאַרף ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישער זאַך, — אַזוי האָט געטרוימט וולאַדימיר איליטש, אָנשטעקנדיק מיט זײַן געניִאַלער פאָרויסזעונג די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ.

די ראָל פון דער ליטעראַטור אין דער אָפּשפּיגלונג פון דער היסטאָרישער עפּאָכע איז אויסערגעוויינלעך גרויס. „פאָרויס און העכער! — האָט גערופן די סאָוועטישע שרײַבער דער

גרונטלייגער פון דער ליטעראַטור פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם מאַקסים גאָרקי. — אַזאַ איז דער וועג פאַר אונדז אַלעמען... אַזאַ איז דער איינציק ווירדיקער וועג פאַר די מענטשן פון אונדזער לאַנד, פון אונדזער עפּאָכע".

פאַר די לעצטע יאָרן האָבן די פּאַטערלענדישע און די וועלט-קאָסמאָנאַוטיק דורכגעמאַכט אַ מערקווירדיקן וועג — פון 108 מינוט פון יורי גאַגאַרינס ערשטן פלוג, וועלכער האָט אָנגעהויבן די ערע פון דער פּילאָטירטער קאָסמאָנאַוטיק, ביז אַ פּילכאַדאָשימדיקן געפינען זיך אויף דער אָרביטע. „דאָס, וועגן וואָס עס האָבן געטרוימט אין דער פאַרגאַנגענהייט די אויסנעמלעכע פאָרשטייער פון דער רוסישער און פון דער וועלט-וויסנשאַפט און טעכניק, — איז געזאָגט געוואָרן אין דער ווענדונג פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס, פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פּסר און מיניסטאָרן-ראַט פון פּסר צו אַלע געלערנטע, אינזשעניערן, טעכניקער, אַרבעטער, צו אַלע קאָלעקטיוון און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אינעם דערפאָלגרייכן פאַרווירקלעכן דעם ערשטן אין דער וועלט קאָסמישן פלוג פון אַ מענטשן אויף דער שיף — דעם באַגלייטער „וואָסטאָק", — דאָס, צו וואָס עס האָט געווידמעט זײַן לעבן דער געניאַלער זון פון אונדזער פאָלק קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי, איז הײַנט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקער וואָר, געוואָרן די ווירקלעכקייט פון אונדזערע הערויִשע טעג"...

אין 1957 יאָר האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד צום ערשטן מאָל אין דער וועלט אַרויסגעלאָזט אין קאָסמאָס אַ קינסטלעכן ערד-באַגלייטער. דערמיט איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנהייב פאַר אַ נײַער ערע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די צײַטונג „פּראַוודאַ" האָט דאַן געשריבן: „דער וויסנשאַפטלעכער עקספּערימענט, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף אַזאַ גרויסער הייך, האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַרן דערקענען די אייגנשאַפטן פונעם קאָסמישן רוים און פאַרן דערלערנען די ערד אַלס אַ פּלאַנעטע פון אונדזער זון-סיסטעם".

אינגיכן נאָכן ערשטן זײַנען אַוועק נײַע ערד-באַגלייטערס, דערנאָך גאַנצע צווישנפּלאַנעטן-סטאַנציעס, קאָסמישע שיפן.

פון יורי גאַגאַרינס 108-מינוטיקן פלוג ביז די פּילכאַדאָשימדיקע פלוגן פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן, פון איינצל-פלוגן אויף די קאָסמישע שיפן ביז צווישנפּלאַנעטערלעכע עקיפּאַזשן אויף די קאָסמישע קאָמפּלעקסן — אַזאַ איז דער וועג פון פּיליאָריקער געמיינזאַמער אַרבעט פון די געלערנטע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער אויף צו דערלערנען און באַהערשן דעם קאָסמישן רוים.

בײַ הײַנטיקן טאָג גיט אַ מעגלעכקייט די קאָסמאָנאַוטיק צו לייזן פראַגן פון דער נאַוויגאַציע, פאַרבינדונג, מעטעאָראָלאָגיע, ערדאַרבעט, געאָלאָגיע, אַסטראָנאָמיע, געאָפיזיק, מעטאַלורגיע, מעדיצין, קאַרטאָגראַפיע און אַנד.

די קאָסמאָנאַוטיק האָט מעגלעך געמאַכט, מע זאָל דערזען די לינקע זײַט פון דער לעוואָנע, און אין יאָר 1969 אַרופטרעטן אויף איר אויבערפלאַך, ווי אויך בעסער באַגרײַפן די אייגנשאַפטן פונעם קאָסמישן רוים אַרום דער ערד, אַנטדעקן די ראַדיאַציע-זאָנעס פון דער ערד, דערנעענטערן זיך צום באַגרײַפן די אַנטיוועלטן.

„דער מערקווירדיקער רוסישער געלערנטער, דער גרונטלייגער פון דער קאָסמאָנאַוטיק קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי, — האָט געזאָגט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, — האָט פאָרויסגעזען די ערע פון באַהערשן דעם קאָסמאָס. אָבער אַפילו אין די סאַמע דרייסטע טרוימען זײַנע האָט ער ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אָט די ערע וועט זיך אָנהייבן אַזוי גיך"...

דאָס אַרײַנדרינגען פונעם מענטשן אינעם קאָסמאָס האָט אויף אַ מעכטיקן אופן פאַרשנעלערט דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס. די קאָסמישע פאָרשונגען האָבן מיטגעבראַכט נײַע צווײַגן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און טעכניק, סטימולירט די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון די עקזיסטירנדיקע צווײַגן. די קאָסמאָנאַוטיק האָט געשטעלט פאַר דער וויסנשאַפט אַ גאַנצע ריי אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטע אויפגאַבן, געפאָדערט, עס זאָלן עקסטרע געלייזט ווערן פיל וויסנשאַפטלעך-פּראַקטישע פּראָבלעמען. ס'איז ניט מעגלעך אָפּצושאַצן אַלע פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר דער מענטשהייט.

נאָך גאָר ניט לאַנג האָט די וויסנשאַפט געהאַלטן אַלס וויכטיקסטע אויפגאַבע זיך אויסלערנען לעבן אין קאָסמאָס, דערנאָך — אַרבעטן אין די באַדינגונגען פון וואָגלאָזיקייט. אַצינד גייט שוין אַ רייד וועגן באַווינען דעם קאָסמאָס, באַקומען פון אים מאַקסימאַלע נוצן פאַר דער מענטשהייט.

ברייט און פאַרשיידנאַרטיק איז די סאָוועטישע פּראָגראַם פון קאָסמישע פאָרשונגען. עס איז דורך עטוואָס מער פון פינף און צוואַנציק יאָר, זינט זיי האָבן זיך אָנגעהויבן, — דאָס איז

ניט קיין גרויסער טערמין — נאָר די סאָוועטישע קאָסמישע וויסנשאַפט האָט דערגרייכט קאָ־לאָסאַלע דערפאָלגן.

מיר לעבן אין אן עפּאָכע, ווען דער מענטש האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און האָט באַקומען א מעגלעכקייט צו פאָרשן די פּלאַנעטע ניט פון דער הייך פון א פויגל־פלוג, נאָר פון דער הייך פון די שטערן. ניט ווייט איז, אפשר, די צייט, ווען דער מענטש וועט נאָך דער לעוואָנע ארופטרעטן אויך אף אנדערע פּלאַנעטן.

אַלץ, וואָס עס האָט פאָרויסגעזאָגט דער גרויסער ציאָלקאָווסקי, ווערט מקוים. ער האָט געשריבן: „צוערשט קאָן מען פליִען אף א ראַקעטע ארום דער ערד, דערנאָך קאָן מען דורכ־מאַכן אזא אָדער אנדערן וועג אין באַצוג צו דער זון, דערגרייכן די געוואונטשענע פּלאַנעטע, דערנעענטערן זיך צו דער זון, אָדער דערווייטערן זיך פון איר, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין א קאָמעטע, וואָס בלאָנקעט טויזנטער יאָרן צווישן די שטערן. די מענטשהייט וועט שאַפן א ריי צווישנפּלאַנעט־באַזעס ארום דער זון, אויסנוצנדיק אַלס מאַטעריאַל פאַר זיי די בלאָנקענדיקע אין רוים אסטעראָידן... רעאַקטיווע אַפּאַראַטן וועלן אויסקעמפן פאַר די מענטשן אומענדלעכע רוימען און וועלן געבן אין צוויי מיליאָן מאָל מער זון־ענערגיע, איידער די מענטשהייט פאַר־מאָגט איצט אף דער ערד".

דער XX יאָרהונדערט איז די טקופע פון קאָסמאָס. די דערגרייכונגען באַם באַהערשן אים האָבן ניט נאָר אריבערגעיאָגט די פאַנטאַסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז אַזוינס וועט מעגלעך ווערן ערשט אין XXI יה., נאָר האָבן אויך אַנטפּלעקט א נייעם דאָר מענטשן — מעסירעסנע־פעשדיקע, מוטיקע, הויכגעבילדעטע, וועלכע דינען אַלס מוסטער פאַר דער הייַנטיקער יוגנט...

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס, פּאָרזיצער פונעם אויבער־סאָוועט פון פסםר כאַווער לעאָניד איליטש ברעזשנעוו האָט געזאָגט:

„אונדזער לאַנד פאַרמאָגט א ברייטע קאָסמישע פּראָגראַם, אַן אויסגערעכנטע אף לאַנגע יאָרן. מיר גייען מיט אונדזער אייגענעם וועג, גייען קאָנסעקווענט און צילגעווענדט...

אונדזער וועג פון באַהערשן דעם קאָסמאָס איז א וועג פון לייזן ראַדיקאַלע, פונדאַמענ־טאַלע אויפגאַבן, באַזונדערע פּראָבלעמען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק.

דער סאָוועטנפאַרבאַנד באַטראַכט די קאָסמישע פאָרשונגען אַלס גרויסע אויפגאַבע פון דערקענען און פּראַקטישן באַהערשן די קויכעס און געזעצן פון דער נאַטור אין די אינטע־רעסן פונעם ארבעטס־מענטש, אין די אינטערעסן פון שאָלעם אף דער וועלט".

אין אונדזער פּראָגראַם פון די קאָסמישע פאָרשונגען זייַנען דייַטלעך אָנגעצייכנט דריי ריכטונגען. די ערשטע — אַלזייַטיקע פאָרשונגען פונעם קאָסמישן רוים ארום דער ערד; די צווייטע — די ארבעט, וואָס איז געריכטעט צום ווייַטערדיקן פאַרפולקומען די קאָסמישע טעכ־ניק; די דריטע — דאָס ברייטע אויסנוצן דעם קאָסמאָס צוליב די נויטן פון דער פאָלקסווירט־שאַפט און קולטור.

די סאָוועטישע וויסנשאַפט באַטראַכט די לאַנגטערמיניקע אָרביטאַלע סטאַנציעס אַלס א באַשליסנדיק מיטל פון א ברייטן באַהערשן דעם קאָסמישן רוים. זיי קאָנען ווערן „קאָסמאָ־דראָמען אין קאָסמאָס", סטאַרט־פּלעצער צוליב פליִען אף אנדערע פּלאַנעטן, זיי וועלן געבן א מעגלעכקייט צו שאַפן אף די אָרביטעס ארום דער ערד גרויסע וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַ־טאָריעס אף דורכפירן פאָרשונגען אין די אינטערעסן פון פיל „ערדישע" און „הימלשע" וויסנ־שאַפטן. דאָס אריבערטראָגן די פאָרשונגען אין קאָסמאָס וועט ארויסווייַזן א גרויסע ווירקונג קוידעמקאָל אף דער אנטוויקלונג פון געאָפיזיק, אסטראָנאָמיע, ביאָלאָגיע, מעדיצין, מעטעאָ־ראָלאָגיע, געאָגראַפיע, געאָלאָגיע.

די סאָוועטישע קאָסמישע פּראָגראַם, אין וועלכער עס זייַנען שפּעריש באַהעפט צאָלרייַ־כע, דערגאַנצנדיקע איינע די אנדערע מיטלען פון באַהערשן דעם רוים ארום דער ערד, ווערט דערפאָלגרייַך פאַרווירקלעכט אין לעבן. צוגלייַך מיט אויטאָמאַטישע סטאַנציעס פליִען אוף פּילאָטירטע שיפן.

## 2

דאָן, אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, איז זי געבוירן געוואָרן, די וויסנשאַפט, וואָס איז באַרופן געווען צו פאַרוואַנדלען די פאַנטאַסטיק אין ווירקלעכקייט, דער־הייבן דעם מענטשלעכן געני איבער דער נאַטור, געבן א נייַע, טיפערע אויסטייַטשונג פון דער אנטשטייונג פונעם לעבן, באַרייַכערן די מענטשן מיטן ריזיקן מעכאַניזם פון אָנפירן מיטן

וועלטאַל. דער לאַנגאַניקער טרויִם פֿון דער מענטשהייט אופֿצוהייבן זיך צו דער זון איז אצינד, אַנשפּאַרנדיק זיך אַפֿן קויִעך פֿונעם פּאַרנונפֿט, געשטעלט געוואָרן אין טאָג־סיידער.

און דאָ האָט, ווי אַ ליכטיקער שטערן, אופֿגעלויכטן דער נאָמען — גאַגאַרין.

ער איז געקומען פֿון די טיפֿעניש פֿון פֿאָלק און, האָבנדיק דערגרייכט אַלוועלטלעכן רום, איז ער פֿאַרבליבן אַ פּאַשעטער, באַשיידענער, פֿאַר אַלעמען צוטריטלעכער מענטש. ער האָט פּערזאָניפֿיצירט אין זיך די שענסטע דערגרייכונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

„יעדער העלד איז סימבאָליש און אינדיווידועל. זיין פּערזענלעכקייט, — האָט געשריבן וועגן גאַגאַרינען דער באַוווּסטער אינדישער שרייבער כאָדזשאַ אַכמאַד אַבאַס, — איז אינערלעך פֿאַרבונדן מיט די קאָלעקטיווע שטריכן פֿונעם פֿאָלק און מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער סוויווע, וועלכע האָט אים דערצויגן. גאַגאַרין איז דער בעסטער לעבעדיקער אויסדרוק פֿון דער סאָ־וועטישער סיסטעם“.

גאַגאַרין — דאָס איז אַ גאַנצע וועלט, ער האָט געלעבט פֿאַרן אָנזיכט פֿון דער גאַרער מענטשהייט און האָט באַגייסטערט מיט זיין העלדנטאַט צו נייע גרויסע אופֿטוען. ער האָט איבערגעלאָזט אַ קאָלאָסאַלע ליטעראַריש־וויסנשאַפֿטלעכע ירושה, טויזנטער בריוו, מיליאָנען אווטאָגראַפֿן, אים געדענקען מיליאַרדן מענטשן פֿון דער פּלאַנעטע, וועלכע האָבן אים געזען, און טויזנטער, וואָס האָבן אים געקענט.

די פּילאָטן־קאָסמאָנאַווטן, יורי אַלעקסייעוויטשס כאַווירים לויט דער מי, און זיינע פֿריינט, וועלכע האָבן אים געקענט בעסער, ווי ווער עס איז, שילדערן פֿאַר אונדז שטריכן פֿון אָן אויסנעמלעכער פּערזענלעכקייט.

יעווגעני כרונאָוו:

„יורי גאַגאַרין איז שוין בא זיין לעבן געוואָרן אַ לעגענדע, אַ סימבאָל דערפֿון, אַף וואָס עס איז פֿייִק אַ מענטש. איך האַלט פֿאַר מיין כויוו צו זאָגן, אַז מאָלן גאַגאַרינען ווי אַ מין זאַרגלאָזן לעבוינג מיט אָן אייביקן שמייכל — באַטייט בעפּייִרעש פּאַרמינערן די וויכטיקייט פֿון זיין געשטאַלט. גאַגאַרין איז געווען אויסערגעוויינלעך קאָנצענטרירט, פּאַדעראַפּטיק, שטרענג“...

וויטאַלי סעוואַסטיאַנאָוו:

„יאָ, יורי איז געווען ניט אַזוי פּראָסט, ווי עס האָט זיך געקאָנט דוכטן פֿון ערשטן אויגנ־בליק. אינדערעמעסן איז ער געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער מענטש“.

אַלעקסיי לעאָנאָוו:

„יורי איז געווען הייס אין דער אַרבעט, אין אַלץ, וואָס איז געווען שייך אונדזער זאַך. מיט זיין ליידנשאַפֿטלעכער געוויסנהאַפֿטיקייט, אויסשליסלעכן געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכ־קייט האָט ער אָנגעשטעקט אונדז אַלעמען, מיר האָבן זיך געלערנט בא אים“.

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, ווי יורי גאַגאַרין איז באַשטימט געוואָרן אַפֿן ערשטן פֿלוג אין קאָסמאָס, דערציילט דער ערשטער שעף פֿונעם צענטער פֿון צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, יעווּ־געני קאַרפּאָוו, אַז אין אַכט זיינען געוואָרן אַזעלכע בעפּיירעשע מײַלעס זיינע, ווי מעסירעסנעפֿעשדיקער פּאַטריאָטיזם, ניט געוואַקלטער גלויבן אינעם דערפֿאָלג פֿונעם פֿלוג, ברעגלאָזער אָפּטימיזם, לעבעדיקע קלוגשאַפֿט און וויסנדורשט, דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט, מיזאַמקייט, באַשיידנקייט און אַנדערע מײַלעס.

„אין די אַנאַלן פֿון דער געשיכטע פֿון דער וועלט־ציוויליזאַציע, — האָט געשריבן דער אַקאַדעמיקער באָריס פּעטראָוו, — וועט גאַגאַרינס נאָמען פֿאַרבלייבן אַף אייביק“.

גאַגאַרין געהערט אַלע מענטשן פֿון דער ערד, ווייל צוליב דער גאַנצער מענטשהייט האָט ער זיך אוועקגעלאָזט מיט אַ ניט אויסגעפּרוּווטן וועג אין וועלטאַל.

יורי גאַגאַרינס העלדנטאַט האָט אַרויסגערופֿן אַ לעבעדיקע רעאַקציע בא די שרייבער. פֿיל שרייבערישע פֿאַרזאַמלונגען — שפּעריִשע, פּאַרטייִשע, פּאַרלעגערישע — זיינען געווען געווידמעט אים. אַלע האָבן געוואָלט באַגרייפֿן ניט נאָר די וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישע דערשיי־נונג, וואָס איז געווען בעעמעס גרויסאַרטיק און אויסנעמלעך, נאָר אויך די ניט ווייניקער באַדייטונגספֿולע פּערזענלעכקייט פֿונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט.

„ניט אומזיסט האָבן אונדזערע אורזיידעס דעם דערנער־וועג פֿון דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג אָנגערופֿן — דער וועג צו די שטערן... — אַזוי האָט אין דער צייטונג „פּראַוודאַ“ גע־שריבן לעאָניד לעאָנאָוו דעם 16 אַפּרעל 1961 יאָר, — די אויסשפּירונג פֿונעם הימל — אָט איז דער אינהאַלט פֿונעם מענטשלעכן פּראָגרעס“.

יורי גאַגאַרינס העלדנטאַט איז מיט רעכט באַטראַכט געוואָרן אַלס העלדנטאַט פֿונעם דאָר, פֿונעם פֿאָלק, פֿון דער פּאַרטיי.

פאַרשנדיק די צײַט, די עפּאָכע, דאָס לעבן פֿונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, האָבן די שרײַבער אויסגעפֿונען ניט ווייניק אומגעריכטע פֿאַרגלײַכן. אַשטייגער: גאַגאַרין איז געבוירן געוואָרן דעם 9 מאַרט 1934 יאָר. דעם 16 אַפּרעל פֿון דעם זעלבן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער ערן־טיטל העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד; אין אַפּרעל 1961 יאָר איז געוואָרן 27 יאָר זינט דאָס איז געשען, און דער ערשטער קאָסמאָנאַווט האָט דורכגעמאַכט זײַן פֿלוג, אַלט זײַענדיק 27 יאָר... פֿאַרשטייט זיך, קיין שום מיסטיק איז דאָ ניט שײַעך, אָבער די צונויפּטרעפֿן זײַנען אינטערעסאַנט.

זיבן און צוואַנציק יאָר.

אין אָט דעם עלטער שאַפֿט דער רעוואָלוציאָנער — נאַראָדאָוואָליעץ ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש קיבאַלטשיטש דעם פּראָיעקט פֿונעם ערשטן אין דער וועלט ראַקעטע־אַפּאַראַט צוליב דעם פֿלוג פֿון אַ מענטשן...

פֿרידריך אַרטוראָוויטש צאַנדער פֿאַרענדיקט די אַרבעט איבערן מאַנוסקריפּט „אַ רײַזע אויף אַ קאָסמישער און לופֿט־שיף“...

קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש ציאָלקאָווסקי באַשליסט ענדגילטיק זיך פֿאַרנעמען מיט די טעאָרעטישע פּראָבלעמען פֿון פֿליִען...

סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו ווערט שעף פֿון דער גרופּע אויף דערלערנען די ראַעקטיווע באַוועגונג (גירד), וועלכע שאַפֿט די ערשטע אין פּססר ראַקעטע אויף שיטערן ברענשטאָף „גירד“־90...

יורי וואַסיליעוויטש קאָנדראַטיוק פֿאַרענדיקט פֿאַנאַנדעראַרבעטן די גרונט־פּראָבלעמען פֿון דער קאָסמאָנאַווטיק.

„און ניט צופֿעליק איז, וואָס די קאָסמישע שיף, וועלכע האָט אַוועקגעטראָגן דעם ערשטן מענטשן אין די שטערן־הייכן, האָט געגנומען דעם סטאַרט אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. ניט צופֿעליק איז, וואָס די קאָמפּליצירטסטע טעכנישע אויסשטאַטונג פֿון דער שיף איז געמאַכט אויף סאָוועטישע זאַוואָדן, ניט צופֿעליק, וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפֿט און קאָנסטרוקטאָרישער געדאַנק האָבן געשאַפֿן די דאָזיקע שיף“... — אַזוי האָט געשריבן באָריס פּאָליעוואָי.

רירנדיק איז געווען פּאָוועל אַנטאָקאָלסקיס ליד. אָט זײַנען עטלעכע סטראָפֿן:

כ׳בין אײַך דאַנקבאַר און באַגריס אײַך וואַרעם,
און דערפֿאַר מיט ליבע אײַך איך בענטש,
יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין,
אויסנעמלעכער, מערקווירדיקער מענטש,
וואָס איר האָט די אַלוועלט דורכגעשניטן,
ווי אין אָנגריף ברוסט צו ברוסט מע גייט,
און ווען מיט געוואַי, מיט קאָ׳ס צעגליטן
האָט די שנעלקייט אײַך אין קרײַז פֿאַרדרייט, —
האָט איר קראַפֿט געקאָנט אין זיך געפֿינען,
ניט געבויגן אַלץ געשטעלט אין קאָן.
אײַער מוט אויף אייביק וועט אונדז דינען,
ווי פֿון העלדנמוט אַ עטאַלאָן![1]

אינעם טאָג פֿון גאַגאַרינס פֿלוג איז איליאַ גריגאָריעוויטש ערענבורג געווען אין אויסלאַנד. געדרירט פֿון דער וויכטיקסטער נײַעס, האָט ער אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ געשיקט אַ טעלעגראַם: „פֿאַרדריסלעך, וואָס מיר האָבן אַזוי אָפּט זיך באַנוצט מיט הויכע ווערטער, און איצט אָט געפֿינט זיך ניט באַלד קיין פּאַסיקער אויסדרוק וועגן דער באַדײַטונג פֿונעם ערשטן פֿלוג אין קאָסמאָס, יורי גאַגאַרינס פֿלוג“.

עמאַנויל קאַזאַקעוויטש האָט געשריבן: „ווי עס פֿרייט מיך הײַנט, וואָס איך געהער צום מענטשלעכן מין, צום סאָוועטישן פֿאָלק, צו לעניִנס מיטדענקער, וואָס איך האָב געקעמפֿט אין די רייען פֿון דער אַרמיי, אין וועלכער עס דינט דער מאַיאָר גאַגאַרין“.

„...איך אַנטבלויז מײַן ברוסט אַנטקעגן ווינט, — האָט געשריבן טשינגיז אײַטמאַטאָוו, — און ער טראָגט אַוועק מײַנע הייסע, פֿון טיפֿן האַרצן געזאָגטע ווערטער: אויף אייביק געבענטשט זײַ, די רעגע, ווען דו, מענטש, האָסט זיך אומגעקערט פֿון קאָסמאָס אַלס זיגער!“

מאַריעטע שאַגיניאַן האָט געשריבן: „זייער הויך איז די באַדײַטונג פֿון אונדזער וויסנשאַפֿטלעכן און טעכנישן זיג. נאָר אָט דער גײַסטיקער באַגאַזש, מיט וועלכן עס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין קאָסמאָס דער סאָוועטישער מאַיאָר גאַגאַרין, דער מוט און פּרעסטיזש פֿונעם

[1] דאָ און ווײַטער ווערן די לידער געגעבן אין דער איבערזעצונג פֿון כ. ביידער.

סאָוועטישן כאַראַקטער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַלס ענטפער אין מיליאָנען מענטשלעכע הערצער נאָבעלע און גוטע געפילן פון שטאָלץ פאַרן מענטשן, — אָט דאָס רעדט בעסער פון יעטווידע ווערטער וועגן דער מאָראַלישער קראַפט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג"...

דער הימל, וואָס האָט צוגעשמידט די אופמערקזאַמקייט פון די שרײַבער, איז געוואָרן ניט נאָר א זאַך פון אנציקונג, נאָר אן אָביעקט פון פאָרשונג. מע האָט זיך דערמאָנט דאָס־טאָיעווסקיס ווערטער וועגן דעם, אז אויב מע זאָל א רוסיש ייִנגל געבן די מאַפּע פון אן אויסגעשטערנטן הימל, וועט ער אָף מאָרגן זי אומקערן אַ פאַרריכטע.

דער הימל איז געוואָרן אן ארבעטס־פּלאַץ.

קאַלוגע און גזשאַטסק זײַנען מיטאמאָל געוואָרן א ליטעראַרישע מעקע. די יונגע פּאָע־טעסע נינע ביאַלאָסינסקאַיא האָט אָנגעשריבן זייער פֿינקטלעכע און רירנדיקע שורעס:

מיר געייצעט האָבן מענטשן קלוגע:
— אין קאַלוגע פאַרזיכטיק זאָלסט זײַן,
ווײַל די גאַסן פון דער שטאָט קאַלוגע
פירן אין דעם מילכוועג גלײַך אַרײַן;
האָב איך באַלד אן ענטפער זיי געגעבן:
— די קאַלוגער טוישווים איך פאַרשטיי —
דאָרט, ווו צו דעם הימל מענטשן שטרעבן,
ווערן שטערן נעענטער צו זיי!

פיל שרײַבער האָבן גוט געקענט דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, פיל מאָל מיט אים זיך באַ־געגנט און האָבן פארהיט אין זייערע ווערק דאָס רירנדיקע געפיל פון פרײַנטלעכער אינטימ־קײַט, פון דער פּאַרטרוילעכער אינטאָנאַציע. געשריבן האָבן וועגן אים זײַנע פרײַנט־קאָסמאָ־נאַווטן גערמאַן טיטאָוו, געאָרגי בערעגאָוואָי און אַנדערע. פיל קאָסמאָנאַווטן האָבן באַנאַנד מיט זייער פּראָפעסיע באַהערשט נאָך איינע, א ניט ווייניקער שווערע, ווי זיי מערקן אָפּ, זײַ־נען געוואָרן זשורנאַליסטן, שרײַבער.

מיר דערמאָנט זיך אזא פאַל. לויט דער ביטע פון דער רעדאַקציע פון איינעם פון די זשורנאַלן איז פאר זײַנע מיטאַרבעטער אַרויסגעטראָטן דער פּילאָט־קאָסמאָנאַווט פון פססר, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דער שעף פונעם צענטער פאַר דער צוגרייטונג פון קאָסמאָנאַווטן אָף יו. א. גאַגאַרינס נאָמען, דער גענעראַל־לייטענאַנט פון אוויאַציע געאָרגי בערעגאָוואָי. אַלץ, וועגן וואָס ער האָט גערעדט, איז אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אופ־מערקזאַמקײַט. ער האָט ניט געשטרעבט איבעראַשן מיט זײַן ערודיציע, ניט אַרויסגעזאָגט קיין קאַטעגאָרישע מיינונגען, ער האָט פּאַשעט זיך געטיילט מיט זײַנע געדאַנקען און מיט כשיוועס אויסגעהערט וואָס עס זאָגן אַנדערע. מיט זײַן גאַנצער האַלטונג האָט ער ווי גע־שטרעבט פעסטשטעלן: דער קאָסמאָס איז א זאַך פון דער גאַנצער מענטשהײַט און ניט פון קיין אויסדערוויילטער עליטע.

— מיר וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, — האָט אין יענעם שמועס געזאָגט דער קאָסמאָנאַווט בערעגאָוואָי, — די ווערטער, וואָס סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין נאָיאַבער 1960 יאָר אין „פּראַוודאַ". שוין דאַן, באַם אָנהייב פון דער קאָסמאָנאַווטיק, האָט ער באַהויפּטעט, אז עס זײַנען פאראַן די נייטיקע באַדינגונגען צוליב דעם, אז א סאָוועטישער פּאַר־שער זאָל פאַרווירקלעכן א קאָסמישן פלוג. ווײַטער האָט ער באַגרינדעט דעם געדאַנק, אז א פלוג פונעם מענטשן אין קאָסמאָס וועט אַנטדעקן נײַע, אומגעהערטע פערספּעקטיוון פאַר דער וויסנשאַפט. נאָך די ערשטע פלוגן וועט געשאַפן ווערן א באַשטענדיקע אָרביטאַלע באַווינטע סטאַנציע, און אירע מיטאַרבעטער וועלן פירן פאַרשיידנאַרטיקע באָאַבאַכטונגען, דורכפירן עקס־פּערימענטן אָף א הייך פון הונדערטער קילאָמעטער. קאָסמישע שיפן וועלן פאַרווירקלעכן רעגו־לערע רעיסן אָף דער סטאַנציע און צוריק.

געאָרגי טימאָפייעוויטש האָט א קוק געטאָן אָף די בײַוועזנדע, וועלנדיק זען, וואָס פאַר א רעאַקציע עס האָבן אַרויסגערופן קאָראָליאָווס ווערטער, און האָט פאָרגעזעצט:

— אָף דעם דאָזיקן אַרטיקל האָבן דאַן זיך באַוויזן ברייטע אָפּקלאַנגען אין דער וועלט־פּרעסע. די אײַזנפעסטע זיכערקײַט פון דער וויסנשאַפטלעכער פּאָרויסזעונג פונעם „פּראָפעסאָר ק. סעריאָגין" — מיט אָט דעם נאָמען איז געווען אונטערגעשריבן דאָס אַרטיקל, — האָט אַרויס־גערופן אויך בייזווייליקע אָנפאַלן מיצאַד די סאָנים. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, וואָס עס שטייט הינטער די דאָזיקע מעגלעכקײַטן און האָבן זיך געפּלײַסט באַשמוצן, פאַרמינערן אונדזערע וויסנשאַפטלעך־טעכנישע דערגרייכונגען.

„ס'איז קיין שום צווייפל ניט, — האָט צום שלוס פון זײַן אַרטיקל געשריבן ס. פּ. קאָראָליאָוו, — אַז ניט ווײַט איז די צײַט, ווען מעכטיקע קאָסמישע שיפן מיט אַ וואָג פון פיל צענדליקער טאָן, אויסגעשטאַט מיט אַלמעגלעכער וויסנשאַפטלעכער אַפּאַראַטור, מיט אַ צאָלרײַכן עקיפּאַזש, וועלן פאַרלאָזן די ערד און ווי די אוראַלטע אַרגאָנאַווטן זיך אַוועקלאָזן אין ווײַטן וועג, אין אַ פילייאָריקן קאָסמישן רעיס צום מאַרס, צו ווענערע און אַנדערע ווײַטע וועלטן. מע מעג האָפן, אַז אין אָט דער נאָבעלער ריזיקער זאַך וועט זיך אַלץ מער פאַרברייטערן די צווישנפעלקערלעכע מיטאַרבעט פון די געלערנטע, דורכגעדרונגען מיטן ווילן צו מיִען זיך צו גונסטן דער מענטשהײַט, אין נאָמען פון שאַלעם און פּראָגרעס“.

— סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו איז געווען גערעכט, — האָט געזאָגט געאָרגי טימאָפּייעוויטש. — די פּראָגראַם פון „אינטערקאָסמאָס“ ווערט איצט מיט דערפאָלג אויסגעפילט. די קאָסמאָנאַווטן פון פיל סאָציִאַליסטישע לענדער זײַנען שוין געווען אין קאָסמאָס און אין דער נאָענטסטער צײַט וועלן דאָרט זײַן אויך אַנדערע. אַ פירנדיקע ראָל אין אָט דער וויכטיקער אַרבעט איז אָפּגעגעבן דעם שטערן־שטעטל, ווו עס געפינט זיך דער צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן.

## 3

ריזיק גרויס איז דער אינטערעס צו יורי גאַגאַרינען. וועגן אים זײַנען אָנגעשריבן טויזנטער ווערק, געשאַפן לידער און פּאָעמעס, אַראָפּגענומען פילמען, נאָר דאָס קורצע און העלע לעבן פון דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט פון דער פּלאַנעטע הערט ניט אויף אָנצורעגן די מענטשן פון גאָר דער וועלט. זינט יענעם אומפאַרגעסלעכן טאָג — דעם 12 אַפּריל 1961 יאָר — איז דורך עטוואָס מער פון צוואַנציק יאָר. דאָס איז פאַרהעלטניסמעסיק ניט קיין גרויסער טערמין, נאָר אָנטיילנעמער און איידעס פון יענע געשעענישן ווערט אַלץ ווייניקער.

דערציילן וועגן דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, זאָגן דעם עמעס וועגן יענער צײַט, איבערגעבן די ווײַטערדיקע דוירעס די גאַנצע נעשאָמע־רײַכקײַט גאַגאַרינס — דאָס איז אַ בעקאָוועדיקע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע פון זײַנע קאָלעגן, כאַווײרים לויט דער אַרבעט, שרײַבער און זשורנאַליסטן.

„אַלעמען, ווער עס האָט נאָענט געקענט יורי גאַגאַרינען, — האָט געזאָגט אַלעקסיי לעאָנאָוו, — ווער עס האָט מיט אים געאַרבעט, וועט מיט דער צײַט פאַרייניקן ניט נאָר דאָס געפיל פון נאַטירלעכן שטאָלץ און דאַנקבאַרקײַט דעם גוירל, נאָר אויך דאָס געפיל פון שטײַגנדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר יעדן וואָרט וועגן אים“.

כראָניק — דאָס איז אַ ליטעראַריש־בעלעטריסטישער זשאַנער. ווירקלעכע געשעענישן, באַזיניקטע דורכן שרײַבער, ווערן אויסגעשטעלט אין כראָנאָלאָגישער קאָנסעקווענטקײַט, אָפּשפּיגלענדיק די אַנטוויקלונג פון דעם כאַראַקטער פונעם העלד, זײַן גײַסטיקן וווּקס.

צוגלײַך מיט שוין באַוווּסטע פאַקטן ברענגט דער אווטאָר פון דער כראָניק וועגן דעם לעבן פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט, וועלכע איז געווען געדרוקט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וויקטאָר מיטראָשענקאָוו אויך פיל נײַס, גענומען פון שמועסן, דאָקומענטן, כאַראַקטעריסטיקעס, אָפּרופן, אַרויסזאָגונגען. אויסלייגנדיק דעם מאַטעריאַל טאָג נאָך טאָג, האָט דער אווטאָר געשטרעבט באַווײַזן די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין גאַגאַרינען, ענטפערן אויף די פראַגן פונעם גאַגאַרינישן פענאָמען, דעם ווונדער, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם שטורמישן שוווּנג פון די זיבעלעך־עסטעטישע אייגנשאַפטן פונעם קאָסמאָנאַווט. באַווײַזנדיק דאָס לעבן פון יורי גאַגאַרינען, שטרעבט מיטראָשענקאָוו ניט אָפּלייקענען דאָס, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן ביז אים, נאָר באַרײַכערן, טיפּיזירן די גרונט־שטריכן פונעם גאַגאַרינישן כאַראַקטער, פאַרהיטנדיק די אינדיווידואַליטעט פון דעם העלד.

דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. די שפּעטערדיקע דוירעס וועלן, ווענדנדיק זיך צו גאַגאַרינס געשטאַלט, דאַרפן קענען געפינען אין דער כראָניק וועגן זײַן לעבן אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דער צײַט, מענטשן, געשעענישן, זיך דורכדרינגען מיט אָפּשײַ פאַר דער עפּאָכע, געפינען אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס וועלן זיי אינטערעסירן.

דעם אווטאָר איז געלונגען זיך אויפהייבן איבער דער קליינלעכקײַט, סענסאַציִאָנעלקײַט און שרײַענדיקײַט פון פיל פאַקטן און שאַפן אַ פאַרגאַנצטע און אײַנפּולסרײַכע דערציילונג וועגן דעם לעבן פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט.

דאָס גאַגאַרין־געשטאַלט פערזאָניפיצירט מיט זיך אַ גאַנצן דאָר סאָוועטישע מענטשן, ס'איז געוואָרן אַ סימבאָל פון מוט און שרעקלאָזיקײַט פון די באַהערשער פונעם וועלטאַל. דער באַ־

דײַט פֿון זײַן העלדנטאַט האָט אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פֿונעם הימלאַנד. זײַן נאָמען איז באַוווּסט אין אַלע עקן פֿון דער פּלאַנעטע, וועגן אים שרײַבן די וואָרטמײַסטערס פֿון אַלע לענדער.

דער באַוווּסטער ענגלישער שרײַבער אַרטור קלאַרק האָט אײנמאָל געזאָגט: „זינט יענער רעגע, ווען מע האָט אַרויסגעלאָזט אײַער (דעם סאָוועטישן. — י. ו.) ערשטן באַגלייטער, האָט די מענטשהײַט אַף שטענדיק זיך מעשאַדעך געוווען מיטן קאָסמאָס".

זינט דאַן איז אין דער שאַפונג פֿון פֿיל שרײַבער אַרײַן די טעמע פֿון קאָסמאָס. אין דעם יאָר, ווען יו. א. גאַגאַרין האָט פֿאַרווירקלעכט זײַן פֿלוג, האָט דער אינדישער שרײַבער כאַדזשאַ אַכמאַד אַבאַס געשאַפֿן אַ בוך „קאַלזמאַן מיר וועלן ניט דערגרייכן די שטערן", געווידמעט דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט. ער האָט געשריבן:

„דער באַגריף פֿון אַ העלד אַן אויבער־מענטש — פּראָמעטיי, וועלכער האָט געבראַכט די מענטשן פֿײַער, קאָלאָס, וועלכער האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם דורכגוס בײַס די שיפֿן מיט אָפֿ־געהויבענע זעגלען זײַנען דורכגעשווומען באַ אים צווישן די פֿיס, דער ריזיקער ברייטפּלייציקער אַטליס, וועלכער איז אַרויס אין גראַנגל מיט דער סטיכיע, און דער אויסערגעוויינלעך שטאַר־קער הערקל, וועלכער האָט מיט די אייגענע הענט פֿאַנאַנדערגערוקט צוויי בערג, — געהערט צום געביט פֿון מיטאָלאָגיע און פֿאַנטאַסטיק.

אין רעאַלן לעבן איז דער העלד אַ בלוי־אויגיק יונג באַכאַרל מיט אַן אָפֿענעם בליק, זעקס פֿוט די הייך.

טאָמאַס קאַרלייל, דער ענגלישער היסטאָריקער פֿון XIX יה., האָט אין זײַן בוך „העלדן און זייער קולט" אַרויסגעפֿירט זעקס טיפּן העלדן: אַ העלד — אַ מאַג, אַ העלד — אַ נאָווי, אַ העלד — אַ פּאָעט, אַ העלד — אַ קויהען, אַ העלד — אַ קייסער און אַ העלד — אַ וויסנשאַפֿט־לער. ער האָט אָבער ניט געוווּסט און ניט געקאָנט זיך דאַן פֿאָרשטעלן, אַז מיט דער צײַט וועט די וועלט דערוויסן העלדן פֿון אַ נײַעם טיפּ.

גאַגאַרין האָט הײַנט אַרײַנגעטראָגן אין קאַרלײלס פֿאַרעלטערטע צעטל דעם באַגריף וועגן אַט דעם נײַעם פֿאַר דער גאָרער וועלט טיפּ העלד. אַ העלד — אַ פּאָשעטער מענטש. און ווירקלעך, גאַגאַרין שטעלט ניט פֿאַר מיט זיך עפּעס אויסערגעוויינלעכס".

ווי ריכטיק עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער ווענדונג פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּסס, פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פססר און מיניסטאָרן־ראַט פֿון פסס‏ר: „דער ער־שטער פֿלוג פֿון אַ מענטשן אין קאָסמאָס וועט ווערן אַ קוואַל פֿון נײַער באַגײַסטערונג און דרייסטע שטרעבונגען... אין נאָמען פֿון ווײַטערדיקן פּראָגרעס און שאָלעם אַף דער גאַנצער וועלט".

אונדזער פּאַרטיי האָט צוגעגעבן און גיט צו אַ גרויסע באַדײַטונג דער קונסט פֿון וואָרט, טוט אַלץ אַף צו העכערן די ראָל פֿון דער ליטעראַטור אין לעבן פֿונעם סאָוועטישן מענטשן.

„און ווידער קערט זיך אום דער געדאַנק צו די לענינישע ווערטער וועגן די אויפֿגאַבן פֿון דער פּאַרטייִשער פּובליציסטיק, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו אין זײַן רעדע בײַסן איבער־געבן אים די לענין־פּרעמיע, — שרײַבן וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט אַזוי, קעדיי מיט דער איי־גענער פּען ברענגען אַ מעגלעכע הילף דער פּראַקטישער זאַך פֿון אונדזער פּאַרטיי, פֿון אונד־זער פֿאָלק. אַזאַ איז דאָך אויך איצט די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון אונדזער פּובליציסטיק, פֿון אונד־זער פּראָפּאַגאַנדע אין די מאַסן, פֿון דער גאַנצער אידייִש־דערציִערישער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי. און אין אַ מער ברייטן פּלאַן — אויך פֿון אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור און קונסט ביכלאַל".

באַגריסנדיק די געוואַגטע סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן וולאַדימיר ליאַכאָוו און וואַלערי ריוו־מין, וועלכע האָבן פֿאַרווירקלעכט אַ 175־מעסלעסיקן אָרביטאַלן פֿלוג אין קאָסמישן רוים, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס, פֿאָרזיצער פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פסס‏ר לעאָניד איליטש ברעזשנעוו געזאָגט: „ווי וואָלטן זיך געפֿרייט מיט אָט דער מערקוויר־דיקער דערגרייכונג פֿון דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט, סאָוועטישער טעכניק, מיט דער מײַ־סטערשאַפֿט און מוט פֿון די סאָוועטישע מענטשן סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו און יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין, ווען זיי זאָלן הײַנט זײַן צווישן אונדז! דער פֿלוג פֿון ליאַכאָוון און ריומינען איז דאָך אַ גלענצנדיקע פֿאָרזעצונג פֿון דער זאַך, פֿאַר וועלכער עס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אָט די גרויסע פּיאָנערן פֿונעם קאָסמאָס".

אין אָט די ווערטער איז אויסגעדריקט אַ פּראָגראַם פֿאַר די סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע זײַנען פֿייִיק אָפּצושפּיגלען אין קינסטלערישע געשטאַלטן די גרויסע דערגרייכונגען פֿון אונד־זער לאַנד אין דער פֿאָרשונג פֿונעם וועלטאַל.

נאָר די צײַט גייט אָן אָפּשטעל פאָרויס.

ס'איז אײַנגענומען דער גרענעץ־פונקט פון א 185־מעסלעסיקן געפינען זיך אויסער דער ערד.

מיט דערפאָלג איז פארענדיקט די פּראָגראם פון „אינטערקאָסמאָס“.

אין דעם זין וועלן די דערפאָלגן פון דער סאָוועטישער קאָסמאָנאַווטיק, אָפּגעשפּיגלטע אין דער קינסטלערישער ליטעראטור, אן עמעספולער און רעאליסטישער, באַווײַזן דעם מענטשן, וועלכער שטייט אפן פאָדער־ראנד פון דער וויסנשאפט, דערקענט די געהיימניסן פונעם וועלטאל, שאפט די קאָנצעפּציע פון דער אנטשטייונג פונעם לעבן אף דער ערד (און מעגלעך אין וועלטאל), אָן צווייפל פארינטערעסירן דעם שרײַבער.

די סאָוועטישע שרײַבער זײַנען באוואָפנט מיט די באשלוסן פונעם היסטאָרישן XXVI צו־זאמענפאָר פון קפּסס. אין זײַן מערקווירדיקן פּאָרטראָג האָט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, ווענ־דנדיק זיך צו די מײַסטערס פון דער סאָוועטישער סאָציִאַליסטישער קולטור, געזאָגט: „אין דער שאפונג פון אונדזערע מײַסטערס קלינגען, ווי אלע מאָל, הויכע רעוואָליוציאָנערע מאָ־טיוון. די געשטאלטן פון מארקסן, ענגעלסן, לענינען, פון פיל פלאמיקע רעוואָליוציאָנערן, די העראָישע געשיכטע פונעם היימלאנד באגײַסטערן זיי אף שאפן נײַע אינטערעסאנטע ארבעטן אין די סאמע פארשיידענע מינים קונסט. די ארבעטן פון די אוטאָרס, וועלכע זײַנען טרײַ דער מיליטערישער טעמע, לערנען ליב האָבן דאָס היימלאנד, זײַן שטאנדהאפטיק בייס אויס־פרוון.

אומבאשטרײַטבאר זײַנען די דערפאָלגן פון די שעפערישע טוער אינעם שאפן העלע גע־שטאלטן פון אונדזערע מיטצײַטלער. זיי רעגן אָן מענטשן, רופן ארויס שטרײַטן, צווינגען צו פארטראכטן זיך וועגן דער קעגנווארט און צוקונפט. די פּארטיי באגריסט דעם בירגער־פּאַטאָס, די אומבעשאָלעמדיקײַט צו בלויזן, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך די בעסטע ווערק, די אקטיווע ארײַנמישונג פון דער קונסט אין דער לייזונג פון די פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס לעבט אונד־זער געזעלשאפט. איר געדענקט, ווי מאיאקאָווסקי האָט געשריבן: „איך וויל, אז אין דעבאטן זאָל אָפּגיין מיט שוויס דער מעלוכע־פּלאן, מיר געבנדיק פארגעבונגען אפן יאָר“. און אונדז פרייט, וואָס פאר די לעצטע יאָרן זײַנען אין דער ליטעראטור, קינאָ און טעאטער אופגעהויבן געוואָרן אזעלכע ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס איבער זיי וואָלט ווירקלעך ניט געשטערט אָפּצוגיין מיט שוויס דעם מעלוכע־פּלאן און ניט בלויז אים אליין...

כאווירים! דער סאָוועטישער מענטש איז א געוויסנהאפטער האָרעפּאשניק, א מענטש פון הויכער פּאָליטישער קולטור, א פּאטריאָט און אינטערנאציאָנאליסט. אים האָבן דערצויגן די פּארטיי, די העראָישע געשיכטע פונעם לאנד, אונדזער גאנצע אָרדענונג. ער לעבט מיט א פול־בלוטיק לעבן פון א בויער פון דער נײַער וועלט“.

יעדער סאָוועטישער שרײַבער האָט זײַן שעפערישן פּלאן. פאראן אין אָט די פּלענער פאר־טראכטן וועגן נײַע ביכער, געווידמעט די קאָסמאָנאַווטן.

אָפּמערקנדיק די שטײַגנדיקע שעפערישע אקטיווקײַט פון די סאָוועטישע ליטעראטן, האָט דער ערשטער סעקרעטאר פון דער פארוואלטונג פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פּססר געאָרגי מאָקייעוויטש מארקאָוו געזאָגט אפן XXVI צוזאמענפאָר פון קפּסס: „דאָס פארגאנגענע פינפיאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א ברייטן און דרייסטן ארויסגאנג פון דער ליטעראטור און קונסט צו טעמעס און פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט א קינסטלערישן באזיניקן די מעסי־רעסנעפּעשדיקע מי פונעם סאָוועטישן פאָלק, וואָס פארווירקלעכט אין לעבן די גראנדיִעזע פּלע־נער פון דער פּארטיי אין דער בויונג פון קאָמוניזם. אין אָט די יאָרן האָבן זיך באוויזן באַ־דײַטנדיקע און העלע ווערק וועגן אונדזערע מיטצײַטלער, וועגן מענטשן, וועלכע מיִען זיך אפן סאמע פאָדער־ראנד פון דער קאָמוניסטישער בויונג. דאָס באשטעטיקט אומבאשטרײַטבאר, אז דער קינסטלערישער געדאנק פונעם לאנד שטייט ניט אָפּ פון דער צײַט, און עס טרעפט צײַטנ־ווײַז, אז ער יאָגט זי אויך אריבער, קוקט ארײַן אין דער צוקונפט. און דאָס איז זייער גוט, כאווירים!“

פארשטייט זיך, יעטווידע נײַע פּלענער זײַנען שטענדיק פון א גרעסערן מאסשטאב, מער גראנדיִעז, איידער די פּאָריקע. צוליב א דערפאָלגרײַכן אויספילן זיי וועלן זיך פאָדערן ניט ווייניק קויכעס, קאָנצענטרירטקײַט און אָרגאניזירטקײַט, נאָר דער באוווסטזײַן, אז אין יעדער ווערק, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון דער הײַנטצײַטיקער געזעלשאפט, נייטיקן זיך די סאָוועטישע מענטשן, באגײַסטערט די ליטעראטן.

דער קאָסמאָס איז גרענעצלאָז פאר שעפערישע זוכונגען, ווי ער איז גרענעצלאָז ביכלאל.

## 4

אין דער וועלט־קולטור זײַנען פֿאַראַן נעמען, וועלכע כאַראַקטעריזירן אַ גאַנצע עפּאָכע. אַזאַ איז אויך דער נאָמען פֿון יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין. וואָס ווײַטער ווערט זײַן העלדנטאַט ווערן אַלץ מער גרויסאַרטיק און מאָנומענטאַל.

אין אַנאַטאָלי וואַרפּאָלאָמייעווס ניט גרויס ווערק „די אַנאַטאָמיע פֿונעם וועלטאַל" ווערט דערציילט וועגן דרײַ יאָר אין לעבן פֿון יורי גאַגאַרינען. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ קורצער טערמין. דער שרײַבער האָט רעכט צו נעמען אין לעבן פֿון זײַן העלד אַ באַליביקן צײַט־אָפּשניט. נאָר באַגרענעצנדיק זיך אין צײַט, שאַפֿט דער אויטאָר פֿאַר זיך צוגאָבלעכע שוועריקײַטן. אַזוי איז געשען אויך דאָס מאָל. דאָך איז דעם אויטאָר געלונגען צו באַווײַזן די הויפּט־מײַלעס פֿון זײַן העלד: זײַן אײַגנאַרט, אָפּטימיזם, מעסירעסנעפּעשדיקע ליבע צום היימלאַנד, קלוגשאַפֿט, מיזאַמקײַט, פּראָסטקײַט און באַשיידנקײַט.

דער יונגער פּראָזאַיִקער אַלעקסאַנדער נעמאָוו האָט אָנגעשריבן אַ דאָקומענטאַלע דערציילונג „די דימענט־סוידעס פֿונעם וועלטאַל" — וועגן דעם פּילאָט־קאָסמאָנאַווט פֿון פּססר אַלעקסיי לעאָנאָוו.

אַ. לעאָנאָווס געשטאַלט איז בײַ אונדז אין דער ליטעראַטור פֿאָרגעשטעלט ניט גאָר ברייט. אַזוי איז עס, מעגלעך, דערפֿאַר, ווײַל ער שרײַבט אַליין. בײַ אים איז אַ גוטע פּראָזע, געלונגענע ליטעראַרישע קאָמפּאָזיציעס. זײַנע ביכער, וועלכע ער אַליין פֿאָרמירט אויס, ווערן גלײַך אויספֿאַרקויפֿט.

אַלעקסיי אַרכיפּאָוויטש געהערט צו דער ערשטער גרופּע קאָסמאָנאַווטן. ער אַליין האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער פֿאָרמירונג פֿון יורי גאַגאַרינס פּערזענלעכקײַט. דאָס לעאָנאָוו־געשטאַלט איז ניט קיין לײַכטער ביסן פֿאַר ליטעראַרישער שילדערונג. ס. פּ. קאָראָליאָוו האָט געזאָגט: „יורי גאַגאַרינס פֿלוג האָט געעפֿנט די עפּאָכע פֿון קאָסמישער נאַוויגאַציע. און די עפּאָכע פֿון דער אַרבעט פֿון אַ מענטשן אין פֿרײַען קאָסמאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין... 1965 יאָר, אין יענעם מאַרט־טאָג, ווען אַלעקסיי לעאָנאָוו האָט אַ שפּאַן געטאָן פֿונעם שליוז אין אָפֿענעם רוים און פֿרײַ גענומען שוועבן אין אים".

פֿאַרן עקיפּאַזש פֿון דער שיף „וואָסכאָד־2" איז געשטעלט געוואָרן אַ שווערסטע, קוואַליטאַטיוו אַנדערע, איידער אין די פֿאָריקע פֿלוגן, אויפֿגאַבע. פֿון איר דערפֿאָלגרײַכער ליזונג איז אָפּהענגיק געווען די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער קאָסמאָנאַווטיק, מעגלעך, ניט אין קיין קלענערער מאָס, איידער פֿונעם דערפֿאָלג פֿון דעם ערשטן קאָסמישן פֿלוג.

אויפֿן גוירל פֿון אַלעקסיי אַרכיפּאָוויטשן איז אויסגעפֿאַלן ניט ווייניק לעבנס־אויספּרוּוון, נאָר ער איז זיי דורכגעגאַנגען מיט ווירדע. כאָטש גרויסן פּראָפֿעסיאָנעלן וויסן, איז לעאָנאָוו אַ טאַלאַנטפֿולער מאָלער, אַן אויטאָר פֿון קנאַפּע צוויי הונדערט לײַוונטן.

אַלעקסאַנדער נעמאָוו שרײַבט וועגן אָט די אַלע אײַגנשאַפֿטן אין אַ לאָגישער פֿאַרבינדונג מיטן כאַראַקטער און אויפֿירונג פֿון זײַן העלד.

„איך וואָלט אָפּגעמערקט לעאָנאָווס גרונט־שטריך — זײַן שאַרפֿן געדאַנק. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, די גוט אָנגעייגנטע טעכנישע קענטענישן. דריטנס, זײַן פּרעכטיקן כאַראַקטער. ער איז אַ קינסטלער, מאָלט אַליין, איז זייער קאָמוניקאַבעל, זייער אַ גוטער, לויט מײַן מיינונג, האַרציקער מענטש, אַ דרייסטער פּילאָט. טעכניש גלענצנדיק באַהערשט ער די מאָדערנע רעאַקטיווע פֿאַרניכטלער. מיר דאַכט, אַז אָט דער מענטש פֿאַרדינט דעם גרעסטן צוטרוי".

די דאָזיקע ווערטער געהערן ס. פּ. קאָראָליאָוון.

דעם 19 מאַרט 1965 יאָר אין 26 שאָ מיט 2 מינוט אַרום נאָכן אַרויספֿליִען, אויפֿן 18־טן וויקל־קרײַז, האָט אויף דער שיף „וואָסכאָד־2" אָפּגעזאָגט די אויטאָמאַטיק. די רויִקע, נאָר אָנגעשטרענגטע שטים פֿונעם קאָמאַנדיר פּאַוועל בעליאַיעוו האָט איבערגעגעבן אויף דער ערד: „די טאָרמאָז־אײַנריכטונג פֿונקציאָנירט ניט". אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, מיט וואָס דאָס קאָן דראָען.

— פֿאַשע, נעם די אָנפֿירונג אין די הענט! — דאָס איז געווען די שטים פֿון יורי גאַגאַרינען. בעליאַיעוו האָט גענומען די אָנפֿירונג אויף זיך און אוועקגעפֿירט די מאַשין צו דער ערד.

די שאַפֿונג פֿונעם לעאָנאָוו־געשטאַלט איז אַ גרויסער דערפֿאָלג פֿונעם יונגן פֿייִקן שרײַבער אַלעקסאַנדער נעמאָוו.

דאָקומענטאַלע ווערק קאָנען לעבעדיק, וואָרהאַפֿטיק איבערגעבן פֿאַקטן, געשעענישן, נאָר איבערגעבן דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פֿון די העלדן — דאָס קאָן בלויז קינסטלערישע ליטעראַטור. דאָס איז איר הויפּט־ריכטונג.

עס איז אויסגעוואקסן דער אַטריאַד קאָסמאָנאַוטן, עס האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל שרײַבער, וואָס אַרבעטן איבער דער קאָסמישער טעמע. אַצינד, ווען ס'איז שוין אָנגעזאַמלט אַ קאָלאָסאַלער פאַקטישער מאַטעריאַל, זײַנען געשאַפן רעאַלע מעגלעכקײַטן פאַר אַ פאַרטיפער־טער עסטעטישער אָפּשפּיגלונג פון דער עפּאָכע פון פּילאָטירטער טעכניק. דער הײַנטיקער ניוואָ פון דער אַנטוויקלונג פון דער ראַקעטן־קאָסמישער טעכניק גיט שוין אַ מעגלעכקײַט צו מאַכן אין די נאָענטסטע יאָרצענדליקער פאַר אַ גרונט־אָביעקט פון דער פאָרשונג די זון־סיסטעם.

מיט יעדן יאָר וועט אויך שטײַגן די צאָל דאָקטוירים, בּיִאָלאָגן, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן קאָסמאָס. שוין אין די נאָענטסטע יאָרן וועלן זיך אָנהייבן גראַנדיעזע מעדיציניש־בּיִאָלאָגישע פאָרשונגען פון די פּראָצעסן, וועלכע ווירקן אַף לעבעדיקע אָרגאַניזמען אין קאָסמאָס.

ניט ווײַט איז די צײַט, ווען אין די ענדלאָזע ווײַטן פונעם מילכוועג וועלן זיך אַ לאָז טאָן שיפן זוכן אַנדערע ציוויליזאַציעס. דערווײַל פאַרמאָגט ניט די וויסנשאַפט קיין פאַקטן, וואָס זאָלן אײדעס זאָגן וועגן זייער עקזיסטענץ, נאָר די ליטעראַטור פאָרשט שוין פון לאַנג די וועגן פון פריינטשאַפט פון ציוויליזאַציעס.

וואָס פאַר אַ ריזיקע אויפגאַבן עס זאָל אָבער ניט לייזן די וויסנשאַפט, פאַרבלײַבן בײַ דער ליטעראַטור אירע הייכן, זי וועט פאָרשן דעם מענטשן אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען — אַף דער ערד, אין קאָסמאָס, אַף אַנדערע גאַלאַקטיקעס. פּראָגנאָזירנדיק די צוקונפט, האַלטן די פוטוראָלאָגן, אַז אין אָנהייב פונעם קומענדיקן יאָרהונדערט וועט אײַנגעשטעלט ווערן אַ פאַרבינדונג און אפילו אַן אויסטויש מיט אינפאָרמאַציע מיט אַנטוויקלטע ציוויליזאַציעס פון אַנדערע פּלאַנעטן. אין קומענדיקן יאָרהונדערט איז מעגלעך אַ פלוג צו שטערן־סיסטעמען, אויסגערעכנט אַף עטלעכע דורעס.

די געלערנטע רעכענען אויס אין XXI יה. פאַרגרעסערן דעם לעבנס־דויער פונעם מענטשן אין 2—3 מאָל, שאַפן אַ קינסטלעך לעבן. נאָר דאָס איז אַ ווײַטע פּערספּעקטיוו. סאַראַ פאַרכאַפּנדיקע מעגלעכקײַטן אָבער פאַר דער שרײַבערישער פאַנטאַזיע!

די סאָוועטישע שרײַבער לעבן מיט די פּראָבלעמען פון זייער פאָלק. „די קאָסמישע פלוגן פון צווישנפּעלקערלעכע סאָציאַליסטישע עקיפּאַזשן אין די ראַמען פון דער פּראָגראַם פון „אינטערקאָסמאָס", — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו, — דעמאָנסטרירט מיט זיך ניט אין קיין קלײנער מאָס דעם פּראָגרעס, וועלכן אונדזער סאָציאַליסטישע מיטפרײַנטשאַפט האָט דערגרייכט אין די פירנדיקע געביטן פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. זיי דעראָבערן קענטענישן, וועלכע קומען צוניץ דער גאַנצער מענטשהײַט".

מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז אַפן וועג צו שאָלעם און פּראָגרעס זײַנען פאַראַן פיל שטערונגען און סאַנים. אַרויסטרעטנדיק אַף דער פײַערלעכער עפענונג פונעם מעמאָריאַלן קאָמפּלעקס אין קיִעוו, האָט ל. אי. ברעזשנעוו געזאָגט: „צוואַנציק מיליאָן אירע זין און טעכטער האָט פאַרלוירן אונדזער מוטער־היימלאַנד. זיי האָבן געקעמפט ווערן העלדן פון מי אַף די זאַוואָדן און פעלדער, אינזשעניערן אָדער געלערנטע, פּאָעטן אָדער באַהערשער פונעם קאָסמאָס, מיט איין וואָרט, בויער פון גרויסן מענטשלעכן גליק. נאָר דער גורל האָט באַשטימט אַנדערש. זיי איז אויסגעפאַלן, לעשעם דעם גליק פון די סאָוועטישע מענטשן אָפּצוגעבן דאָס לעבן. און זיי האָבן עס אָפּגעגעבן. קעדיי זייערע כאַווירים, זייערע קינדער און אייניקלעך זאָלן קענען פאַרווירקלעכן דאָס פאַרטראַכטע, מענטשן זאָלן לעבן בעשאָלעם".

אַ שווערע פּראָפעסיע איז בײַ די קאָסמאָנאַוטן, נאָר זייער מי דינט דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהײַט. זייער ווילן, אײַנגעשפּאַרטקײַט, מעסירעסנעפעשדיקע טרײַהײַט גיבן זיי אָפּ זייער פאָלק.

מיר וועלן אייביק געדענקען, אַז דעם סאָוועטנפאַרבאַנד געהערט דער פּריאָריטעט אין באַהערשן דעם וועלטאַל. מיר האָבן די ערשטע אַרויסגעלאָזט אַ קינסטלעכן ערד־באַגלייטער. דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער פּלאַנעטע, איז געווען אַ סאָוועטישער מענטש — אונדזער טײַערער יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין. די ערשטע פלוגן אין קאָסמאָס גרופּעסווײַז האָבן פאַרווירקלעכט די סאָוועטישע קאָסמאָנאַוטן. דעם ערשטן און דערווײַל דעם איינציקן פלוג אין קאָסמאָס האָט געמאַכט די סאָוועטישע פרוי וואַלענטינע וולאַדימיראָוונע ניקאָלײַעוואַ־טערעשקאָווע. דעם ערשטן אַרויסגאַנג אין אָפענעם קאָסמאָס האָט פאַרווירקלעכט דער סאָוועטישער בירגער אַלעקסיי אַרכיפּאָוויטש לעאָנאָוו.

מיר וועלן שטענדיק שטאָלצירן דערמיט, וואָס מיר זײַנען געווען די מיטצײַטלער פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט פון דער פּלאַנעטע. זייער פינקטלעכע ווערטער האָט געפונען דער פּאָעט וולאַדימיר טורקין:

יאָ, ניט פאַרגעסן איז געגעבן
קיין מינדסטער שטריך! פון דאָר צו דאָר
דערלערנען וועלן מיר זײַן לעבן
פון טאָג צו טאָג, פון יאָר צו יאָר.
דערפאַר נאָך טיפער איז די פּײַן,
וואָס ביז זײַן שוווּנג אין העכסטע הייכן,
קעדיי אומשטערבלעכקײַט דערגרייכן,
א מענטש, ווי אַלע, פלעגט ער זײַן...

# איך דערמאָן זיך...

זומער פונעם 1967 יאָר האָבן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אַלקיוף, דער פאַרלאַג „מאָלאָ־דאיא גוואַרדיאַ" און דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר פּלאַנירט דורכצופירן א באַראַטונג פון יונגע שרײַבער. פאַרענדיקן די באַראַטונג האָבן מיר גערעכנט אין דער סטאַניצע ווּעשענסקאַיאַ בא מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש שאָלאָכאָוו. מיר האָבן געקלערט, אז די באַגעגעניש פון די יונגע שרײַבער מיטן גרויסן וואָרטמײַסטער וועט זײַן פאַר זיי זייער וויכטיק. איך אכט איז געגנע־מען געוואָרן, אז צו אזא באַגעגעניש וועט אויך מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש ניט בלײַבן גלײַכ־גילטיק.

מיר האָבן אויסגערעכנט אַף אַן ערנסטן, אַפּנהאַרציקן געשפּרעך וועגן ליטעראַטור, וועגן דעם אָרט פונעם שרײַבער אין אונדזער אָנגעשטרענגטן לעבן, וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון יעדן שעפער פאַרן פאָלק, פאַר דער געשיכטע.

אויסהערנדיק אין טעלעפאָן אונדזער פּלאַן, האָט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש אים באַווי־ליקט, אונטערגעהאַלטן.

מיר האָבן אָבער דעמלט נאָך ניט געוווּסט, אז אין א שאָ ארום נאָכן געשפּרעך מיט שאָ־לאָכאָוו, וועלן אין אונדזער פּלאַן פּאַרקומען וויכטיקע ענדערונגען. אַנשליסן זיך צו דער רײַזע האָט מען פאַרגעלייגט אויך יורי גאַגארינען. און ער האָט מיט גרויס גרייטקײַט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. דאָס איז געווען א גרויסע פרייד פאַר אונדז.

יורי אַלעקסייעוויטש האָט ליב געהאַט ליטעראַטור און איז געווען אין איר גוט באַהאַוונט. די מיינונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן שרײַבער און ביכער, זײַנען געווען אייגנאַר־טיק, פריש, אָריגינעל. צו יענער צײַט איז נאָך פרי געווען צו ריידן וועגן וועלכע־ניט־איז גרויסע דערגרייכונגען אין דער קאָסמישער ליטעראַטור. שרײַבער האָבן זיך געווענדט צו אָט דער טעמע זעלטן און ניט דרייסט. א געוויסע אופלעבונג איז פאָרגעקומען בא די פאַנטאַסטן, נאָר אויך זיי האָבן נאָך די ערשטע גראַנדיעזע פלוגן אין קאָסמאָס באַשלאָסן ניט אײַלן זיך, גוט באַזיניקן דאָס געשעענע. מיר זײַנען זיכער געווען, אז יורי אַלעקסייעוויטש וועט שמועסן וועגן דעם, רופן די שרײַבער מער דרייסט זיך נעמען צו דער אַרבעט. געשען אָבער איז גאָר עפּעס אנדערש. שוין פון די ערשטע מינוטן, וואָס ער האָט זיך באַוויזן צווישן אונדז, איז יורי גאַגאַרין געוואָרן דער צענטער, די נעשאָמע פון אונדזער גאַנצער גרופּע. ער האָט עס ניט גע־וואָלט, נאָר אַליין פון זיך האָט זיך עס באַקומען — אזוי גרויס איז געווען דער צויבער פון זײַן כאַראַקטער, זײַן צוגעלאָזנקײַט צו מענטשן, טאַקט אין באַציִונג צו זיי, כיין און ליבלעכקײַט. ער איז גלײַך מיט אַלעמען געוואָרן היימיש. עס וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אז זײַן וועלט־רום וואָלט געקאָנט אַרויסרופן גרויסהאַלטערײַ, גרינגשעצונג צו אנדערע, נאָר ניין, — ער איז גע־ווען זייער פּאָשעט און באַשיידן אין דער האַלטונג מיט אַלעמען.

בייס מיר זײַנען געפלויגן אין לײַנער, האָבן אַלע, די פּאַסאַזשירן און דער עקיפּאַזש, דער־קענט גאַגאַרינען, זיך א לאָז געטאָן צו אים, און ס'האָט זיך באַקומען, אז די אנדערע מיטגלי־דער פון אונדזער גרופּע זײַנען געבליבן אין שאָטן. גאַגאַרינען איז עס געוואָרן אומבאַקוועם, ער האָט צוגערופן די סטיוואַרדעסע און געזאָגט:

— אומזיסט גיט איר אָפּ בלויז מיר אזא אופמערקזאַמקײַט. אָט זיצט אונדזער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, — ער האָט אָנגעוויזן אַף איינעם פון אונדז, — און אָט איז אונדזער הויפּט־טעאָ־רעטיקער, — דאָ האָט ער א ווײַז געטאָן אַף מיר. — דאָס זײַנען דאָך העלדן, לאָורעאַטן, גרוי־סע מענטשן...

נאָך דעם איז אונדז אויך געשאָנקען געוואָרן גענוג אופמערקזאמקייַט.

ווען אַלע האָבן זיך עטוואָס בארויִקט, האָט גאגארין זיך צוגעזעצט צו מיר און געזאָגט:

— איך וואָלט וועלן ארויסטרעטן ניט נאָר אין דער ראָל פון א פּראָפּאגאנדיסט, נאָר אויך דורכלייענען מייַנע לידער...

אָט ווי, — שרייַבט גאגארין לידער, און מיר האָבן ניט געוווּסט!

— אין דער מיליטער־שול, — האָט ער דערקלערט, — האָב איך זיך פארנומען אין ליטעראַרישן קרייַז, אין דער זעלבסטעטיקייַט אויך. כ׳האָב געשריבן פאר זיך קורצע דערציילונגען, לידער, מעשאָלים. פארשטייט זיך, אַלץ איז געווען נאָכגעמאכט, פון מיר וועט זיך קיינמאָל ניט באקומען קיין עכטער ליטעראט, נאָר שרייַבן ווילט זיך...

יורי אַלעקסייעוויטש איז אנשוויגן געוואָרן און האָט זיך אַף לאַנג פארקוקט אין איליומינאטאָר. מעגלעך, ער האָט זיך דערמאָנט וועגן זייַנע אייגענע פלוגן און, מעגלעך, געטרויערט וועגן וולאדימיר מיכייַלאָוויטש קאָמאראָוון, וועלכער איז אומגעקומען אין אַפּרעל בייסן פלוג אַף דער קאָסמישער שיף „סאָיוז“. יורי גאגארין און אַלע זייַנע פרייַנט האָבן שווער איבערגעלעבט דעם פארלוסט. אַף זייַן אדרעס זייַנען אָנגעקומען א סאך בריוו, פול מיט לייד און מיטגעפיל. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייַט צו ענטפערן אַלעמען, האָט גאגארין דאן געשריבן אין „פּראוודא“: „מענטשן, וועלכע לייגן דורך די ערשטע א וועג, זיי איז אַלע מאָל שווערער. זיי גייען מיט ניט אויסגעפּרוּווטע שטעגן, און אָט די שטעגן זייַנען ניט קיין גלייַכע, פאראן אַף זיי שווערע ווענדפונקטן, אומגעריכטקייַטן, געפארן. נאָר דער, ווער עס איז איינמאָל ארופגעטראָטן אַף דער קאָסמישער אָרביטע, וועט שוין קיינמאָל פון איר ניט ארויפגיין און קיין שום שוועריקייַטן, שטערונגען זייַנען ניט בעקויעך אראָפּפירן אים פונעם אויסגעוויילטן וועג. קאָלזמאן דאָס הארץ קלאפּט אין ברוסט, וועט דער קאָסמאָנאווט שטענדיק שטורעמען דעם וועלטאַל. וואָלאָדיע קאָמאראָוו איז געווען איינער פון די ערשטע אַף דעם דאָזיקן דערנער־וועג“.

אין דער פאָרעדע צום בוך „די באהערשער פונעם קאָסמאָס“ האָט יורי אַלעקסייעוויטש געשריבן: „יעדער אנטדעקונג איז בלויז אן אָנהייב, דער ערשטער שריט. וואָס ווייַטער מיר גייען, אַלץ מער גיט זיך אונדז אונטער די נאטור, אַלץ מער אומגעריכטקייַטן טרעפן מיר אָבער אַף דעם דאָזיקן וועג. נאָר קיין שום שוועריקייַטן און שטערונגען קאָנען ניט צווינגען די מענטשהייַט אראָפּ פונעם אויסדערוויילטן וועג“.

אויך נאָכדעם האָבן פאָרגעזעצט אָנקומען בריוו מיט אָנפראגן וועגן די סיבעס פון קאָמאראָווס אומקום. אין מיַי האָט גאגארין געגעבן אן אינטערוויו דעם קאָרעספּאָנדענט פון „קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא“. ער האָט געזאָגט: „אָפּשטעלן די פלוגן אין קאָסמאָס קאָן מען ניט. דאָס איז ניט קיין באשעפטיקונג פון איינעם אוועלכן־ניט־איז מענטשן, אָדער אפילע פון א גרופּע מענטשן. דאָס איז א היסטאָרישער פּראָצעס, צו וועלכן די מענטשהייַט איז געזעצמעסיק געקומען אין איר אנטוויקלונג. און קאָסמאָנאווטן וועלן פליִען. אי בייַע, אי די, וואָס זייַנען שוין

ברייט זייַנען געווען יורי גאגארינס אינטערעסן. די ליבע צו ליטעראטור האָט אים געבראכט צו מיכאַיל שאָלאָכאָוון — דעם באזינגער פון די קובאנער ראכוועסן

געפֿלויגן. סײַ איך, סײַ מײַנע כאַווערים פֿאַרשטייען, אַז וואָלאַדיעס אומקום איז אַ טראַגישער צופֿאַל. וואָס איז שײַך די רייד וועגן דעם, אַז די ווײַטערדיקע פֿלוגן וועלן אָפּגעלייגט ווערן, דאַרף מען ניט זײַן קיין נאָווי, קעדיי פֿאַרשטיין: דער פֿלוג פֿון אַ נײַער שיף פֿונעם טיפּ „סאָיוז" וועט מעגלעך ווערן בלויז נאָך דעם, ווי עס וועלן פֿולשטענדיק אויסגעקלאָרט ווערן די סיבעס פֿונעם אומקום פֿון דער ערשטער שיף און די דאָזיקע סיבעס וועלן באַזײַטיקט ווערן בײַם די ווײַטערדיקע אויספֿרווון. קלאָר, אַז צוליב דעם פֿאָדערט זיך צײַט".

אומקערנדיק זיך צום אָנדענק פֿון זײַן פֿרײַנט, האָט גאַגאַרין געזאָגט: „קאָמאַראָוו האָט אופֿגעטאָן אַ וויכטיקע זאַך, ער האָט אויסגעפּרוווט אַ נײַע שיף. נאָר נאָך איין וויכטיקע זאַך האָט ער אופֿגעטאָן: ער האָט געצוווּנגען אונדז אַלעמען צו זײַן נאָך מער קאָנצענטרירט, נאָך מער אופֿמערקזאַם צו דער טעכניק, צו אַלע עטאַפּן פֿון קאָנטראָלירונג און אויספּרוּוון, נאָך וואַכזאַמער בײַם באַגעגענען זיך מיט אומבאַוווּסטע דערשײַנונגען. ער האָט אונדז באַוויזן, ווי ניט לײַכט ער איז, דער וועג אין קאָסמאָס. זײַן פֿלוג און זײַן אומקום לערנען אונדז מוט. ער האָט געלעבט און איז אומגעקומען ווי אַ קאָמוניסט. מיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס ער איז געווען אונדזער פֿרײַנט. יעדער איינער פֿון אונדז וועט דורכטראָגן דעם אָנדענק וועגן אים דורך דעם גאַנצן לעבן.

מיר וועלן זיך אַרײַנזעצן אין קאַבינעס פֿון נײַע שיפֿן און וועלן אַרויסגיין אויף נײַע אַרבײַטעס. מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס אונדז וועלן באַפֿוילן דאָס היימלאַנד, די פּאַרטיי, אונדזער סאָוועטיש פֿאָלק".

גאַגאַרין האָט זיך אָפּגעריסן פֿונעם אילומינאַטאָר און זיך אַ קער געטאָן צו מיר:

— איך ערגער זיך. אַ קלײניקײַט — באַגעגענען זיך מיט שאַלאַכאָוון! אין אַפּרעל 1961, באַלד נאָכן פֿלוג, האָט ער מיר צוגעשיקט אַ טעלעגראַם. דער טעקסט — ניט קיין גרויסער. ער האָט געשריבן: „אָט דאָס הייסט געקענט! און דאָ קאָן מען שוין מער גאָרניט זאָגן, שטום ווערנדיק פֿון אַנציקונג און שטאָלץ פֿאַרן פֿאַנטאַסטישן דערפֿאָלג פֿון דער אייגענער פּאַטערלענדישער וויסנשאַפֿט". גוט געזאָגט! ער האָט אָפּגעשאַצט ניט קיין פֿערזענלעכקײַט, נאָר אַ דערשײַנונג, ניט קיין פֿאַקט, נאָר אַ געשעעניש...

אונדז אַלעמען איז אויך געווען אינטערעסאַנט, ווי וועט פֿאַרקומען די באַגעגעניש פֿונעם שרײַבער מיטן קאָסמאָנאַווט.

מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען זייער צופֿרידן מיט גאַגאַרינס קומען.

— אַ דאַנק דיר, יוריק! האָסט מיך דערפֿרייט.

שאָלאָכאָוו האָט אַרומגענומען יורען, אים צעקושט און, אײַנקוקנדיק זיך אין אים מיט אַ מידן בליק, געזאָגט:

— אָט אַזאַ האָב איך זיך טאַקע דיך פֿאָרגעשטעלט. כ'האָב אײַך ליב, אַדלערלעך!

יורי אַלעקסייעוויטש, וואָס פֿלעגט זיך געווינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן ניט פֿאַרלירן, איז רויט געוואָרן, געשוויגן.

— שעם זיך ניט, יורי!

מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געשאָנקען אופֿמערקזאַמקײַט יעדן פֿאַרשטייער פֿון דער באַגעגעניש. ער האָט באַוויזן זיך צו באַקענען מיט די ביכער, מאַנוסקריפּטן פֿון יעדן איינעם און האָט ערנסט גערעדט וועגן דעם פֿאַך פֿון אַ שרײַבער. ער האָט אויך צוגעגעבן עטוואָס נײַס צו אונדזער פּראָגראַם.

— קומט אָפּן סכאָד, — האָט ער פֿאָרגעלייגט.

דער שרײַבער האָט געלעבט צווישן פֿאָלק, האָט ליב געהאַט זײַנע מינהאָגים, טראַדיציעס. אים האָט זיך זייער געוואָלט באַקענען די וועשענצעס מיט זײַנע געסט.

אינאָוונט האָט מען זיך פֿאַרזאַמלט אָפּן הויפּט־פּלאַץ פֿון דער סטאַניצע. די יעדיִע, אַז אָפּן סכאָד וועט אַרויסטרעטן יורי גאַגאַרין, האָט זיך בליצשנעל פֿאַרשפּרייט אינעם אַרום. יאָמ־טעוודיק־אויסגעפּוצטע סטאַניטשניקעס, זייערע פֿרויען און קינדער האָבן פֿאַרפֿולט דעם פּלאַץ.

די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען. דער פּראָזשעקטאָר, אָנגעצילטער אויף דער טריבונע, האָט אַרויסגעכאַפּט די פּנעמער פֿון די געסט, די שפּיצן פֿון די נאָענטעביימער. מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז צוגעגאַנגען צום מיקראָפֿאָן. צוגעוואַרט, ביז עס האָבן זיך באַרויִקט די טונקעלע ראָבן אויף די קאַרניזן פֿונעם ניט ווײַטן קלויסטער, האָט ער זיך געווענדט צו די פֿאַרזאַמלטע:

— וועשענצעס! צו אונדז זײַנען געקומען שרײַבער און דער קאָסמאָנאַווט יורי גאַגאַרין. וועלן מיר אים געבן אַ וואָרט.

גאַגאַרין איז צוגעגאַנגען צום מיקראָפֿאָן. ער האָט דערציילט וועגן דער צוגרייטונג צום פֿלוג, וועגן דער אַפּאַראַטור פֿון דער שיף, וועגן דעם זעלבסטגעפֿיל פֿונעם קאָסמאָנאַווט. סטעפּ־

מענטשן, ערדארבעטער, זייער ווײַטע פון הימלשע פּראָבלעמען, האָבן געהערט מיט אַ פאַר־טײַעטן אָטעם. אַ קינד האָט זיך צעוויינט, האָט מען זיך אַף דעם אומגעקוקט, און ס׳איז באַלד אנשוויגן געוואָרן, ווי עס זאָל אויך זיך אײַנהערן אין די רייד פונעם מענטשן, וועלכער איז געפלויגן צו די שטערן...

גאַגאַרינען איז מיר אויסגעקומען ניט איין מאָל הערן ריידן, נאָר קיינמאָל האָט ער, דאַכט זיך, ניט גערעדט מיט אַזאַ רעגונג און באַגײַסטערונג, ווי דאַן, אין וועשענסקאַיאַ. זײַן רעדע איז זייער געפעלן געוואָרן שאָלאָכאָוון.

— אַ קאַזאַק, אַן עמעסער קאַזאַק! — האָט ער אים געלויבט.

אַפן אַנדערן טאָג האָבן מיר לויט שאָלאָכאָווס ביטע אויסגעטיילט צײַט צוליב זײַן שמועס מיט יורי אַלעקסייעוויטשן. אין אָט דעם שמועס זײַנען בײדע געווען שטאַרק פאַרינטערעסירט, פאַרגעבן איינער דעם אַנדערן פראַגן, געענטפערט אַף זיי.

— אַנומלטן האָט איר געזאָגט, — האָט דערמאָנט גאַגאַרין שאָלאָכאָוון, — אַז גוט דורכלעבן דאָס לעבן, מיט נוץ פאַר דער געזעלשאַפט, איז אַ העלדנטאַט. דאָס איז ריכטיק. און נאָך האָט איר געזאָגט: אַ מילכאָמע ברענגט נאָר כורבונעס, און פרידלעכע מי — בויט, שאַפט...

שאָלאָכאָוו שאָקלט צו מיטן קאָפּ, פאַרבאַרגט אַ שמייכל אין די וואָנצעס, רייכערט.

דערנאָך איז מען אַלע אַוועק אַפן ברעג פונעם דאָן. יורי האָט דאָ באַוויזן קונצן — געגאַנגען אַף די הענט, זיך פאַרמאָסטן אין שפּרינגען, געשפּילט אין וואָליבאָל. דערנאָך האָט ער גאָר זיך אַ וואָרף געטאָן אין די כוואַליעס און פלינק אַוועקגעשווומען. אַנדערע — נאָך אים, נאָר מע איז גיך אָפּגעשטאַנען. בלויז עטלעכע מענטשן האָבן צוזאַמען מיט אים דערגרייכט דעם אַנדערן ברעג און געלאָזט זיך צוריק.

— נו, יורע, ביסטו אַ קאַזאַק! — האָט שאָלאָכאָוו געזאָגט, — נאָר זע, פאַרמאַטער ניט די שרײַבער...

טאַקע דאָ, אַפן ברעג, איז פאַרגעזעצט געוואָרן דער סעמינאַר. שאָלאָכאָוו האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז געקומען קיין מאָסקווע אין 1923 יאָר, ווי ער האָט אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע דערציילונגען אין „סמענאַ", אין דער „קאָמסאָמאָלקע" און אין אַנדערע יוגנטלעכע אויסגאַבעס.

עס פאַרגייט אַ רייד וועגן די בריוו, וואָס קומען אָן אין צײַטונג. איך דערצייל מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן וועגן די קאָלווירטן, ווו באַנאַנד מיט דער געזעלשאַפטלעכער סטימולירט מען אויך די פּערזענלעכע ווירטשאַפט, מע העלפט אויסכאָווען פּי און אויפעס אַף די בײַהויפיקע באַצירקן.

— דאָס איז גוט, — באַמערקט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש, — יונגע מענטשן דאַרפן זײַן באַהאַוונט אין דער לאַנדווירטשאַפט, וויסן, אַז בולקעס וואַקסן ניט אַפן בוים...

דער געשפּרעך ווערט פאַרגעזעצט באַם שרײַבער אין דער היים. שטיל גייט אַרום אונטערן טיש דער הונט דאַמקע. אַף יענער זײַט פענצטער פליִען בלויערלעך אַרום אַ זונרויז.

מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש טיילט זיך מיט זײַנע פּלענער. ער וויל פאַרענדיקן דעם ראָמאַן „זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן הימלאַנד" און וויל אַ פּרווו טאָן זײַנע קויכעס אין דראַמאַטורגיע.

— איר ווייסט דאָך, — זאָגט ער, — ווי ווייניק מיר האָבן גוטע פּיעסן וועגן דער יוגנט. איז אָט, וויל איך אָנשרײַבן וועגן יונגע קאָמוניסטן, קאָמסאָמאָלצעס.

מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש רעדט וועגן זײַן באַציִונג צו דער עקראַניזירונג פון זײַנע ראָמאַנען, דערציילונגען. די עקראַניזירונג פונעם ראָמאַן „זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן הימלאַנד" איז אַ פּריצײַטיקע — דאָס ווערק איז דאָך ניט פאַרענדיקט, אין ראָמאַן איז ניטאָ קיין איין פרויען־געשטאַלט...

ווײַטער גייט אַוועק אַ רייד וועגן קאָסמאָס. שאָלאָכאָוו שעצט הויך די דערגרייכונגען אין אָט דעם נײַעם געביט פון דער וויסנשאַפט.

— די יוגנט, — זאָגט ער, — דאַרף וויסן אַלץ וועגן דעם העלדנטאַט פון די קאָסמאָנאַווטן. און איר, — ווענדט ער זיך צו גאַגאַרינען, — דאַרפט געדענקען, אַז אַלע קוקן אַף אײַך. מע נעמט פון אײַך אַ בײַשפּיל.

יורי אַלעקסייעוויטש רעדט וועגן דער פּאָפּולערקײַט פון שאָלאָכאָווס ווערק בײַ דער יוגנט און לייענט פאָר אַן אויסצוג פונעם ראָמאַן „זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן הימלאַנד".

אונדזער וויזיט אין וועשענסקאַיאַ איז געגאַנגען צום סאָף. דער ערשטער איז אַוועקגעפאָרן גאַגאַרין. לויטן אויפטראָג פון צק פון קאָמיוג האָט ער געדאַרפט אַרויספליִען אַף דער פײַערונג פונעם 35־טן יאָרטאָג פון קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור.

געזעגענענדיק זיך מיטן ערשטן קאָסמאָנאַווט, האָט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש צו אים און צו די אַנדערע געסט זײַנע, די יונגע שרײַבער, געזאָגט:

— אין אזא באשטאַנד באַגעגענען מיר זיך צום ערשטן, אָבער ניט צום לעצטן מאָל. די צוקונפט פון דער ליטעראַטור איז בא אײַך אין די הענט, אין די הענט פון די יונגע. דעריבער האַלט איך ביז גאָר וויכטיק צו זוכן נײַע פאָרמען פון באַהעפטונג מיט דער טאַלאַנטפולער יוגנט. אײַנשטעלן גײַסטיקע קאָנטאַקטן מיט איר. מיר דאַרפן זײַן קעגנזײַטיק שטרענג און פאָדערהאַפטיק איינע צו די אַנדערע.

עמעצער האָט א פרעג געטאָן:

— ווי האַלט איר, מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש, אַף וואָס פאַר א טעמעס דאַרפן שרײַבן מיר, יונגע ליטעראַטן?

— די פראַגע איז א קאָמפּליצירטע, אַף איר איז ניט אזוי פּאָשעט צו ענטפערן. פונדעסטוועגן טראַכט איך, אַז שרײַבן דאַרף מען וועגן דעם, וואָס דאָס לעבן אַליין זאָגט אונטער, און דער הויפּט־העלד פון דעם, וועגן וואָס דו שרײַבסט, דאַרף זײַן דער עמעס פון דעם דאָזיקן לעבן. און נאָך: קיינמאָל נעמט זיך ניט פאַר א טעמע, וואָס איז אײַך ניט באַקאַנט. איך אַליין האָב קיינמאָל ניט געשריבן און וועל קיינמאָל ניט שרײַבן וועגן אַזוינס, וואָס איך ווייס ניט, אָדער ווייס שוואַך, ניט גענוג. דער ערשטער ראַטגעבער איז אײַער געוויסן. דער הויפּטריכטער איז דאָס פאָלק, פאַר וועלכן איר שאַפט. געדענקט: אין אײַערע הענט איז די צוקונפט פון דער ליטעראַטור. יעדעס וואָרט, וואָס איר שרײַבט אָן, דאַרף שטימען מיט די געפילן, געדאַנקען און אויפטוען פונעם פאָלק. דאַן וועט איר שטענדיק זײַן אַף א ריכטיקן וועג...

— דאָ האָט מען גערעדט, — האָט פאָרגעזעצט שאָלאָכאָוו, — וועגן דעם רעכט פון א יונגן שרײַבער אַף א טאָעס. מע דאַרף ניט מיינען, מײַנע טײַערע, אַז דאָס איז א פּריווילעגיע פון די יונגע. די זאַך איז באַדײַטנדיק קאָמפּליצירטער. אַף א שרײַבער — א יונגן און אַלטן — ליגט א קאָלאָסאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. עס באַגייען פעלערן אויך אַלטע שרײַבער, נאָר א פעלער צו א פעלער איז ניט גלײַך. לאָמיר זאָגן, עס דערלאָזט א פעלער א בריגאַדיר, וועט אים פאַריכטן דער פאָרזיצער פון קאָלווירט, און אויב עס דערלאָזט א פעלער א שרײַבער? דאַן קאָן עס ברענגען צו טויזנטער פעלערן אין מענטשלעכע גורלאָלעס...

יאָרן זײַנען פאַרבײַ. נאָר אין זיקאָרן לעבט אזוי בולעט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַפן ליטעראַרישן סעמינאַר אין דער סטאַניצע וועשענסקאַיאַ.

הערשל פּאָליאַנקער

# דער גורל פון א קינסטלער

ראָמאַן

## דאָס צענטע קאַפּיטל

די צײַט איז געלאָפן, ווי הונדערט רוכעס וואָלטן זי אונטערגעטריבן.

די מילכאָמע־קאַשמאַרן האָבן צוביסלעך אָנגעהויבן פאַרשווינדן ווערן, און אַף דער נעשאָמע האָט גענומען ווערן רויִקער. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז טאָג ווי נאַכט געווען פאַרטאָן אין זײַן ארבעט, זיך געגריבלט אין די געדערים פון פאַרשיידנאַרטיקע מאַשינעס און מעכאַניזמען, וועלכע דער באַלעבאָס האָט אים איינעם געקאָנט פאַרטרויען. און עפּשער די צײַט אַליין, די צײַט, וואָס איז דער בעסטער רויפע...

עמעס, מיטן שטעקן האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט זיך שיידן, און דאָס האָט אים שטאַרק באומרויִקט. צי דען וועט ער שוין אזוי שטענדיק אונטערהינקען?

איצט, ווען דאָוויד האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די אָפּגעבליאַקעוועטע גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז געווען אײַנגעטונקען אין אַלע רייכעס פון די שפּיטאָלן און לאַזאַרעטן, אראָפּגעוואָרפן די שווערגעקאָוועטע שיך מיט די אָבמאָטקעס און זיך אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, האָט ער אויסגעזען ייִנגער און כיינעוודיקער. די זון האָט צוגעברוינט זײַן פּאָנעם, און די אויגן האָבן אָנגעהויבן שײַנען מיט א לעבעדיקן גלאַנץ. ער האָט זיך שוין ניט געשעמט ארויסקומען שאַבעס אַפן בולוואַר, וואָס אַפן הויכן ברעג פון דער בערעזינאַ, דאָרטן, ווו עס האָבן שפּאַצירט ייִנגלעך און מיידלעך, געקנאַקט קערלעך אַף וואָס די וועלט שטייט, געלאַכט, גע־

---

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 3, 1982.

שטיפט און געשפּילט ליבעס. ער האָט געכאַפּט אַף זיך ניט ווייניק שעמעוודיקע מיידלשע בליקן. מע האָט געקוקט אַפן באָכער מיט אינטערעס און נייַגער, כאָטש ער איז געגאַנגען מיט אַ שטעקל און אַ ביסעלע אונטערגעהונקען.

ער האָט אָבער געפילט, אַז די שפּאַצירן ווערן אים אַלץ מער פריקרע. וואָס מער ער האָט זיך צוגעקוקט צו די היגע מיידלעך, אַלץ שטאַרקער האָט ער געבענקט נאָך יענער, וועלכע ער האָט באַגעגנט, בעשאַס ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון דער מילכאָמע און וועלכע איז אים טיף אַרייַן אין האַרצן.

ער האָט באַשטימט, אַז ער מוז צופאָרן צו איר. ווער ווייסט, עפּשער איז ער דעמאָלט פּאַשעט פאַרקישעפט געוואָרן פון איר האַרציקייַט און זי איז גאָרניט אַזאַ, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן? עפּשער האָט זי אים פאַרגעסן און דאָס, וואָס זי האָט געקוקט אַף אים מיט אַזעלכע גוטע אויגן, הייסט נאָך ביכלאַל ניט, אַז ער איז איר געפעלן געוואָרן...

נאָר ווי עס זאָל ניט זייַן, וועט ער זיך יאַקאָס דערקלייַבן צו איר און זיך דורכשמועסן. וויפל איז דער שיר טרוימען? עפּשער איז דאָס אַ פּוסטער כאָלעם. אין בילייעוויטשי זייַנען געוויס פאַראַן ניט ווייניק גוטע באָכערים, וועלכע וועלן ניט אַרויסלאָזן פון אויג אַזאַ שיינע, געזונטע מויד. עפּשער האָט זי שוין אַ כאָסן? עפּשער איז זי שוין פון לאַנג פאַרליבט אין עמעצן?

ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דייע און דאָך באַשטימט זיך אוועקלאָזן צו איר. וואָס וועט ער אָנווערן? נאָר לעבן אין טאָעס די גאַנצע צייַט, איז ניט קיין טאַכלעס. און אין איינעם אַ שאַבעס האָט ער זיך פאַרפּוצט, צוגעקעמט די געדיכטע טונקעלע טשופּרינע און אַוועק אַפן גרויסן שליאַך, עפּשער וועט זיך מאַכן אַ פור.

ס'איז דורך אַ היפּש ביסל צייַט, נאָר קיין פורל אין יענער ריכטונג איז אַלץ ניט געווען. דער אומגעדולד איז געוואַקסן, ער האָט שטאַרק נערווירט, און אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער האָט טאַקע קיין מאַזל ניט. אַז ווען ער הייבט אָן האַנדלען מיט טאַכריכים, וואָלט מען אויפגעהערט שטאַרבן. און דאָס, וואָס ער וואַרט אַזוי לאַנג אַף אַ פור און קאָן זיך ניט דערוואַרטן, איז עפּשער דער בעסטער סימען, אַז אומזיסט איז זייַן טירכע, אַז עס וואַרט אַף אים דאָרטן קיינער ניט.

אָבער דער פאַרלאַנג זיך זען מיט זעלדען איז געווען זייער שטאַרק, און ער איז שוין גרייט געווען, אויב ער וועט זיך ניט דערוואַרטן אַף קיין פור, זיך אַוועקלאָזן צופוס. עס וועט אים טאַקע זייַן שווער, נאָר, נישקאָשע, ער וועט זיך אָנעמען מיט מוט און בייַקומען די ווייטעקן, צו זעלדען מוז ער זיך דערקלייַבן אום יעדן פּרייַז!

די זון האָט מוירעדיק געברענט. גיין מיטן שטויביקן וועג איז געווען שווער, נאָר דאָוויד האָט זיך אייַנגעשפּאַרט. אַראָפּגעשלעפּט די שיך, זיי צונויפגעבונדן און פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, גענומען אין דער האַנט דאָס רענצעלע מיטן ביסל צוקערקעס און לעקעכלעך, וואָס ער האָט אייַנגעהאַנדלט אין קלייט אַף מעכאַבעד זייַן זעלדען, האָט דאָוויד אַוועקגעשפּאַנט אַלץ גיכער און האַסטיקער. ער האָט אויסגערעכנט, אַז אַפילע צופוס וועט ער ביז נאָך האַלבן טאָג זיך דערקלייַבן קיין בילייעוויטשי און דאָרטן וועט ער זיך שוין יאַקאָס געבן אַן אייצע.

שפּאַנען איז אים מיט יעדן טראָט געוואָרן שווערער, נאָר ער האָט צונויפגענומען אַלע קויכעס און געגאַן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט די מידקייַט אין פאַרגלייַך דערמיט, וואָס ער וועט נאָך הייַנט זיך באַגעגענען מיטן מיידל און אויסקלאָרן אַף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך? דערבייַ האָט ער נאָך געטראַכט: וויאַזוי וועט ער צוגיין צו איר און וויאַזוי וועט ער איר דערקלערן זייַן פּלוצעמדיקן קומען צו איר? לייַגן האָט ער ניט געקאָנט, וועט ער איר פּאַשעט אויסזאָגן דעם ריינעם עמעס, אַז די בענקשאַפט האָט אים געיאָגט צו איר, און כאָטש ער האָט ביז איצט ניט געפּרוּווט דורכמאַכן אַזאַ ווייַטן און שווערן וועג, וועט ער איר זאָגן, דאָך האָט ער זיך אייַנגעשטעלט צוליב איר.

די ערשטע האַלבע שאָ האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט, וויפל וויאַרסט האָט ער שוין דורכגעמאַכט, נאָר דערנאָך האָט ער פאַרלוירן דעם כעזשבן, פּאַשעט געשפּאַנט, און געדוכט האָט זיך אים, אַז דער וועג האָט ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סאָף.

אָבער ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז דער גרעסטער שלימאַזל פאַרמאָגט דאָך אַ שטיקל מאַזל.

ווען דאָוויד האָט שוין דורכגעמאַכט אַ פייַנעם מעהאַלעך, האָט ער דערהערט אַ טראַסקערייַ פון רעדער און זיך אומגעקוקט. אופהייבנדיק געדיכטע הויפנס שטויב, האָט זיך געיאָגט אַ פּויערישער וואָגן, אַ געלאָדענער מיט זעקלעך און פּעקלעך. מיסטאָמע סכוירע פאַר אַ דאָרפישער קראָם?..

דאָוויד האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דער זײַט פֿון שליאַך, אָפּגעווישט מיטן ארבל דאָס פאַרשטויבטע און פארשוויצטע פּאָנעם, געגומען זיך צוקוקן, ווער פאָרט עס.

איינגיכן האָט דאָוויד דערזען א פֿולגעלאָדענע פור, אף וועלכער עס איז געזעסן אן אַלטיטשקער פויער מיט א שטרויענעם קאַפּעליוש. מיט זײַן הייזעריקלעכער שטים האָט ער ניט אופגעהערט שיטן אף די צוויי פארמאטערטע און פארשוויצטע פערדלעך אַלע קלאָלעס פון דער וועלט.

באמערקט דעם פוסגייער, האָט דער אַלטיטשקער זיך אָפּגעשטעלט. לויט יענעמס קוק האָט ער פארשטאנען, אז ער דארף אונטערפאָרן. א קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע, קנייטשנדיק מיט די אקסלען, נאָר דאָך האָט ער א ווונק געטאָן, געהייסן זיך ארופזעצן נעבן די קעסטלעך.

דאָוויד האָט זיך דערפילט גליקלעך, ארויסגעכאַפּט פון דער קעשענע דאָס טאָרבעלע טוטין מיט דער קרעסאלע, האָט ער פארדרייט א ציגאַר, פארייכערט און זיך דערפילט ווי אפן זיבעטן הימל.

כאָטש ער האָט זיך גלײַך דערוווּסט, אז זײַן גליק קאָן זיך ניט ציִען לאנג. דער אַלטער פאָרט אין א זײַטיק דערפל, א וויאָרסט פינף פונדאנען און קיין ביליעוויטשי וועט ער ניט דערפאָרן א וויאָרסט זיבן, נאָר דאָך בעסער, ווי גאָרניט. דאָוויד וועט זיך אף דער פור אָפּרוען א ביסל און דערנאָך וועט אים שוין גרינגער זײַן גיין.

איז ער געזעסן צווישן די קעסטלעך און מיטגעפילט די בידנע פערדלעך, וועלכע זײַנען געווען נאַס פון שוויס און האָבן שווער געאָטעמט.

די פערד האָבן אַלע מאָל זיך אומגעקוקט אף זייער ברויטגעבער, דעם אַלטיטשקן אָנטרײַבער, געקוקט ווי מיט פאָרוורף, לעמײַ האָט ער אוועקגעזעצט אף דער פור נאָך א מענטשן... וואָס זשע, מע זעט דען ניט, ווי זיי שלאָגן זיך אזוי אויך ארויס פון די קויכעס?

נאָר דאָוויד האָט וועגן דעם ניט געוואָלט טראכטן. אים איז בלויז געווען א פארדראָס, וואָס איינגיכן וועט מען זיך דערקלײַבן צו אָט יענע עטלעכע ביימלעך אינמיטן סטעפּ, ווו דער שליאַך פארקערעוועט אין א זײַט און ער וועט מוזן ארונטערגיין.

אפן שיידוועג האָט דאָוויד זיך אָפּגעזעגנט מיטן אַלטן פורמאַן, אים אָפּגעשאָטן א ביסל טוטין פון זײַן טאָרבעלע און ווידער אוועק צופוס.

נאָר ווי עס איז ניט שווער געווען צו גיין, איז דאָוויד בא זיך ניט געפאלן. דער געדאנק, אז גיין איז שוין געבליבן ניט קיין סאך, האָט אים צוגעגעבן פרישע קויכעס און גאָר איינגיכן האָט ער פונעם גרינעם בארג דערזען דעם ייִשעוו, א באשײַנטן מיטן גינגאָלד פון דער פארגייענדיקער זון.

פון דאָרטן האָט זיך צו דאָווידן דערטראָגן דאָס מוקען פון דער טשערעדע, וואָס די פּאַסטעכער האָבן געטריבן פון דער טאָלאָקע.

ווײַבער, מיידלעך זײַנען געלאָפן פון די שטיבער אנטקעגן דער טשערעדע, פארנעמען אין די הויפן זייערע קי און ציגן, זיי אויסמעלקן און פארטרײַבן אף נאכט אין די שטאלן.

דער טומל איז מיט יעדע מינוט געוואקסן. פון אַלע זײַטן האָט געהילכט דאָס געשריי פון די פּאַסטעכער, דער געלעכטער פון די ווײַבער און קוילעס פון קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אפן שטויביקן פלאַץ בא דער קרענעצע.

דאָוויד האמעלעך איז געשטאנען אָנגעשפּארט אף זײַן שטעקן און זיך אײַנגעהערט אינעם פארנאכטיקן טומל, געזוכט מיט די אויגן יענע, צוליב וועלכער ער האָט דורכגעמאכט אזא ווײַטן און שווערן וועג.

ארופגעשלעפּט אף זיך די שיך, האָט ער פּאמעלעך זיך ארונטערגעלאָזט אין ייִשעוו און, האַלטנדיק זיך נעענטער צו די פּלויטלעך, אוועקגעגאַן צו יענעם באקאנטן שטיבל לעבן דעם ברייטצעוואקסענעם אַלטן קליאָן, וואָס ניט ווײַט פון דער קרענעצע.

מיט א פארטײַעטן אָטעם איז ער געבליבן שטיין אונטער אן אַלטער בערעזע, דערזעענדיק, ווי זעלדע איז ארויסגעלאָפן פון איר הויף מיט א צווײַגל אין דער האנט. אָפּגעזוכט אין דער טשערעדע א שווארצע קו מיט ווײַסע פלעקן, האָט זעלדע זי צערטלעך א גלעט געטאָן איבער דער גלאנצנדיקער פעל און אוועקגעטריבן צום הויף.

די קו האָט זיך דורכגעשלײַכט דורך דער פירטקע, גאדלעסדיק ארײַן אין הויף, פארריסן דעם קאָפּ צום הימל און הויך זיך צערעוועט, ווי זי וואָלט אונטערגעזאָגט דער באַלעבאָסטע, זי זאָל וואָס גיכער זי אָנפּויען און אויסמעלקן.

זעלדע האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטן. זיך איבערגעטאָן אין איר וואָכעדיק קלייד, וואָס האָט שטײַף ארומגענומען איר שלאנקע פיגור, איז זי צוגעקומען מיטן מעלקשעפל צו יענעם ווינקל, ווו עס איז געשטאנען די קו.

דאַוויד איז צוגעגאַנגען נעענטער צום פּלויט, זיך פאַרשטעלט הינטער אַ בוים און ניט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון דער מעלקערן.

אין איר וואַכעדיק קליידל, אינעם ווײַסן קאָפּטיכל האָט זעלדע אויסגעזען נאָך כיינעוודי־קער. זי האָט געטאָן איר אַרבעט גענייט, שנעל, ניט פילנדיק, ווי עמעצער שפּירט אַזוי אָנ־געשטרענגט נאָך איר, נאָך יעדער באַוועגונג.

ער אַליין האָט אָבער גלײַך באַמערקט, ווי צוויי פּרויען קוקן אויף אים מיט כּשד. ער איז גלײַך אַוועק פונעם פּלויטל, ניט וויסנדיק, וואָס ער זאָל טאָן: שוין אַרײַנגיין צו זעלדען אין הויף, אָדער צוּוואַרטן אַ ביסל. דערבײַ האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער דאַרף געוויס זײַן ענלעך אויף אַ רועך, פון קאָפּ ביז די פּיס אין שטויב, און ער האָט פאַרקערעוועט צום טײַך. אַרומגעוואַשן זיך, אַראָפּגעשווענקט פון זיך דעם געדיכטן שטויב, האָט ער זיך גלײַך דערפילט פרישער און מונטערער. צוגעקעמט די טשופּרינע, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און שנעל פאַרשווונדן אינעם געדיכטן, ווײַטן וואַלד. מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ איז ער אַוועק צו זעלדעס שטוב.

זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר קאַליטקע, גנייוויש זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער שפּירט אים ניט נאָך, איז ער שטילערהייט אַרײַן אין הויף און געבליבן שטיין.

זעלדע איז אַרויסגעלאָפן אויפן נידעריקן גאַנעקל, דערשראָקן באַקוקט דעם אומבאַקאַנטן באָכער און זיך אָנגערופן:

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— אַ טרונק וואַסער, אויב איר האָט...— האָט ער זיך אָנגערופן.

— עפּשער וועט איר אויסטרינקען אַ קווארטל מילך?.. נאַרוואָס אויסגעמאַלקן!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן...

זעלדע איז אַרײַן אין שטוב און אײַנגיכן ווידער אַרויס אויפן גאַנעקל מיט אַ קריגל מילך. צוגעקומען אַ ביסל נעענטער, איז זי געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט, דאָס קריגל איז אַרויסגע־פאַלן פון אירע הענט, און די מילך האָט זיך צעגאָסן אויפן גראָז.

— גאָט מײַנער!.. דאַוויד? ווי קומט איר אַהער?..

אַ צאַרטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט אויף זײַן פאַרברוינט פּנים.

— זע נאָר, האָסט מיך גלײַך דערקענט...

— פאַרוואָס זאָל איך אײַך ניט דערקענען?.. און איך האָב געמיינט, איר וועט קיינמאָל מער ניט זײַן בײַ אונדז.

— פאַרוואָס?

— די שטאָטישע פאַרגעסן גלײַך, ווו מע האָט זיי אַמאָל אויפגענומען, געגעבן אַ נאַכט־לעגער, — האָט זי אַרויסגערעדט מיט פאַרדראָס.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, זעלדע? ס'איז ניט עמעס!

— איר האָט דאָך געבעטן אַ טרונק, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן און אַוועקגעלאָפן נאָך אַן אַנדער קריגל מילך.

זי האָט אים אָנגעגאָסן אַ פולע קווארט מילך, נײַגעריק געשפּירט ווי ער טרינקט און אָנגעוויזן אויף דער באַנק, וואָס אונטער דעם אַלטן באַרנבוים.

— זעצט זיך צו. איך זע, איר זײַנט פאַרמאַטערט...— האָט זי געזאָגט.

ס'איז געווען צו זען, אַז זי איז זייער צופרידן, וואָס דאַוויד איז ווידער געקומען, נאָר זי האָט ניט געוואָלט דאָס אַרויסווײַזן, האָט זי אַרויסגערעדט גאַנץ געלאַסן:

— מיט וואָס פאַר אַ ווינט האָט עס אײַך ווידער פאַרטראָגן אין אונדזער קאַנט?

דאַוויד האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן. ער האָט ניט געוואָלט אויסזאָגן, ווי קומט ער אַהער, און גענומען שטאַמלען:

— איך בין געווען דאָ ניט ווײַט, בײַ מײַנע קרוויים, און באַשטימט מיטן וועג אַרײַנגיין צו אײַך...

— איר האָט דאָ ערגעץ קרוויים? — האָט זי זיך פאַרוווּנדערט. — פאַרוואָס זשע האָט איר דאַן ניט געזאָגט?

דאַוויד האָט זיך פאַרויטלט:

— דאָס הייסט, ניט אינגאַנצן קיין קרוויים. אַזוי, באַקאַנטע...

— נו, הערט אויף צוטראַכטן! ניט שייך אַזוי! אויב איר ווילט ניט זאָגן דעם עמעס, וועל איך אײַך ניט צווינגען. איך זע, אַז איר האָט זיך שוין פאַריכט און די קוליעס אַוועקגעוואָרפן... דאָס איז זייער גוט... יענץ מאָל האָט איר אויסגעזען ערגער...

דאַוויד האָט געקוקט אויף דעם צעשטרייטן מיידל און ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי איז זי צופרידן דערמיט, וואָס ער איז געקומען, צי ניט? דאָס ערשטע מאָל, ווען דאַוויד איז דאָ גע־

ווען און די מאַמע האָט באַמערקט, אַז זעלדע איז צו אים ניט גלײַכגילטיק, האָט זי, נאָך דעם, ווי ער איז אַוועקגעפאָרן, אַלץ געטאָן, קעדיי אים פאַרמײַסן אין דער טאָכטערס אויגן. און טאַקע דעמלט האָט די מאַמע איר אַנטפּלעקט אַ גרויסן סאָד: ס'איז ניט עמעס, וואָס זי האָט זעלדען די גאַנצע צײַט אײַנגערעדט, אַז איר טאַטע איז געשטאָרבן גיך נאָך דעם, ווי זי איז געבוירן געוואָרן... ניט עמעס. עס איז אַמאָל געקומען פון מינסק אַ באָכער, זיך פאַרליבט אין איר, אין לייען, צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. זי האָט פאַר אים כאַסענע געהאַט, נאָר אינגיכן איז אים אומעטיק געוואָרן אין יישעוו איז ער אַוועקגעפאָרן און ווי אין וואַסער אַרײַן.

לייע האָט זיך געגנוג אָנגעליטן צוליב איר ביזאָיען. די ישוווניקעס זײַנען איר דערגאַן די יאָר, זי האָט זיך שיר ניט גענומען דאָס לעבן.

זינט יענער צײַט, קאָן לייע ניט אָנקוקן קיין שטאָטישע כעוורע. און זעלדען האָט זי פאַרזאָגט, זי זאָל לעמאַנאַשעם קיינמאָל ניט קוקן אַף די שטאָטישע ליגנער. פון זיי קאָן מען דערוואַרטן נאָר אומגליק, צאָרעס...

מעגלעך, דערפאַר האָט איצט זעלדע געקוקט אַף דעם באָכער מיט פאַרטײַעטער מוירע און ניט געוווּסט, וויאַזוי זי זאָל זיך אופירן מיט אים?

דאָוויד האָט איר דערציילט, אַז ער אַרבעט אין שטאָט און ווי גוט איז ווײַנען אין אַ גרעסערער שטאָט, ווו מע דאַרף זיך ניט פּאָרען בא דער ערד און האָבן צו טאָן מיט פּי, אויפּעס. ער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז ער ווערט אַ סאַך אָן אין אירע אויגן.

נאָר ער האָט דערפון ניט געוווּסט. און ער האָט איר דערציילט דעם גאַנצן עמעס, ווי ער האָט געצײַלט זיך זען מיט איר, אַז זי איז אים אײַנגעבאַקן אין האַרצן.

זעלדע האָט זיך אָבער אײַנגעהערט אין זײַנע רייד אַ פאַרגאַפּטע, נאָר ניט געקאָנט בײַ־קומען די שרעק, דערמאָנענדיק זיך, וואָס די מאַמע האָט איר דערציילט וועגן איר אומגליק־לעכער ערשטער און לעצטער ליבע. זעלדע האָט מיט פּאַכעד געטראַכט, אַז אָט־אָט וועט די מאַמע זיך אומקערן פון דער שוועסטער, וואָס וווינט אין צווייטן עק יישעוו, דערזען דעם באָכער און אים אַרויסטרײַבן פונעם הויף.

עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, און זעלדע האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווו וועט דער אומדערוואַרטער גאַסט זיך אַהינטאָן. די מאַמע וועט אים אַוודע ניט דערלויבן דאָ איבער־נעכטיקן. נאָר אים אָפּלאָזן האָט זעלדע אויך ניט געוואָלט. זי האָט געפילט, אַז בא איר אין האַרצן קומט עפּעס פאָר אַזוינס, וואָס איר איז ביז איצט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. ניט ווייניק ייִנגלעך פונעם יישעוו פאַרקוקן זיך אַף איר, לאָזן זי די גאַס ניט דורכגיין, שיקן שוין אַרײַן שאַדכאָנים, נאָר זי איז צו דעם אינגאַנצן גלײַכגילטיק. און אָט דער יונג איז איר אַרײַן אין האַרצן און אופגערודערט אירע מיידלשע געפילן. זי וואָלט זייער געוואָלט זיך צווזעצן נעענטער צו אים, זיך צוטוליען, נאָר ניט געוואַגט, פאַרקערט, זי האָט זיך באַמיט זײַן מיט אים שטרענג, ניט ענטפערן אַף זײַנע צאַרטע רייד, ווייניקער זיך באַגעגענען מיט זײַנע שיי־נע אויגן.

פּלוצלינג האָט זי זיך געכאַפּט.

„ער וויל געוויס עסן, נאָר ער שעמט זיך זאָגן, און מיט דער קוואַרט מילך, וואָס זי האָט אים אַרויסגעטראָגן, וועט ער זאַט נישט זײַן",— האָט זעלדע אַ טראַכט געטאָן און גלײַך אופ־געשפּרונגען פון דער פּריזבע, אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און אַרויסגעטראָגן אַ האַלב לעבל קאָרנברויט און אַ טעלער סמעטענע.

— אוי, אַ נאַרישער קאָפּ! — האָט זי שמייכלענדיק אים אונטערגעטראָגן דאָס עסן.— איך האָב פאַרגעסן, אַז איר קערט זײַן הונגעריק פונעם וועג...

— ניין, טײַערינקע, אַ גרויסן דאַנק... איך בין ניט הונגעריק. לעמײַ זאָלסטו זיך מאַט־ריִען זײַן!... איך בין ניט הונגעריק...

ער האָט מיט זשעדנע אויגן אַ קוק געטאָן אַף שמעקנדיקן ברויט און אַפן טעלער סמע־טענע, צו וועלכן ער וואָלט זיך מיטן גרעסטן פאַרגעניגן גענומען, נאָר זיך געשעמט, ניט גע־וואַגט.

— נעמט, דאָוויד... איר האָט זיך ניט וואָס צו שעמען. מיר זײַנען פּראָסטע מענטשן, ניט אַזעלכע, ווי בא אײַך אין שטאָט...— זי האָט אים דערלאַנגט דעם טעלער סמעטענע און באַ־שאָנקען אים מיט זייער אַ וואַרעמען צאַרטן בליק.

— וואָס זשע, — האָט דאָוויד דערווידערט, — די שטאָטישע מענטשן זײַנען דען אַנדערע? מענטשן זײַנען אומעטום די זעלבע.

— ניין, דאָוויד, זאָגט ניט... די שטאָטישע זײַנען ניט אַזעלכע, ווי מיר. יענע קאָנען אָפּ־נאַרן...

אופגעהויבן אַף זעלדען אַ שמייכלענדיקן בליק און באַמערקט, ווי זי איז פאַרזאָרגט, האָט ער געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי אופגעבראַכט אַף די שטאַטישע? זיי האָבן דיר אַמאָל שלעכטס געטאָן?

— מיר ניט... פרעגט בא מײַן מאַמען... זי ווייסט בעסער...— האָט זעלדע באַרויגעזלעך אָפּגעענטפערט.

ער האָט ניט באַוויזן אַראָפּשלינגען דעם ביסן, ווי פון יענער זײַט פלויט האָבן זיך דער־הערט שנעלע טריט. זעלדע האָט זיך אופגעהויבן און מיט אַן אומרויִקער שטים אַרויסגע־בראַכט:

די מאַמע גייט...

און אַ בלייכע זיך געלאָזט אַנטקעגן דער מוטער.

דאַוויד האַמעלעך האָט זיך געפילט אָפּהענטיק. עפשער געדאַרפט געוועזן פריִער אַוועקגיין? און עפשער אינגאַנצן אַהער ניט קומען? זעלדע וועט שוין, זעט אויס, אַרײַנכאַפּן פון איר מאַמען.

דערזען דעם באַכער זיצן אַף דער פריזבע לעבן באַרנבוים, האָט לייע זיך פאַרקרימט. זעלדע האָט גענומען דערקלערן:

— מאַמע, מיר האָבן הײַנט אַ גאַסט... דו דערקענסט אים ניט? דאָס איז דאָך דאַוויד מאַרקוס... יענער סאָלדאַט, וואָס איז בא אונדז געווען... דו דערקענסט אים ניט, ווײַל דעמלט איז ער געווען אין אַ שינעל און געגאַן אַף קוליעס... ער האָט דאָ בא אונדז אַפילע איבערגע־נעכטיקט... עמעס, ער האָט זיך שטאַרק געענדערט... ער האָט זיך שוין אויסגעהיילט אַ ביסל... ער וווינט אין גלושעוו...

— זייער פײַן — האָט די מאַמע אַרויסגעזיפּט דורך די ציין און אָפּגעמאָסטן דעם ניט געבעטענעם גאַסט מיט אַ בייזן בליק.

זעלדע איז געבליבן שטיין אַ פאַרומערטע, נאָכשפּירנדיק נאָך דער מאַמען. דאַוויד האָט אָפּגערוקט אין אַ זײַט דעם טעלער און זיך אופגעהויבן.

— מע דאַרף גיין... — האָט ער זיך אָנגערופן און גענומען אין האַנט דאָס שטעקל.

— וווּהין זשע וועט איר גיין אַקעגן נאַכט? — האָט זעלדע ווי געבעטן זיך.

— נישקאָשע, איך וועל גיין... איך זע, די מאַמע איז באַרויגעזט...

— איר דאַרפט אַף איר קיין פאַריבל ניט האָבן... — האָט זעלדע געפרוווט אים באַרויִקן, — זי איז ניט קיין בייזע...

— איך זע... — האָט ער ווייטעקלעך אַ שמייכל געטאָן און זיך געלאָזט צו דער קאַליטקע. אין דער מינוט האָט ער דערהערט לייעס בייזע שטים:

— זעלדע, שוין שפּעט!.. דו דאַרפסט דאָך אופשטיין גאַנצפרי...

— באַלד וועל איך גיין. שרײַ ניט אַזוי... — און שטאַרק אַ פאַרוויטלטע געפרעגט בא דאַווידן:

— ווּ זשע וועט איר נעכטיקן?

דאַוויד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— פּאָר אַ סאָלדאַט איז דאָס ניט קיין פראַגע... — אָנגעוויזן אַף די קאָפּיצעס היי, ניט ווײַט פונעם טײַך האָט ער צוגעגעבן: — זעסט ניט? אַ גרויסאַרטיקער געלעגער!

— און איר וועט ניט מוירע האָבן דאָרטן איינער אַליין?

ער האָט שטילערהייט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און פאַרזיכטיק אָנגענומען דאָס מיידל פאַר דער האַנט:

— אַוואַדע וועל איך מוירע האָבן... איז עפשער וועסטו קומען אַהין?

— וואָס רעדט איר! די מאַמע וואָלט מיך דערהאַרגעט...

ווידער דערהערט דער מאַמעס רוף, האָט זי זיך אונטערגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער, אין איין אויגנבליק אַרומגעכאַפּט דאַווידן, אַ הייסן קוש געטאָן אין די ליפּן און אַוועקגעלאָפן צו דער טיר.

זי האָט זיך באַהאַלטן אונטער די זשאַסמין־קוסטעס, שפּירנדיק, וואָס וועט ער טאָן. אַ גליקלעכער, ווי אַן עמעסער דאַוויד האַמעלעך, האָט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט צום טײַך, ווּ עס האָבן זיך אָנגעזען די קאָפּיצעס שמעקנדיק היי.

איבערן הימל איז געשוועמען די פולע לעוואָנע און זיך געשפּיגלט אין די זױבערע כוואַ־ליעס פונעם טײַך. דאַווידן האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער אַרום, די גראָזן, דיביימער, די קוסטעס און אַפילע די פראָשן, וועלכע האָבן געקוואַקעט אַפּן ברעג, זײַנען אים מעקאַנע דער־פאַר, וואָס דאָס שענסטע מיידל אין דער וועלט האָט אים אַ קוש געטאָן.

האָ הייסט עס, האָט זי אים ניט פאַרגעסן? זי האָט אויך די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן אים!
צום ערשטן מאָל פאַר דער לעצטער צײַט האָט ער זיך דערפילט גליקלעך.

דאָווויד האָט זיך פאַרגראָבן אין דעם שמעקנדיקן פרישן היי און זיך דערפילט מאַמעש אַפן זיבעטן הימל. ווער איז געוועזן גלײַך צו אים?

## דאָס עלפטע קאַפּיטל

זעלדע האָט שטילערהייט אַריבערגעטראָטן די שוועל און דערפילט אַף זיך דער מאַמעס בייזן בליק. וואָס טראַכט זי זיך, די נאַרישע מוידן! אַרײַנגעלאָזט אין הויף אַ פרעמדן באָכער און זיצט מיט אים קוצעניר־מוצעניר! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן! עס איז נאָך אַ נעס, וואָס די שכיינים האָבן זי ניט געזען מיטן באָכער. אַרײַנפאַלן אין זייערע פיסקלעך, וואָלט זעלדע געהאַט אַ שיין פּנים!

די מאַמע האָט זי גוט אויסגעזידלט, דאָס וויפלטע מאָל דערמאָנט איר אייגענעם וויסטן גורל. וואָס זשע וויל זי, זעלדע, זיך מוטשען דאָס גאַנצע לעבן, ווי זי, די מאַמע, האָט זיך אָפּגעמוטשעט? וואָס זשע, זעלדע איז, כאַליִע, אַ קרומע, צי אַ שטומע, זי זאָל זיך ניט קאָנען אָפּזוכן איר עמעסן זיוועג?

די מאַמע האָט גערעדט און גערעדט, אַרויסגערעדט איר ביטער האַרץ, און זעלדע האָט זיך געמוזט איבערדעקן מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, קעדיי ניט הערן דער מאַמעס מוסער. זי איז שוין ניט קיין קליין מיידעלע און פאַרשטייט שוין אַליין אויך עפּעס. זעלדע האָט אַלץ געזען פאַר זיך דעם טײַערן און באַשיידענעם באָכער, וואָס איז אָקאָרשט געזעסן לעם איר אַף דער פריזבע, און זי האָט זיך געפילט גליקלעך.

די מאַמע האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך, אויסגעשאָטן נאָך אַ ביסל קאַס און אײַנגיכן אײַנגעשלאָפן.

זעלדע האָט עטלעכע מינוט זיך אײַנגעהערט, ווי די מאַמע כראָפּעט אונטער און זיך דערפרייט. איצט וועט מען קאָנען באַטראַכטן, וואָס דאַרף זי ווײַטער טאָן.

כאָטש זי איז געוועזן שטאַרק מיד פון דער אומדערוואַרטער באַגעגעניש מיט דאָווידן, נאָר דער שלאָף האָט זי ניט גענומען. זי איז געוועזן שטאַרק אופגערודערט. עמעס, אין דער לעצ־טער רעגע האָט זי זיך שטאַרק באַנאַרישט. זי האָט, מעגלעך, ניט געדאַרפט געוועזן אים אַ קוש טאָן... נאָר זי האָט ניט קיין כאַראָטע. זאָל די מאַמע מיינען וואָס זי וויל. דאָווויד איז איר געפעלן מער פון אַלע כעוורע, וועלכע קלאַפּן אין איר טיר!

דאָווויד איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען איר פאַר די אויגן. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער זיצט דאָרטן איינער אַליין אַפן ברעג טײַך און טראַכט וועגן איר. עמעצער פון אירע כאַ־וועריטעס האָט איר אַמאָל דערציילט, אַז אין דער צײַט, ווען דו טראַכסט שטאַרק וועגן דײַן געליבטן, טראַכט ער וועגן דיר... און נאָך האָט איינע אַ כאַווערטע אירע געזאָגט, אַז אויב דו ווילסט זען, ווער עס וועט זײַן דײַן באַשערטער, דאַרפסטו אופשטיין אינמיטן דער נאַכט און לאַנג־לאַנג שטיין פאַרן שפּיגל און זיך אײַנקוקן אין אים. זעלדע האָט שוין אַ פּאָר מאָל גע־פּרוווט זיך אופכאַפּן אינמיטן דער נאַכט און קוקן אין שפּיגל, נאָר כוץ זיך אַליין האָט זי אינעם שפּיגל קיינעם ניט געזען!..

און איצט, אָן שום שפּיגל, ווען זי ליגט אַף איר ווייכן געלעגער און טראַכט וועגן אים, שטייט איר די גאַנצע צײַט פאַר די אויגן דאָווויד. אָט זעט זי אים אין דעם סאָלדאַטישן אָנטאָן מיט די קוליעס אונטער די פּאַכווס אַ פאַרוואַקסענעם ווי אַ בער, און אָט זיצט ער אָנגע־שפּאַרט אין זײַן שטעקל, קוקט אַף איר מיט זײַנע קלוגע און כיינעוודיקע אויגן, און זי פילט, ווי אַ לײַכטער פיבער גייט דורך איבער איר לײַב. וואָס זשע קומט מיט איר פאָר? צי דען קאָן מען אַזוי גיך פאַרלירן דעם קאָפּ? צי דען מעג מען אַזוי גיך זיך אײַנליבן אין אַ מענטשן, וועלכן דו קענסט אַזוי ווייניק און וועלכער איז נאָך פאַר דיר דערוויײַל אַ רעטעניש?

און דאָך האָט זיך איר איצט געוואָלט ווידעראַמאָל באַגעגענען, זיך דורכרײדן מיט אים, דערוויסן זיך, צי איז דאָס ניט מער, ווי אַ שפּאַס? צי וועט ער זי נאָך אַלעמען ניט איבער־לאָזן מיט איר ווייטעק און איר ביזאָיען? נאָר צי דען איז ער אַזאַ, ווי די מאַמע האָט אים אויסגעמאָלט?

ניין, אַזוינס לייגט זיך ניט אַפן געדאַנק. וויפל די מאַמע זאָל איר ניט אײַנריידן, וועט עס איר ניט העלפן. זי וועט ניט פאַרמיִעסן אין אירע אויגן אָט דעם טײַערן באַשיידענעם באָכער!

דער הימל פון יענער זײַט פענצטער איז מיט יעדן מאָל געוואָרן אַלץ שוואַרצער און בייזער, די לעוואַנע האָט זיך ארויסגעדראפעט פון צווישן די וואָלקנס און געשײַנט שטאַרקער און זויבערער. עס האָבן זיך דאָ און דאָרט איבערגעוואונקען די שטערן. דער ווינט האָט זיך מיט יעדן מאָל פארשטאַרקט.

דאָרטן אין אַלקער איז די מאמע געשלאָפן מיט א שלאָף פון א גיבער, אזוי אז ווען עס הייבט מיטאמאָל אָן דונערן און בליצן, וואָלט עס זי ניט געקאָנט אופוועקן.

איצט האָט זעלדע שוין ניט געצווייפלט, אז דאָס האָט ער דורכגעמאַכט אזא שווערן וועג, קעדיי זיך זען מיט איר. זי איז געווען איבערצײַגט, אז קיין אנדערע איניאַנים און קיין שום קרויווים האָט ער ערגעץ דאָ ניט געהאַט. ער זיצט געוויס דאָרטן אפן ברעג טײַך איינער אַליין מיט זײַנע ביטערע מאכשאָוועס, און זי ליגט דאָ און טראַכט וועגן אים. צי וואָלט ניט געווען קיין גלײַכע זאך, זי זאָל זיך שטילערהייט ארויסכאַפּן פון דער שטוב און אוועקלויפן צו דאָווידן?

זעלדע האָט זיך אַליין דערשראָקן פאר איר זינדיקן געדאנק און זיך אַליין גענומען טאַד־לען. ווי האָט זיך געקאָנט צו איר יאַווען אזא ווילדער געדאנק — לויפן אינמיטן דער נאַכט צו א באָכער?! און וואָס וועט ער טראַכטן וועגן איר? זי וועט זיך דאָס ניט קענען מויכל זײַן דאָס גאַנצע לעבן...

זעלדע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אפן פענצטער, זיך אײַנגעהערט, ווי עס בושעווען דאָרטן דיביימער. זי איז געלעגן אָף איר בעטל, שווער געאָטעמט און געפילט, ווי עס ווערט איר אַלץ דושנער, ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. ניט אנדערש, ווי אָף א רעגן...

זיך איבערצײַגט אין דעם, אז די מאמע שלאָפט מיט א שטאַרקן שלאָף און קיין זאך וועט זי ביז טאָג ניט אופוועקן, האָט זעלדע זיך אופגעזעצט אפן בעטל, מיט פּאַכעד זיך ארומגע־קוקט, ווי זי זאָל זיך קלײַבן ערגעץ און שטילערהייט אראָפּ פונעם געלעגער, פּאַרזיכטיק אָנ־געטאָן איר לײַכטע קלייד, גענומען אָף די אַקסלען דער מאַמעס גרויסע וואָלענע שאַל, זיך אײַנגעוויקלט, און אָף די שפּיץ פינגער זיך ארויסגעכאַפּט אין דרויסן.

א פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען אפן גאַנעקל, זיך געקווענקלט, און מיטאמאָל זיך דער־מאָנט, אז זי האָט פארגעסן אין אײַלעניש אָנטאָן די שיך, נאָר זיך אומקערן ניט געוואָלט — א שלעכטער סימען — און א באָרוועסע זיך אוועקגעטראָגן צום טײַך, ווו די קנאָפּע לעוואָנע־שײַן האָט קוים באַלויכטן די עטלעכע קאָפּיצעס ניט לאַנג אָפּגעשניטענע היי.

דאָס האַרץ אירס האָט זיך מיט יעדער רעגע געשלאָגן אַלץ האַסטיקער און איר האָט זיך געדאַכט, אז אָט־אָט וועט עס ארויספלִיִען פון דער ברוסט.

זי האָט זיך ניט באַוויזן ארומקוקן, ווי זי איז שוין געווען אפן ברעג, זיך מיט פּאַכעד ארומגעקוקט, צי האָט זי קיינער ניט געזען אהער לויפן. זיך איבערצײַגט, אז דער איינציקער אײדעס איז געווען דאָס ריפּטל לעוואָנע און די עטלעכע שטערן, וועלכע זײַנען נאָך ניט אנט־רונען הינטער די וואָלקנס, איז זי צוגעגאַנגען שטילערהייט צו דער עטוואָס צעוואָלגערטער קאָפּיצע היי.

אײַנגעניוועט אין דער שמעקנדיקער קאָפּיצע, איז דאָוויד האמעלעך געלעגן, און, אָפּאָ־נעם, געזען א שיינעם כאָלעם. זעלדע האָט זיך אונטערגעגאַנוועט נעענטער אָף די שפּיץ פינ־גער, געשטאַנען עטלעכע רעגעס איבער אים און באַטראַכט זײַן פאַרברוינט גוטמוטיק פּאָנעם. זי האָט זיך שוין געקליבן אנטלויפן צוריק, ניט צעשטערן אים אזא געשמאַקן שלאָף, נאָר פּלוצלינג האָט דאָוויד ברייט צעעפנט די אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָס שלאָפט ער און זעט א וואונדערלעכן כאָלעם. ער האָט מוירע געהאַט זיך א ריר טאָן, דער כאָלעם זאָל ניט פארשווונדן ווערן.

פאַר אים איז געשטאַנען זעלדע, וועמען ער האָט טאַקע אָקאָרשט געזען אין כאָלעם, א לײַכטע, א שלאַנקע און בייגעוודיקע מיט איר רייצנדיקן שמייכעלע אפן שײַנענדיקן פּאָנעם.

אין איין אויגנבליק איז ער אופגעשפּרונגען פון דער קאָפּיצע און שטײַף אײַנגעקלאַמערט דאָס מיידל אין זײַנע שטאַרקע אָרעמס.

זי האָט זיך קעגנגעשטעלט, זיך געפּרוּווט ארויסרײַסן פון זײַנע הענט, געשעפּטשעט, אז עס איז ניט גוט אזוי. נאָר מיט יעדער רעגע האָט זי זיך ווייניקער קעגנגעשטעלט, און מיטאמאָל צוגעזאָטן געוואָרן צו זײַן ברוסט, אים ארומגענומען פאַרן האלדז און גענומען קושן, אַליין ניט פארשטאַנען, ווי מע האָט זיך א וואַלגער געטאָן אפן היי, און אַלץ האָט זיך פאַר־דרייט אין א ווילדן קאַראַהאָד. ביידע האָבן שוין ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי און אָף וואָס פאַר א וועלט זיי געפינען זיך.

...קיינער פון זיי האָט ניט געוווּסט, וויפל צײַט עס איז אַדורך.

זיי זײַנען געלעגן אַפן פאַרשיקערנדיקן היי און ערשט איצט, ווען די לעוואָנע האָט זיך א ביסל אַרויסגערוקט פון אונטער א כמאַרע און באַשײַנט דאָס גליקלעכע פּאָרל, האָבן זיי באַמערקט, אַז די קאָפּיצע איז אינגאַנצן צעוואַלגערט. באַגעגנט זיך מיט דאַווידס בליק, דערזען זײַן צעשויבערטע טשופּרינע, אירע נאַקעטע בריסט, האָט זעלדע שעמעוודיק זיך אָפּגעקערט און צוגעדעקט זיך מיט דער גרויסער שאַל:

— דאַווידקע, טײַערער מײַנער, קוק ניט אַף מיר. ווי שעמסטו זיך ניט? — האָט זי קוים אַרויסגעבראַכט, צוגעמאַכט די אויגן און ווידער צוגעזאָטן געוואָרן צו אים מיט אירע ברענענדיקע ליפּן.

מיט א פאַרטײַעטן אָטעם האָט ער געקוקט אַף איר און מיטאַמאָל דערהערט איר שטיל געוויין.

— זעלדע, טײַערינקע, וואָס וויינסטו? וואָס איז מיט דיר?.. — האָט ער געפרעגט א דערשראָקענער.

— מע דאַרף ניט פרעגן... איך, איך אַליין בין שולדיק, — האָט זי קוים אַרויסגעשעפּטשעט, — איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך בין אַזא שוואַכע... איך אַליין בין שולדיק... וואָס האָב איך געדאַרפט גיין צו דיר? פאַרוואָס ביסטו געקומען אַהער? ווען דו קומסט ניט, וואָלט איך געטראַכט, אַז אונדזער פרילינגדיקע באַגעגעניש איז געווען א שיינער כאָלעם. און איצט?..

דאַוויד האָט זי געגלעט, געצערטלט, געקושט, געווישט פון אירע אויפגעפלאַמטע באַקן די טרערן, נאָר זי ניט געקאָנט באַרויִקן.

ער האָט זי ווידער אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אַרײַנגעקוקט אין אירע גרויסע אויגן. ער האָט דערזען דאָרטן אַזויפל פּײַן, אַזויפל שרעק, אַז בא אים האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— נאַרעלע, מע דאַרף ניט אַזוי... דו ווייסט, איך האָב דיך ליב באַקומען נאָך דעמלט, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען. איך האָב די גאַנצע צײַט ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דיר.

— דאָס איז געווען דעמלט... — האָט זי אים מיט דער האַנט פאַרשטעלט דאָס מויל. — דאָס איז, דאַווידקע, געווען דעמלט. איצט וועסטו מיך פאַראַכטן, וועסט ניט וועלן א קוק טאָן אין מײַן זײַט...

— רעד ניט קיין נאַרישקײַטן, טײַערע, איצט ביסטו מיר נאָך טויזנט מאָל ליבער, האַרציקער. גלייב מיר...

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א לאַנגן, דורכדרינגעוודיקן בליק, וואָס האָט געדאַרפט באַטײַטן:

„דו זאָגסט ניט דעם עמעס... די מאַמע איז, דאַכט זיך, געווען גערעכט, ווען זי האָט געזאָגט, אַז די שטאָטישע לײַגן“...

דאַוויד האָט געשוויגן. ער האָט ניט געקאָנט צוקלײַבן פאַר איר די נייטיקע ווערטער אַף באַרויִקן זי, דערווײַזן איר, ווי גליקלעך ער איז, ווי ער האָט זי ליב און ווי ער וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זעלדע האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויפגעהערט וויינען.

זיי זײַנען געשטאַנען עטלעכע מינוט אַפן ברעג און געשוויגן. בא זעלדען איז געווען מוירעדיק פוסט אַפן האַרצן, און די געדאַנקען זײַנען געווען נאָך שרעקלעכער. וויפל דאַוויד האָט זי ניט געצערטלט, געבעטן, זי זאָל זיך ניט באַמרויִקן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. די שווערע געדאַנקען, די שרעק האָט זי ניט געלאָזט אים גלייבן. זי האָט געוווּסט איינס, אַז זי האָט דערלאָזט א שרעקלעכע נאַרישקײַט, פאַרלוירן דעם קאָפּ און דער רועך ווייסט, וואָס מע טראַכט צו און וויאַזוי זי וועט קענען לעבן אַף דער וועלט.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס באַרויִקט ער זי גלאַט אַזוי און ווי נאָר ער וועט זיך אומקערן אין שטאָט און דאָרטן באַגעגענען שיינע, רײַכע מיידלעך, וועט ער זי, זעלדען, גלײַך פאַרגעסן.

אײַנגעקוטעט זיך אין דער שאַל, פאַרלייגט די הענט אונטער דער ברוסט, האָט זי זיך געלאָזט גיין באַרג־אַרויף. זי איז געגאַנגען ניט געײַלט, געפּרוּווט מיט די פינגער צוקעמען די צעשויבערטע האָר, נאָר דאָס ווינטל האָט זיי אָפּסנײַ צעפּאַטלט. זי האָט געשפּאַנט מיט די באָרוועסע פיס איבער די ווייכע באַטויעטע גראָזן, און פון מאָל צו מאָל האָט די קראָפּעווע א בראָט געטאָן אירע פיס, נאָר זי האָט דאָס ניט געפילט. זי איז געגאַנגען א דערשלאָגענע, פול מיט פּאַכעד פאַר דעם, וואָס עס וואַרט אַף איר אין דער היים, אויב די מאַמע שלאָפט ניט און האָט געזען, וווהין זי איז אינמיטן דער נאַכט אַוועקגעלאָפן.

אופגעהויבן זיך אפן בארג, האָט זי זיך אָף א ווײַלע אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט צום ברעג, ווו דאָוויד איז געשטאַנען א שײַנענדיקער, א גליקלעכער. ער האָט צו איר א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, נאָר זי האָט ניט געענטפערט, זי האָט פארגיכערט דעם טראָט, גלײַך געוואָלט וואָס גיכער פארגעסן סײַ אים, סײַ דאָס, וואָס איז צווישן זיי זיך פארלאָפּן.

דאָוויד איז נאָך א צײַט געשטאַנען נעבן דער צוואָלגערטער קאָפּיצע היי און געקוקט אהין, ווו זעלדע איז אָקאָרשט פארשוווּנדן געוואָרן.

ער האָט נאָך געפילט די װאַרעמקײַט פון איר לײַב, דעם צאַפּל פון איר האַרץ. נאָר אים איז שווער געווען פארשטיין, פארוואָס איז זי אוועק אָן א זײַ־געזונט, אזא דערשלאָגענע און אזא אומגליקלעכע... און ער האָט, פונקט ווי זי, זיך דערפילט אומגליקלעך.

וואָס זשע האָט ער איצט געקאָנט טאָן, קעדיי זי בארויִקן? עפּשער לויפן צו איר, זאָגן, דערוויַיזן, אז זי דאַרף זיך ניט קאַטעווען, אז ער האָט זי נאָך שטאַרקער ליב, אז ער וועט זי ניט פארלאָזן, און אויב עס וועט געבוירן ווערן א קינד, וועט עס ניט זײַן קיין יאַסעם? נאָר צי דען האָט זי אַליין ניט דערפילט, אז צוליב איר איז ער גרייט אָף אַלץ?

ניין, איצט טאָר ער צו איר ניט קומען. איר מאַמע וועט אים ארויסטרײַבן.

ער איז נאָך לאַנג אזוי געשטאַנען, פארטאָן אין זײַנע אומרויִקע געדאַנקען, ביז ער האָט באמערקט, ווי דאָרטן, פון יענער זײַט וואַלד, אפן סאַמע האָריזאָנט האָבן זיך באוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער זון. האָט ער זיך געלאָזט צום גרויסן שליאַך וואַרטן אָף א פור. ער דאַרף דאָך נאָך הײַנט זײַן אין װאַרשטאַט, בא דער ארבעט. אויב ער וועט עטוואָס פאר־שפּעטיקן, איז ניט געפערלעך. דער באַלעבאָס וועט אים ניט שרײַען, קיין בעסערן מע־כאַניקער פון אים, דאָוויד, וועט ער אזוי גיך ניט געפינען. נאָר פונדעסטוועגן...

שפּאַנענדיק צום קרייצוועג, האָט דאָוויד זיך דערמאָנט די געשיכטע, וואָס איז זיך פּאַר־לאָפן מיט זײַן גוטן שאָכן זעליק דעם שטריקלדרייער. יענער האָט זיך אַמאָל אין א זונטיק פאַרטאָג אוועקגעלאָזט צופוס קיין אָרשע. געגאַנגען לאַנג־לאַנג. האָבן אים באגעגנט באַקאַנטע לאַנדסלײַט און געפרעגט:

— היי, רעב זעליק, וווּהין גייט איר עס אין אזא מוירעדיקער ספּעקע?

— וואָס זשע, איר זעט דען ניט, אז איך גיי קיין אָרשע?..

— וואָס זשע וועט איר דאָרטן טאָן?

— איך זאָל אזוי ניט וויסן פון קיין בייזער וועטשערע. הײַנט, זאָגט מען, דאַרף דאָרטן זײַן א יאַריד...

— איז וואָס?

— גאָרניט, איך גיי, עפּשער וועל איך דאָרט אָנטרעפן אָף א פור צוריק קיין גלושעוו...

## דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דאָס מיידל אזא צעבראָכענע, אין אזא שווערער שטי־מונג, האָט דאָווידן ניט געלאָזט רוען. ער האָט זיך מאַמעש קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, ניט אופגעהערט טראַכטן וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צו איר און זי בארויִקן, ריידן מיט איר מוטער.

מיט אומגעדולד האָט ער ארויסגעקוקט אפן שאבעס, קעדיי ווידער זיך אוועקלאָזן קיין ביליעוויטשי. ער איז ארומגעגאַנגען די גאַנצע צײַט, ווי א דולער, די ארבעט האָט זיך גע־וואַלגערט פון די הענט, און ער האָט ניט געוווּסט, וואָס עס קומט מיט אים פּאָר. ער האָט זיך וואָס גיכער געדאַרפט טרעפן מיט זעלדען. זי קער זיך מאַטערן און זי האָט עס ניט פארדינט בא אים. מער פאר אַלץ האָט אים באומרויִקט די באַגעגעניש, דער געשפּרעך מיט איר מאַמען.

און זעלדע האָט זיך געמאַטערט. איר האָט זיך געדאַכט, אז דאָוויד וועט שוין קיינמאָל צו איר ניט קומען. הײַנט קאָן מען זיך פאָרשטעלן, סאַראַ פרייד עס האָט זי ארומגעכאַפּט, ווען אין א שטיק צײַט ארום, שאבעס, איז זי געשטאַנען אפן גאַנעקל, פארטיפט אין אירע אומרויִקע געדאַנקען און פלוצלינג דערזען פון יענער זײַט פּליוטל גיין אהער דאָווידן! ער האָט ניט געוואָגט ארײַן אין הויף, נאָר א שעפּטשע געטאָן, אז ווען עס וועט טונקל ווערן, וועט ער אָף איר וואַרטן דאָרטן, אפן ברעג טײַך, לעבן דעם גרויסן פעלדז.

צוזאַמען מיט דער פרייד האָט זעלדע דערפילט א שטאַרקן אומרו. וואָס איז ער געקומען און וואָס וויל ער איר זאָגן?

אָבער וואָס אײגנטלעך?

זעלדע איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב, זיך צוגעפּוצט, פאַרקעמט די האָר און זיי אונטער־געבונדן מיט אַ רויטער סטענגע. זי האָט געוווסט, אַז צו איר פאַרברוינט פּאָנעם גייט זייער אונטער אַזאַ סטענגע. זי האָט אויך אָנגעטאָן דאָס יאָמטעוודיקע קלייד און צוגעגרייט די וואַ־רעמע שאַל. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, פיל אומרויִקע געדאַנקען, צי דען איז ער געקומען צו איר דאָס לעצטע מאָל? אויב אַזוי, צוליב וואָס איז געווען דער גאַנג אַהער?

זעלדען האָט זיך געדאַכט, אַז די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זי געמאַטערט די אומבאַוווּסטקײַט. און די מאַמע איז איר די גאַנצע צײַט דערגאַנגען די יאַר, געהאַלטן אין איין טײַנען, זעלדע זאָל דעם באָכער מער קיינמאָל ניט אַריבערלאָזן איבער איר שוועל. זי וויל אים ניט זען! זי דאַרף אים ניט!

קוים זיך דערוואַרט, ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער שטוב און מיט די גערטנער און זײַטיקע הייפלעך אַוועקגעלאָפן צום טײַך. דערזען דעם באָ־כער, האָט זי פאַרגעסן אין אַלע אירע בייזע מאַכשאָוועס און געפאַרן, אין דער מאַמען, אין אַלץ אַף דער וועלט, זיך אַ וואָרף געטאָן אין זײַנע אָרעמס, פּונקט ווי דעמלט, דאָס ערשטע מאָל.

עטלעכע מאָל איז ער געקומען אַהער, און זעלדע האָט זיך שוין פאַר גאָרניט און פאַר קיינעם ניט געשראָקן. די אַרומיקע מאָכיקע פעלדזן, דער שיינער ברעג, די הויכע טשערעטן און די אַלטע פאַרדײַגעטע ווערבעס זײַנען געווען די אײדעס פון זייער טרײַער ליבע.

אין איינעם פון די האַרבסטיקע פאַרנאַכטן זײַנען זעלדע מיט דאָווידן אַרײַנגעקומען אין שטוב און געמאָלדן דער מאַמען, אַז זי מעג זיי שוין באַגריסן, זיי זײַנען מאַן און ווײַב...

די מאַמע איז שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס, נאָר מע האָט זי גיך באַרויִקט.

זי האָט געמוזט אײַנגיין אַף זייער שידעך. מע האָט אָבער געפּראַוועט זייער אַ שטילע כאַסענע. און דאָס האָט בײַ אַ סאַך יִישוּווניקעס אַרויסגערופן אַ כשאַד.

אַזאַ מויד, אַזאַ גאָלד, האָבן די שכיינים גערעדט, האָט אַוואַדע פאַרדינט אַ שענערע כאַ־סענע... נאָר וואָס קאָן מען מאַכן. אַזוי האָט געוואָלט לייע, זעלדעס מאַמע. און אַלע ווייסן, סאַראַ אַקשנטע זי איז.

אָבער ניט ווייניקער וווּנדער האָט אַרויסגערופן דאָס, וואָס אַזאַ גאָלדענער באַלמעלאָכע פון דער „פירמע זינגער" אין גלושעוו האָט זיך פאַרליבט אין אַ דאָרפישער מויד און זי פאַר־קנאַסט. וואָס זשע וועט איצט זײַן? זעלדען וועט די מאַמע אין שטאָט ניט אָפּלאָזן, און דער מאַן אירער וועט אין דאָרף ניט אַריבערפאָרן. מע דאַרף דאָך זײַן פריש, געזונט און מעשו־גע...

קורץ גערעדט, אויב ביליעוויטשי האָט זיך געלעבט שטיל און רויִק, האָט מען איצט אין אַלע הײַזער באַטראַכט, וואָס וועט זײַן מיט דעם פּאָרל. יאָ, בייזע צינגער האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ פרייִלעך שטיקל אַרבעט.

אייניקע האָבן געבוירטשעט שטילערהייט, אַז זעלדע האָט, נעבעך, געמוזט אין אײַלעניש כאַסענע האָבן, קעדיי איר מאַמזער זאָל ניט געבוירן ווערן פאַר דער כאַסענע, זי האָט געמוזט כאַפּן, ווער עס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט, עס זאָל כאָטש זײַן באַם קינד אַ שטיקל טאַטע. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן געברײַעט, אַז די מויד איז פּאָשעט אַראָפּ פון זינען, גע־פּאַקט עפּעס אַ קרומען באָכער, אַ קאַליקע און פאַר אים כאַסענע געהאַט אויס ראַכמאָנעס...

עס זײַנען אָבער געווען אויך אַזוינע, וועלכע האָבן געדאַבערט, אַז דער פרעמדער רועך וועט זיך לעבן זעלדען האַלטן, וויפל אַ סאָראָקע אַפן דאַך.

ווען מע האָט זיך געווענדט צום היגן ראָוו, דעם בלינדן שײַקע לייבענזאָן, מיט וואָס קאָן ער דערקלערן דעם מאָדנעם שידעך, האָט ער פאַרגלאָצט זײַנע קאָסאָקע אויגן און אַ ציקע געטאָן מיט די אַקסלען.

— דאָס איז אַ גאָט־זאַך! — האָט ער געזאָגט. — אין דער הייליקער טוירע שטייט גע־שריבן שוואַרץ אַף ווײַס: קיינער איז נאָך ניט דערגאַנגען דעם סאָד פונעם פלוג פון דעם פויגל אין הימל, דעם גאַנג פון דער שיף אין יאַם און דעם וועג צו דער נעשאָמע פון אַ אישע...

— זעט איר דאָך, — האָט ער מיט ביטערניש צוגעגעבן, — אַז אונדזערע באָכערים שלאָפן, כאַפּט מען בײַ זיי אויס ווי פון אונטער די הענט דאָס בעסטע מיידל און זיי בלײַבן מיטן בײַטשל... אַ פרעמדער רועך קומט אַף אַ ווײַל און זעט אַף אַ מײַל. אַ פרעמדער רועך כאַפּט שטענדיק אויס דאָס בעסטע שטיק... דאָס איז, זעט אויס, ניט קיין פאַרשלאָפענער מאַלעך... אַ מיצווע אַף אונדזערע כעוורע די פּויליאַקעס!

נאָר זעלדען זײַנען אָט די אַלע קלוגע רייד ניט אָנגעגאַנגען אַפּילע אין דער לינקער פּיאַטע. זאָלן בייזע ציגנער כּויזעקן, וויפֿל ס'וועט אין זיי אַרײַן, זאָל די מאַמע קוקן קרום אָף זעלדעס באַשערטן, דאָוויד איז איר טײַערער פֿונעם לעבן.

וועגן דעם, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט און קלײַבט זיך אַריבערפֿאָרן אין אַ דאָרף צו זײַן באַשערטער, האָט דאָוויד דערוויַל קיינעם ניט דערציילט אין גלושעוו. עס האָט אָבער אַרויסגערופֿן אַ כשאַד דאָס, וואָס ער ווערט אָפּטלעך פֿאַרשוווּנדן פֿון דער שטאָט און מע קאָן אים אין ערגעץ ניט געפֿינען.

עס האָט אָבער אויך געטראָפֿן, אַז ער האָט זיך לענגער פֿאַרהאַלטן אין שטאָט און צו זעלדען ניט געקומען, דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל אין יישעוו.

מע האָט אָנגעהויבן שפּעטן איבער זעלדען:

— זע נאָר, טײַערע, ווו ווערט ערגעץ פֿאַרפֿאַלן דײַן באַשערטער? עפּשער האָט ער זיך שוין דאָרטן, אין גלושעוו, אָפּגעזוכט אַן אַנדערע?

— דײַן באַשערטער איז אַ שטיקל פֿילאָסאָף,— האָבן אַנדערע געזאָגט,— עפּעס צו לאַנג טראַכט ער דאָרטן, צי זאָל ער איבערפֿאָרן צו דיר, צי זאָל ער דאָרטן בלײַבן...

— וואָס זשע, אַזאַ גאָלדענער מעכאַניקער וועט פֿרעסירען די „פּירמע זינגער" און אַריבערפֿאָרן אַהער, קעדיי פֿאַשען זעלדעס ציגן?

נאָר זעלדע איז געווען פֿאַרליבט אין איר יונגן מאַן און געווען גרייט איבערטראָגן אַלע ביזיוינעס און ביטערע שפּאַסן.

די ידיעה, אַז דער שטילער, באַשיידענער דאָוויד האַמעלעך האָט זיך אײַנגעליבט אין אַ פּאַשעטער דאָרף־מויד און מע האָט אים גלײַך פֿאַרקנאַסט, האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע גאַס און דעם וואַרשטאַט „פּירמע זינגער", ווי אַ דונער אין אַ זוניקן פֿרימאָרגן.

הערט נאָר אַ מײַסע! מעשוגע, צי כאַסערדייע? וואָס איז געווען אַזוי דאָס כאַפּעניש? וואָס זשע, ער האָט מוירע געהאַט, אַז מע וועט זײַן שיינהײַט באַ אים אויסכאַפּן און ער וועט פֿאַרזיצן אַן אַלטער באָכער?

און ווען עס האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט לייבעש רודניצקי, איז ער געוואָרן מאַלע דעציכע, ניט אַזוי איבערן שידעך, ווי איבער דעם, וואָס דאָוויד קלײַבט זיך פֿאַרלאָזן די אַרבעט.

הערט נאָר אַ כאַזוירײַ, ער, לייבעש רודניצקי, קאָן מען זאָגן, האָט דאָווידן געמאַכט פֿאַר אַ מענטש, נעמט ער, דער פּאַסקודניאַק, און טוט אים אָפּ אַזאַ שפּיצל! וואָס זשע מיינט ער, דאָוויד האַמעלעך, אַז דאָרטן, אין דאָרף, וועט ער זיך אויך אָפּזוכן אַזאַ באַלעבאָס, ווי ער, מיט אַזאַ געהויבענער פּירמע?

— יונגאַטש איינער,— האָט לייבעש געטײַנעט צו אים,— דו ביסט באַם זינען? די באַשערטע דײַנע וויל בלײַבן באַ אירע ציגן, שיק זי אָפּ צו אַלדי רוכעס! וועסט זיך אָפּזוכן דרײַ שענערע. איך האָב דיך אַרופֿגעפֿירט אָף אַ וועג, פֿאַרמאָגסט אַ גאָלדענע מעלאָכע, וועסטו אַוועק פֿון אונדזער פּירמע? וואָס זשע, איך האָב דיר, כאַלילע, שלעכטס געטאָן? וועסט דאָרטן אין דאָרף פֿאַרוויאַנעט ווערן לעבן אירע ציגן!

לייבעש האָט אַפּילע געפּרוווּט אים צוווּאַרפֿן אַ לעקעכל:

— אויב די סכירעס זײַנען דיר וויניק, וועל איך דיר זיי העכערן. נעם אַ דרוק און שלאָג זיך אַרויס דאָס מעשוגאַס פֿונעם קאָפּ.

דאָוויד האַמעלעך האָט אויסגעהערט דעם באַלעבאָס און געשוויגן. ער האָט געטראַכט, ווי מע באַקומט אַרויס באַ אים דאָס ביסל מינץ, וואָס קומט אים, ער זאָל קענען אַוועקפֿאָרן צו זײַן באַשערטער.

צוויפֿגעלייגט דאָס ביסל האָב־און־גוטס, דעריקער זײַן אייגן ביסל קלאָפּערגעצײַג, האָט דאָוויד זיך אָפּגעזעגנט מיט די אַרבעטער, מיט וועמען ער האָט אָפּגעאַרבעט ניט איין יאָר, מיט זײַנע האַרציקע שכיינים, געדונגען אַ פֿור, אײַנגעפּאַקוועט אין איר אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, און אין איינעם אַ באַגינען פֿאַרלאָזט גלושעוו, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, פֿאַרזוכט זיס און ביטערס, קאַלטס און וואַרעמס, פֿרייד און לייד.

דאָס איינציקע, וואָס אים איז געווען אַ שאָד פֿאַרלאָזן, איז געווען דאָס שטיבעלע פֿון ליים, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קרומען גרינעם באַרג, ווו עס האָבן געוווינט זײַנע זיידעס און אורזיידעס. אים איז אויך אַ שאָד געווען זיך צעשיידן מיט די גוטע, האַרציקע געטרײַע שכיינים, מיט זײַן אַרבעט, וועלכע איז אים געווען ליב.

נאָר איצט איז שוין געווען שפּעט טראַכטן דערפֿון.

# דאָס דרײַצנטע קאַפּיטל

וויפֿל דאָוויד האָט זיך ניט באַמיט אַרײַנפֿאָרן אין יִשעוו, ווען דער עולם שלאָפֿט נאָך און קיינער זאָל אים ניט זען, האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז מע איז אַרײַנגעפֿאָרן פּונקט אין דער צײַט, ווען די יִשוּווניקעס זײַנען שוין געווען אויף און אַלע זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן צו זעלדעס הויף אַ קוק טאָן, וואָס פֿאַר אַ נאַדן דאָוויד מאַרקוס האָט איר געבראַכט.

עלטערע מענטשן האָבן זיך צוגעשפּאַרט צו די פֿלויטלעך, צו די שטאַמען פֿון די ביימער, קינדער, יונגוואַרג האָבן זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אַף די דעכלעך און סלופּעס און מיט נייַגער גע־קוקט אַפֿן וואָגן, זיך געסטאַרעט ניט דורכלאָזן די מינוט, ווען דער נײַער יִשוּווניק וועט אָפּדעקן דעם ברעזענט און אַראָפּטראָגן פֿונעם וואָגן זײַנע זאַכן.

אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אין גלושעוו אַן אייגענעם מויער און אַ שיין ביסל פֿאַרמעגן. מע האָט דערציילט, אַז ער איז אַ גוטער באַלמעלאָכע, געאַרבעט אין אַ גרויסן וואַר־שטאַט און פֿאַרדינט אַ שיינע פּויטעקע.

קורץ געזאָגט, זעלדע האָט געוווּסט, ווען זי נעמט אַרײַן אין שטוב און וואָס פֿאַר אַ רײַכשאַפֿט עס וואַרט אַף איר. און ווי אַנדערש? וועט זי כאָטש בײַ אים לעבן שיין און רײַך!

אַנדערע שכיינים האָבן גאָר געשפּאָסט, זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער הינקט אונ־טער, איז ניט קיין כיסאָרן, נאָר אַ מײַלע. וועט ער זיך האַלטן בײַ דער שטוב, ניט קאָנען אַנטלויפֿן צו אַ צווייטער.

דערזען, ווי ער האָט אַראָפּגענומען פֿונעם וואָגן עטלעכע אַלטע בענקלעך, אַ צעפּאָרן טישל, אַ בינטל שמאַטעס, צווי קעסטלעך מיט קלאַפּערגעצײַג און עטלעכע מאָדנע מאַשינדלעך, האָט דער עולם אָנגעהויבן קרימען זיך.

— אַ שיינער נאַדן! געמעגט איבערלאָזן דאָס גוטס אין גלושעוו.

— זעלדע האָט אוודע פֿאַרדינט שענערע זאַכן...

איז מען געבליבן אַנטוישט און אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין זיך, קנייטשנדיק מיט די אַקסלען:

— יאָ, זי האָט שיין אויספֿייעט...

— אַזוינע פֿײַנע כאַסאַנים האָט מען איר גערעדט, האָט זי אויסגעקליבן דער רוּעך ווייסט וועמען.

— שוין בעסער געווען בלײַבן אַן אַלטע מויד...

ווען לייע, זעלדעס מאַמע, האָט אַ קוק געטאָן אַף די זשעלעזיאַקעס, וואָס דער אײדעם האָט געבראַכט, איז איר געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן. זי האָט זיך פֿאַרקרימט און אָפּגעמאָסטן דעם אײדעם מיט איר שווערן בליק.

— וואָס האָסטו, באַלטאַכלעס, נאָך געדאַרפֿט פֿאַטערן געלט אַף דינגען אַ פֿור? האָסט געקאָנט דײַן ביסל גוטס איבערלאָזן דאָרטן, זאָלסט אונדז ניט מעוויַיעש זײַן פֿאַר די שכיי־נים. זיי וועלן שוין האָבן פֿון וואָס צו לאַכן...

דערהערט דער מוטערס ווערטער, איז זעלדע געוואָרן שטאַרק דערצאָרנט.

— מאַמע, ווי שעמסטו זיך ניט? דאָס איז ניט דײַן אייסעק!

איז לייע שוין בייז געוואָרן.

— שאַ, שרײַ ניט אַזוי! וואָס זשע, איך טאָר שוין קיין וואָרט ניט זאָגן? דערווײַל קומט ער, דײַן באַשערטער, צו מיר אין שטוב און ניט איך צו אים! קוק ניט אַף מיר, טאַכטערקע, מיט אַזעלכע אויגן. וואָס זשע, ס'איז ניט עמעס?

דערהערט דער שוויגערס ווערטער, איז דאָווידן דורך אַ גרויל איבערן לײַב. ער איז געווען דערבײדעריקט און פֿאַרלוירן. ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן, געוואָלט אַרײַנזאָגן דער שוויגער, וואָס ער טראַכט וועגן איר. איין זאַך האָט ער פֿאַרשטאַנען: ווױנען מיט דער אַלטער אונטער איין דאַך און אויסהערן אירע רייד, וועט ער לאַנג ניט קאָנען, ער וועט מוזן וואָס גיכער עפּעס צוטראַכטן, זיי זאָלן לעבן באַזונדער.

מיט איין וואָרט, פֿונעם ערשטן אָופּנאַם, וואָס עס האָבן אים אײַנגעאָרדנט זעלדעס מאַמע און די שכיינים, איז ער ניט געווען באַגײַסטערט. ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, ניט געענטפֿערט אַף די וויצן און כאַכמעלעך, וועלכע האָבן זיך אַף אים געשאָטן פֿון אַלע זײַטן, נאָר געטראַכט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צײַט און ער וועט זיי ווײַזן, ווער ער איז!

זעלדע האָט באַמערקט, אַז דאָוויד איז שטאַרק דערצאָרנט דערפֿון, וואָס מע האָט אים באַגעגנט ניט איידל, און געפּרוּווט אים באַרויִקן, זיך געבעטן בײַ אים, ער זאָל זיך דערפֿון ניט שטאַרק נעמען צום האַרצן. דער היגער עולם האָט ביכלאַל אַ טעווע אָפּשפּעטן איינער פֿו־

נעם אנדערן. נישקאָשע, ער וועט זיך צוגעוווינען צו די היגע מענטשן, וועט ער זען, אַז זיי זײַנען ניט אַזעלכע שלעכטע, ווי עס קאָן זיך אויסווײַזן.

די ערשטע טעג האָט דאָוויד זיך געפילט ווי אַ פיש, וואָס אַ שטורעמווינט האָט ארויסגעשלײַדערט אַף דער יאַבאָשע. ער האָט בעשום־אופן ניט געקאָנט ארײַן אין זײַן קאָלייע. אַלץ ארום איז אים דאָ געווען פרעמד, אומגעוויינלעך, און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

אים האָט מוירעדיק געפײַניקט די בענקשאַפט נאָך זײַן היים, ער איז לאַנג־לאַנג אין די פאַרטאָגן אופגעשפרונגען פונעם געלעגער, אַפגיך זיך אָנגעטאָן אין זײַן ספּעצאָווקע, ווי מוירע געהאַט פאַרשפּעטיקן צו דער ארבעט, נאָר שוין אַף דער שוועל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די ארבעט זײַנע איז געבליבן ווײַט־ווײַט, און ער האָט ניט וווהין צו אײַלן זיך. ארום זיך האָט ער געזען די גרינע לאָנקעס און די עטלעכע הינער אַפן הויף און געהערט, ווי עס מרוקעט די קו.

זעלדע און איר מאַמע האָבן שוין לאַנג געהאַוועט אַפן גאָרטן, צונויפגענומען דאָס ביסל גערעטעניש, מע זאָל דעם ווינטער ניט בידעווען, און ער, דאָוויד, האָט ניט געוווּסט צו וואָס צולייגן די הענט, צו וואָס זיך פריִער נעמען.

אוועק אַפן גאָרטן, האָט ער גענומען דעם זאַסטעפּ און געהאָלפן גראָבן קאַרטאָפליעס, נאָר די שכיינעס האָבן אים אויסגעלאַכט: ער טרעפט ניט אַהין, ווו מע דאַרף, און די בולבעס ווערן צעהאַקט. יעדער איינער האָט אים געפרוווט לערנען, דערבײַ ניט ווייניק געשפּאַסט, און ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרלײַדן.

צוגעגאַנגען צו דער קרענעצע ארויסציִען אַן עמער וואַסער, דאַרף זיך די שטריק איבע־רײַסן, און דער עמער בלײַבט אַפן דנאָ. דאָס גאַנצע געסל לויפט זיך צונויף העלפן ארויסשלעפן דעם עמער און מע קײַכט פון געלעכטער, און ער שטייט אַ פאַרלוירענער און מוז דאָס אַלץ צוקוקן און אויסהערן.

— אַ פײַנעם באַלעבאָס האָט זיך זעלדע אָפּגעזוכט. זי וועט אים דאַרפן דאָס גאַנצע לעבן האָדעווען און אים נאָך אונטערטראָגן דעם לעפל...

מיט יעדן טאָג איז ער אַלץ מער באַ זיך געפאַלן, און זיך דערפילט, ווי אַן איבעריקער אין שטוב.

זעלדע האָט דאָס אַלץ צוגעזען און די גאַנצע צײַט אים באַרוּיִקט, געבעטן, ער זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן. ער איז דאָך ניט שולדיק, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן אין שטאָט. פאַר איר איז ער ליב און טײַער. אָבער איר מוטער האָט ניט אופגעהערט אים זידלען, געטײַנעט, אַז אַלע אומגליקן אין שטוב האָט ער געבראַכט...

אַ לאַנגע צײַט איז ער געווען באַ אַלעמען אַף דער צונג, ער האָט דאָס מערסטנטייל דורכגעלאָזט פאַרבײַ די אויערן, און אייניקע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ מענטש אָן אַ גאַל. איינגיכן אָבער האָט דער אוילעם זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז גאָרניט אַזאַ „שטילינקער“, ווי מע האָט געמיינט, און ער איז גאָרניט אַזאַ שלימאַזל, ווי די שוויגער האָט אים ארויסגעשטעלט פאַר אַלעמען. ער האָט געקענט געבן אַ מענטשן אַן אייצע, געקומען צוהילף בײַס אַ נויט, אוועקגעגעבן דאָס לעצטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער איז געווען דער איינציקער אין ישעוו, וועלכער האָט ליב געהאַט ארײַנקוקן אין אַ בלאַט, אין אַ ביכל, געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט. און גערן דערציילט אַלץ די שכיינים. כוץ דעם, האָט ער געקאָנט אָנשרײַבן, ווער ס׳האָט געדאַרפט, אַ פּראָשעניע אין גובערניע.

מיילע, קאָן ער ניט זיך אייסעקן מיט די ציגן, האַלטן אין דער האַנט אַ לאָפּעטע, דערפאַר קאָן ער גאַנץ שיין פאַריכטן אַ באָראָנע, אונטערקאָווען אַ פערד, מאַכן אַ שליסל, אַ פרענטע צו דער טיר, ברענגען אין אָרדענונג אַן אַלטן וואָגן...

אין עק הויף האָט ער אוועקגעשטעלט אַ הילצערנע כאַלאַבודע, אוועקגעשטעלט אַ טיש, אויסגעלייגט זײַן ביסל קלאָפּערגעצײַג, און טאָג און נאַכט עפּעס געמײַסטרעוועט, געפײַלט. יעדן טאָג זײַנען געקומען צו אים נײַע מענטשן. ווער עס האָט געבעטן אָנשאַרפן אַ מעסער, פאַריכטן אַ האַק, צונויפקלאַפּן אַ גראַבליע. דאָוויד האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט און דערצו נאָך קיין געלט ניט גענומען.

די שוויגער האָט ניט אופגעהערט גוואַלדעווען. ער איז מעשוגע צי כאָסערדיִע? וואָס הייסט ארבעטן אומזיסט? ער קאָן דאָך גיין אָנגעטאָן אין גאָלד, אַזאַ באַלמעלאָכע! טאָר ער ניט נעמען פאַר זײַן האָרעוואַניע קיין געצאָלטס?

די יעדיִע, אַז אין יִשעוו האָט זיך באַזעצט אַזאַ גאָלדענער באַלמעלאָכע, איז זיך פֿאַנאַנ־דערגעגאַן איבער דעם גאַנצן אַרום, און מע האָט אָנגעהויבן פֿאָרן צו אים פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער און יִשוּווים. אייניקע האָבן אים געצאָלט גראָשנס פֿאַר זײַן אַרבעט, אַנדערע זײַנען אָפּגעקומען מיט אַ דאַנק. די שוויגער האָט ניט אויפֿגעהערט וואָרטשען.

— גאָלדענע גליקן מאַכסטו, מײַן טײַערער אײדעם! בעסער וואָלסטו געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און אויסגערוט דײַנע ביינער!

— טשעפּע זיך אָפּ פֿון אים, מאַמע! — האָט זעלדע זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר אים.

און די מאַמע נאָך בייזער:

— זײַ אַ בעריע, פּרווו, מע זאָל דיר געבן פֿאַר אַ דאַנק אַ הערינג, אַ פֿונט זאַלץ, אַ פּעקל צוקער?

דאָוויד האָט אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. ער האָט געוווּסט, די שוויגער וועט זיך אָנריידן, און עס וועט איר גיך נימעס ווערן. ער האָט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דער אַרבעט. דערבײַ האָט ער פֿאַרטראַכט אַ נײַע שנײַד־מאַשין. אין געדאַנק איז זי שוין געווען גרייט, ער האָט עס פֿאַרצייכנט אויף אַ שטיק פּאַפּיר און זיך געקליבן ערגעץ אָנשרײַבן, עפּשער וועט זיך געפֿינען אַ באַלן אויף איר. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ ריי אַנדערע פֿאַרטראַכטונגען און געטרוימט זיי אַמאָל פֿאַרווירקלעכן, נאָר דאָך אַ ביסל מוירע געהאַט, מע זאָל אים ניט אויס־לאַכן. ווער איז ער אַזוינס, וואָס זאָל אויסטראַכטן זאַכן, וואָס נאָר גרויסע אינזשעניערן קאָנען צוטראַכטן?

אַרום זײַן כאַלאַבודע איז שטענדיק געווען פֿול מיט נײַגעריקע כעוורע. זיי האָבן זיך צוגעקוקט, ווי פֿלינק דער „פּרימאַק" אַרבעט, מע איז מעקאַנע געווען און אַלייך געפּרווט אים אַ ביסל צוהעלפֿן.

פֿון טאָג צו טאָג איז ער געוואַקסן אין די אויגן פֿון די אַרומיקע, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט דערציילט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וועגן דעם קייסער און זײַן כעוור־רײַע, וועגן די שיינע פּאַראַנדקעס, וואָס הערשן אין דער מעדינע...

אייניקע יִשוּוניקעס האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ניט קיין פּאַשעטן באָכער האָט זעלדע אַהער אַראָפּגעבראַכט. און כאָטש ער הינקט אונטער אויף אַ פֿוס, נאָר עס מאַכט ניט אויס. אַ קאָפּ האָט ער דערפֿאַר אַ גאָלדענעם. אַזעלכן, ווי דאָוויד, וואָלטן זיך געקאָנט ווינטשן אַ סאַך מיידלעך פֿון יִשעוו!

נאָר גאָר אינגיכן איז געשען אַזוינס, וואָס האָט אויפֿגערודערט דעם גאַנצן יִשעוו. זעלדע האָט געבוירן אַ יִינגעלע. דאַכט זיך, וואָס? אַ געוויינלעכע זאַך! אַ סאַך יונגע ווײַבלעך ברענ־גען אויף דער וועלט יִינגעלעך און מיידעלעך. מע באַגריסט זיי, מע פּראַוועט אַ בריס, אַ ברי־סיצע און אַלע זײַנען צופֿרידן! נאָר דאָ האָבן בייזע צינגער אויסגעכעזשבנט, אַז עס איז דורך אינגאַנצן זעקס כאָדאָשים נאָך דער כאַסענע... פֿרעגט זיך, ווי זשע קאָן דאָס זײַן? און דאָ האָט מען זיך דערמאָנט, אַז באַ זעלדען מיט דאָווידן איז געווען אַ „גיכע" כאַסענע... ניט אַנ־דערש, אַז זעלדע האָט געבוירן אַ מאַמזער...

אין בילייאַוויטשי דאַרף מען ניט קיין סאַך האָבן. די היגע קלִיפּעס זוכן נאָר פֿון וואָס אָפּלאַכן, פֿון וועמען אָפּשפּעטן. נאָך אַ גליק, וואָס דאָוויד האָט זי ניט אַוועקגעוואָרפֿן. זי וואָלט דאָ געהאַט אַ שיין פּאָנעם.

וועט איר געוויס מיינען, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ נעבעכל, דער רוען ווייסט וואָס? זאָל גאָט היטן? אַ יִינגעלע, אַ גוואַר, מאָלע כיין, אינגאַנצן ענלעך אויף דאָווידן!..

בייזע צינגער האָבן ניט אויפֿגעהערט שיטן מיט שטעכווערטלעך:

— הערט אַ מײַסע, אונדזער זעלדע האָט זיך גיך ספּראַוועט מיטן קימפּעט... זי האָט ניט געהאַט קיין צײַט וואַרטן ביז די נײַן כאָדאָשים.

— דער דאָוויד מאַרקוס איז אין אַלץ אַ גאָלדענער באַלמעלאָכע!

דעם יִינגעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן סימאָן. נאָר די יִשוּוועניקעס האָבן עס אָנגע־רופֿן ניט אַנדערש, ווי „דער מאַמזער". דאָס האָט פֿאַרשאַפֿט זעלדען און דאָווידן ניט ווייניק צאַר, כאָטש זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דאָס קימערט זיי ניט.

אָבער לאַנג דאָס פֿאַרלײַדן האָט דאָוויד ניט געקאָנט און דאָס האָט געבראַכט צו אַ גרויסן אומגליק.

אָפּגעזונדערט פֿונעם יִשעוו, איז זיך געשטאַנען אַ שטיבל מיט שטענדיק צוגעשלאָסענע לאָדנס, פֿאַרשטויבט און פֿאַרוויסט, אַרום און אַרום פֿאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז און דערנער. דאָרטן האָט געוווינט זלאַטע כייפּעץ, זלאַטע די רויטע. זי האָט זיך באַשעפֿטיקט דערמיט, וואָס זי האָט אײַנגעקויפֿט באַ די אַרומיקע יִשוּוניקעס אַ ביסל גרינס, אויפּעס און עס געטראָגן אין שטאָט אַרײַן פֿאַרקויפֿן.

זי האָט געשעמט ווי די ערשטע סעדעכע אין יִשעוו, און קיינער האָט זיך מיט איר ניט געוואָלט פאַרפירן, אַריַינפאַלן צו איר אין מויל, זאָל שוין גאָט אָפּהיטן.

געוואָרן איז דאָס שוין איין מאָל אַ זלאָטע! אַז זי איז איבערגעלאָפן עמעצן דעם וועג, איז שוין בעסער געווען זיך אומקערן צוריק. האָט זי אויף עמעצן אַ קוק געטאָן מיט אירע אויסגע־סטאַרטשעטע, שטענדיק אָנגעדראָלענע, פאַרטערטע אויגן האָט מען גלייַך דערפילט, אַז מע האָט געכאַפּט אַ גוט־אויג... דערפאַר טאַקע האָבן איר אַלע אָפּגעטראָטן דעם וועג, אויסגעמיטן פאַרקריגן זיך מיט איר, דאָס שפּיל־פּייגעלע האָט מען גוט געקענט ניט בלויז אין יִשעוו, נאָר אין דער גאַנצער אומגעגנט, דערצו האָט זי געהאַט קלעפּיקע הענט. דאָרטן, וווּ זי האָט ניט געקאָנט עפּעס אייַנקויפן, האָט זי צוגעלאַקכנט. אַז זי איז דורכגעגאַנגען דורך אַ הויף, האָט די באַלעבאָסטע גלייַך געוווּסט, אַז עס וועט איר אויספעלן אַ קאַטשקע, אַ האָן, אָדער אַ העמד... און פּרוּווט זי כאַפּן פאַר דער האַנט, זייַנט איר ניט זיכער מיטן לעבן.

אַזוי האָט זי זיך דאָ געלעבט זלאָטע די רויטע. אין איין אָרט אַנטליִען, אין אַ צווייטן ניט אָפּגעגעבן, אַז מע האָט זי דורכגעטריבן פון דער שטוב, האָט זי זיך ניט שטאַרק געבייזערט, אויף מאָרגן ווידער געקומען. זי האָט ניט געוווּסט פון קיין בושע. דורך די נעכט האָט זי ליב געהאַט זיך פאַרקלייַבן אין פרעמדע סעדער און גערטנער און אַ כאַפּ טאָן, וואָס עס האָט זיך געמאַכט. פאַר איר איז ניט געווען שווער אַראָפּכאַפּן פון אַ סידעלקע אַ הון, אָפּדרייען דעם קאָפּ און אַרייַנוואַרפן אין דער טאָרבע, וואָס זי האָט געטראָגן הינטער דער לאַנגער בונדע.

ניט איין מאָל האָט מען זי געכאַפּט באַ אַ גנייווע, געריסן פאַר די רויטע האָר, און גע־טייַנעט:

— וויסטע מאַכעשייפע, וואָס דאַרפסטו גאַנוועגען? קום מיט גוטן, וועט מען דיר אַלץ געבן...

אַרומווישנדיק זיך מיטן קאָפּטיכל, האָט זי געלאַכט און געענטפערט:

— אַזוי איז געשמאַקער...

וויפל קלעפּ האָט זלאָטע די רויטע אַרייַנגעכאַפּט! זי האָט ניט פאַרמאָגט קיין איין צאָן אין מויל — אַלע האָט מען איר אויסגעזעצט. מע האָט זי ניט איין מאָל געשלעפּט צום פּאָליצ־מייסטער, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן, זי איז מיט אים געווען, ווי לייַבעש מיטן פּריסטאַוו, בישטיקע געשריבן אויף מענטשן מעסירעס...

און דאָך האָט דער אוילעם אויף איר אַ ביסל ראַכמאָנעס געהאַט. זי איז געווען אַן אומ־גליקלעכע. דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפן אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם, ווי זי האָט אים אַראָפּגעבראַכט צו זיך פון אַ נאָענט דערפל. ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן אירע שטיק. דערצו נאָך האָט דאָ קיינער ניט געוווּסט, וויאַזוי זי האָט אָפּגעשפּאַרט אַ מאַזיקל, אַ מאַמ־זער זרוזיע... אַזאַ רויטן און אַ מיִעסן ווי זי אַליין. זי האָט געוווּסט פון אַלע שווערע הערצער. אויב באַ עמעצן איז געשען אַן אומגליק, איז זי געווען אָפּן זיבעטן הימל.

הייַנט פאַרשטייט איר שוין, ווי זי האָט זיך דערפרייט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זעלדע האָט געבוירן אַ „מאַמזערוק". דערצו איז זי געווען בייז אויף איר, לעמיַי האָט זי ניט כאַסענע געהאַט פאַר איר בענאַק, פאַר זרוזיע דעם רויטן, ווען זי האָט מיט גוואַלד אַריַינ־געררוקט פאַר אַ פּריקאַזטשיק אין אַ באַקאַלייניע קלייטל אין שכייניש שטעטל.

אין איינעם פון די האַרבסטיקע יאָמטויווים איז דער רויטער זרוזיע אַראָפּגעקומען צו־גאַסט צו דער מאַמען. דאָס מאָל איז ער געקומען פאַרפּוצט אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, וואָס האָט אים, דעם לאַנגן דראָנג מיט דער מאַמעס בלאַסע אויגן, געפּאַסט, ווי אַ כאַזער אוירינגלעך. געקומען ערגעץ אַ גוטע קויסע, קוים האַלטנדיק זיך אויף די לאַנגע קרומע פיס, איז ער גע־גאַנגען איבערן יִשעוו, דעם אַ טשעפּע געטאָן, יענעם אויסגעזידלט. מע האָט אים דאָ געקענט פאַר אַ בויאַן און זיך געסטאַרעט אים ניט פאַרטשעפּען. דער אוילעם האָט גוט געוווּסט, אַז ער איז אַ מאַסער און קאָן יענעם אָנטאָן צאַרעס, האָט מען מוירע געהאַט פאַר אים.

אָבער דאָס מאָל האָט דעם זרוזיען ניט אָפּגעגליקט. פאַרבייַגעגאַן זעלדעס הויף און דער־זען, ווי זי שטייט און וויגט דאָס קינד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, קוקנדיק אויף איר מיט זייַנע מוטנע אויגן, זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— נו, זעלדע, האָסט, זאָגט מען, שיין כאַסענע געהאַט, געבראַכט פון גלושעוו אַ קרומען מאַן?.. און מיטן בענאַקל איז עפּעס באַ אייַך אויך ניט קעשורע.

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק און זיך אָפּגעקערט פון אים.

זרוזיע איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום פּלויט, געגרייכערט און ניט אויפגעהערט פּלאַפּלען. דאָוויד, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין זייַן כאַלאַבודע, איז צוגעגאַנגען צום לאַנגן דראָנג און אַ ווונק געטאָן, ער זאָל זיך גלייַך פאַרנעמען פונדאַנען.

זיוזיע האָט געקוקט אַף דעם אופגעבראַכטן שאָכן און נאַריש געשמייכלט. דאָוויד האָט מיט גוטן געגעבן אָנצוהערן, ער זאָל זיך וואָס גיכער פאַרנעמען פונדאַנען, נאָר זיוזיע האָט זיך געלאָזט צו אים מיט די קולעקעס. אין איין אויגנבליק האָט אים דאָוויד אַ כאַפּ געטאָן, אונטערגעהויבן און אַ שלײַדער געגעבן צום שליאַך, זיוזיע האָט זיך דרײַ מאָל איבערגעקײַקלט.

אַ פאַרבלוטיקטער, אַן אויסגעוואַלגערטער אין שטויב און אין בלאָטע, האָט דער לאַנגער דראָנג זיך אופגעהויבן און ווידער זיך געוואָרפן אַף דאָווידן. דאָס מאָל האָט ער אַזוי אַרײַנגעכאַפּט, אַז ער איז אָפּגעקראָכן פונעם פלויט אַף אַלע פיר און זיך שוין ניט געקאָנט אופהייבן.

גלײַך איז מען זיך צונויפגעלאָפן אַהער פון אַלע געסלעך. געקוקט אַף דעם אופגערעגטן דאָווידן און אַף דעם רויטן, וואָס איז געלעגן אין שטויב און געכניטשעט. מע איז גראָד געווען צופרידן, וואָס יענער האָט אַזוי צעמאַזיקט דעם בויאַן, פאַר וועלכן אַלע האָבן דאָ מוירע געהאַט. ענדלעך, האָט זיך דאָ געיאַוועט אַ מענטש, וועלכער האָט אָנגעלערנט זיוזיען.

אַ צעפּאַטלטע, מיט אַ גוואַלד און געיאָמער איז געקומען צו לויפן זלאַטע די רויטע. דערזען דעם פאַרבלוטיקטן יוירעש אירן, איז זי צוגעפאַלן צום בענאָק, געפּרוּווט אים אונטערהייבן און געבעטן, מע זאָל ברענגען אַן עמער וואַסער אים ארומוואַשן. נאָר קיינער פונעם אוילעם האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

זלאַטע האָט געווישט דאָס בלוט פון זיוזיעס פּאָנעם און ניט אופגעהערט גוואַלדעווען.

— שכיינים, איר אַלע זײַנט אײדעס... דעם, וואָס האָט צעפּאַטשט מײַן זיוזיען, וועלן אָפּדאַרן די הענט! איך וועל לויפן אין גוּבערניע, דערלאַנגען אַ פּראָשעניע, מע זאָל דעם קרומען רוצעך אַרײַנזעצן אין אָסטראָג! ער וועט מיך פאַרגעדענקען! ער וועט אײַך שוין מער ניט לייענען קיין גאַזעטן און זידלען דעם קייסער... ער וועט דאָ מער ניט נאַרן דעם אוילעם...

שעלטנדיק דאָווידן מיט די שווערסטע קלאָלעס, האָט זלאַטע זיך געשלעפּט מיט איר בענאָקל אַהיים, געמאַכט מיט די פויסטן, געדראָעט.

נאָך לאַנג זײַנען דאָ און דאָרט געשטאַנען רעדלעך מענטשן און געלאַכט, געקליבן נאַכעס. מע איז געווען אופגעלייגט, וואָס זיוזיע האָט אַזוי שיין אָפּגעלייזט. נישקאָשע, דער מענוול האָט עס ערלעך פאַרדינט.

אַנדערע האָבן געקוקט מיט מיטלײַד אַף דעם אופגעבראַכטן דאָווידן. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיט דעם געזינדל זיך אָנהייבן, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן. זיי זײַנען גרייט אַף די סאַמע מיִעסטע געגנ, זיי וועלן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן, אויב עמעצער האָט אַף זיי אופגעהויבן די האַנט.

נאָר אַלע האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָוויד איז ניט פון די איבערגעשראָקענע, ער איז אַ סאָלדאַט און פאַרן עמעס וועט ער גיין אין פײַער און אין וואַסער.

דאָוויד האָט גראָד ניט געהאַט כאַראָטע, וואָס ער האָט אָנגעלערנט דעם לאַנגן דראָנג, אים האָט ניט געשראָקן דאָס, וואָס די רויטע מאַכעשייפע האָט אים געשאָלטן און געדראָעט, אַז זי וועט זיך נויקעם זײַן אין אים. מאַלע־וואָס אַ בייזע צונג פּלאַפּלט. נאָר דאָס מאָל האָט ער אַ טאָעס געהאַט...

## דאָס פערצנטע קאַפּיטל

דער ווינטער איז אַראָפּגעקומען אומדערוואַרט מיט זײַנע בייזע ווינטן, פרעסט און ווייגעס.

די געשיכטע מיט זיוזיען און זײַן מאַמעלע האָט מען אָנגעהויבן פאַרגעסן. די שוויגער, וואָס האָט געהאַט אויסגעזידלט דעם אײדעם פאַר דעם, וואָס ער האָט אויסגעפּאַטשט דעם לאַנגן דראָנג און דעראָבערט נײַע סאָנים, האָט זיך שוין אויך באַרויִקט, נאָר פּלוצלינג האָט אַ וויסטע כמאַרע זיך דאָך אָנגערוקט אַף דאָווידן.

אין איינעם פון די פּראָסטיקע פרימאָרגנס, ווען אַלע זײַנען נאָך געשלאָפן און אין קוימען האָט אַרײַנגעפּײַפט די זאַווערוכע, איז צום טויער צוגעפלויגן אַף אַ פּאָר ביסטרע פערד אַ געראַמער שליטן מיט אַ שוואַרצער בודע און פונדאָרטן זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען דרײַ זשאַנדאַרמען מיט שווערדן אַף דער זײַט. זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב, אַראָפּגעשלעפּט דאָווידן פונעם געלעגער, אַ טיטשע געטאָן אים אונטער דער נאָז אַ פּאַפּירל און געמאָלדן, אַז אין נאָמען פונעם געזעץ פון דער וויסאָטשײַשע, איז ער אַרעסטירט און דאַרף פאָרן אין גובערניע.

פאַרוואָס? וואָס זשע, דאַוויד מאַרקוס ווייסט נעבעך ניט פאַרוואָס? ער האָט פאַרגעסן, אַז דאָס האָבן די אַנטיכריסטן באַלשעוויקעס אים אַראָפּגעשיקט אַהער פון גלושוואָ, קעדיי ער זאָל אונטערבורען דעם אוילעם... ער האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פונעם בענקל דעם צאַר־באַטיושקאַ!.. וואָס מאַכט ער, דאַוויד מאַרקוס, זיך געפּייגערט?.. אָט וועט מען אים ברענגען אין אוטשאַסטאָק, וועט ער דאַרפן ענטפערן לויט אַלע קלאָלים פונעם צאַרישן געזעץ...

זעלדע איז געשטאַנען אַ טויט־דערשראָקענע און ניט געקאָנט באַרויִקן דאָס פאַרווייִנטע קינד. די שוויגער איז געפאַלן די זשאַנדאַרמען צו די פיס, נאָר יענע האָבן זי אָפּגעשטויסן פון זיך, געגומען איבערקערן די שטוב, זוכן, נישטערן.

די זשאַנדאַרמען האָבן צוגענומען מיט זיך די עטלעכע בלעטער און ביכלעך, וועלכע דאַוויד האָט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט געלייענט, צוואַרפן אין דאַווידס כאַלאַבודע דאָס גאַנצע קלאָפּערגעציַיג און פאַרנומען מיט זיך עטלעכע זשעליעזיאַקעס. דאָס האָט געדאַרפט באַוויַיזן, אַז דער קראַמאָלניק און באַלשעוויסטישער בונטאַר האָט געוואָלט מאַכן באָמבעס און זיי וואַרפן אפן קייסער...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט דאַוויד זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דו ווערסט באַ אונדז לאַכן! — האָט אַ רעווע געטאָן אף אים דער עלטסטער זשאַנדאַרם, אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן אף דער לאַנגער, דינער נאָז, — אופּהייבן די האַנט אפן קייסער! דו ווייסט, וואָס עס קומט פאַר אַזעלכע זאַכן? שנעלער טו זיך אָן און קום מיט אונדז!

— וואָשע סאָקאָבלאַגאָראָדיע! — האָט זיך אָנגערופן דאַוויד, — דאָ איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטייעניש. איך האָב קיינמאָל ניט אופגעהויבן די האַנט אפן קייסער...

— מאָלטשאַט! אין אוטשאַסטאָק וועסטו אַלץ דערציילן! — האָט אויסגעשריגן דער זשאַנדאַרם און זיך צוגעזעצט צום טיש שרײַבן אַ פּראָטאָקאָל.

דאַוויד האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, ניט פאַרשטאַנען, וואָס מע וויל פון אים, און דערוויַיל זיך גענומען אָנטאָן, קוקנדיק מיט אומשולדיקע אויגן אף דער פאַרווייִנטער פרוי.

— גאָספּאָדין, וואָשע סאָקאָבלאַגאָראָדיע! — האָט דאַוויד געפּרוווט אַרייַנשטעלן אַ וואָרט. — איר האָט אַ גרויסן טאָעס. איך האָב זיך געשלאָגן פאַר דער אָטיעטשעסטוואָ, בלוט פאַרגאָסן פאַר פּאַרט־אַרטור. איך האָב באַקומען אַ קרייץ און אַ מעדאַל „זאַ כראַבראָסט"...

דער זשאַנדאַרם האָט אָנגעצילט אף אים זיַין בייזן בליק:

— ריידן האָט איר זיך שיין אויסגעלערנט! נאָר אונדז וועט איר ניט אָפּנאַרן. דו האָסט אַגיטירט קעגן דעם צאַר־באַטיושקאַ און קעגן דער אימפּעריע... און אין דיַין כאַלאַבודע האָסטו געמאַכט געווער פאַר דיַינע מיִעסע בונטאַרן — באַלשעוויקעס. מיר ווייסן אַלץ!

דאַוויד האָט זיך איַינגעהערט אין די שרעקלעכע ווערטער, נאָר דער רועך ווייסט עס, אים איז עפּעס גאָרנישט ניט געווען שרעקלעך. ער האָט ניט געפילט אף זיך קיין שום שולד און געווען איבערציַיגט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטייעניש. ער וועט קומען אין גובערניע און אַלץ וועט דאָרט אויסגעקלאָרט ווערן. געשיקט זיך, אַז מע קאָן כאַפּן אומשולדיקע מענטשן און זיי פאַרשפּאַרן הינטער די גראַטעס?

— זעלדע, טיַיערע מיַינע, שוויגער, מע דאַרף ניט וויינען. דאָרטן, אין גובערניע, וועט אַלץ אויסגעקלאָרט ווערן און איך וועל זיך אומקערן אַהיים, איר זעט דאָך, אַז דאָס איז עפּעס אַ נאַרישער בילבל... באַרויִקט זיך. איך פיל אף זיך ניט קיין שום שולד. הײַנט נאָך, אָדער מאָרגן וועל איך זיך אומקערן. דערלאַנגט מיר פון דער שאַפע מיַין מעדאַל און דעם סאָלדאַטישן קרייץ.

נאָר זיַינע ווערטער האָבן זיי ניט באַרויִקט. זעלדע מיט איר מאַמען האָבן געפילט, אַז אַ גרויסער אומגליק איז געפאַלן אף זיי און אף זייער שטוב. פון די ראָצכים איז שווער זיך אַרויסרייַסן, שווער צו דערוויַיזן, אַז דו ביסט אומשולדיק...

פון יענער זיַיט פענצטער האָבן זיך שוין צונויפגענומען די שכיינים. מע האָט מיט פּאַכעד געקוקט אף דער שוואַרצער פּאָליציייִשער בודע און געוויינט, געבראָכן די הענט, אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מען געקומען נאָך דאַוויד מאַרקוסן.

— וואָס האָט מען צו אים? אַ רויִקער, אַ גוטער מענטש. ער איז ניט קיין פאַרברעכער... פאַרוואָס קומט עס אים?..

אינגיכן האָט זיך געיאָוועט זלאַטע די רויטע. זי איז געווען איַינגעוויקלט אין אַ גרויסער שאַל. קאָרטשענדיק זיך פון קעלט, האָט זי געקוקט אף דער שוואַרצער קאַרעטע. און, הערנדיק די רייד פון די שכיינים, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— קיין אומשולדיקע זעצט מען ניט אין אָסטראָג, אַז מע עסט ניט קיין קנאָבל, שטינקט ניט פונעם מויל...

דערהערט אזעלכע רייד, איז דער אוילעם דערציטערט געוואָרן. מע האָט זיך גלײַך אָפּגערוקט פון איר, ווי פון אַן אָנשטעקעכץ...

מיט פאַרהוילטע שווערדן האָבן די זשאַנדאַרמען אַרויסגעפירט דאַוויד מאַרקוסן אױף דער גאַס. דאַוויד איז געגאַנגען מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ, אין זײַנע אויגן האָט קיינער קיין טרערן ניט געזען. ווען די זשאַנדאַרמען האָבן גענומען אים אַרײַנשטופּן אין דער בודע, האָט ער אויסגעשריגן:

— זעלדע! מע דאַרף ניט וויינען! איך בין ניט שולדיק... עפּעס אַ בילבול, אַ מעסירע... מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך זיך אומקערן, ווייך ניט, היט אָפּ אונדזער סימאָנען! מענטשן, איך בעט אײַך, באַרויִקט מײַן זעלדען, העלפֿט איר מיט. איך וועל זיך אומקערן, וועל איך אײַך אָפּדאַנקען.

זיך באַגעגנט מיט זלאַטעס צופרידענעם בליק, האָט דאַוויד האַסטיק אויסגעשפּיגן אין איר זײַט.

— זעלדע, טײַערע מײַנע, האַלט זיך! — האָט ער ווידער אויסגעשריגן, ווען דער זשאַנדאַרם האָט צוגעשלאָסן דאָס טירל, — עס וועט קומען אַ צײַט, ווען אונדזערע סאָנים וועלן וויינען מיט בלוטיקע טרערן!

די זאַטע פערד האָבן גערירט פון אָרט און, אופהייבנדיק אַ וויכער נאָך זיך, האָט דער זשאַנדאַרמישער שליטן אוועקגעיאָגט דער רועך ווייסט וווהין, און אינגיכן נעלם געוואָרן.

ניט הײַנט און ניט מאָרגן, ניט אין אַ יאָר, ניט אין צוויי אַרום האָט דאַוויד זיך ניט אומגעקערט אַהיים. דאָרטן, ווו עס האַנדלט זיך וועגן בונטאַרן, וועגן באָמבעס, וועגן געווער פאַר די באָלשעוויקעס אָף אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, איז דאָך ניט שײַעך. דעמלט מעג מען מיט פאַרמאַכטע אויגן פאַרשיקן די קראַמאָלניקעס און בונטאַרן קיין סיביר... אַז מע כאַפּט זיך אַרײַן אין די קויטיקע לאַפּעס פון די זשאַנדאַרמען, איז שוין פאַרפאַלן, זיי דאַרפן בלויז אַרײַנזעצן אין אָסטראָג אַ מענטשן. אַ פאַרברעכן וועלן זיי אים שוין צוטראַכטן. און אויב דער מענטש, ווייסן זיי, האָט דאָס מאָל ניט אופגעהויבן די האַנט אָפן צאַר־באַטיושקאַ און אָף דער אימפעריע, וועט ער עס געוויס טאָן שפּעטער. וויבאַלד אַזוי, איז די גלײַכסטע זאַך זיי האַלטן אין סיביר...

דרײַ יאָר האָט זיך געצויגן דער „מאָרגן און איבערמאָרגן". דרײַ יאָר אין ווײַטן סיביר, בײַ דעם ברייטן טײַך יעניסיי, אָף די באַרימטע גאָלדגרובנס.

און אויב ביז יענער צײַט האָט דאַוויד האַמעלעך קיין איבעריקע כעזשבוינעס מיטן קייסער און זײַנע פּאַראָנדקעס ניט געהאַט, זיך ניט פאַרנומען מיט קראַמאָלע, האָט ער, באַגעגנענדיק זיך מיט רעוואָליוציאָנערן, באָלשעוויקעס, זיך גראָדע אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט „פאַרוווערטע" זאַכן. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען ביז דאַן.

אין אַ שטילער אויסגעשטערנטער לעוואָנע־נאַכט, ווען אַרום האָט אַלץ געבליט און דער טײַך האָט רויִק געטראָגן זײַנע זילבערנע וואַסערן צום דניעפּער, האָט אָפן גרינעם באַרג, וואָס ליגט באַם גרויסן טראַקט, זיך באַוויזן אַן אויסגעצערטער מענטש מיט אַ טאָרבעלע אָף די פּלייצעס. דאָס פּאָנעם אויסגעשמיסן פון די סיבירער ווינטן און ווײַגעס, פאַרוואַקסן ניט צו דערקענען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעטאָן די צערעפּעטע שטיוול, זיך אויסגעצויגן אָפן פרישן שמעקנדיקן גראָז און זיך אײַנגעקוקט מיט זײַנע אויסגעבענקטע אויגן אָפן יישעוו, ווו ער האָט איבערגעלאָזט דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, — דאָס ווײַב מיטן קינד, וועמען ער האָט ניט געזען גאַנצע דרײַ יאָר.

ביז ווייטעק אין די אויגן האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין זײַן שטיבל און איז ניט געווען זיכער, צי זײַן יונג ווײַבל וואַרט נאָך אָף אים, צי זי האָט אים שוין לאַנג פאַרגעסן. צי געדענקט אים זײַן קינד און וועט אים אַנערקענען פאַר אַ טאַטן? דאַווידן איז דאָך פאַרוווערט געווען שרײַבן אַהיים און באַקומען בריוו...

דרײַ שרעקלעכע יאָר קאַטאָרגע אין די אײַזנגרובנס פון סיביר. פאַרוואָס? פאַר ווען? פאַר וועלכע זינד? אַ לעפּישער בילבל.

שוידערלעך איז געווען די קאַטאָרגע, נאָר, דאַכט זיך, שווערער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פאַר דער גאַנצער צײַט זיך ניט געקענט דערוויסן, וואָס איז אין דער היים, ווי לעבן זיי דאָרטן?

זעלדע... סימאָן... וויאַזוי וועט ער הײַנט צו זיי קומען און וואָס וועט ער זיי זאָגן, דער קאַטאָרזשאַן, וועלכער איז ניט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן!

זײַן בליק האָט זיך פאַרטשעפּעט פאַרן הילצערנעם הײַזל, וואָס איז געשטאַנען באַ דער זײַט, אָפּגעזונדערט פונעם יישעוו און פון דער גאַנצער וועלט. דאָרטן, האָט ער אַ טראַכט

געטאָן, ווינט די שלאַנג, וואָס בײַסט אַזוי גיפטיק און ווייסט ניט פון קיין געווויסן, יווישער, ראַכמאָנעס. וויפל מענטשן האָט די עקלדיקע שלאַנג אומגליקלעך געמאַכט, געמאַסערט, פאַר־קויפט דעם טײַוול פאַר דרײַ גראָשן! און מע לײַדט, מע ווייטעקט, מע וויינט, מע שווײַגט, און מע איז איר אַלע מאָל מוֹיכל...

פאַר דאָווידס אויגן איז מיטאָמאָל אופגעקומען זלאַטע די רויטע. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מע האָט אים דעמלט אַרײַנגעשטויסן אין דער פּאָליציײַשער בודע און ער האָט דערהערט איר גיפטיקע שטים: „אַז מע עסט ניט קיין קנאָבל, שטינקט ניט פונעם מויל...״

איצט האָבן די ווערטער אים ווידער ווי אָפּגעברײַט און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: ניין, ער וועט ניט שווײַגן, ער וועט איר אָפּצאָלן פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען.

דאָוויד האַמעלעך האָט זיך פאַרקליבן אין נאָענטן יאַר, וואָס ניט ווײַט פון יענעם הײַזל און זיך באַהאַלטן צווישן די בוריאַנעס. אינגיכן האָט ער דערהערט אַ סקריפּען פון דער טיר און זי, די רויטע מאַכעשייפע, האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל.

דאָוויד האָט אופגעציטערט: אָט די קליפּע לעבט און טויזנטער מענטשן שמאַכטן אַף קאַטאָרגע, אין די גרובנס! זי האָט אים צעבראָכן דאָס לעבן, אים, זײַן פרוי, זײַן קינד. אָט שטייט זי אַ צעפּאַטלטע, אַן עקלדיקע. זי גייט פרײַ צו דער קרענעצע, ציט אַרויס אַן עמער וואַסער און זשליאָקעט זיך אָן. זי לעבט, און ער האָט דרײַ שווערע יאָר זיך געמוטשעט אַף קאַטאָרגע...

וואָס זשע זאָל ער טאָן? זיך אַ לאָז טאָן צו איר און זי דערשטיקן? זי וועט אים דערזען, אופהייבן אַ גוואַלד, און מענטשן וועלן זיך צונויפלויפן און אָפּראַטעווען זי. צו אַ לײַכטע שטראָף...

עס האָט אים מוירעדיק געצויגן אַהיים, צו זעלדען, צום קינד, נאָר אין האַרצן האָט געזאָטן דער געפיל פון נעקאָמע. ניין, ער וועט זיך ניט באַווײַזן אין דער היים, ביז ער וועט זיך ניט נויקעם זײַן אין זײַנע סאָנים.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אין הויכן גראָז נאָך אַ שאָ צוויי. דער גאַנצער אַרום איז נאָך געווען אײַנגעהילט אין שלאָף. ווען קיין אין פײַערל האָט אין ערגעץ ניט געצאַפּלט, איז ער פּאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו דעם הײַזל, עס אַרומגעלייגט פון אַלע זײַטן מיט איבערגעטריקנ־טער שטרוי, אָפּגעזוכט אין דעם האַלב־צעוואַלגערטן שטאַלעכל אַ סוליע קעראָסין און באַגאָסן די שטרוי, די טירן און פענצטער פון אַלע זײַטן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע הײַזל געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַם.

דאָוויד איז שוין געשטאַנען ווײַט פון דער סרייפע, געקוקט, ווי די שלאַנגען־נעסט ברענט און דערפילט, ווי עס איז אים גרינגער געוואָרן אַפן האַרצן. גענומען אַפן אַקסל דאָס טאָר־בעלע מיטן ביסל אָרעמקײַט און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער געדיכט־פאַרוואַקסענער באַלקע. ער האָט זיך פאַרקליבן אַף אַ גרינעם קורגאַן און אַ טויט־מידער זיך אויסגעצויגן אַפן גראָז.

דער טונקעלער הימל אַרום איז מיטאָמאָל געוואָרן ראָז. פון אַלע הײַזער זײַנען געלאָפן מענטשן אַ קוק טאָן, ווו ברענט עס. מע האָט געכאַפּט עמער וואַסער, געלאָפן לעשן, נאָר ווען מע איז צוגעקומען נעענטער און דערזען, וועמענס נעסט עס ברענט, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט...

קיינער איז ניט צוגעקומען לעשן...

דאָס ערשטע מאָל, זינט דער יִשעוו איז אופגעקומען, איז געשען אַזאַ ניט געהערטע זאַך: אַ שטוב ברענט, און מענטשן שטייען אַרום דער סרייפע און לעשן ניט...

דער גאַנצער יִשעוו — קינד־און־קייט — איז געשטאַנען אַרום דעם ברענענדיקן שטיבל, און דאָרטן, אַפן גרינעם קורגאַן, אין די הויכע גראָזן, איז געלעגן דאָוויד מאַרקוס און מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ געזוכט מיט די אויגן זײַן זעלדען, נאָר פונדערווײַטנס איז שווער געווען עמעצן דערקענען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דערווײַל טאָר ער זיך אינעם יִשעוו ניט באַווײַזן. ווען אַפן אָרט פון דער שטוב איז געבליבן אַ באַרג אַש און צאַנקענדיקע האָלעוועשקעס, ווען דער הימל איז ווידער געוואָרן טונקל, האָט דאָוויד זיך אופגעהויבן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט די באַלקעס צו די נאָענטע דערפלעך.

ער איז געגאַנגען און אין אים איז אַלץ געוואַקסן דער ווייטעק. אַזוי נאָענט איז זײַן היים, און ער טאָר דערווײַל אַהין ניט קומען. עס וועלן דאָך געוויס אָנפליִען די זשאַנדאַרמען, אָנהייבן זוכן, נישטערן...

און עפשער דוכט זיך אים בלויז אַזוי? וועמען גייט אָן דער גורל פון אַ מאָסער, וואָס פאַרקויפט מענטשן פאַר אַ גראָשן? אָבער ווי עס זאָל דאַרט ניט זײַן, האָט אין די נאָענטע טעג דאָוויד ניט געטאָרט באַווײַזן זיך אין יִשעוו. נאָך דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט דרײַ יאָר קאַטאָרגע, טאָר ער ניט ריזיקירן מיט דער פרײַהײַט.

אים האָט געמאטערט דער הונגער און דער דורשט. די רעגנס און ספּעקס זײַנען אים דערגאנגען די יאָר, נאָר ער האָט זיך געהאלטן דערווײַל ווײַטער פון זײַן ישעוו, פון זײַן שטוב.

בלויז אין די נעכט האָט ער זיך ארײַנגעכאפּט אין א גאָרטן און עפּעס אויסגעריסן, קעדיי שטילן דעם הונגער. ווו געטאָגט, דאָרטן האָט ער ניט גענעכטיקט. ער האָט אלץ ארומגעבלאָנ־קעט און מיט אומגעדולד געוואַרט אף דער שאָ, ווען ער וועט קענען זיך באווײַזן אף דער שוועל פון זײַן שטוב.

עס איז אריבער צוויי וואָכן זינט יענער שרעקלעכער נאכט. אין די ארומיקע דערפלעך האָט דאָוויד זיך דערוווּסט, וואָס עס הערט זיך בא אים אינעם ישעוו. אלע האָבן געוווּסט וועגן דער שרעקלעכער סרייפע, נאָר דאָרטן איז עס דורכגעגאנגען שא־שטיל. פון דער גובער־ניע איז קיינער ניט געקומען און קיינעם איז ניט געווען קיין דײַגע, וואָס איז דאָרטן געווען פאר א סרייפע און ווער איז געווען דער שולדיקער. מע האָט געהערט זאָגן, אז דאָס האָט אָפּגעברענט א שטוב פון עפּעס א מעשוגענער פרוי, א שנאָרערן, א גאנעווטע... מע זאָגט, אז זי האָט זיך אָנגעשיקערט, זיך אוועקגעלייגט שלאָפן און פארגעסן אויסלעשן דעם לאָמפּ. קיי־נער פון די שכיינים האָט ניט באדויערט, קיינער האָט זי ניט באוויינט...

אין פארשיידענע ערטער האָט דאָוויד געהערט דאָס זעלבע און באשטימט, אז ער קאָן זיך שוין אומקערן אהיים. אין איינעם א שטילן אָוונט, ווען דער ישעוו האָט זיך געגרייט צום שלאָף און אף זײַנע שטילע געסלעך האָט מען שוין קיין לעבעדיקן נעפעש ניט געזען, איז דאָוויד מארקוס מיט א שטארקן אומרו צוגעגאנגען צו דער שוועל פון זײַן שטוב.

ער איז צוגעקומען אהין מיט די גערטנער, לאנג געשטאנען, ניט וואגנדיק ארײַנקומען, און ניט געקאָנט אײַנשטילן דאָס צעבושעוועטע הארץ. ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און א קוק געטאָן אין פענצטערל. זעלדע איז געזעסן באם צאנקענדיקן לעמפּעלע און פארנייט א פּאָר קליינינקע הייזלעך. א קוים באלויכטענער פון דער קנאפּער שײַן, איז אין וויגל, פאנאנדערגעוואָרפן די באקעטע הענטלעך, געשלאָפן דאָס קינד.

טרערן האָבן גענומען שטיקן דעם באנאכטיקן אוירעך. דער זון איז אויסגעוואקסן, און ער וועט אים שוין געוויס ניט דערקענען. זעלדע האָט זיך אויך שטארק געעלטערט. און עפּשער איז דאָס איבער דעם, וואָס די שײַן האָט זי געמאכט אזוי בלאס?

דרײַ יאָר זײַנען אוועק. נאָר אין שטוב האָט, דוכט זיך, גאָרנישט ניט געענדערט זיך. פונקט ווי דעמאָלט שטייט אינמיטן שטוב דער טיש און די ברייטע באנק באם פענצטער. אף דער וואנט הענגען צוויי היפּשע פּאָטאָגראפיעס — זעלדע און ער, דאָוויד...

דאָס הארץ האָט שטארק א צאפּל געטאָן. הייסט עס, אלץ איז געבליבן, ווי אמאָל, ווי צוריק מיט דרײַ יאָר. זי האָט געוואָרט אף אים, ניט אראָפּגענומען זײַן בילד, וואָס זי האָט אויפגעהאנגען נאָך זייער כאסענע. דערפון איז ער געוואָרן בא זיך פעסטער און פארזיכטיק אָנגעקלאָפּט אין פענצטערל:

— זעלדע, עפן אויף!..

א דערציטערטע, איז זעלדע אויפגעשפרונגען, דערשראָקן זיך ארומגעקוקט, דערנאָך צוגעגאנגען צום פענצטער אף די שפּיץ פינגער.

— ווער איז דאָרט?

— עפן אויף, טײַערינקע, דאָס בין איך... דאָוויד...

זעלדע האָט מיט ביידע הענט זיך א כאפּ געטאָן פארן הארצן. זי האָט דערקענט דאָ־ווידס קאָל.

— דאָווידקע, דאָס ביסטו? געקומען?..— האָט זי קוים ארויסגעבראכט. פארזיכטיק אויפ־געעפנט די טיר און דערזען אים, א פארוואקסענעם, אן אויסגעצערטן, צוגעפאלן צו זײַן ברוסט און זיך פאנאנדערגעוויינט:

— טײַערער מײַנער, פונוואנען קומסטו? אזא צײַט ניט געהערט פון דיר...

זי האָט קוים אײַנגעהאלטן דאָס געוויין, מוירע געהאט אופוועקן דאָס קינד, די מאמע, וואָס איז געלעגן אפן אויוון. זי איז געשטאנען בא דער שוועל, געקוקט אף אים, געגלייבט און ניט געגלייבט אירע אויגן, געמיינט, אז דאָס זעט זי אים אין כאָלעם. נאָר זײַנע אויגן, דער אומרו זײַנער, דער גאנצער אויסזען האָט איר אונטערגעזאָגט, אז דאָס איז ער, דאָוויד, אף וועלכן זי האָט אזא לאנגע צײַט געוואָרט.

זעלדע האָט געהאָלפן אים אראָפּוואָרפן פון זיך דאָס פארשטויבטע רעקל, די שווערע צעטאָפּטשעטע שטיוול. גענומען פונעם אויוון א טאָפּ ווארעמע וואסער, אראָפּגענומען פון זײַן לײַב דאָס קויטיקע העמד און געהאָלפן אים זיך ארומוואשן.

זי האָט אים וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט: ווו ער איז געווען אזא לאנגע צײַט און וואָס איז זיך מיט אים פארלאָפן, פארוואָס האָט ער די גאנצע צײַט ניט געשריבן, זיך ניט געלאָזט הערן. זי האָט נאָר געקוקט אף אים, געוואָלט דערזען אף אים די שטריכן, וועלכע זי האָט פארגעדענקט פון די ערשטע טעג פון זייער באקאנטשאפט. א פארוואקסענער, א פארעלטערטער, א קראנקער און אויסגעמאטערטער פונעם לאנגן און שווערן וועג, איז ער איר געווען ליב און טײַער, ווי דאן, אפן ברעג טײַך, אף דער צעוואָרפענער קאָפיצע היי.

די צײַט האָט אים אָבער ניט שטארק געענדערט. ווען ער האָט זיך ארומגעוואשן און אָנגעטאָן א פריש העמד, געקומען עטוואָס צו־זיך און זיך צעשמייכלט, האָט זי דערזען דעם זעלבן דאָווידן, וועלכן זי האָט אף קיין איין רעגע ניט פארגעסן. ער האָט אף איר געקוקט מיט די זעלבע פארליבטע אויגן און געווען גליקלעך, וואָס אלץ איז דאָ אין שטוב געבליבן אזוי, ווי געווען, און קיין זאך האָט ניט געענדערט איר באציִונג צו אים.

זי האָט אים געבראכט עפעס אף שטילן דעם הונגער, נאָר ער האָט געגעסן אָן כיישעק. ער איז געווען פארמאטערט עפשער ניט אזוי פונעם שווערן וועג און פון זײַנע וואנדערונגען אין דער אומגעגנט די לעצטע צוויי וואָכן נאָך דער סרייפע, ווי דערפון, וואָס ער האָט ניט געוווסט, וואָס עס ווארט אף אים. איצט איז ער געווען גליקלעך. דערוווסט זיך, אז זעלדע האָט די גאנצע צײַט געווארט אף אים, אז אין וויגל שלאָפט זײַן פארשײַט ייִנגל, וואָס וועט ניט זײַן קיין יאָסעם, קיין זון פון א קאטאָרזשאן, וואָס איז אומגעקומען אין סיביר, אף קאַטאָרגע...

זעלדע איז געווען שטארק אופגערודערט. אירע גוטע אויגן האָבן געשײַנט פון ליבע און פרייד. שטילערהייט האָט זי אויסגעלאָשן דאָס לעמפל, דאָס ערשטע מאָל פאר די דרײַ יאָר אויסגעבעט דאָס בעט, באלייגט איר גאסט און, פונקט ווי אין יענער ווײַטער נאכט אף דער שמעקנדיקער קאָפיצע היי, צוגעזאָטן געוואָרן צו זײַן ברוסט און פארקלעמט אים אין אירע אויסגעבענקטע אָרעמס.

אלע גאנצפרי, ווען סימאָן כאפט זיך אוף פונעם שלאָף, שפרינגט ער אראָפ פון זײַן וויגל און לאָזט זיך לויפן צו דער מאמעס בעט, קריכט ארונטער אונטער דער קאָלדרע, כאפט ארום די מאמע פארן האלדז, טוליעט זיך צו צו איר ווארעמען קערפער און דערפילט זיך, ווי אין גאניידן.

אויך דעם פרימאָרגן איז ער צוגעלאָפן מיט פארמאכטע אויגן צו איר בעט, אונטערגעהויבן די קאָלדרע און געוואָלט ארונטערקריכן אונטער איר, נאָר געבליבן שטיין א טויטדערשראָקענער. אף זײַן אָרט איז מיט צעוואָרפענע הענט געלעגן א פרעמדער פעטער מיט א פארוואקסן פּאָנעם.

די מאמע איז געלעגן עטוואָס ווײַטער, צוגעשפארט צו דער וואנט און איר פּאָנעם איז געווען באשײַנט מיט א ווונדערלעך שמייכעלע. ניט אנדערש, ווי זי האָט איצט געזען א שיינעם כאָלעם.

פאנאנדערגעווייַנט זיך, האָט ער גענומען קאדויטשען מיט די קולעקלעך איבער דער האָריקער ברוסט דעם אומבאקאנטן און געשריגן, ער זאָל זיך פארנעמען פונדאנען. דאָס איז זײַן מאמע, זײַנע און ניט קיינעמס...

דאָוויד איז אופגעשפרונגען, ניט פארשטאנען, ווער שרײַט עס אף אים און ווער שלאָגט מיט די פויסטלעך. דערזען דאָס כיינעוודיקע ייִנגעלע, זײַן קינד, האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט און געוואָלט אים נעמען צו זיך, נאָר דאָס זשוואווע באָכערל האָט זיך אויסגעדרייט פון אים און נאָך שטארקער אָנגעהויבן וויינען.

זעלדע האָט אופגעריסן די אויגן, ניט פארשטאנען, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר דערזען דאָס איבערגעשראָקענע קינד, איז זי אופגעשטאנען, ארופגעצויגן אפן לײַב איר קליידל, וואָס איז געווען פארוואָרפן אפן ווענטל פונעם הילצערנעם בעט און אראָפגעשפרונגען אפן דיל. געכאפט אף די הענט דאָס דערשראָקענע קינד און אָנגעהויבן עס בארויִקן.

— האָב ניט מוירע, נארעלע! בארויִק זיך... דאָס איז געקומען דײַן טאטע... דײַן טאטע איז געקומען, גיב אים א קוש...

סימאָן האָט זיך געריסן פון אירע הענט:

— מאמעלע, איך האָב מוירע... דאָס איז א שלעכטער פעטער... טרײַב אים ארויס!..

פונעם קליינעם אלקערל איז ארויסגעלאָפן די שוויגער. דערזען אף זעלדעס בעט א פרעמדן מאנצבל, איז זי געוואָרן דערשיטערט. בא איר אין שטוב, מיט איר טאָכטער זאָל זיך אזוינס טרעפן! אָנגעשפיזט אף דעם מאנצבל איר בייזן בליק, האָט זי אָנגעהויבן שעפטשען אין זיך אלע קלאָלעס פון דער וועלט.

זעלדע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויפֿן דיל, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און אַ שײַנענ־דיקע זיך אָנגערופֿן:

— מאַמע, האָסט דאָווידן ניט דערקענט?

— דאָוויד? ווער? ער לעבט?.. — האָט זי אָנגעהויבן שטאַמלען, באַקוקנדיק דעם פּאַרוואַקסענעם מענטשן, וואָס איז געזעסן אויפֿן בעט און אונטערגעשמייכלט.

— איר דערקענט מיך ניט, שוויגער?

— איצט, אַז דו האָסט אָנגעהויבן רעדן, האָב איך דיך דערקענט. — זי איז צוגעגאַנגען נעענטער, ווי נאָך אַלץ ניט געגלייבט. — ווו זשע, דאָוויד, ביסטו געווען אַזאַ צײַט און זיך ניט געלאָזט הערן? זעלדע האָט אירע אויגן אויסגעוויינט. זי איז פֿאַר דער צײַט האַלב מענטש גע־וואָרן... גאָטעניו ליבער, פֿאַרוואָס איז זי אַזוי באַשטראָפֿט געוואָרן? פֿאַרוואָס האָט זי זיך גע־דאַרפֿט אַזוי לאַנג מוטשען? אַ גזירע אויף אונדז...

— מאַמע, גענוג! דאַנקען גאָט, וואָס דאָוויד האָט זיך אומגעקערט. הייץ בעסער אײַן דעם אויוון, לאָמיר עפּעס אָפּבאַקן...

אַראָפּגעשלעפּט דאָווידן פֿונעם בעט, האָט זי צעפּאַטלט אים די האָר, אַ רײַב געטאָן מיט ביידע הענט זײַנע פֿאַרוואַקסענע באַקן:

— איך בעט דיך, דאָווידקע, גיי שער זיך אָרום, גאָל זיך אָפּ. מע קאָן זיך פֿאַר דיר אי־בערשרעקן...

אַ פֿלינקע און גליקלעכע, האָט זעלדע זיך געטראָגן איבער דער שטוב, ניט וויסנדיק פֿאַר וואָס זיך פֿריִער נעמען. זי האָט אַרויסגעקראָגן פֿון דעם גרויסן קאַסטן אַ פֿריש העמדל און אַ ווינק געטאָן, ער זאָל גיין אָרומוואַשן זיך.

ערשט איצט, בײַ דער ליכטיקער שײַן, האָט דאָוויד אָנגעהויבן אָרומקוקן זיך. אַלץ איז אים געווען אומגעוויינלעך און וויטעקלעך היימיש. ער איז געווען באַגײַסטערט, קוקנדיק, ווי זעלדע איז אויפֿגעלייגט, צופֿרידן מיט זײַן קומען, געקוקט אויף איר מיט פֿאַרליבטע אויגן, פֿולע מיט דאַנקבאַרקײַט און גליק.

פּלוצלינג האָט ער געכאַפּט אויף זיך אַ פּײַנטלעכן בליק, זיך אומגעקוקט און דערזען זײַן קינד, וואָס האָט זיך אײַנגעקנוילט אויף זײַן בעטעלע, וואָס איז שוין, זעט אויס, געווען פֿאַר אים ענג. דאָוויד איז צוגעגאַנגען צו אים, געפּרוּווט נעמען אויף די הענט, נאָר סימאָן האָט זיך אָפּ־געקערט פֿון אים:

— מאַמע, זאָג אים, ער זאָל אוועקגיין פֿון אונדז. איך האָב מורע...

ווידער איז זעלדע צוגעלאָפֿן און גענומען באַרויִקן דאָס קינד.

— נאַרעלע, דאָס איז דאָך דײַן טאַטע...

— איך האָב ניט קיין טאַטן, — האָט סימאָן זיך צעוויינט. — די באָבע האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין טאַטן. מײַן טאַטע איז אַן אַרעסטאַנט און וועט קיינמאָל ניט קומען צו אונדז. און אָט דעם פֿעטער טרײַב אַרויס.

דאָוויד איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער. פֿריִער האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט, הערנדיק דעם קינדס פּלאַפּלען, נאָר איצט האָט ער דערפֿילט, ווי עס הייבט אים אָן קלעמען באַם האַרצן. ער האָט אַרויסבאַקומען פֿון זײַן טאָרבעלע די מאַטאָנע, וואָס ער האָט אים געבראַכט — אַ פֿער־דעלע און עס דערלאַנגט דעם זון. יענער האָט מיט ביידע הענט זיך אַ צי געטאָן נאָך דעם, נאָר זיך גלײַך אָפּגעקערט:

— מאַמע, טרײַב אים אוועק. איך האָב מורע. דאָס איז אַ שלעכטער פֿעטער...

אַ מוירעדיקער וויטעק האָט אַרומגעכאַפּט דאָווידן. אַזאַ צײַט געטרוימט זיך באַגעגענען מיט זײַן יורשׁ, און יענער וויל אים ניט אָנערקענען.

ער האָט אַרויסגענומען פֿונעם טאָרבעלע דאָס גאָלמעסער, אָנגעזייפֿט דאָס פֿאַרוואַקסענע פּאָנעם און גענומען שאָבן די האַרטע, פֿאַרדרייטע האָר. ער האָט זיך לאַנג געמאַטערט, ביז ער האָט זיך אָפּגעגאָלט. דערנאָך האָט ער זיך אָרומגעוואַשן, אָנגעטאָן דאָס פֿרישע העמדל, צוגע־קעמט די טשופּרינע און מיטאַמאָל זיך געענדערט אויף ניט צו דערקענען.

— אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש!.. — האָט זעלדע זיך דערפֿרייט, דערזעענדיק דאָווידן אַ יינגער־געוואָרענעם, אַזאַ כיינעוודיקן, ווי אַמאָל, אַפֿילע די גרויסע אומרויִקע אויגן האָבן גע־גלאַנצט מילדער און ליבער.

— גוט האָסטו געטאָן, — האָט זי זיך שיִער ניט פֿאַרכלינעט פֿון פֿרייד, — האָסט אַראָפּגע־וואָרפֿן פֿון זיך דעם אַרעסטאַנט, ביסטו געוואָרן דער זעלבער, וואָס געווען אַמאָל. איצט וועט דיך שוין סימאָן אָנערקענען... ער וועט שוין ניט הייסן, איך זאָל אַרויסטרײַבן דעם שלעכטן פֿעטער...

נאָר סימאָן איז שוין געווען אין גאַר אן אנדער וועלט. ווען דער פעטער האָט זיך געגעזעגנט, שטייענדיק לעבן דעם קליינעם שפיגעלע, איז ער פאַרזיכטיק אראָפּגעגאַן פונעם בעטל, א כאַפּ געטאָן דאָס פערדל און צוריק אוועקגעלאָפן אפן געלעגער. ער האָט באַטראַכט דאָס פערדעלע פון אלע זײַטן און אים איז שוין מער גאָרנישט ניט אָנגעגאַנגען. ווען דאָווד איז ווידער צוגעגאַנגען צו אים, האָט סימאָן אים אָפּגעמאָסטן מיט זײַן אָנגעדראָלענעם בליק. אָפּגעגאָלט און אָנגעטאָן א פריש העמדל, האָט ער שוין ניט אויסגעזען, ווי יענער פאַרוואָקסענער און שרעקלעכער פעטער. איז ער געוואָרן עטוואָס מילדער צו אים. א קוק געטאָן אין יענעם ווינקל, ווו עס איז געלעגן דאָס טאָרבעלע, האָט ער שעמעוודיק זיך אָנגערופן:

— און וואָס נאָך האָסטו מיר געבראַכט?

דאָווד איז געבליבן אין פאַרלעגנהײַט. זעלדע, פאַרשטייענדיק, אז אין זעקל איז מער גאָרנישט ניטאָ פאַרן קינד, איז זי צוגעלאָפן צו דער שאַפע, אומבאַמערקט פאַר סימאָנען גענומען א ציגעלע צוקער, עס אַרײַנגעשטעקט דעם מאַן אין האַנט אַרײַן און זיך אָנגערופן מיט איר ווייכער שטים:

— דער טאַטע האָט דיר נאָך אין מאַמאַנע געבראַכט... וועסט זײַן א גוט ייִנגעלע, וועט ער עס דיר באַלד געבן...

און דאָווד האָט אונטערגעטראָגן סימאָנען דאָס שטיקל צוקער.

באַם קינד האָבן זיך ווידער צעשײַנט די אויגן. ער האָט א ווײַלע באַטראַכט דאָס ציגעלע צוקער און א שמייכל געטאָן:

— און מע מעג עס פאַרזוכן?

— געוויס... דאָס איז דײַנס...

האָט סימאָן אַרײַנגעכאַפּט אין מויל דאָס ציגעלע צוקער און זיך צופרידן פאַנאַנדערגעלאַכט.

זעלדע האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, א ווונק געטאָן צום מאַן און א זאָג געטאָן:

— נו, דוכט זיך, איצט וועט ער שוין ניט הייסן, מע זאָל אַרויסטרײַבן דעם פעטער... דאָווידן האָט זיך געדוכט, אז אין שטוב איז מיטאַמאָל געוואָרן גרעאַמער און ליכטיקער.

## דאָס פופצנטע קאַפּיטל

אין דער שוויגערס פאַרדײַגעטן בליק, אף איר אָנגעכמורעטן פּאָנעם האָט דאָווד ניט באַמערקט קיין סימען פון פרייד. א מוירעדיקער גלײַכגילט האָט געוויעט פון איר.

לייע האָט אים ווידער געגעבן אָנצוהערן, אז איר טאָכטער פאַרדינט א שענער מאַזל און ווען זי זאָל געווען פאָלגן דער מאַמעס אייצעס, וואָלט איר לעבן אויסגעזען גאָר אנדערש. וויפל האָבן זיי דאָ איבערגעליטן פאַר די דרײַ יאָר! עס איז אויסגעקומען אלץ פון דער שטוב פאַרקויפן, קעדיי ווי־ניט־איז זיך דורכלעבן. הײַנט די שכיינים! כאָטש אויסרלעך האָט מען געמאַכט דעם אָנשטעל, אז מע האָט אף איר ראַכמאָנעס, נאָר מע האָט זיך געסטאַרעט האַלטן וואָס ווײַטער פון איר: דעם מאַן האָט מען דאָך פאַרשיקט אף קאַטאָרגע!

דאָווד איז די טעג ארומגעגאַנגען, ווי א פאַרכאַלעמטער. ער האָט גוט געזען דעם דאַלעס, וואָס האָט געהערשט אין שטוב. אין שטאַל איז געבליבן בלויז די אלטע קו. זי האָט געגעבן מילך אפן דעק שעפל, שוין לאַנג געדאַרפט זי אויסבײַטן אף א נײַער, נאָר וויאַזוי, אז מע האָט קוים צונויפגעפּירט א וואַנט מיט א וואַנט.

ער האָט זיך געפּילט אָנמעכטיק, ניט געוווסט פאַר וואָס זיך נעמען, צו וואָס צולייגן די הענט. די שוויגער האָט געקוקט אף אים מיט פײַנטשאַפט און האָט ניט אופגעהערט אונטערבורטשען, אז איר טאָכטער וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן פון קיין גליק, פון קיין זאַט לעבן. זי האָט ניט קיין איבעריק קלײדל, און דאָס מאַנטעלע אירס איז שוין אינגאַנצן אויסגעריבן. דאָס קינד לויפט ארום איבער דער גאַס מיט צעריסענע הייזלעך.

דאָווידן איז אזוי אויך געווען אָנגעזאָליעט אפן האַרצן, ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי זאָל ער אָנהייבן דאָס נײַע לעבן, און די שוויגער מיט אירע רייד האָט אים צוגעגעבן נאָך מער ביטערקײַט. צו וואָס ער האָט זיך ניט גענומען, איז אלץ געפאַלן פון די הענט. כאָטש די שכיינים האָבן זיך דערפרייט מיט אים און אָנגעהויבן טראָגן ווילעס, גראַבלייעס, שלעסער אף פאַריכטן, נאָר מע האָט זיך געסטאַרעט האַלטן ווײַטער פון אים, ניט אויסגעפרעגט, ווו ער איז געווען און וואָס ער האָט דאָרטן, אין סיביר, געטאָן. דערצו נאָך האָבן א פּאָר מאָל זיך געיאָוועט אין ייִשעוו זשאַנדאַרמען און זיך נאָכגעפרעגט אף דאָווד מאַרקוסן — ווי פירט ער זיך אוף, מיט וועמען באַגעגנט ער זיך און וואָס פאַר א געשפּרעכן פירט ער מיטן אוילעם...

— א כוואַראַבע אַף זיי, — האָבן צווישן זיך גערעדט די שכנים, — מאַלע־וואָס זיי האָבן אים אַפּגעמוטשעט דרײַ יאָר אין סיביר, לאָזט מען אים אויך דאָ ניט אָטעמען...

טעג זײַנען געגאַנגען, און אים האָט אַלץ שטאַרקער גענומען מאַטערן דאָס, וואָס דער קליינינקער סימאָן האַלט זיך ווײַטער פון אים און האָט פאַר אים מוירע. וויפל זעלדע האָט אים ניט אײַנגערעדט, דעם קליינינקן אקשן, ער זאָל אכטן דעם טאַטן, האָט עס איר ניט שטענדיק געהאָלפן.

דאָוויד האָט לאַנג געטראַכט, וואָס ער זאָל ווײַטער טאָן און אָנגעהויבן דערווײַזן זעלדען, אַז דאָ, אין יישעוו, קאָן ער ניט בלײַבן. ער קאָן ניט ארומגיין, ווי א קעסטקינד און אויס־הערן דער שוויגערס טײַנעס. ער וועט אוועקגיין קיין גלושעוו, צו זײַן אמאָליקן באַלעבאָס, עפשער וועט יענער אים געבן ארבעט. וואָס פאַר א טאַכלעס זיצן אין יישעוו, זיך נייטיקן אין א שטיקל ברויט און ארויסקוקן מיט פּאַכעד אַפן ווינטער, וואָס דערנעענטערט זיך. ער וועט זיך אײַנאָרדענען אַף ארבעט, דערנאָך וועלן זיי זיך איבערקלײַבן אין זײַן שטיבל, וואָס שטייט דאָרטן, אין גלושעוו, מיט פאַרהאַקטע טירן און פענצטער. אויב זי, זעלדע, וויל ניט אריבערפאָרן אהין, וועט ער עפשער דערווײַל ארבעטן דאָרטן און אַלע שאַבעס קומען אהער, צו איר.

זעלדע האָט ניט געוווסט, וואָס זי זאָל אים ענטפערן דערויף. זי איז געווען פאַרומערט, זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי זי וועט פאַרלאָזן די אייגענע נעסט, דעם גאָרטן, די מאַמע, וואָס וועט בעשום־אויפן ניט וועלן פאַרלאָזן איר שטוב, נאָר, זעענדיק, ווי דאָוויד איז געפאַלן בא זיך, איז זי אײַנגעגאַנגען אַף דעם, ער זאָל א פּרווו טאָן דאָס מאַזל. זי מיטן קינד וועט דער־ווײַל בלײַבן דאָ.

האָט דאָוויד זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך אוועקגעלאָזט אויספּרווון זײַן מאַזל. דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער געטראַכט, ווייסט קיינער ניט, וואָס מיט אים איז זיך פאַר־לאָפן. ער וועט ברענגען אין אָרדענונג זײַן שטיבל, זיך אײַנאָרדענען אַף ארבעט און זעלדע מיטן קינד, מעגלעך מיט דער שוויגער וועט זיך איבערקלײַבן צו אים. נאָר, געקומען קיין גלושעוו, דערזען זײַן נאַכלע, איז אים געוואָרן נאָך ביטערער. די סטעליע האָט זיך אײַנגע־בויגן, די ווענט זײַנען געווען דורכגענעצט אַף דורך און דורך, כאָטש הינט אהין פאַרטרײַבן.

מאַלקע און מאַרוסיע זײַנען ארויסגעלאָפן אים אנטקעגן און אופגעהויבן א געוויין. זיי זײַנען געשטאַנען און מיט שרעק אים אָנגעקוקט. ניט אנדערש, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון יענער־וועלט. מע האָט געזאָגט, אַז דאָרטן, אַף דער קאַטאָרגע, איז ער שוין לאַנג אומגע־קומען, און זיי האָבן זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן, וואָס זאָל מען טאָן מיט זײַן שטיבל, וואָס האַלט זיך אַף הינערשע פּיסלעך...

זעליק דער שטריקלדרייער האָט אים גלײַך דערקענט און זיך דערפרייט מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם זון. אים האָט ניט געאַרט, וואָס דער שאָכן זײַנער איז אזוי אויסגעדאַרט. דאָס אַלץ, וואָס דאָוויד האָט איבערגעטראָגן, האָט דער אַלטער געזאָגט, איז בלאָטע — אבי מע לעבט! אבי מע זעט זיך! אבי ביינער — פליייש וועט אָנוואַקסן.

דער אופגעלייגטער שטריקלדרייער האָט ניט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָן מיט זײַן טײַערן גאַסט. ער האָט אים פאַרשלעפּט צו זיך אין שטוב ארײַן, גערופן צום טיש, און באַנאַנד מיט אים אוועקגעזעצט מאַלקען און מאַרוסיען. איינגיכן האָט ער געבראַכט פון דער מאָנאָפּאָלקע א פלאַש „קאַזיאָנקע“ און מע האָט גענומען דעם שיינעם לעכאַים.

דערוווסט זיך, ווער עס איז געקומען „פון יענער־וועלט“, האָט מען איינער נאָכן אנדערן אָנגעהויבן ארײַנקומען צום שטריקלדרייער — ווער מיט א פלעשל ווײַן, ווער מיט א שיסל פאַרבײַסעכץ. מע האָט געטרונקען, געטומלט, זיך געפרייט אזוי, ווי מע האָט זיך דאָ שוין לאַנג־לאַנג ניט געפרייט.

דער שטריקלדרייער האָט א ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און ניט אופגעהערט הערווײַזן דעם גאַסט, אז ער דאַרף אַף אַלץ א שפּײַ טאָן און זיך שטעלן לעבן אים ארבעטן. ער וועט אים מאַכן פאַר א גוטן שטריקלדרייער. ווײַל טאָמער, כאַליליע, טוט ער, רעב זעליק, א שטאַרב אוועק, בלײַבט גלושעוו אָן שטריק. און גראַדע איצט איז געקומען די צײַט, ווען מע האָט אים אונטערגעוואָרפן א סאַך ארבעט. די וועלט איז ניט אנדערש, ווי מעשוגע געוואָרן: אַלע דאַרפן שטריקן!

די ליאַמע האָט זיך פאַרצויגן גאַנץ לאַנג. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. אַלע זײַנען באַשטאַנען אַף דעם, דאָוויד זאָל בלײַבן נעכטיקן, זיך אויסרוען די ביינער. ער וועט מאָרגן באַווײַזן זיך דורכריידן מיט זײַן געוועזענעם באַלעבאָס, מיט לייבעש רוד־ניצקין. די וועלט ווייסט דאָך, אַז א גוטע זאַך דאַרף מען אָנהייבן פון גאַנצפרי...

דער גאַסט האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע אַ מידער, אַ ביסל אַ שיקערלעכער און געמיינט, אַז באַלד וועט ער כאַפּן דעם שיינעם שלאָף, נאָר גיי טו עפּעס, אַז זעליק דער שטריקלדרייער האָט ניט געוואָלט שלאָפן. וואָס זשע, אַזאַ צײַט זיך ניט זען מיט דאַווידן, טאָר ער זיך מיט אים ניט דורכריידן?

איז ער געזעסן דער אַלטער קימאַט ביז טאָג און דערוויזן, אַז די מעלאָכע פון אַ שטריקל-דרייער שטאַמט נאָך פון אָדאָם-האָרישן, און ווען עס וואָלטן ניט געווען אויף דער וועלט קיין שטריק, וואָלט זי שוין לאַנג אומגעקומען. כוץ דעם, האָט ער ניט אויפגעהערט שיטן פּעך און שוועבל אויף דעם קייסער און דערוויַיזן, אַז יענער וועט מוזן באַקומען אַ מיסע-מעשונע. ווײַל אויב, אַ רוצח איז זײַן געפייגערטן טאַטן, ער פאַרשיקט אויף קאָטאָרגע קיין סיביר אַזעלכע גאָלדענע באַלמעלאָכעס, אומשולדיקע נעשאָמעס, ווי דאַוויד מאַרקוס, איז דאָס דער בעסטער סימען, אַז ער וועט ברעכן דעם קאָפּ צוזאַמען מיט זײַן גאַנצער כאַליאַסטרע בלוטזויגער!

עפּעס האָט ער נאָך געזאָגט, דער אויפגערעגטער שטריקלדרייער, נאָר דער גאַסט האָט שוין ניט געהערט. ער איז אײַנגעשלאָפן מיט אַ שלאָף פון אַן עמעסן גיבער.

אויפגעשטאַנען איז דאַוויד מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטעק. עס האָט זיך געלאָזט פילן די „קאַזיאָנקע", וואָס ער האָט נעכטן אויסגעטרונקען. איין שטוב איז געווען פּוסט. דער טיש איז שוין אָבער געווען געדעקט, און עס איז דאָרטן געשטאַנען אַ טעלער מיט הערינג, אַ שאַלעכל מיט ציבעלעס און אַ שיסל מיט הייסע קאַרטאָפל. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם קיבעד און זיך צעשמייכלט. סאַראַ טײַערער אַלטיטשקער! ער זאָרגט זיך, דער גאַסט זאָל, כאָלילע, ניט אַוועקגיין קיין הונגעריקער.

נאָר דאַווידן האָט זיך ניט געוואָלט עסן. דער קאָפּ האָט זיך אַ ביסל געדרייט, און ער האָט געדאַרפט באַטראַכטן, וויאַזוי וועט ער איבערטרעטן די שוועל פונעם געוועזענעם באַלעבאָס.

דאָס איז געווען דער לעצטער שאַנס זיך צושלאָגן צו אַ ברעג און ברענגען זעלדען מיטן קינד אַ ביסל נאַכעס. גייענדיק אַהער, קיין גלושעוו, האָט דאַוויד געמיינט, אַז קיינער ווייסט דאָ ניט פון זײַן אומגליק. נאָר שוין די באַגעגעניש מיט מאַלקען, מאַרוסיען און דעם שטריקל-דרייער, האָט אים איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ סאָד אויף גאַנץ בראָד, און אויף דער נעשאָמע איז אים געוואָרן אַ ביסעלע פריקרע.

נאָר ער האָט ניט געוואָלט זיך קאַליע מאַכן די שטימונג, טראַכטן וועגן שלעכטן. זיך שנעל אָרומגעוואַשן פון דער דייזשע, וואָס איז געשטאַנען באַ דער טיר, עפּעס איבערגעכאַפּט, האָט דאַוויד זיך געלאָזט גיין אין צווייטן עק גלושעוו אויספּרוּוון דאָס מאַזל.

לייבעש רודניצקין האָט דאַוויד ניט געטראָפן. ער האָט גראָדע געהאַט יאָרצײַט נאָך זײַן טאַטן און זיך פאַרהאַלטן אין קלויז. דעם גאַסט איז אויסגעקומען זיצן אינעם האַלב-פינצטערן קאָרידאָרל לעבן יענעמס קאַבינעטל אַ שיינע פּאָר שאָ און איבערטראַכטן דער רוצח ווייסט וואָס. ענדלעך איז דער באַלעבאָס געקומען.

ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם באַזוכער מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער דערקענט אים ניט. נאָר שפּעטער, ווען עס איז דאַווידן נימעס געוואָרן זיצן און אַרויס-קוקן, יענער זאָל אים אַרײַנרופן אין קאָנטאָרל, איז ער אַליין צו אים אַרײַנגעקומען.

לייבעש רודניצקי איז געזעסן באַם טישל אין דער יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ און געזופּט פון אַ גלאָז הייסע טיי. מע האָט געזען, אַז ער איז ווײַט ניט צופרידן מיטן אומגעריכטן גאַסט. ער האָט אויף אים געקוקט מיט פּאַכעד, זיך געדרייט אויפן בענקל, גלײַך ווי ער וואָלט געזעסן אויף שפּילקעס.

— זעץ זיך צו... איך האָב דיך, דאַוויד, אינגאַנצן ניט דערקענט. ווײַסט מיסטאָמע אַמאָל רײַך וועריען... זיך אומגעקערט? — האָט ער זיך אָנגערופן. — און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין אויף דער שיינער וועלט. איז מיט וואָס ביסטו צו מיר געקומען?

די ווערטער האָבן דאַווידן שטאַרק אויפגערודערט. ער איז געוואָרן רויט און בלאַס, געוואָלט אויסגיסן אויף דעם אָנגעפּרעסענעם באַלעבעסל דאָס ביטערע האַרץ, נאָר זיך אײַנ-געהאַלטן.

— ווען איך זאָל אײַך, רעב לייבעש זאָגן, אַז איך בין געקומען שפּילן מיט אײַך אַ שאָך, וואָלט איר געגלייבט? איך וויל זיך באַ אײַך שטעלן אַרבעטן. איך בין אַ מענטש מיט אַ פּאַ-מיליע און דאַרף פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט...

דער באַלעבאָס איז אויפגעשטאַנען, אָפּגערוקט די גלאָז טיי, אָפּגעשאַרט פונעם טיש די ברעקלעך, פאַריכט דעם שניפּס און מיט אַ ביטל-שמייכעלע אַ קוק געטאָן אויף דעם באָכער.

— אַז מע וויל עסן דאָס שטיקל ברויט, דאַרף מען זיך ניט פאַרנעמען מיט פּאָליטיקע...

— איך פאַרשטיי אײַך ניט, באַלעבאָס...

— דו פאַרשטייסט מיך גאַנץ גוט, — האָט ער עטוואָס ווייכער אַרויסגערעדט, — ווען דו פאַרשטייסט ווייניקער, וואָלט דיר געווען גרינגער צו לעבן אַף דער וועלט.

געכאַפּט די גלאָז און אָפּגעזופּט אַ ביסל טיי, האָט ער פאַרגעזעצט:

— איך האָב דיך, דאָוויד, געהאַלטן פאַר אַ כאַכעם. מע האָט דיר דאָך אַמאָל פאַרט אַ צונעמעניש געגעבן — דאָוויד העמעלעך. וואָס זשע ביסטו צו מיר הײַנט געקומען זיך פאַר־שטעלן פאַר אַ נאַר? וואָס זשע, דו פאַרשטייסט אַליין ניט, אַז נאָך דעם, ווו דו ביסט געווען, וועל איך דיך אַפילע אַף דער שוועל ניט אַרופלאָזן? איך בין, כאַלילע, פון די געדאַנקען?

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט דאָוויד אים איבערגעשלאָגן און זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט סינע, — איך פאַרשטיי ניט.

— אַזוי גאָר, דו פאַרשטייסט ניט? — האָט דער באַלעבאָס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — אַ נעבעכל, פאַרשטייסט ניט...

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ פאַרביק פּעקעלע אַ ציגאַר, פאַמעלעך פאַררייכערט, אַרויס־געלאָזט פון דער עטוואָס צוגעפּלעטשטער נאָז אַ וואָלקן רויך און שוין ביידלעך געזאָגט:

— איך האָב ניט געקלערט, אַז באַ דאָוויד האַמעלעך איז אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ און מע דאַרף אים אַרײַנלייגן אַ פינגער אין מויל. דו ביסט ניט אַזאַ נאַרוץ, ווי דו מאַכסט זיך. דו ווייסט דען אַליין ניט, וואָס פאַר אַ מעשוגענע וועלט עס איז איצט געוואָרן? איינער דעם אַנ־דערן איז איצט גרייט אופעסן מיט די פּאַטראָכעס לעבעדיקערהייט. מיילע, ווען מע פאַרשיקט דיך אַף קאַטאָרגע, מירן זאָגן, פאַר גנייווע, גזיילע, כ'וויס, באַגאַנוועט אַ קלויסטער, דער־הארגעט אַ מענטשן, איז כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער, וואָלט איך זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. נאָר דו ביסט געזעסן, ווי אַ פּאָליטישעסקע! האָסט זיך צעבוצקעט מיט דער אימפּעריע, גע־וואָלט אַראָפּוואָרפן דעם קייסער. איך האָב דיך אויסגעלערנט, זאָלסט פאַריכטן זינגערס מאַ־שינעס, שטעלסטו זיך אוועק און מאַכסט גאָר באָמבעס!.. און נאָך דעם ווילסטו, איך זאָל דיך ווידער נעמען צו זיך אַף אַרבעט? וואָס זשע, דו ווייסט דען ניט, אַז די פּאָליציי כאַפּט זיך אַראָפּ צו מיר אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, מע נעמט ניט אַראָפּ דאָס אויג פון מײַנע באַ־סיאַקעס, וואָס טראַכטן דער רוער ווייסט וואָס. נאָר דאָס גייט מיר אָן צו מײַנע גאָלדענע געשעפטן...

לייבעש האָט זיך ווידער טיף פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גיי דיר, דאָוויד האַמעלעך, זוכן ערגעץ אַנדערש גליקן און לאָז מיך צורו... איך האָב גענוג דײַגעס אָן דיר. איך קאָן דיר מיט גאָרנישט ניט העלפן. איך האָב מוירע. מײַן פעל איז מיר טײַערער פון דײַנע געשעפטן. מיט דער פּאָליציע, מיט דער אימפּעריע וויל איך זיך ניט פאַרקריגן...

זיך אָפּגעקערט פון דאָווידן, צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך פאַרקוקט אַפן שיקערן דוואָרניק, וואָס האָט געוואָלט אופהייבן דעם בעזעם און בעשום־אויפן ניט געקאָנט, ער האָט דערבײַ אַ וווּנק געטאָן, אַז מער האָט ער מיט דאָווידן ניט וואָס צו ריידן.

ער האָט צעפּירט מיט די הענט, אַרויסבאַגלייטנדיק יענעם פון צימער און צוגעגעבן:

— אָט אַזוי, מײַן טײַערער... מע דאַרף ניט פאַרגעסן דעם אַלטן קלאַל, וואָס איז אַפילע אין דער טוירע, דאַכט זיך, פאַרשריבן: וויאַזוי מע בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען...

דאָוויד האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער שוועל, אופגעהויבן אַף דעם טײַוול אין דער יאַרמעלקע אַ שווערן בליק און זיך אָנגערופן:

— אַ דאַנק פאַר די שיינע ווערטעלעך... איך גלייב אָבער, אַז עס וועט קומען די צײַט, ווען איר וועט כאַראָטע האָבן, מיינט ניט, אַז איר האָט אָנגעכאַפּט גאָט פאַר די פּיאַטעס... די וועלט איז קײַלעכדיק, זאָגט מען. זי דרייט זיך...

אַ שפּײַ געטאָן, איז דאָוויד האַסטיק אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּלעך און זיך שנעל גע־לאָזט גיין צום גרויסן שליאַך.

אַ צעבראָכענער, איז ער אוועק פונעם באַלעבאָס, אים איז געווען זייער שווער אַפן האַרצן. ער איז אַרײַנגעקומען צו אַ צווייטן באַלעבאָס, וואָס האָט געהאַלטן אַ שלאָסער־וואַר־שטאַט, זיך אָנגעפרעגט, צי האָט ער פאַר אים ניט קיין אַרבעט. אָבער ווי נאָר יענער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דאָוויד מאַרקוס, וועלכער האָט אַמאָל געאַרבעט באַ לייבעש רוד־ניצקין און געווען פאַרשיקט קיין סיביר אַף קאַטאָרגע, האָט ער זיך פון אים אָפּגעשטויסן מיט הענט און פיס. נייך, פאַר אים איז קיין אַרבעט ניטאָ... איז ער אוועקגעגאַנגען צום אַרײַנפאָר אין שטאָט, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסע קוזניע און זיך נאָכגעפרעגט באַם באַלעבאָס, עפּ־שער וועט ער אים נעמען. יענער האָט שוין געגעבן די האַסקאָמע, נאָר זיך דערמאָנט, ווער דער דאָוויד איז, געבעטן אים קומען אין אַ צײַט אַרום, דערווײַל איז קיין אַרבעט ניטאָ...

עטלעכע טעג איז ער ארומגעגאַנגען פון סאָסיען צו דוואָסיען און אומעטום האָט מען זיך פון אים אָפּגעטרייסלט, ווי פון א שלאַק. ער האָט פארשטאַנען, אז ער וועט זיך מוזן אומקערן אהיים מיטן בײַטשל.

בלויז איין מענטש האָט אים פארגעלייגט ארבעט, א דאַך איבערן קאָפּ און א גמילעס־כעסער אף אונטערהאַלטן דאָס געזינדל — דאָס איז געווען זעליק דער שטריקלדרייער. נאָר דאָוויד האָט אים הארציק אָפּגעדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט. ניין, ער וועט ניט אוועקוואַרפן זײַן מעלאָכע און זיך אָנהייבן לערנען דרייען שטריק. און ביכלאַל וועט, זעט אויס, אין דעם קאַנט פאר אים קיין אָרט ניט זײַן. ער וועט מוזן זיך אוועקלאָזן אין דער גרויסער וועלט, עפּשער וועט ער דאָרטן ערגעץ געפינען זײַן אָרט אונטער דער זון.

וווהין זשע זיך אוועקלאָזן און ווער וואַרט ערגעץ אף אים?

איבער דער פראַגע האָט ער לאַנג און ווייטעקדיק געטראַכט, גייענדיק מיט דעם גרויסן שליאַך אהיים. פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט, אז דאָרטן, אין סיביר, האָט ער זיך באַגעגנט מיט א טײַערן מענטשן, אזא קאַטאָרזשאַן, ווי ער. ווען מע האָט באַפרײַט דאָוויד מארקוסן, האָט יענער אים געזאָגט:

— איך ווייס ניט, דאָוויד, צי וועל איך אויסהאַלטן די צען יאָר קאַטאָרגע, ריכטיקער פון אַלץ, וועל איך אין דעם העקדעש געפינען מײַנע דרײַ ארשין ערד, איז אויב דיר וועט אָפּ־גליקן און וועסט אמאָל קומען אף אונדזער אוקראַינע אין דער שטאָט קיִעוו, זאָלסטו אָפּזוכן מײַנע אַלטיטשקע עלטערן. זיי וווינען ניט ווײַט פונעם דניעפּער, אף פּאָדאָל... דאָרטן האָבן זיי אַן אייגענע נאַכלע און זיי וועלן דיך גוט אויפנעמען. דערצייל זיי, ווי מיר האָבן דאָ זיך געמוטשעט, גיב זיי איבער פון מיר א גרוס, און אויב דו וועסט זיי קאָנען מיט עפּעס־וואָס העלפן, וועט דיר באַצאָלט ווערן מיט גוטס...

אפן ראַנד פונעם טורמע־העמד האָט ער אים פארשריבן דעם אדרעס פון זײַנע עלטערן...

נאָר גלײַך האָט דאָוויד זיך דערמאָנט, אז ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון סיביר, האָט זעלדע פארברענט דאָס העמד, דאָס טורמע־רעקל און אַלץ, וואָס האָט דערמאָנט אין דער קאַ־טאָרגע. מיטן פלאַם איז אוועק אויך דער אדרעס. דאָס דאַרף זײַן, האָט ער געטראַכט, א שלעכטער סימען, נאָר ווי זאָגט עס דאָס אַלטע ווערטל: די צונג וועט ביז קיִעוו דערפירן...

אין עטלעכע טעג ארום נאָך דעם, וואָס דאָוויד מארקוס האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין גלו־שעוו, האָט ער אַן אנטווישטער זיך אומגעקערט אהיים.

די שוויגער האָט אים דערזען פונדערווײַטנס און לויט זײַן פארומערט פּאָנעם פארשטאַ־נען, אז ער האָט זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט. זי האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און געזאָגט דער טאָכטער:

— דו זעסט, זעלדעלע, דײַן שלימאַזל גייט... ווידער קערט ער זיך אום מיטן בײַטשל... עס גייט אונדז דורך טיר און דורך טויער...

— מאַמע, איך בעט דיך, שווײַג בעסער, וואָס איז ער שולדיק, אז די וועלט איז אזא ביטערע און מענטשן האָבן פארלוירן דעם געוויסן. זעסט דען ניט, ווי ער מוטשעט זיך?

— ווילסט, איך זאָל שווײַגן, וועל איך שווײַגן... וועסט אָבער אמאָל דערמאָנען מײַנע רייד...

זעלדע איז ארויסגעלאָפן דאָווידן אנטקעגן און זיך אָפּגעשטעלט אף דער שוועל פון דער קאַליטקע. שווער געווען דערקענען דעם מאַן, אזוי דערשלאָגן און צעבראָכן איז ער געווען. ער האָט קוים פארנייגט דעם קאָפּ פאר איר, ניט געוווסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן.

קוקנדיק מיט אירע פארליבטע אויגן אף דעם אומגליקלעכן מאַן, האָט זי שוין אַליין אַלץ פארשטאַנען. זי האָט בא זיך באַשטימט, אז זי וועט צו אים זײַן ווי קיינמאָל צאַרט און מיט קיין וואָרט ניט צעיאָטערן זײַנע ווונדן. און אויב ער וועט איר זאָגן, אז מע דאַרף אַלץ וואַרפן און זיך לאָזן זוכן ארבעט, וועט זי ניט דערווידערן. זי איז גרייט מיט אים גיין, וווהין ער וועט וועלן. דאָ, זעט אויס, וועלן זיי שוין פון גליק ניט וויסן. ער איז גערעכט, דאָוויד. ער האָט איר אמאָל געזאָגט, אז די וועלט איז גרויס און עס איז ניט קיין מוז זיצן דאָ און וואַרטן, ביז מע וועט דערשטיקט ווערן. טויזנט מאָל איז דאָוויד געווען גערעכט, ווען ער האָט איר אַנומלטן געזאָגט:

— א וואָרעם קריכט ארײַן אין כריין און מיינט, אז קיין זיסערס איז אף דער וועלט ניטאָ...

יאָ, זאָל ער זאָגן איין וואָרט, וועט זי נעמען דאָס קינד און גיין נאָך אים כאָטש אין עק וועלט. און אויב די מאַמע וועט ניט וועלן פאָרן מיט זיי, וועט מען זיך לאָזן אין וועג אָן דער מאַמען.

ס'איז גרינג אויסצורײדן! מע װעט אװעקפֿאָרן אָן דער מאַמען. װיִאַזױ קאָן דאָס זײַן? אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן אונטער דער מאַמעס שױס, זי האָט אױף אירע הענט אױסגעניאַנטשעט סימאָנען, געהאָלפֿן אין די שװערסטע צײַטן, װעט מען איר אױף דער עלטער אַזױ אָפּדאַנקען? װיִאַזױ װעט מען זי דאָ איבערלאָזן אײנע אַלײן? אױב עס װעט טרעפֿן עפּעס אַן אומגליק, זי װעט קראַנק װערן, װעט אַפֿילע ניט זײַן, װער עס זאָל איר צוטראָגן אַ גלאָז װאַסער...

זעלדע האָט לאַנג ניט געװאַגט אױסזאָגן דער מוטער, װאָס זײ האָבן פֿאַרטראַכט, נאָר פֿאַרשטאַנען, אַז עס װעט קומען אַ טאָג און זײ װעלן מוזן זאָגן.

לײע האָט באַמערקט, אַז די לעצטע טעג האָט די טאָכטער מיט דעם אײדעם זיך לאַנג געשושקעט, באַהאַלטנדיק זיך פֿון איר. ניט אַנדערש, אַז זײ האָבן שױן באַטראַכט עפּעס אַ נײַס.

אין אײנעם אַ פֿאַרנאַכט, װען מע איז זיך צונױפֿגעקומען צו דער בידנער װעטשערע, האָט לײע באַמערקט, אַז דאָס פֿאָרפֿאָלק װיל איר זאָגן עפּעס װיכטיקס.

אױסגעהערט דאָס, װאָס זעלדע האָט איר געזאָגט, האָט די מאַמע אָפּגעענטפֿערט מיט שפּאָט:

— נו יאָ, אַװאַדע, אַז ס'איז ניטאָ װאָס צו טאָן און דער קאָפּ איז פֿרײַ פֿון דײַגעס, טראַכט מען אױס באָבע־מײַסעס! פֿריִער, זעלדע, האָט דײַן דאָװיד אַלײן זיך אַװעקגעלאָזט קײן גלו־שעװ זוכן גליקן, און איצט װילסטו װערן זײַן שותּף. מײלע, אַז ער איז אַװעקגעפֿאָרן קײן גלושעװ, איז עס געװען ניט קײן גרױסע סאַקאָנע. פֿון דאָרטן קאָן מען זיך דערשלעפּן אַהײם צופֿוס. נאָר װיִאַזױ װעט איר זיך דערשלעפּן אַהער צופֿוס אַזש פֿון קיִעװ?..

— נישקאָשע, מאַמע, מיר װעלן זיך דאָרטן יאַקאָס צושלאָגן צו אַ ברעג. גאָט װעט אונדז ניט פֿאַרלאָזן. מיר זײַנען נאָך בײדע יונג, מיר האָבן געזונטע, שטאַרקע הענט, — האָט זעלדע אַנטשײדן אָפּגעענטפֿערט.

— זײער לײַטיש פֿון אײַער זײַט, קינדערלעך, נאָר צוליב װאָס דאַרפֿט איר עס מיר דערצײלן?

— איך זאָג עס דיר, װײַל דו װעסט דאַרפֿן פֿאָרן צוזאַמען מיט אונדז...

— אַזױ גאָר? — האָבן זיך צעגלאַנצט בײַ דער מאַמען טרערן אין די אױגן, — זעסטו, מײַן טאָכטער, אַ היקװאַטע װאָלט עס ניט אױסגערעדט פֿאַר דרײַ כאַדאָשים, װאָס דו האָסט אױס־געערעדט פֿאַר דרײַ מינוט. דערװײַל קלײַב איך זיך נאָך ניט װערן קײן ציגײַנערטע און אױף דער עלטער אָנהײבן אַרומשלעפּן זיך איבער דער װעלט. דאָ בין איך געבױרן געװאָרן און דאָ װעל איך שטאַרבן. און איר שלאָגט זיך אַרױס דאָס מעשוגאַס פֿונעם קאָפּ. װער װאַרט דאָרטן אױף אײַך? װער װעט אײַך געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ? װײניק קאַפּצאָנים דאָרט אָן אײַך? און אױב דײַן דאָװידן גלוסט זיך פֿאָרן, איז דער װעג פֿאַר אים אָפֿן. קײנער װעט אים מיט גװאַלד ניט אָפּהאַלטן...

— מאַמע! — איז זעלדע אונטערגעשפּרונגען פֿונעם בענקל, — דאָװיד איז מײַן מאַן און װוּהין ער װעט זיך לאָזן, װעל איך פֿאָרן מיט אים. און קאָלזמאַן מיר זײַנען נאָך יונג און גרינג אױף דער פֿוס, דאַרפֿן מיר זוכן אונדזער גליק...

— איז װאָס זשע, ער איז דיר טײַערער פֿון דער מאַמען?

— איך האָב אַזױנס ניט געזאָגט... און דאַרפֿסט אַזױ ניט רײדן...

— פֿונעם ערשטן טאָג, טאָכטערל, װען ער איז אַריבערגעטראָטן אונדזער שװעל, האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז קײן גליק אין שטוב װעט ער אונדז ניט ברענגען... און איך בין געװען גערעכט. דו האָסט נאָך בײַ אים קײן גוטן טאָג ניט געזען... און איצט װעסטו זיך מיט אים שלעפּן דער רוח װײסט װוּהין. אין דער פֿרעמד...

— אומעטום זײַנען דאָ גוטע מענטשן...

— יאָ, גוטע מענטשן... נאָר מע קאָן זיך אױסציִען, שטאַרבן פֿון הונגער און קײנער װעט דיר קײן האַנט ניט אױסשטרעקן...

דאָװיד איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך אײַנגעהערט אין די ביטערע רײד פֿון דער שװיגער. ער האָט ניט געקאָנט צוזוכן די נײטיקע װערטער אױף ענטפֿערן דער אַלטער. אין אירע רײד איז געװען אַ סאַך ביטערער עמעס. קײן גליק האָט ער אין שטוב ניט געבראַכט, נאָר גאָט זעט, ער איז אין דעם ניט שולדיק. ער האָט אַלע מאָל אָנגעטראָפֿן אין אַ טױבער װאַנט און זי ניט געקאָנט דורכברעכן. צו װאָס ער האָט זיך ניט גענומען, איז עס אים געגאַנגען דורך טיר און טױער. ער איז אָבער געװען איבערצײַגט, אַז װען ער װעט קו־מען אין דער גרױסער שטאָט, װעט אים אָפּגליקן.

װעגן דעם האָט ער איצט געטראַכט, נאָר ניט געװאַגט דאָס אַרױסזאָגן.

פֿאַר אים האָט גערעדט זײַן זעלדע.

— מעגסט זיך, מאמע, בייזערן, נאָר אַזוי האָבן מיר באַשטימט. אין דער גרויסער שטאָט וועלן מיר זיך צושלאָגן צו אַ ברעג. דערנאָך וועלן מיר דיך אַרויסרופן צו זיך...

— איך וועל אײַך ניט אָפּהאַלטן, איר זאָלט מיר דערנאָך ניט קאָנען אויסוואַרפן, אַז איך בין שולדיק אין אײַער אומגליק, — האָט געזאָגט די מאַמע, אויסווישנדיק די טרערן, — איר ווילט זיך אַ ביסל אַנבידעווען, איז דאָס אײַער זאַך. איך וועל זיך פון אָרט ניט רירן. און אויב איר וועט כאַפּטשע האָבן, איז די טיר שטענדיק פאַר אײַך אָפן.

עטלעכע טעג איז אין שטוב געווען ווי אין טישעבאָוו. קיינער האָט זיך דאָ קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זעלדע האָט געהאוועט, אַרומגעיאָגט, פאַרזעצט אַלץ, וואָס עס האָט זיך גע־לאָזט, און צונויפגענומען עטלעכע קערבלעך, דאָס איבעריקע ביסל שמאַטעס צונויפגעלייגט און געקליבן זיך אין וועג. און כאָטש די מאַמע האָט געפּרוווט זי אָפּהאַלטן, אָפּרעדן פונעם געפערלעכן טראָט, נאָר זעלדע האָט ניט געקאָנט אונעקלאָזן דאָווידן אַליין. קיין שום קויעך אין דער וועלט וואָלט איצט ניט געקאָנט צעשטערן זײַן פאַרטראַכט, וואָס האָט אים, זײַן פרוי און זײַן קינד געדאַרפט אַרויספירן אָפן גרויסן וועג.

## דאָס זעכצנטע קאַפּיטל

דאַכט זיך, קיין איין קינד אין דער וועלט האָט זיך אַזוי ניט געפרייט ווי סימאָן, דער־וויסנדיק זיך, אַז ער פאָרט אַוועק אין אַ גרויסער־גרויסער שטאָט און דערצו נאָך מיטן צוג, וואָס ער האָט נאָך אָפ זײַן לעבן ניט געזען.

דאָס האָט ער זיך דערוווּסט פון דער באָבען, וועלכע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל לעמאַנאַשעם קיינעם ניט דערציילן, מע זאָל ניט געבן קיין גוט־אויג.

ער האָט גראַדע גלײַך געוואָלט אַוועקלויפן צום טײַך אָנזאָגן די בסורע זײַנע כעווערלײַט, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום גאַנצע טעג, ווי אַ ווילדער, און פאַר וועלכע עס זײַנען בײַ אים ניט געווען קיין שום סוידעס, נאָר אים האָבן געשראָקן די ווערטער פון דער באָבע: „מע זאָל, כאַלילע, קיין גוט־אויג ניט געבן”. נו, אויב אַזוי, איז דאָך ניט שײַעך. וועט ער שווײַגן. אָן אַנדער ברירע האָט ער?

דאָך האָט ער אַלעמען דערציילט, אַז ער האָלט פון זיי אַ סאָד און וועט זיי דערציילן בלויז דעמלט, ווען ער וועט זיך אוועקזעצן אָף דער פור, וואָס וועט אים, דעם טאַטן מיט דער מאַמען אָפּפירן צום צוג...

ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי אופגעלייגט, ווי איצינד. אַ פאַרברוינטער, אַ רירעווי־דיקער, ווי קוועקזילבער, אַ מאַזיקל, וואָס האָט קיינמאָל ניט גערוט, שטענדיק אַרומגעלאָפן, דאָס אַ שטשיפּע געטאָן אַ פערד פאַר דעם עק, דאָס אָנגעכאַפּט אַ ציג פאַר די הערנער, דאָס אַראָפּגעכאַפּט פון דער פור אַ סאָנעשניק, דאָס אַרופגעקלעטערט אָפן גראָבסטן קליאָן, ער האָט ניט איין מאָל אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאָר פּעטש פון אַ שכיינע, נאָר דאָס האָט אים ניט פאַרדראָסן. ער האָט אינעם פּסאָק גלײַך פאַרגעסן און פאַרגעזעצט זיך באַלעווען.

סימאָן איז געוואַקסן אַ שטאַרקער און דרייסטער. די מאַמע מיט דער באָבען האָבן זיך מיט אים ניט געקאָנט ספּראַווען. פאַרן טאַטן האָט ער אַוודע ווייניק־וואָס מוירע געהאַט. די לעצטע טעג איז דאָס יאַטל אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַריסן נעזל — ווער איז געווען צו אים גלײַך? וויפל די כעווערלײַט זײַנען ניט צוגעשטאַנען צו אים, געבעטן, ער זאָל זיי אַרויסגעבן דעם סאָד, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ: איר מעגט אים שנײַדן אָף שטיקער, שמײַסן מיט רימענס, וועט ער ניט אויסזאָגן פונעם כיידער.

פאַר די עטלעכע טעג איז סימאָן אויסגעוואַקסן אין אַלעמענס אויגן. עפּעס אַ קלייניקײַט — קיינער פון די כעווערע האָבן ניט קיין סאָד און ער, סימאָן — אַ גאַנצן זאַק!

ער איז שטענדיק אַרומגעגאַן מיט אַ צעדראַפּעט פּאָנעם און אַ צעבלוטיקט קורנאָסע נעזל און צעפּיצלט העמדל. ניט די מאַמע, ניט די באָבע האָבן בײַ אים ניט געקאָנט זיך דערוויסן, ווער האָט עס אים אַזוי שיין באַאַרבעט. וויפל מע האָט אים ניט געשלאָגן, ער זאָל דערציילן, האָט ער ניט געעפנט דאָס מויל. אַזעלכע זאַכן דערציילט מען קיינעם ניט. הײַנט לייגסטו עמעצן אַרײַן אין קאָלנער, מאָרגן גיט מען דיר אין די ציין.

איין זאַך האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטייען — פאַרוואָס ווייִנען די לעצטע טעג די מאַמע מיט דער באָבען? מע גייט אַרום איבער דער שטוב, ווי פאַרטשאַדעטע און מע וויינט! פרייען זיך דאַרף מען! מע וועט פאָרן מיטן צוג גאַנצע צווײ מעסלעס, אויב ניט מער, איז וואָס זשע

איז דאָ דער אומגליק? ער האָט געהערט זאָגן, אַז עס איז זייער באקוועם פאָרן מיטן צוג, און דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, איז דער טײַך אויך א סאך גרעסער.

כאָטש דעם טאטן האָט סימאָן ניט שטארק ליב, נאָר עס געפעלט אים, וואָס יענער וויינט ניט. ער גייט אויך ארום איבער דער שטוב, איבערן הויף, א פארדײַגעטער, נאָר די אויגן זײַנען בא אים טרוקן. און ווען די באָבע פאלט אָן אף אים, נעמט אים זידלען, טוט ער א מאך מיט דער האנט, ווי ער זאָל אָפּטרײַבן פון זיך אן אײַנגעגעסענע פליג.

דער טאטע האלט אין איין צונויפלייגן דאָס געצײַג, נאָר די באָבע זאָגט, אַז ער דארף אָט די זשעליעזיאקעס אף קאפּאָרעס. דאָ, זאָגט זי, האָבן זיי אים ניט געהאָדעוועט און דאָרטן, אין שטאָט, וועלן זיי אים אוודע ניט האָדעווען. בעסער וואָלט ער מיט זיך מיטגענומען א טאָרבע אף צו גייען איבער די הײַזער.

יאָ, דאָס וואָס דער טאטע וויינט ניט און האלט זיך שטארקער פון דער מאמען, געפעלט גראָד סימאָנען. די כעוורע זאָגן, אַז א קאטאָרזשאַן מוז זײַן אזוי. דאָרטן, אין סיביר, ווו סימאָנס טאטע איז געווען אף קאטאָרגע, האָט ער זיך אויסגעלערנט שווײַגן. טאָמער האָט מען דאָרטן אויסגערעדט אַן איבעריק וואָרט, האָבן די זשאנדארמען פארקאָוועט אין קייטן און געשלאָגן. און דאָס שווײַגן נעמט זיך נאָך, האָבן די כעוורע געברײַעט, דערפון, וואָס סימאָנס טאטע איז אויך געווען אף דער מילכאָמע. און דאָרט איז קיין צײַט ניט געווען צו וויינען — מע האָט זיך געדארפט שלאָגן.

וועגן דעם, אַז דער טאטע איז געווען אף דער מילכאָמע און דערנאָך אף קאטאָרגע, האָט סימאָן זיך ערשט ניט לאנג דערוווּסט טאקע פון זײַנע כעוורע.

ער האָט ניט געוווּסט, צי קאטאָרזשאַן איז גוט אָדער שלעכט, און צי דארף ער, סימאָן, זיך בייזערן, ווען מע רופט אים „דעם קאטאָרזשאנס זון"... אַז יינגלעך שרײַען אים „דעם קאטאָרזשאנס זון", דערלאנגט ער גלײַך אין די ציין, נאָר ווען אזוי שרײַען צו אים די שכיינעס, מאכט ער זיך ניט הערנדיק. וואָס ארט עס אים? נאָר נישקאָשע, אָט וועט ער אוועקפאָרן אהין, ווו קיינער קען זיי ניט און ווייסט זיי ניט. וועט מען אים אזוי ניט רופן!

אין שטוב איז געווען טומלדיק. אלע מאָל האָט די באָבע אָנגעהויבן א נײַע קריג. ווען אלץ איז שוין געווען גרייט אין וועג ארײַן, האָט זי זיך אײַנגעאקשנט און געזאָגט, אַז סימאָנען וועט זי ניט לאָזן פאָרן. אויב טאטע־מאמע איז באפאלן דאָס מעשוגאַס און מע וויל אוועקפאָרן פונעם יישעוו, וואָס זשע דארפן זיי מוטשען דאָס קינד? זאָלן זיי פאָרן געזונטערהייט און אַז גאָט וועט העלפן, זיי וועלן זיך דאָרטן צושלאָגן צו א ברעג, וועט זי אהין אים אָפּפירן. זי האָט, זאָגט זי, אינעם קינד א גרעסערן כיילעק פונעם טאטן. און צו איר איז דאָס שטארקער צוגעבונדן ווי צו זיי.

נו, ווי געפעלט עס אײַך? אלע וויסן שוין, אַז ער פאָרט מיט די עלטערן, וועט די באָבע אים פארהאלטן? א נעכטיקער טאָג! ער וועט אנטלויפן פון דער שטוב, נאָר מיט דער באָבען ניט בלײַבן! סימאָן האָט אָנגעהויבן נאָכגיין נאָך דער מאמען, ווי א שאָטן, מוירע האָבנדיק, זי זאָל אים דאָ ניט איבערלאָזן בא דער באָבען. אפילע ווען מע האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט יענער צוגערוקט זײַן בעטל צו דער מאמעס בעט, אָנגעכאפּט איר האנט, זי פארקוועטשט אין זײַנער און אזוי געשלאָפן. אויב זי וועט אינמיטן דער נאכט זיך אופהייבן און זיך לאָזן אין וועג, וועט עס גלײַך סימאָן דערפילן און זיך לאָזן נאָך איר.

סימאָן האָט זיך געגרייט צו דער יאזדע, ווי צו א גרויסן יאָמטעוו, און מוירע געהאט, ער זאָל ניט פארשלאָפן די מינוט, ווען עס וועט צופאָרן צום טויער די פור, נאָר ווי אפצולאָכעס איז סימאָן אײַנגעשלאָפן מיט א שטארקן שלאָף און האָט אפילע ניט געפילט, ווי די מאמע האָט אים אופגעהויבן פונעם געלעגער און אריבערגעטראָגן אף דער פור.

עפשער איז דאָס געווען דערפאר, וואָס ער איז די לעצטע פאָר נעכט אינגאנצן ניט געשלאָפן? איצט האָט ער זיך אפילע קיין ריר ניט געטאָן, ווען די פור איז אלע מאָל אונטערגעשפּרונגען אפן צעמאזיקטן און צעפּאָרענעם שליאך. ער האָט ניט געזען די שיינע נאכט, דעם אויסגעשטערנטן הימל און די בלייכע לעוואָנע, דעם סוידעספולן סאָסנע־וואלד, וואָס האָט זיך געצויגן פוןביידע זײַטן, ניט געהערט דאָס געוויין פון די נאכט־פייגלען און אפילע דאָס, וואָס דעם וועג זײַנען זיי איבערגעלאָפן א הירש מיט א הירשעכע.

דאָוויד האָט גראָד געוואָלט אופוועקן דעם טאכשיט זײַנעם, ער זאָל זען די שיינע וועלט, נאָר זעלדע האָט אים אָפּגעהאלטן: זאָל דאָס קינד זיך אויסשלאָפן. ער איז טויט מיד און ווייסט סײַווי ניט אף וואָס פאר א וועלט ער איז.

דאָס אויסגעדארטע פערדל, אף וועלכן מע האָט געקאָנט אפילע אין דער פינצטער איבערציילן אלע ריפּן, האָט קוים געשלעפּט דעם וואָגן. דער אלטיטשקער פורמאַן איז געגאנגען

באנאַנד מיטן פערדל, שטיל אונטערגעשמאַטשקעט, געפּאַכעט איבער זײַן קאָפּ מיט דער בײַטש און געציטערט, עס זאָל זיך, כאַליליע, ניט אָפּשטעלן אין די טיפע זאַמדן. ער וועט עס דער־נאָך ניט קאָנען רירן פון אָרט. זעלדע מיט דאָווידן זײַנען אויך נאָכגעגאַנגען צופוס. ביידע זײַנען געווען מיד, פאַרומערט און זיך געסטאַרעט ניט קוקן איינער אַפן אנדערן. יעדער איז געווען פאַרטאָן אין זײַנע ניט פרייליכע געדאַנקען. בלויז סימאָן איז געשלאָפן צווישן די פּעק־לעך און קיין זאַך האָט ניט צעשטערט זײַן שטאַרקן שלאָף.

ערשט באַגינען, ווען מע האָט זיך דערשלעפּט צו דער סטאַנציע און מיט זײַן שטאַרקן טראַסק און טומל איז אָנגעקומען דער צוג, האָט דאָס ייִנגעלע אופגעעפנט די אויגן און דער־זען, ווי עס טראָגן זיך פאַרבײַ די פאַרשטויבטע וואַגאָנען. ער האָט געשמאַק א גענעץ געטאָן און ווידער צוגעמאַכט די אויגן, ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט געשען.

— סימאָן, שטיי אוף! — האָט דער טאַטע אים גענומען טאָרען. — שטיי אוף. מיר זײַנען שוין געקומען. דער צוג וועט אַף אונדז ניט וואַרטן...

דאָוויד האָט גענומען אַף די פּלייצעס די זעקלעך און פּעקלעך און זיך געלאָזט צום עקסטן וואַגאָן. זעלדע האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט און איז אוועק נאָך אים. מע האָט זיך ווי־ניט־איז אַרײַנגערוקט אינעם אָנגערייכערטן טאַמבור, ווו עס איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, זיך ניט באַוויזן אפילע אַרומקוקן, ווי דער לאָקאָמאָטיוו האָט בייז א רעווע געטאָן, און דער צוג האָט גערירט פונעם אָרט.

— באַלד, זעלדע, וועלן מיר עפּעס צוטראַכטן... — האָט א זאָג געטאָן דאָוויד און זיך דורכגעשטויסן אין וואַגאָן, עפּשער וועט ער געפינען א פרײַ ווינקל.

אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט, גענומען די זאַכן, און א ווונק געטאָן צום ווײַב, זי זאָל גייך נאָך אים. מע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט, אוועקגעזעצט אַף די זעקלעך דאָס קינד, וואָס האָט צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום ווענטל און אײַנגעשלאָפן. דאָוויד און זעלדע האָבן זיך אויך צוגעשפּאַרט צו זייער ביסל פאַרמעגן און מע האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט.

א קוק געטאָן אין פענצטער, פאַרבײַ וועלכן עס זײַנען אַלץ שנעלער און שנעלער דורכ־געלאָפן ביימער, טעלעגראַף־סלופּעס, געבײַדעס, האָט דאָוויד א פאַרשוויצטער און א פאַרסאַ־פּעטער שטילערהייט אַרויסגערעדט:

— נו, דאַנקען גאָט, זעלדע, אַבי מע פאָרט, מיילע, וועלן מיר זיך א ביסל צוטוטשען.

זעלדע האָט וויי‌טעקלעך א שמייכל געטאָן און א קנייטש געגעבן מיט די אַקסלען.

— האַלעוואַי מיר זאָלן דערמיט אָפּקומען... מע וועט לעבן, וועט מען זען.

זי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום קינד און פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט זײַן קעפּל אַף אירע קני.

— שלאָף, זוניו, שלאָף... דער טאַטע זאָגט, אז מיר וועלן שוין גיך קומען אַף אָן אָרט... — האָט זי שטיל געזאָגט.

די ר[ע]דער האָבן גענומען שטאַרקער טראַכקען איבער די רעלסן. אין וואַגאָן איז גע־וואָרן הייס און דושנע, דאָס טשאַדענדיק לעמפּל אונטער דער סטעליע האָט מען קוים אַרויס־געזען.

פון מידקײַט האָבן זעלדעס אויגן אָנגעהויבן זיך צומאַכן, נאָר דער שלאָף האָט זי ניט גענומען. די שרעק פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג האָט זי ניט אָפּגעלאָזט אַף קיין איין מינוט.

דער צוג איז געגאַנגען ניט געײַלט, און אַלע מאָל זיך אָפּגעשטעלט. מענטשן האָבן זיך געלאָזט צו די וואַגאָנען, געשריגן, געגוואַלדעוועט, און אין די וואַגאָנען איז געוואָרן אַלץ ענגער; אָטעמען איז געוואָרן נאָך שווערער.

דער פרימאָרגן איז געווען א נעפּלדיקער, א כמורנער. די זון וואָלט שוין לאַנג זיך גע־דאַרפט באַווײַזן, נאָר מע האָט ניט געזען קיין סימען פון איר. אַף דעם פאַרשטויבטן פענצ־טער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רעגן־טראָפּנס. זיי האָבן זיך געקײַקלט איבערן גלאָז און אָנגעמאָלט א סאַך קרומע פּאַסיקלעך. דער רעגן האָט זיך אַלץ פאַרשטאַרקט און מיטאַמאָל האָט א קנאַל געטאָן איין דונער, א צווייטער. בלענדנדיקע בליצן האָבן געפּאַסעוועט דעם הימל.

סימאָן האָט זיך אופגעכאַפּט א דערשראָקענער, זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו דער מאַ־מען און מיט פּאַכעד זיך אײַנגעקוקט אין פענצטער.

עס האָט געדונערט און געבליצט, געגאָסן, ווי פון אַן עמער, און עס האָט זיך געדוכט, אז אָט־אָט וועט עס אַלעמען פאַרגיסן.

— מאַמע, איך האָב מוירע... — האָט זיך אָנגערופן דאָס ייִנגעלע און אָנגעהויבן וויינען.

זעלדע האָט אים שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און געגלעט מיט דער האַנט איבערן קאָפּ. וואָס מער זי האָט אים באַרויקט, אַלץ שטאַרקער האָט ער געוויינט.

— מאַמע, איך האָב מוירע... איך וויל אהיים... ווו איז די באָבע?!..

דאָוויד איז געשטאַנען באַם פֿענצטער און געקוקט אַפֿן צעבושעוועטן דרויסן. אַרויסגע־פֿאָרן אין אַזאַ אויסגעשטערנטער לויטערער נאַכט און אַרײַנגעפֿאָרן אין אַזאַ אומגליק. עפּעס אַן אַנשיקעניש!

בארויקט האָט אים דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט, אַז מע דאַרף נאָך פֿאָרן לאַנג און ביז מע וועט קומען, וועט דער רעגן אופֿהערן.

נאָר זײַנע בעוויזעס האָבן זיך אויך דאָ ניט באַרעכטיקט. דער רעגן איז אַף אַ פּאָר מינוט אײַנגעשטילט געוואָרן און ווידער זיך צעשפּילט נאָך שטאַרקער.

זעלדע האָט בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט אײַנשטילן דאָס קינד. עס האָט מוירע געהאַט אַ קוק טאָן אין פֿענצטער. נאָך יעדער קנאַל פֿונעם דונער, איז דאָס אונטערגעשפּרונגען, פֿאַר־שטעלט מיט די הענט די אויערן.

— אהיים... איך האָב מוירע, איך וויל אהיים! — האָט ער אַלץ געשריגן.

די מאַמע האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, אָפּגעשיילט אַן איי און עס דערלאַנגט דעם קינד, נאָר יענער האָט עס ניט געוואָלט נעמען, דערנאָך זיך איבערגעבעטן, גענומען נאָר גע־געסן אָן שום כיישעק.

נייך, אַזאַ רײַזע איז אים ניט געוועזן צום האַרצן, ער האָט געוואָלט אהיים, צו דער באָ־בען, צו זײַנע כעווורע, צום טײַך...

דער טאַטע האָט זיך צוגעזעצט צו אים, אָנגעהויבן זאָגן מוסער, אַז עס איז ניט שיין פֿאַר אַ מאַנצביל וויינען און זיך שרעקן פֿאַר אַ דונער, דערצו נאָך איז געבליבן ניט קיין סאַך צײַט, מע זאָל קומען אַף אַן אָרט און דאָרט וועט זײַן זייער גוט. נאָר דאָס האָט ווייניק גע־האָלפֿן.

דער רעגן האָט, ענדלעך, אָנגעהויבן עטוואָס שטילער ווערן, זעלטענער האָט געבליצט, נאָך זעלטענער געדונערט. אַזוי־אָ, וויינענדיק און בונטעווענדיק, אַז ער וויל גאָרניט און דאַרף גאָרניט, האָט סימאָן אופֿגעגעסן דרײַ אייער, אַ גרויסן עפּל און צוויי שטיקלעך ברויט, און זיך עטוואָס בארויקט. ער האָט זיך אופֿגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. דערזען, ווי אַף די לאָנקעס האָבן געטשיפּעט דאָס גראָז עטלעכע בעהיימעס, ווי פּאַסטעכלעך מיט שטרויענע קאַפּעליושן זײַנען געשטאַנען אַף די בערגלעך און געפּאַטשעט מיט די הענט צום צוג, איז בײַ אים די מוירע אינגאַנצן אָפּגעטראָטן.

דער פּאָטער איז צוגעגאַנגען צו סימאָנען און אָנגעהויבן גלעטן אים איבערן קאָפּ.

— זעסט, זוניו, ווי שיין עס איז אַרום, און דו האָסט מוירע געהאַט. דו ביסט דאָך באַ מיר אַ דרייסטער און דאַרפֿסט זיך האַלטן די גאַנצע צײַט, ווי אַן עמעסער העלד. דאַרפֿסט פֿאַר קיינעם און פֿאַר גאָרנישט ניט מוירע האָבן... דײַן טאַטע איז געוועזן אַ סאָלדאַט און אויך פֿאַר גאָרנישט ניט מוירע געהאַט...

— איך האָב אויך ניט מוירע... — האָט אַ פֿאַרשעמטער זיך אָנגערופֿן סימאָן. — איך האָב זיך געקאָנט גוט שלאָגן מיט די ייִנגלעך פֿון אונדזער געסל, נאָר איך האָב מוירע, ווען דער הימל ברומט, ווי אַ בער אין וואַלד... — האָט סימאָן אָפּגעענטפֿערט און זיך אופֿגעהויבן אַף די שפּיץ פֿינגער, קעדיי בעסער זען, וואָס עס טוט זיך פֿון יענער זײַט פֿענצטער.

דער רעגן איז געוואָרן מיט יעדער מינוט אַלץ שוואַכער, און ווען דער לאַנגער צוג האָט דורכגעטראַכקעט איבער אַ הויכער בריק, האָט שוין דער רעגן בלויז זיך געזיפּט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, און אינגיכן קימאַט אינגאַנצן אופֿגעהערט.

עס איז דורך נאָך אַ ביסל צײַט ביז סימאָן האָט דערזען דורכן פֿענצטער פֿילשטאָקיקע, מוירען, גאָלדענע קופּאָלן פֿון אָנצאָליקע קלויסטערס און הויכע זאַוואָד־קוימענס, פֿון וועלכע עס האָט געזעצט אַ געדיכטער רויך.

מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער דערזען, ווי עס האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ ברייטער טײַך, איבער וועלכן עס זײַנען געגאַנגען שיפֿן. אַלץ איז געוועזן פֿאַר סימאָנען אומגעוויינלעך, ווי אַ שיינער כאַלעם, נאָר ווען עס האָבן אָנגעהויבן טראַכקען די רעדער איבער דער בריק, האָט ער זיך ווידער דערשראָקן.

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פּאַכעד, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אַראָפּ אין טײַך אַרײַן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט דער צוג אַראָפּ אהין, ווו עס זײַנען נישטאָ קיין שום רעלסן...

פֿון שרעק האָט סימאָן פֿאַרזשמורעט די אויגן, קעדיי ניט קוקן אין דעם וואַסער.

אַ גליק, וואָס די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו אים און אָפּגעפֿירט פֿונעם פֿענצטער, גענו־מען אַרופּשלעפּן אַף אים דאָס מאַנטעלע, וואָס די באָבע האָט אים פֿאַרן אוועקפֿאָרן אופֿגע־נייט.

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, שטילער, ביז ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, און דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ארויסגאַנג.

דער טאַטע האָט גענומען אַף די פּלייצעס די זעק און פּעק, די מאַמע האָט געכאַפּט די קוישן, קלומעקעס, אַ ווונק געטאָן צו סימאָנען, ער זאָל גיין פאָרויס.

און פּלוצלינג האָט ווידער אַ גאַס געטאָן אַ שטאַרקער רעגן. דער אוילעם האָט אָנגעהויבן לויפן זיך באַהאַלטן, ווו עס האָט זיך געמאַכט.

דאָוויד האַמעלעך האָט זיך פאַרקרימט, אַ קוק געטאָן אַפן בלייַענעם הימל און זיך אַ בייזער געטאָן:

— אַ כוואַראַבאַ אַפן מאַבל! פונוואַנען האָט ער זיך גענומען אַף מייַן קאָפּ? ניט געקאָנט געוועזן צוּוואַרטן?..

און דערבייַ האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „מייַנע גליקן... ווען איך הייב אָן האַנדלען מיט טאַכריכים, וואָלט מען אופגעהערט שטאַרבן...“

דער אוילעם איז דעריקער געלאָפן צו דער אומגעלומפּערטער הילצערנער געבייַדע, וואָס האָט אַ ביסל דערמאָנט אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער שטאַל, און געהייסן האָט עס — וואָקזאַל. אַהין האָט אויך זיך געלאָזט דאָוויד האַמעלעך און נאָך אים — זעלדע, האַלטנדיק אין איין האַנט די קלומעקעס און מיט דער צווייטער געשלעפּט נאָך זיך סימאָנען, וואָס איז שוין געווען אויסגעווייקט פונעם שלאַקסרעגן.

אינעם האַלב־פינצטערן און דושנעם וואָקזאַל האָט געהערשט אַ מוירעדיקע ענגשאַפט. ניט געוועזן ווו זיך צוטוליען. אומעטום זעק און פּעק, פרויען מיט קליינע קינדער, וועלכע האָבן מוירעדיק געשריגן, געוויינט, קאַליקעס אַף מיליצעס, וואָס האָבן זיך געשטויסן מיט אויסגעשטרעקטע היטלען, מע זאָל אַרייַנוואַרפן עטלעכע מאַטבייעס. דער גאַנצער אוילעם האָט געטומלט, געראַשט, זיך געשטויסן, זיך געזידלט.

מיט גרויסע שוועריקייַטן האָט דאָוויד אָפּגעזוכט אַ ווינקעלע, צוגויפגעשטעלט די זאַכן און אַף זיי אוועקגעזעצט דאָס ווייַב מיטן קינד.

אָנגעזאָגט זעלדען, זי זאָל דאָ וואַרטן אַף אים און דעריקער אַכטונג געבן אַף די זאַכן, האָט דאָוויד זיך אוועקגעלאָזט אַף פּאָדאָל, עפשער וועט ער אָפּזוכן דעם גוטנברודערס אַלטיטשקע, עפשער וועלן זיי אים געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ...

## דאָס זיבעצנטע קאַפּיטל

מיט גרויסע צאָרעס האָט דאָוויד האַמעלעך זיך פאַרקליבן אין עק פּאָדאָל, לאַנג ארומגעבלאָנקעט, זוכנדיק דעם נעכטיקן טאָג. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, עפשער ווייסט עמעצער, ווו עס וווינט אַן אַלט פּאָרפּאָלק, וועמעס זון מע האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר פאַרשיקט אַף קאַרטאָרגע קיין סיביר, נאָר מע האָט אַף אים געקוקט, ווי אַף אַ מעשוגענעם. ווי קאָן מען עס אַזוי עמעצן אָפּזוכן? נאָר ער איז ניט געפאַלן בא זיך און געגאַנגען פון הויף צו הויף, זיך אַקשאָנעסדיק נאָכגעפרעגט. ער האָט דאָך געמוזט זיי אָפּזוכן, אַנדערש שטעלט ער זיך ניט פאָר, וווהין וועט ער זיך מיט זייַן קליינער מישפּאָכע אַהינטאָן!

עס האָט גענומען טונקל ווערן, און דאָוויד האָט שוין אָנגעהויבן פאַרלירן די האָפענונג, אַז ער וועט זיך דערשלאָגן אַ טאָלק. דערצו האָט אים שטאַרק באַאומרויִקט דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט זעלדען מיטן קינד אַפן וואָקזאַל. זי וועט דאָרטן איבערטראַכטן דער רוּעך ווייסט וואָס. ער האָט שוין געטראַכט אַ מאַך טאָן אַף זייַנע גליקן מיט דער האַנט און זיך אומקערן צוריק, נאָר אין עק געסל, וואָס לויפט אוועק צום דניעפּער, האָט ער באַגעגנט אַ הויכע שלאַנקע עלטערע פרוי אין שוואַרצן אָנטאָן, אַפן ערשטן קוק אַ שטרענגע און וויניק באַריידעוודיקע. זי האָט געטראָגן אין איין האַנט אַ גאַנץ פּעקל קינדערשע העפטן, אין דער צווייטער — אַ קוישל ברויט, אוגערקעס, פּאָמידאָרן. אַף דעם פאַרמאַטערטן מענטשן האָט זי געוואָרפן אַ מיטפילנדיקן בליק און זיך אָפּגעשטעלט:

— וועמען זוכט איר? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן. — עפשער וועל איך אייַך באַהילפיק זייַן?

דאָס ערשטע מאָל פאַר די פּאָר שאָ, וואָס ער דרייט זיך דאָ ארום, האָט ער געהערט אַזאַ העפלעכע, האַרציקע שטים און דערציילט, וועמען זוכט און ווער ער איז. אויסגעהערט זייַן געשיכטע, האָט די פרוי מיטפילנדיק אים באַטראַכט, צוגעשאָקלט טרויעריק מיטן גראָוועכן קאָפּ און צוגעפירט אים אין עק גאַס, ווו עס איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזט הייפל, געדיכט באַ־

וואקסן מיט ווילדגראָז, און מיט ווייטעק געזאָגט, אז אָט דאָ האָבן געוווינט די אלטע לײַט, וועמען ער זוכט, טאקע דערפאר, וואָס זייער זון איז געווען פארשיקט פאר רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט קיין סיביר, האָט מען זיי, זײַנע עלטערן, ארויסגעשיקט און דאָס שטיבל פארניכטעט... די פרוי, וואָס האָט זיך אָנגערופן וואנדע טוראָווסקאיא האָט צוגעפירט דאָווידן צו א שטוב מיט א געדיכט סעדל, וואָס איז געשטאנען דאָ ניט ווײַט אויף א בערגל, אָפגעזונדערט פון די איבעריקע שטיבלעך, און געזאָגט, אז אויב דער מענטש וועט זיך ניט געפינען קיין בעסער וווינונג, קאָן ער זיך מיטן ווײַב און קינד באזעצן בא איר. זי וווינט איינע אליין. דרײַ קאדאָשים, אז איר מאַן, סטאניסלאוו, איז געשטאָרבן און זי ארבעט דאָ ניט ווײַט, אויף קורעניאָווקע אין א שול, לערנט קינדער מאָלן און צייכענען. די שטוב איז א געראמע. און וואָס שײַך דירע־געלט, זאָל ער זיך ניט זאָרגן. אז ער וועט זיך אײַנאָרדענען און אָנהייבן עפעס פארדינען, וועט מען זען.

קוקנדיק אויף דער גוטמוטיקער פרוי, האָט דאָוויד זיך צעשײַנט, געמיינט, אז ער האָט געפונען אן אוצר. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער זי א קוש געטאָן. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט איר שיין אָפגעדאנקט און זיך געוואָלט לאָזן לויפן אויפן וואָקזאל, נאָר זי האָט אים אָפגעשטעלט, באוויזן אין עק הויף אויף א וועגעלע אויף צוויי רעדער און געזאָגט, אז ער קאָן עס נעמען און ברענגען זײַן מישפּאָכע און די זאכן.

— שעמט זיך ניט, פראָשע פאנע, — האָט זי באמערקט, — נעמט דאָס וועגעלע, ווײַל איך פארשטיי, אז צו ראָטשילדן זײַנט איר ווײַט, און די קיִעווער טרעגער, פורמאנעס קאָנען בא אײַך אָפשינדן די הויט פאר איבערפירן דאָס ביסל גוטס.

די הארציקע פרוי האָט אים דערציילט, ווי ס׳וועט זײַן באקוועמער און נעענטער זיך דערקלײַבן צום וואָקזאל און צוגעגעבן, אז זי וועט אויף אים ווארטן.

א שײַנענדיקער און אופגעלייגטער, האָט דאָוויד האמעלעך זיך אײַנגעשפאנט אין די אָגלאָבליעס פונעם וועגעלע און מיט זײַטיקע געסלעך אוועקגעיאָגט צום וואָקזאל.

כאָטש אהין איז געווען גאנץ ווײַט און דער וועג האָט די גאנצע צײַט געפירט ארויף בארג, נאָר פאר דאָווידן איז דער וועג געווען ניט קיין שווערער. ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, וועט ניט אויסקומען שלאָפן אונטערן פרײַען הימל.

ביז ער האָט זיך דערקליבן צו דער סטאנציע און ביז ער האָט דערזען זעלדען מיטן קינד, האָט זיך אים שיר ניט אָפגעריסן דאָס הארץ. א פאל געטאָן אויף די זעקלעך, האָט ער לאנג ניט געקאָנט כאפן דעם אָטעם.

א ביסל אָפגערוט, איבערגעכאפט דעם הונגער, האָט ער דערציילט זעלדען וועגן זײַן גליק. זיי האָבן גלײַך צונויפגעלייגט אויפן וועגעלע די זאכן, אוועקגעזעצט אויבנאָן דעם מאַזיק און מע האָט זיך אוועקגעלאָזט צום דניעפער.

דער וועג איז אים שוין געווען גוט באוווסט, דערצו נאָך, האָט ער געפירט בארג־אראָפ, האָט זיך געשפאנט פיל גיכער. נאָר ביז דאָוויד האָט זיך פארשלעפט צו זײַן נײַער וווינונג, צו וואנדע טוראָווסקעס שטיבל, איז ער געווען טויט־מיד. ער האָט קוים געפלאָנטערט מיט די פיס. די באלעבאָסטע איז נאָך ניט געשלאָפן. זי האָט געעפנט דעם טויער, אוועקגעפירט די שכיינים אירע אין דער צווייטער העלפט שטוב, געהאָלפן זיי זיך אײַנאָרדענען אויף נאכטלעגער.

זעלדען איז שטארק געפעלן געוואָרן די גוטהארציקע שטרענגלעכע שטאלטנע פרוי און דאָס שטילע ווינקעלע, וואָס האָט מיט עפעס דערמאָנט איר היים. אָפגעדאנקט דער באלעבאָסטע, איבערגעגעבן איר די בעסטע ווונטשן, האָט מען זיך אויסגעלייגט אויף די געלעגערס און אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען זיי שוין געשלאָפן, ווי די פריצים.

דער ערשטער איבערשרעק איז געקומען צו דאָווידן אין א דרײַ טעג ארום אין געשטאלט פון א לאנגן, דארן גאָראָדאָוואָי מיט א פאָר שווארצע, אויסגעסטארטשעטע אויגן און בייזע פארדרייטע וואָנצעס, וועמעס כויוו ס׳איז געווען נאָכקוקן נאָך דער אָרדענונג, עס זאָל, כאָלילע, קיין קראמאָלע אהער ניט טרעפן און מע זאָל ניט ברעכן דעם געזעץ וועגן פראוואָזשיטעלסטוואָ...

אופמערקזאם באטראכט דאָווידס פאפירן, אָפגעמאָסטן אים און זײַן הויזגעזינד מיט זײַן שטרענגן בליק, האָט ער זיך פארקרימט, ווי ער וואָלט אָקאָרשט ארײַנגעשלונגען א גרויסע זשאבע. ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, ארויסגענומען א דיקן בוך, זיך אָנגעשפארט אויפן הענטל פון זײַן שווערד און געמאָלדן, אז ער דארף גלײַך, אָן שום טײַנעס, שרײַבן א פראָטאָקאָל...

— וואָס פאר א פראָטאָקאָל, פאני גאָראָדאָוואָי? — האָט דאָוויד א פרעג געטאָן. מיט וואָס האָט ער, דאָוויד, הייסט עס, זיך בא אים פארדינט אזא קאָוועד?

אַף דעם האָט דער גאָראָדאָוואָי געענטפערט, אַז ער, דאָוויד, פאַרלעצט דעם געזעץ און די אינסטרוקציע פון דעם און דעם טשיסלאָ און דעם און דעם יאָר, און אַז ער, דער קוואַרטאַלנע, מוז שרייַבן אַ פּראָטאָקאָל און אַפּן סמאַך פונעם געזעץ און די אינסטרוקציעס פונעם וויסאָטשײַשע פון דעם און דעם טשיסלאָ און דעם און דעם יאָר, מוז מען דאָוויד מאַרקוסן מיט זײַן ווײַבל זעלדע און זייער זשידיאָנאָק אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, ווי פאַרשטייער פון יודאיִסטישן גלויבן, ווײַל יידן האָבן רעכט וווינען בלויז אין דער טשערטאַ אָסיעדלאָסטי, אין בערדיטשעוו... קורץ גערעדט, פּראַוואָזשיטעלסטוואָ...

דאָוויד איז געבליבן געפּלעפּט. מיט וואָס האָט ער זיך פאַרשולדיקט פאַרן וויסאָטשײַשע? ער איז דאָך געווען בײַ אים אַ טרײַער סאָלדאַט, פאַרגאָסן בלוט „זאַ ווערו, צאַריאַ אי אָטעטשעסטוואָ”. זיך געשלאָגן אין פּאָרט־אַרטור, באַקומען אַ סאָלדאַטישן קרייץ און אַ מעדאַל „זאַ כראַבראָסט”..

דערויף האָט דער קוואַרטאַלנע געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער, דאָוויד מאַרקוס, האָט פאַרן צאַר־באַטיושקאַ פאַרגאָסן בלוט, איז גוט. דאָס, וואָס ער איז געווען אַ טרײַער סאָלדאַט און באַקומען אַ קרייץ מיט אַ מעדאַל, איז אויך גוט, נאָר שלעכט איז דאָס, וואָס ער איז ניט קיין פּראַוואָסלאַוונער און האָט דאָ ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. ווען ער באַזעצט זיך, לעמאָשל, אַף דער סלאָבאָדקע, אַף יענער זײַט דניעפּער, וואָלט ער געמעגט וווינען רויִק און קיינער וואָלט אים ניט געטשעפּעט, ווײַל דאָרטן, אַף דער סלאָבאָדקע, הייסט עס, איז שוין טשערניגאָווסקע גובערניע און אין טשערניגאָווסקע גובערניע איז יידן דערלויבט צו וווינען. נאָר



אַף דער זייַט דניעפּער — ניט! דערפאַר וועט ער אים אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, ווי עס שטייט געשריבן אין די אינסטרוקציעס פונעם וויסאָטשייַשע. עמעס, דאָוויד מאַרקוס, איז אים גע־פעלן און ער וועט אים דערווייַל דערלויבן דאָ וווינען, נאָר דערפאַר דאַרף ער אים, דעם קוואַרטאַלנע, צאָלן יעדן כודעש ניט קיין סאַך, אינגאַנצן איין „גרינינקעס", דאָס הייסט אַ דרייַערל...

דאָוויד האָט געמוזט מאַסקים זייַן און טאַקע גלייַך אויסגעצאָלט דאָס דרייַערל.

דער קוואַרטאַלנע איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט געוואָלט אַ קוש טאָן דאָווידן. ער האָט אים אַפילע געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס האָט דער צאַר־באַטיושקאַ אַזוי ניט ליב די יידן? כאָטש זיי האָבן אַ טייַוולאָנישן גלויבן און אַ מעשוגענעם גאָט, נאָר דאָך זייַנען זיי לייַטישע מענטשן און זשאַלעווען ניט דעם גראָשן...

נאָך דעם האָט שוין דאָוויד געקענט לעבן רויִק, וויסנדיק, אַז קיינער וועט אים ניט אַרויסשיקן אין טשערטאַ אָסעדלאָסטי, ניט ווייניקער פון אירע נייַע שכיינים האָט זיך גע־פרייט די באַלעבאָסטע, וואַנדע טוראָווסקאַיאַ, דערוווּסט זיך, ווי יענע זייַנען דורכגעקומען מיטן קוואַרטאַלנע.

יעדן גאַנצפרי איז דאָוויד אַוועק זוכן אַרבעט, נאָר אומעטום האָט מען אים געוויזן דעם וועג. אַזעלכע, ווי ער, דרייען זיך אַרום הונדערטער. אַלע מאָל האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרשעמטער, ניט געקאָנט קוקן דעם ווייַב אין די אויגן.

ער האָט אָנגעהויבן גייִן אין פּאָרט, אַף דער טאָוואַרנע סטאַנציע, וווּ ער האָט מיט אַנדערע אַרבעטסלאָזע אויסגעלאָדן שיפן, וואַגאָנען, געשלעפּט אַף די פּלייצעס זעק און פּעק. זעלדן האָט ער זיך געשעמט דערציילן, באַ וואָס ער פאַרדינט די גראָשנס. אים איז געווען אַ פּאַר־דראָס, וואָס דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, קאָן ער ניט געפינען זייַן באַליבטע אַרבעט און דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דער רועך ווייסט וואָס. וואָלטן די צופעליקע פאַרדינסטלעך געגעבן די מעגלעכקייַט ווי־ניט־איז זיך דורכלעבן, וואָלט נאָך געווען צו דערלייַדן. דער שלימאַזל האָט אים אויך דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, אָפּגעזוכט.

אַ פאַרמאַטערטער פון דער שווערער אַרבעט, האָט ער אַלע פאַרנאַכט זיך אומגעקערט אַהיים אַ שווייַגעוודיקער און שטילעהייט פאַרשאָלטן זייַן וויסט מאַזל.

זעלדע האָט דאָס אַלץ געזען און אויך געשוויגן. זי האָט וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט, גאָרנישט ניט געפאָדערט, קוקנדיק, ווי דער מאַן קאַטעוועט זיך. ער האָט איר דאָך אין דער היים געמאָלט גאָלדענע גליקן, ווי זיי וועלן קומען אין דער גרויסער שטאָט, ווי ער וועט גלייַך געפינען אַרבעט און זיי וועלן ניט דאַרפן בידעווען, לייַדן ביזיוינעס און באַליידיקונגען. און פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

באַ איין באַלעבאָס האָט מען דאָווידן גראָד צוגעזאָגט, אַז מע וועט אים נעמען צו דער אַרבעט, און ער האָט זיך שוין דערפרייט, געמיינט, אַז אָט־אָט וועט ער אופגעריכט ווערן, נאָר דערפון האָט זיך אויך גאָרניט באַקומען און דאָוויד איז ווידער געבליבן מיטן בייַטשל.

אָבער ער האָט ניט פאַרלוירן די האָפענונג. ער האָט געגלייבט, אַז אין אַ שטיקל צייַט אַרום וועט ער זיך דאָך געפינען אַ שטיקל אָרט אונטער דער זון. די שטאָט איז אַ גרויסע, און ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. דערווייַל האָט סימאָן אויך זיך געמוזט פאַרדינגען צו איינער אַ פּרוי פּאַשען די גענדז.

וואַנדע טוראָווסקאַיאַ האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און דערפאַר האָט זי זיך אַזוי דער־פרייט מיט אירע גוטע שכיינים און מיטן כיינעוודיקן יינגעלע. יעדע פרייַע שאָ איז זי געזעסן מיט אים אונטער דער אַלטער ווערבע, דערציילט אויסטערלישע געשיכטעס און געלערנט ליי־ענען און מאָלן.

זי האָט אויך פאַרטריבן אַהער איר שווערער גורל. געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין אַ רייַכער מישפּאָכע, האָט זי זייער פרי כאַסענע געהאַט, געלעבט גליקלעך מיט איר מאַן סטאַניסלאַוון, אַ באַוווּסטן אַדוואָקאַט, געבוירן אים אַ ייִנגעלע, און קיין שום טייַנעס ניט געהאַט צו דער וועלט און צו איר גורל. נאָר גיי ווייס, אַז כוץ דעם, וואָס איר מאַן האָט זיך פאַר־נומען מיט יוריספּרודענץ, איז ער נאָך געווען פאַרבונדן מיט אַ קרייַזל פּוילישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געדרוקט אונטערערדישע בלעטלעך, גערופן צום בונט קעגן דעם קייסער און געקעמפט פאַר זעלבשטענדיקייַט פון פּוילן.

אין איינעם אַ פרילינגדיקן פרימאָרגן, צוריק מיט אַ סאַך יאָר, האָט זיך אַרייַנגעריסן צו די טוראָווסקיס אַ צוויילדוועטע כאָפּטע זשאַנדאַרמען, פאַרקאָוועט אים אין קייטן, פאַרשלאָסן אין טורמע, ווי אַ געפערלעכן פאַרברעכער, דערנאָך האָט מען אים און אויך וואַנדען מיטן פּיצעלע קינד אַרויסגעשיקט קיין סיביר.

כאדאָשימלאַנג האָט מען א גרויסע קאָלאָנע ארעסטאנטן געטריבן מיטן וולאַדימירער טראַקט, הונגעריקע, פאַרזוויפּלטע, איבערגעפרוירענע ביז די ביינער. ווי וואנדע האָט זיך ניט געסטאַרעט, האָט זי ניט געקאָנט פאַרהיטן איר ערשטלינג, עס האָט זיך צוגעקילט, זיך אָפּגעמוטשעט א פּאָר טעג און געשטאָרבן. אינמיטן קאַלטן פאַרקאָוועטן סטעפּ האָבן די ארעסטאנטן דאָס געבראַכט צו קווורע. קנאַפּע זעקס יאָר האָט זי מיטן מאַן זיך אָפּגעמוטשעט אין פאַרשיקונג, נאָר מער קיין קינדער ניט געהאַט.

פון דאָרטן האָבן זיי זיך אומגעקערט קראַנקע און אויסגעצערטע, נאָר קיין וואַרשע האָט מען זיי ניט אַרײַנגעלאָזט, מע האָט זיי געגעבן א שטיקעלע פעלד אין עק פּאָדאָל, ניט ווײַט פונעם דניעפּער, און דערלויבט זיך אוועקשטעלן א שטיבל. וואנדע האָט אין פאַרשיקונג זיך אויסגעלערנט מאָלן און צייכענען, האָט מען איר געגעבן ארבעט אין דער היגער קלויסטער־שול. דער מאַן איז בא דער זעלבער שול געוואָרן א גערטנער. דאָס פּאָרל האָט זיך דאָ געלעבט באשיידן, שטיל, טרוימענדיק טאָג ווי נאכט וועגן דער ווײַטער היים — וואַרשע. ניט לאַנג צוריק איז דער מאַן געשטאָרבן און וואנדע איז געבליבן אליין. מיט געוועזענע קאַטאָרזשניקעס האָט קיינער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן...

זי האָט א ביסל אופגעלעבט, ווען עס האָבן זיך בא איר אומדערוואַרט באוויזן אזעלכע טײַערע שכיינים מיט זייער שוואַרצכיינעוודיק קורנאָסע ייִנגעלע.

איר איז געווען צום הארצן זעלדע, אָט די יונגע האַרעפּאשניצע, וואָס איז איר פאַרלאָפן אלע וועגן. נאָך מערער האָט זי זיך דורכגעדרונגען מיט אכטונג צו דעם שטענדיק פאַרזאָרגטן און אומעטיקן דאַווידן. מער פון אלץ דערפאַר, וואָס ער איז אויך, ווי זי און איר סטאַניסלאַוו, אָפּגעקומען דרײַ יאָר אין סיביר, אָף קאַטאָרגע...

דער שיינער זומער איז אוועק, און דער גאנצער ארום האָט מיטאמאָל אָנגעוווירן זײַן כיין. דער ברייטער דניעפּער האָט זיך אָנגעכמורעט, בייזע ווינטן האָבן געבלאָזן פון יענער זײַט טײַך.

הויך אין הימל האָבן זיך באוויזן די טשאַטעס פויגלען. אויסגעצויגן זיך אין בלייכע דרײַעקן, האָבן זיי זיך געלאָזט אין די ווײַטע און מערער וואַרעמע מעקומעס. בלעטער — געלע, גאָלדענע און ברוינע, האָבן זיך געשאָטן פון די קאַשטאנעס, קליאָנען, זיך געדרייט אינדערלופטן, געפאַלן אָף אלע וועגן, זיך געהוידעט אָף די דניעפּרישע כוואַליעס.

אין איינעם א פרימאָרגן, ווען סימאָן איז געקומען צו זײַן באַלעבאָסטע ארויסטרײַבן די גענדז מיט די קאטשקעס, האָט זי אים געזאָגט, אז זי דאַרף שוין ניט קיין פּאַסטעכל. זי האָט אלץ אויספאַרקויפט. ערשט פרילינג, אויב אלץ וועט בא איר גיין גוט, וועט זי אים ווידער רופן...

קיין גרויסע צאָרעס האָט סימאָן דערפון ניט געליטן. ער האָט אוועקגעשטעלט אין ווינקל די בײַטש און אוועקגעלאָפן צו דער מומע וואנדע אין איר געמיטלעכן, אָרעמען צימערל, וואָס איז געווען באהאנגען מיט אָן א שיר בילדלעך, וואָס זי אליין האָט געמאָלט, באשטעלט מיט ביכלעך און זשורנאַלן. דאָ האָט ער געהאַט זײַן ווינקעלע, ווו די מומע וואנדע האָט אים געלייענט מײַסעלעך, געוויזן, ווי מע שרײַבט בוכשטאבן און וויאזוי מע מאָלט בלומען, ביימעלעך, פייגלען.

סימאָן האָט שטאַרק ליב געהאַט ארײַנקוקן אין די פאַרביקע זשורנאַלן, הערן דער מומע וואנדעס פריילעכע און טרויעריקע מײַסעלעך. נאָר בעסער פאַר אלץ האָט ער ליב געהאַט נעמען דאָס קעסטעלע מיט די פּילקאָלירקע בלײַער און מאָלן, מאָלן.

וואנדע טוראָווסקאיא האָט אופמערקזאַם געשפּירט, ווי ער מאָלט, פון מאָל צו מאָל האָט זי דורכגעקוקט זײַנע געמעלן, ווו מע האָט געדאַרפט, פאַריכט, דערקלערט און מערסטנטייל געקליבן פאַרגעניגן און צוגעזאָגט, אז ווען ער וועט א ביסל אונטערוואַקסן, וועט זי אים מיטנעמען מיט זיך אין שול.

אין די קאַלטע הארבסטיקע פאַרנאַכטן איז סימאָן שאָענלאַנג געזעסן בא וואנדעס טיש און געמאָלט, געבלעטערט די פאַרביקע זשורנאַלן, קינסטלערישע אלבאָמען, פון וועלכע ער איז אלץ מער און מער פאַרכאַפּט געוואָרן.

עס איז געקומען די צײַט, און זי האָט אים אָנגעהויבן מיטנעמען אין שול, באזעצט אָף דער לעצטער באנק, און סימאָן האָט מיט א פאַרטײַעטן אָטעם געקוקט, ווי די לערערן לערנט די קינדער מאָלן. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער עלטער ווערן, ער זאָל דאָ זיצן אזוי ווי אלע שילער און מאָלן. דערווײַל איז ער גליקלעך געווען, וואָס די מומע וואנדע האָט אים געשענקט א דיקן אלבאָם, פאַרב און בלײַערס.

ער האָט געהאַלטן דעם אלבאָם מיט די בלײַערס, ווי עפּעס א הייליקײַט, און זיך מיט דעם ביסל גוטס ניט צעשיידט אָף קיין מינוט. וואָס ער האָט ניט געזען פאַר זײַנע אויגן, האָט

ער אקשאַנעסדיק געמאָלט —ביימלעך, וואַראַנעס, פערד אַף דער לאַנקע, א ציג, וואָס טשיפּעט די קאָרע פון א בוים. וואַנדע איז געווען באַגײַסטערט, קוקנדיק אַף זײַנע פינגער און ליפּן, אויסגעשמירטע מיט פאַרב.

דעם טאַטן איז גראָד ניט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס די שכנים לערנט אים מאָלן. דאַוויד האָט ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דאַרף ער עס האָבן? אים, סימאַנען, דאַרף מען בעסער אויס־לערנען לייענען און שרײַבן. ער וועט עלטער ווערן, וועט ער אים אויסלערנען האַלטן א האַ־מער און א האַק אין די הענט. א יינגל מוז האָבן א מלאָכע.

הערבסט האָט דאַוויד פאַרגעסן, אַז מיט זײַן שיינער מלאָכע, ליגט ער דערווײַל ניט־אייִלן אין דער ערד, דאַרף אויסלאָדן און אַנלאָדן שיפן און וואַגאָנען, ווײַל קיינער פון די באַלעבאַטים פון די מעכאַנישע ווארשטאַטן לאָזן אים ניט אַרוף אַף דער שוועל.

דאַוויד האָט מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער געפילט, ווי דער טאַכשיט זײַנער ווערט אַלץ מערער אָפּגעפרעמדט פון אים. צו דער מאַמען, צו דער מומע וואַנדע הערט ער זיך צו, פאָלגט זיי, און אַף אים, אַפן טאַטן, קוקט ער אפילו ניט.

דאַוויד האָט ווייטעקלעך געזוכט און ניט געקאָנט דערקונדיקן זיך: ווען האָט ער פאַר־לוירן די ווירקונג אַפן איין־און־איינציקן זון? מיט וואָס האָט ער זיך פאַר אים אַזוי פאַרשול־דיקט? געשיקט זיך, דערפאַר, וואָס ער איז געוואַקסן אָן א טאַטן גאַנצע דרײַ יאָר?

דער פאָטער האָט ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס האָט סימאַנען אַזוי צוגעצויגן אָט די באַ־שיידענע לערערן. ער האָט עטוואָס געייפערט זײַן בענאַקל צו דער האַרציקער און שטרענג־לעכער פרוי און געטראַכט באַ זיך, אַז מע דאַרף סימאָנען אָפּגעוווינען א ביסל פון וואַנדען און פון דעם מאָלן. זאָל גאָט העלפן, ער, דאַוויד, וועט זיך געפינען אַרבעט, וועט ער זײַן טאַכשיט אויסלערנען זײַן מלאָכע, ער זאָל זיך קאָנען מיט דער צײַט פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט. געוויס, האָט ער געטראַכט, פונעם מאָלן וועט ער זאַט ניט ווערן, און ביכלאַל איז דאָס ניט קיין טאַכלעס פאַר א יינגל.

דאַוויד האַמעלעך האָט בישטיקע זיך געבייזערט א ביסל אַף דער באַלעבאָסטע, נאָר ניט געוואַגט איר וועגן דעם זאָגן. ער איז איר געווען מקאַנע, וואָס אַזוי גיך האָט זי געפונען א שליסעלע צו סימאָנס נעשאָמע, וואָס זי האָט אַף אים אַזאַ ווירקונג. נאָר וואָס האָט דאַוויד געקאָנט מאַכן, וואַנדע טוראַווסקאַיאַ איז דאָך שוין וויפל יאָר א לערערקע, די קינדער האָבן זי שטאַרק ליב און פאַרלויפן איר אַלע וועגן.

עס איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט זײַנע פרעסט און ווייגעס. אין איינעם פון יענע טעג, ווען די זאַווערוכע האָט ניט געלאָזט אײַנשטיין אַף אָן אָרט, איז דאַוויד אוועק אַף דער „טאָווארנע סטאַנציע". מע האָט געהאַט געדאַרפט אויסלאָדן עטלעכע וואַגאָנען ברעטער. ער איז אָפּגעשטאַנען אַפן ווינט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ניט פילנדיק, ווי ער איז פאַרשוויצט, דורכגעווייקט אַף דורך און דורך.

א איבערגעפרוירענער, א טויט־מידער, האָט ער זיך קוים פאַרשלעפּט אהיים, א פאַל גע־טאָן אַף דער קאַנאַפּע און דערפילט, ווי אַלע אייוורים טוען וויי, ווי דער קאָפּ דרייט זיך און עס אָטעמט זיך זייער שווער. באַנאַכט האָט ער זיך אופגעכאַפּט פון א שטאַרקן פיבער, און אים האָט זיך געדוכט, אַז די לעצטע קויכעס גייען אים אויס.

דעם גאַנצן ווינטער איז ער אָפּגעלעגן א קראַנקער און קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, צי וועט ער איבערלעבן די שווערע צײַט.

זעלדע איז אוועק אַרבעטן צו א נייטערן, קעדיי פאַרדינען אַף ראַטעווען דעם מאַן. סימאָן איז אין די גרויסע פרעסט געלאָפן צום טײַך זוכן שפּענער, עס זאָל זײַן מיט וואָס הייצן די הרובע. דעם טאַטן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ערגער און קיינער האָט זיך שוין ניט געריכט, אַז ער וועט בלײַבן לעבן. נאָר ווען עס איז אוועק דער ווינטער און עס האָט א שײַן געטאָן די זון, איז דאַוויד אַראָפּגעקראָכן פונעם בעט. אַן אויסגעדאַרטער, א בלייכער און אָפּ־געשוואַכטער, האָט ער זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס, און דער שווערער הוסט האָט אים מוירעדיק געמוטשעט, דאָך האָט ער געמאָלדן, אַז מע זאָל זיך אופהערן טרייסלען איבער אים, ער איז שוין געזונט.

זעלדע האָט דעם גאַנצן ווינטער געהאָרעוועט און אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רובל. וואַנדע האָט פאַרקויפט פון זיך דאָס ביסל צירונג, וואָס זי האָט געהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, און מע האָט אַרײַנגעבראַכט אין הויף א קו. מעגלעך, אַז מיט איר הילף וועט מען דאַווידן שטעלן אַף די פיס.

און טאַקע, ווען אַף דער לאַנקע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גראָזן, האָט סימאָן גענומען זײַן בײַטש און אַרויסגעטריבן די בעהיימע אַף פּאַשע. ניט אַנדערש, ווי די רויטע קו האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מוז געבן א סאַך מילך דעם בידנע קאַטאַרזשאַן. זעלדע האָט זיך גענומען

פאַר איר געווינטער טירכע — זי האָט געמאָלקן די בעהיימע און אַלעמען געהאָדעוועט. עס איז נאָך געבליבן מילך אַף פאַרקויפן די שכנים.

ביסלעכווײַז האָט דער כווליע אָנגעהויבן קומען צו־זיך. די גאַנצע שטוב איז מיטאַמאָל אופגעריכט געוואָרן. זעלדע האָט געוואָרפן איר אַרבעט באַ דער נייטערן און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער בעהיימע און מיטן גאָרטן.

דאָס איז איר בעסער געווען צום הארצן. דערבײַ האָט זי געהאַט אזא גוטן געהילף, ווי סימאָן, וואָס איז פאַר דער צײַט, ווען דער טאַטע איז געווען צווישן לעבן און טויט, מיטאַמאָל עלטער געוואָרן, ערנסטער און הארציקער.

אין די בלויע פאַרטאָגן האָט ער אַרויסגעפירט די בעהיימע אַף פּאַשע. אין זײַן טאָרבעלע האָט ער געהאַט ניט נאָר דאָס שטיקל ברויט מיט די עטלעכע קאַרטאָפליעס, נאָר אויך די פּאָר ביכלעך און דעם דיקן אַלבאָם, וואָס וואַנדע האָט אים אוועקגעשענקט. ער האָט גערארפט איבערלייענען עטלעכע מײַסעלעך און אָנמאָלן עטלעכע בילדער פון דער נאַטור — דאָס האָט אים פאַרגעבן די שטרענגע לערערן זײַנע, וואַנדע. ער האָט געוווּסט, אַז פאַרנאַכט, ווען זי וועט זיך אומקערן פון דער שול, וועט זי איבערקוקן זײַן אַרבעט און שטעלן אַן אָפּשאַצונג אַפן ראַנד פון יעדער געמעל, ווי אַן עמעסן שילער. דערבײַ וועט די מומע וואַנדע אים ניט מויכל זײַן קיין שלעכטע אַרבעט!

## דאָס אכצנטע קאַפּיטל

אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון עטלעכע זאַוואָדן און וואַרשטאַטן און אומעטום זיך אָנגע־שטויסן אַף א טויבער וואַנט, האָט דאָוויד מאַרקוס פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט ער קיין אַרבעט ניט קריגן.

נאָך דער שווערער קרענק האָט ער ביכלאַל אויסגעזען ווי א כאַלוש, און ווי נאָר ער איז ערגעץ אַרײַנגעקומען, האָט מען אים גלײַך געענטפערט:

— נישטאָ קיין פרײַע ערטער... פאַרמאַכט די טיר פון יענער זײַט!

וואָס זשע טוט מען? ווו טוט מען זיך אַהין אין אָט דער גרויסער און פרעמדער שטאָט? ער האָט געהערט, אַז אין מאַרק זײַנען פאַראַן שטעלעכלעך, ווו מע קאָן זיך אוועקשטעלן אַר־בעטן פאַר זיך אַליין, פאַריכטן עמעצן, וואָס עס וועט זיך מאַכן. איז ער אוועקגעגאַנגען א קוק טאָן, ווי טוט זיך עס. און טאַקע, באַ דער זײַט פונעם געווימל, ווו מע האַנדלט מיט קאַרטאָפ־ליעס, פלייש, גרינס און אַלטע שמאַטעס, זײַנען געשטאַנען עטלעכע קליינע וואַרשטאַטלעך, צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטער און פאַרזשאַווערטן בלעך. אַן אַלטיטשקער שוסטער האָט גע־לאַטעט שקראַבעס, א שערער האָט געגאָלט בערד און א שנײַדער האָט געלייגט א לאַטע אַף א פּאָר פלודערן. ווער עס האָט געשאַרפט מעסערס און ווער ס׳האָט געפלאַכטן קוישן פון לאָזע...

דאָוויד האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן יעדער כאַלאַבודע, זיך צוגעקוקט, ווי דער אוילעם פאַרדינט זיך דאָס בידנע אויסקומעניש, און באַשטימט אויך אויספּרוּוון דאָס ווייסטע מאַזל. אָפּגעזוכט א שטיקל פּלאַץ, האָט ער צונויפגעשלעפּט אַהין עטלעכע שטיקער בלעך, צעבראָ־כענע קעסטלעך און אוועקגעשטעלט א עמעסן פּאַלאַץ. ער האָט נאָר געבעטן גאָט, ער זאָל ניט אָנשיקן אהער קיין שטאַרקן ווינט, דאָס כאַלופּקעלע זאָל זיך וווי־ניט־איז האַלטן אַף די הינערשע פיסלעך.

ווען זײַן כאַלאַבודע איז געווען פאַרטיק, האָט ער אַרויסגעהאַנגען א שילדל מיט גרויסע אויסיעס: „א מעכאַניקער פון דער באַרימטער „פירמע זינגער“ פילט אויס פאַרשיידענע באַ־שטעלונגען — פאַריכט מיט גאַראַנטיע ניי־מאַשינעס, וואַנט־זייגערס, וועלאָסיפּעדן, לעמפּ, באַ־ראַנעס און אַנדערע מאַשינעס“.

פונעם גאַנצן אַרום איז מען זיך צונויפגעלאָפן א קוק טאָן אַף דעם גרויסן מײַסטער, וואָס האָט זיך געיאַוועט אַפן מאַרק. מע האָט געקוקט אַף דאָווידן און געקיכעט פון געלעכטער. ניט אַנדערש, ווי ער איז מעשוגע געוואָרן! ווער וועט אהער ברענגען פאַריכטן זייגערס און וועּ־לאָסיפּעדן? ווער וועט דעם לעץ פּאַרטרויען אַזעלכע זאַכן? אינגיכן האָט דאָוויד זיך איבער־צײַגט, אַז מיט דער שילד האָט ער זיך אַליין אָפּגעקוילעט.

ווען ער האָט דערזען, אַז זײַנע געשעפטן גייען שלעכט, וואָס שלעכט הייסט, האָט ער גענומען די גרויסאַרטיקע שילד און אָנגעשריבן פּאָשעט, אַז ער פילט אויס פאַרשיידענע שלאָ־סערישע אַרבעטן, פאַריכט שלעסער און שליסלען, שאַרפט מעסערס און שערלעך. האָט מען

אָנגעהויבן קוקן אַף אים מיט אַנדערע אויגן. מע האָט אופגעהערט אים אויסלאַכן, און ער האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט.

כאָטש פון אַט דער אַרבעט האָט ער קיין גרויס פאַרגעניגן ניט געהאַט, נאָר דאָך איז דאָ געווען גרינגער, ווי פריִער. ער האָט ניט געדאַרפט זיך אַרומשלעפּן איבער דער שטאָט זוכן אַרבעט און לײַדן בייזיווינעס.

אין איינעם אַ קאַלטן האַרבסטיקן פרימאָרגן איז אַראָפּגעקומען אַהער די שוויגער. די אַלטיטשקע האָט געוואָלט מיט די אייגענע אויגן אַ קוק טאָן, וווהין האָט דער וויסטער גורל פאַרטראָגן אירע קינדער. פון דער טאָכטערס זעלטענע בריוולעך, וואָס זי האָט באַקומען, האָט זי קיין טאָלק ניט געקאָנט דערגיין, וואָס טוען זיי, ווי וווינען זיי און בא וואָס פאַרדינען זיי זיך אַפן לעבן.

אָפּגעלעבט דאָ עטלעכע טעג, האָט זי געגעבן אַ ניידער, אַז ווען מע זאָל זי אָפּגילטן, וועט זי אַהער ניט אַריבערפאָרן. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, וויאַזוי קאָנען דאָ מענטשן לעבן. געקומען אַפן מאַרק און דערזען דעם איידעמס געשעפטן, האָט זי שיִער ניט געכאַלעשט.

— זייער שיין אוספּייעט...—האָט די שוויגער געזאָגט מיט ביטל,— טאַקע קעדײַ געווען בײַטן דעם גרינעם יִשעוו, ווו מע האָט געלעבט שטיל און רויִק, אַף דעם ווילדן הו־האַ...

זי האָט געייִצעט אוועקוואַרפן די שטאָט מיטן שיינעם פאַדאָל, מיט דער בודע, מיט אַט דער לערערן וואַנדע, וואָס פירט אַראָפּ סימאָנען פון גלײַכן וועג, לערנט אים מאָלן פייגעלעך מיט ביימעלעך, און האַלט אין איין זאָגן, אַז אויב ער וועט זיך ניט פוילן וועט ער אויס־וואַקסן גאָר־גאָר אַ יאַ טאַבי דאַם.

דאָס אַלץ, האָט געטײַנעט די אַלטע, איז פוסטע מײַסעס, דער רועך ווייסט וואָס. עס איז נאָך ניט שפּעט אַ שפּײַ טאָן אַף די אַלע גליקן און זיך אומקערן אין יִשעוו.

דאָוויד האָט דאָס אַלץ געהערט און געשוויגן. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער געווים מאַסקים געווען מיט דער אַלטער, נאָר דאָס וועט ער קיינמאָל ניט טאָן. אַהין וועט ער זיך שוין בעשום־אויפן ניט אומקערן.

זעלדע האָט געפּרוווט אײַנרעדן דער מאַמען, אַז אייביק קאָן דאָך ניט זײַן שלעכט. עס איז דאָ אַ שטיקל גאָט אין הימל און ער וועט, מעגלעך, העלפן.

סימאָן האָט אַרויסגעשטעלט זײַנע סיבעס. אויב ער וועט אוועקפאָרן צו איר, ווער זשע וועט דאָ פּאַשען די בעהיימעס? כוץ דעם, קאָן ער ניט איבערלאָזן די מומע וואַנדע. מע דאַרף דאָך גיין מיט איר אַלע זונטיק אַפן צווינטער און אוועקלייגן אַפן מאַנס קייווער פרישע בלו־מען... יענער איז דאָך עטלעכע יאָר געווען אין סיביר, אַף קאַטאָרגע, ווי דער טאַטע. און דער פעטער סטאַניסלאַוו האָט באַם לעבן זייער ליב געהאַט בלומען... און נאָך איבער איין סיבע קאָן סימאָן זיך ניט אומקערן צו דער באָבען: ער דאַרף אינגיכן אָנהייבן גיין אין שול.

אָפּגעוועזן עטלעכע טעג אין געסט, האָט לייע געגומען אַ בילעט אַף פאָרן אַהיים און גע־זאָגט, אַז מער וועט איר פוס דאָ ניט זײַן. אַט די טראַמוויַיען און פיאַקערס, אַט דער טומל און ראַש, דער געבריל פון די קלויסטערשע גלעקער, דער הו־האַ, דאָס שטופּעניש איז ניט פאַר איר. ווען מע שיט איר אָן אַ פולן זאַק גאָלד, וואָלט זי דאָ ניט פאַרבליבן. זי איז גע־בוירן געוואָרן דאָרטן, אין איר בילויעוויטשי, און דאָרטן וועט זי שטאַרבן.

צווישן דעם טאַטן און דעם זון האָט אַלץ געדויערט אַ ניטגעמאָלדענער קריג, און קיינער האָט ניט געוווּסט, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן און ווען ער וועט זיך ענדיקן. מע האָט זיך אַלץ מער דערווײַטערט איינער פונעם אַנדערן, באַמיט זיך וויניקער זײַן צוזאַמען אין שטוב.

סימאָן האָט געטאָגט און גענעכטיקט בא דער מומע וואַנדע, זיך פאַרזעסן איבער די ביכלעך, וואָס זי האָט אים געגעבן, געמאָלט, און די לערערן איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער געווען באַגײַסטערט פון איר פייִקן און פלײַצאָגנדיקן שילער.

דעם טאַטן האָט דאָס אַלץ מער געקימערט און ער האָט געטראַכט, אַז שולדיק אין דעם זונס אופּירונג איז וואַנדע. זי האָט זיך מיטן ייִנגל אָפּגעגעבן אַלץ מער און מער און ביסלעכ־ווײַז אים פאַרביטן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

ניט זעלדע, ניט דער טאַטע, נאָר וואַנדע האָט אים אַלע טאָג אָפּגעפירט אין שול און פון דאָרטן געבראַכט אַהיים. זי האָט נאָכגעשפּירט, ער זאָל צו דער צײַט צוגרייטן די לימודים און זיך גוט לערנען, זי האָט אים אָפּגעהיט, די עלטערע שילער זאָלן זיך ניט טשעפּען צו אים און ניט באַלײַדיקן. און דעריקער זיך געסטאַרעט, ער זאָל ניט אָפּגעקילט ווערן צום פּענדזל, אַלע טאָג מאָלן, צייכענען עפּעס נײַס, וואָס ער האָט באַמערקט. בא דער לערערן האָט

עס געהייסן — דער שילער זאָל די גאַנצע צײַט ארבעטן, עפענען פאַר זיך נײַע וועלטן, נײַע האָריזאָנטן.

דאָווידן זײַנען נישט אָנגעגאַנגען ניט די נײַע וועלטן, ניט די נײַע האָריזאָנטן. ער האָט געוווּסט איינס: דאָס יִנגל זײַנס פאַרנעמט זיך מיט דער רועך ווייסט וואָס. עס איז שוין לאַנג צײַט, ער זאָל זיך אָנהייבן לערנען א מעלאָכע, און דער מאַזיק האָט נאָך ניט געפּרוּווט האַלטן א האַמער אין האַנט. א פּאָר מאָל האָט ער אים געבראַכט צו זיך אין דער „פירמע", גע־פּרוּווט אים נעמען לערנען זײַן פאַך, נאָר א נעכטיקער טאָג! סימאָן האָט דערפון ניט גע־וואָלט הערן.

— וואָס וועט פון אונדזער טאַכשיט אויסוואַקסן?! — האָט דאָוויד ניט אופגעהערט קלאָגן זיך פאַר זעלדען, — וויפל איז דער שיר אַרומגיין און מאָלן מענטשעלעך און פערדעלעך? ווער ווייסט, זעלדע, וויפל מיר איז באַשערט צו לעבן, און דער מאַזיק אונדזערער וועט זיך דאָס שטיקל ברויט ניט קאָנען פאַרדינען. מיך הערט ער, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי.

— וואָס זשע קאָן איך מיט אים טאָן? — האָט די מוטער געקנייטשט מיט די אַקסלען.

— וואָס הייסט, דו ביסט דאָך א מאַמע! דיך הערט ער מער. וואָלסט זיך געדאַרפט מיט אים דורכריידן, וואָס טראַכט ער זיך?

— דעם קאָוועד, דאָוויד, קאָן איך דיר אָפּגעבן. רעד דו מיט אים!

זי האָט אָבער פאַרשטאַנען, אז דאָוויד איז גערעכט, נאָר אז אָך און ווי דעם גערעכטן! ווי די צײַט וועט קומען, וועט סימאָן זיך אַליין נעמען פאַרן סייכל. דערצו נאָך, האָט זי גע־טראַכט, איז וואַנדע אים ניט קיין סוינע און פירט אים, כאָלילע, ניט אָפּ קיין שלעכטן וועג. יענע, פאַרקערט, טוט אַלץ, קעדיי סימאָן זאָל זיך בעסער לערנען, לייענען ביכלעך. אײַ, זי דערציילט אים אַמאָל זאַכן, וועלכע סימאָן וואָלט נאָך דערווײַל ניט געדאַרפט וויסן, — וועגן דעם קייסער און זײַן כעווריִע, ווער עס לעבט א שיינעם טאָג און ווער עס מוטשעט זיך, — נו, ווּעסטו דאָך ניט גיין זי לערנען, זי ווייסט בעסער, וואָס זי טוט.

אַזוי האָט געטראַכט זעלדע.

נאָר אויב, ניט געקוקט דערויף, זי באַציט זיך רוּיִקער צו דעם, קאָן עס דאָוויד ניט פאַר־לײַדן. אים ערגערט עס שטאַרק, ער ווייסט פון לאַנג, אז עס הייבט זיך אָן פון א קלייניקײַט און ענדיקט זיך מיט אן אומגליק. עס הייבט אָן בלימלען א פונקעלע און ווערט פאַרוואַנדלט אין א סרייפע. דאָוויד האָט גוט געוווּסט, אין וואָס פאַר א מעדינע ער לעבט. ער האָט עס גוט דערפילט אָף זײַן אייגענער פעל. אויב א גאַזלען, א גאַנעוו, א כאַבאַרניק, אן אויסוואָרף, א מענוול באַגייט דעם גרעסטן פאַרברעכן, וועט ער זיך ווי־ניט־איז אַרויסדרייען, זיך אָפּ־קויפן, נאָר באַהיט גאָט, אויב עמעצער דערוועגט זיך אַרויסברענגען א שלעכט וואָרט אָף די צאַרישע פּאַראַנדקעס, — דעמלט איז מען ניט זיכער מיטן לעבן.

וואַנדע ווייסט עס אויך גאַנץ גוט. דאַרף מען זײַן געהיט, זיך ניט אַרײַנמישן אין זייער פאָליטיקע...

ווען סימאָן איז א ביסל עלטער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשטיין, פאַרוואָס דער טאַטע איז שטענדיק אַזוי פאַרביטערט. און וויִאַזוי קאָן דאָס זײַן אַנדערש, אז אָפטלעך קומט ער אַהיים מיט א פּוסט קוישל און פּוסטע קעשענעס. דעם גאַנצן טאָג אָפּגעשטאַנען אין זײַן כאַלאַבודע און ניט פאַרדינט קיין צעבראָכענעם גראָשן.

אין אַזעלכע טעג איז דער טאַטע אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב א פאַרדײַגעטער און מיט קיינעם ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

נאָר ווער ווייסט דען ניט, אז אין צאָרע שלעפּט נאָך זיך א צווייטע. אין דער צײַט, ווען עס איז געגאַנגען דאָווידן דורך טיר און טויער, דאַרף טרעפן א שפּאָגל־נײַער אומגליק — די בעהיימע האָט מיטאַמאָל אופגעהערט געבן מילך, און דאָס פאַרדינסטל איז אויך געוואָרן אויס, כאָטש שרײַ גוואַלד. מע האָט געדאַרפט טראַכטן, וויִאַזוי אויסבײַטן די בעהיימע אָף עפּעס רעכטס, נאָר ווי וועט איר עס מאַכן, אז אין שטוב איז נישטאָ קיין גראָשן געלט.

האָט סימאָן פאַרטראַכט, אז ער מוז זיך אָפּזוכן אן ארבעט, קעדיי אויך עפּעס אַרײַנברענ־גען אין שטוב.

קיין סאַך צײַט איז אים ניט אויסגעקומען זוכן.

ניט ווײַט פון זייער געסל האָט זיך געיאָוועט עפּעס א שיקאָרניק אן אָטסטאַוונאָי פּאָל־קאָווניק, וואָס האָט, ווי מע האָט דערציילט, פאַרשפּילט אין קאָרטן זײַן גאַנצן פאַרמעגן און זיך געמוזט זוכן עפּעס אן ארבעט. אן אָפּגעלאָזענער, אן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער, האָט ער געהאַט א פּאָנעם פון א שנאָרער. דאָס ווײַב האָט אים אוועקגעוואָרפן, און ער איז געבליבן, ווי אָפן וואַסער.

וואסילי איוואַנאָוויטש באַקאַלאָוו, ווי מע האָט גערופֿן דעם פֿאַלקאָוניק, האָט זיך לאַנג געמאַטערט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ניט געפֿונען קיין הילף בא זײַנע אַמאָליקע פֿרײַנט, מיט וועלכע ער האָט געשפּילט אין קאָרטן, האָט ער באַשטימט אָפּזוכן ערגעץ אַ ווינקל און נעמען זיך פֿאַר עפּעס אַן אַרבעט.

אָפּגעדונגען אַ שטיקל כאַלופּע אַף פּאָדאָל, האָט ער אײַנגעקויפֿט בלעך, פֿאַרב, פּענדזלען און אָנגעהויבן מאָלן שילדן.

קיין גרויסער פּאַכמאַן איז ער ניט געווען, זײַנע שילדן האָבן צווערשט געהאַט אַ פּאָנעם פֿון כויזעק. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער אַקשן און טאַקע די נויט אַליין האָט אים גע־טריבן. האָט ער זיך אַ ביסל אויסגעלערנט די מלאָכע, און די געשעפֿטן האָבן בא אים אָנ־געהויבן גיין שענער.

גראַדע אין דער צײַט האָט דער אַלטער דערזען סימאָנען, אַ קוק געטאָן אַף זײַנע גע־מעלן און געזאָגט, אַז ער וואָלט אים מיט גרויס קאָוועד גענומען צו זיך, ער זאָל אים העלפֿן מאָלן שילדן.

די מומע וואַנדע האָט אופֿגעהויבן אַ גוואַלד — וואָס הייסט? אַזאַ פּייִק באָכער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס מיט עכטער קונסט? נאָר פֿאַרשטאַנען, אַז איר דערצויגלינג מוז אָנהייבן אַ ביסל פֿאַרדינען, האָט זי זיך באַרויִקט.

און סימאָן האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

פֿון גאַנצפֿרי ביז דער טיפֿער נאַכט האָט ער זיך געפּאָרעט בא די שילדן און זיך אומ־געקערט אהיים אַן אויסגעשמירטער און אַ פֿאַרמאַטערטער. און ערשט דאַן האָט דער טאַטע ווידער זיך גענומען פֿאַר אים. וואָס טראַכט ער זיך? איז דען ניט בעסער, סימאָן זאָל זיך שטעלן אַרבעטן מיטן טאַטן? וועט ער זיך אויסלערנען אַ גוטע מלאָכע, מיט וועלכער ער וועט אין ערגעץ ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. נאָר די נײַע אַרבעט איז געפֿעלן געוואָרן סימאָנען. דער באַלעבאָס זײַנער, וואָס האָט ניט זייער שטאַרק ליב געהאַט אַרבעטן, — אַן אָפּיצער בלײַבט אַן אָפּיצער, — האָט זיך ביסלעכווײַז ווידער אַרײַנגעלאָזט אין שיקרעס, אין קאָרטן, וואָכנווײַז ניט אַרײַנגעשמעקט אין זײַן געהויבענער פֿירמע, און דער גאַנצער עול איז געפֿאַלן אַף אים, אַף סימאָנען.

איצט האָט דאָס ייִנגל ניט בלויז געגרונטעוועט דאָס בלעך, נאָר אויך געשריבן די בוכ־שטאַבן און געמאָלט פֿאַרשיידענע געמעלן, באַזונדערס פֿאַר די שערערײַען. דאָ האָט ער שוין באַוויזן וואָס ער קאָן, — געמאָלט שיינע מאַנצבלען און פֿרויען מיט אויסערגעוויינלעכע פֿרי־זורן, וואַנצעס און בערד.

סימאָן וואָלט שוין געווען צופֿרידן מיט זײַן גורל, נאָר דער באַלעבאָס האָט נאָך שטאַר־קער זיך אַרײַנגעלאָזט אין שיקרעס, און אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן געקומען אין וואַרשטאַט אין די גאַטיעס. ער האָט פֿאַרשפּילט דאָס לעצטע העמד. דער פֿאַרשווין האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, ווי זאָל ער פֿאַריכטן זײַן ביטערע לאַגע, זיך צערעכענען מיט די כוווּעס, האָט ער צוזוג־שלאָסן דאָס געשעפֿט און אַנטלאָפֿן.

סימאָן איז געבליבן מיטן בײַטשל. דער שיינער באַלעבאָס זײַנער האָט פֿאַרגעסן אים אויסצאָלן פֿאַר די פֿאַר כאָדאָשים. ער האָט אָנגעפֿײַפֿט ניט בלויז אים, נאָר אויך אַ גאַנצער כאַליאַסטרע באַשטעלער. זיי האָבן אופֿגעהויבן אַ גוואַלד, געשריגן, אַז באַקאַלאָוו איז אַ פּאַס־קודניאַק, אַ גאַנעוו, אַז מע דאַרף אים אײַנזעצן אין טורמע, נאָר באַם שרײַען איז מען געבליבן. דער באַלעבאָס פֿונעם געשעפֿט איז ווי אויסגערונען געוואָרן און גייט זוכט דעם ווינט אין פֿעלד!

סימאָן מאַרקוס, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן פֿאַר אַ שטיקל באַלמעלאָכע, האָט דערפֿון ניט שטאַרק איבערגעלעבט. אים איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער פֿאַרדראָס, וואָס יענער טײַוול האָט אים אָנגעזעצט, נאָר דאָס וועט פֿאַר אים זײַן אַ גוטער לימעד, ער וועט זײַן קלי־גער. ער וועט זיך שוין זוכן שענערע באַלעבאַטים און בעסערע געשעפֿטן.

ניט ווײַט פֿון זייער וווינונג, אַף יענער זײַט דניעפּער, ווו עס האָט זיך צעלייגט אַ גרויס זאַמדיק אינדזל, זײַנען געשטאַנען עטלעכע וואַרשטאַטן, אַ שטיקל זאַוואָד, ווו מע האָט רע־מאָנטירט, געפֿאַרבט אַלטע שיפֿן, באַרזשעס.

אַלע טאָג האָבן אַרבעטער זיך אַריבערגעקליבן אַהין אַף שיפֿלעך און זיך פֿאַנאַנדערגע־גאַנגען איבער די צעכן. סימאָן איז זייער מעקאַנע געווען די מענטשן.

אין איינעם פֿון די פֿרימאָרגנס האָט סימאָן באַשטימט אויספּרוּוון זײַן מאַזל און זיך אויך אַריבערגעקליבן אַפֿן צווייטן ברעג.

ער האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט, זיך צוגעקוקט, וואָס דער אוילעם טוט, נאָר אים איז בעסער פון אַלץ געפעלן געוואָרן קוקן, ווי די יונגע כוואַליע שטייען אויף די ברעטער מיט גרויסע בערשט און עמער פאַרב און פאַרבן די שיפן.

צוויי יונגע באָכערים, פאַרמורזעטע, אויסגעשמירטע פון קאָפּ ביז די פיס מיט פאַרב, זיינען געגאַנגען צום ברעג. דערזעען דאָס ייִנגל, וואָס קוקט אויף זיי מיט אַזעלכע קינע־בליקן, איז צוגעגאַנגען צו אים אַ בלאָנדהאָריק שלאַנק ייִנגל און צו אים אַ ווונק געטאָן:

— וואָס שטייסטו מיט צונויפגעלייגטע הענט? — האָט ער זיך אָנגערופן, — עפּשער ווילסטו מיט אונדז אַרבעטן, קאָנען מיר דיך אַריַינעמען אין אונדזער קאָמפּאַניע...

סימאָן האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייַט, מייַנענדיק, אַז יענער שפּאַסט, נאָר דער צווייטער, אַ קליינוווקסיק, קורנאָסע ייִנגל, האָט אַ זאָג געטאָן:

— טאָליק קראַווטשוק שפּאַסט ניט. ער איז דאָ אונדזער עלטסטער, אויב דו ווילסט, נעם אַ באַרשט און קום מיט אונדז...

סימאָן האָט זיך דערפרייט, קוקנדיק מיט דאַנקבאַרע אויגן אויף די זשוואָווע פאַרבער. ער האָט זיך גלייַך געלאָזט נאָך זיי, מוירע האָבנדיק, יענע זאָלן ניט איבערטראַכטן, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין צוזאַמען מיט ביידע געשטאַנען אויף דער רישטעוואַניע און האָסטיק געפּאַרבט אַ שיף.

ער האָט זיך געסטאַרעט טאָן אַזוי, ווי טאָליק קראַווטשוק און זייַן כאַווער, און ביידע האָבן זיך צוגעקוקט צו אים.

— וויאַזוי רופט מען דיך האָסטו ניט געזאָגט, — האָט זיך אָנגערופן טאָליק. — מיך רופט מען טאָליק קראַווטשוק, און אים, — האָט ער אַ ווונק געטאָן אויף זייַן געהילף, — מישקע גראַטשאָוו... איך זע, אַז דו קאָנסט פאַרבן. ווו האָסטו זיך באַוויזן אויסלערנען?

סימאָן האָט אַ שמייכל געטאָן און דערציילט די געשיכטע וועגן זייַן באַלעבאָס, דעם שיקער.

ביידע האָבן הילכיק געלאַכט, און טאָליק האָט געזאָגט:

— בײַ אונדז איז אויך אַ באַלעבאָס ניט קיין צאַצקע, נאָר האָב ניט מוירע, ער וועט דיר צאָלן!... די נעשאָמע פון אים, נאָר ער וועט צאָלן...

ביז אין דער שפּעטער נאַכט, איז מען געשטאַנען אויף די רישטעוואַניעס, געשמירט, און ווען מע האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט טאָליק אים אָוועקגעפירט אין קאָנטאָרל צום מייַסטער און געזאָגט, אַז ער האָט געפונען אַ גוטן פאַרבער און יענער זאָל אים דאָ לאָזן אַרבעטן.

דער אָנגעכמורעטער אַלטער מייַסטער האָט באַטראַכט דאָס פּעסטע ייִנגל, אויסגעפרעגט, ווו וווינט ער און ווי קומט ער אַהער, און באַמערקט, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד טאָליק מיט זייַן כאַווער וואַרטן אויף זייַן וואָרט, זיך אָנגערופן:

— נו גוט, זאָל ער מיט אייַך אַרבעטן, נאָר טאָמער וועל איך זען, אַז ער איז אַ פּוילאַק, וועל איך אים אַרויסטרייַבן צוזאַמען מיט אייַך.

סימאָן האָט זיך שוין לאַנג ניט געפרייט אַזוי ווי אין דער מינוט. ער איז גרייט געווען אַרומכאַפּן טאָליקן און אויסקושן.

פאַר סימאָנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייַ לעבן. ער איז געוואָרן אַלע גאַנצפרי אופגעשפרונגען פונעם געלעגער, זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעכאַפּט דעם הונגער און אוועקגעלאָפן צו דער אַרבעט. כאָטש עס איז געווען ניט גרינג שטיין אונטערן שטאַרקן ווינט, אונטער דער הייסער זון און פאַרבן די שיפן, נאָר ער האָט זיך געפילט שטאָלץ, וואָס ער אַרבעט צוזאַמען מיט אַזעלכע גוטע ייִנגלעך און ער וועט שוין קאָנען עפּעס אַרייַנטראָגן אין שטוב.

באַזונדערס איז אים געפעלן געווען אָט דער שטאַלטנער, גוטמוטיקער טאָליק קראַווטשוק, מיט וועלכן ער איז אַלע טאָג געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט. יענער האָט אים געגעבן לייענען ביכלעך, דערציילט אַ סאַך, וועגן וואָס ער האָט ביז איצט ניט געוווּסט.

די מאַמע איז אויך געווען צופרידן דערפון, וואָס סימאָן האָט זיך געפונען אַן אַרבעט, פון וועלכער ער איז מאַמעש באַגייַסטערט און וועט זיך מער ניט אַרומטראָגן ווי אַ דולער איבער דער גאַנצער גאַס מיט אַ כאַליאַסטרע פּוסטע כוואַליע.

מע קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז דער טאַטע איז דערפון געווען צופרידן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פּוסטע מייַסעס. אָט וועט מען אויספאַרבן די פּאָר שיפן און מע וועט דאָס ייִנגל דורכטרייַבן. די נייַע שטעלע זייַנע וועט אים קיין סאַך נאַכעס ניט פאַרשאַפן. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער שטעלט זיך לעבן אים און לערנט זיך שלאָסערייַ. דאָס וועט אים שטענדיק געבן אַ שטיקל ברויט. די מומע וואַנדע איז אויך ניט געווען באַגייַסטערט, וואָס אַ באָכערל מיט אַזעלכע פייַקייַטן דאַרף מאָלן שילדן און פאַרבן שיפן. נאָר וואָס האָט זי גע־

קאָנט מאכן? זי האָט בלויז געבעטן בא איר שילער, ער זאָל ניט וואַרפן דאָס פענדזל, ער זאָל געפינען צײַט אױף מאָלן. ווער ווייסט, עפשער וועט נאָך קומען א צײַט און זײַן מאָלערײַ וועט אויסנעמען.

סימאָן האָט שוין איצט ניט געמאָלט קיין פייגעלעך. אַלע טאָג, ווען ער איז אַוועק אױף דער ארבעט, האָט ער אין זײַן קױשל ארײַנגעלייגט זײַן אַלבאָם און בייסן איבערײַס געמאָלט די מענטשן, וועלכע האָבן געארבעט באנאנד, די באַלעבאטים און באשטעלער. וואנדען זײַנען זײַנע געמעלן געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך אַלץ מער איבערצײַגט, אז צווישן די יונגע אר־בעטער, די נײַע פרײַנט זײַנע, איז ער געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש.

אַלע מאָל, ווען סימאָן האָט זיך אומגעקערט פון דער ארבעט, האָט וואנדע גענומען זײַן אַלבאָם און באטראכט זײַנע נײַע געמעלן. פון טאָג צו טאָג האָבן זיי זי שטארקער געפרייט, און זי איז געווען באגײַסטערט פון איר שילער. אָפטער האָט וואנדע אָנגעהויבן באווײַזן די געמעלן דער מוטער. צום ערשטן האָט יענע געקנייטשט מיט די אקסלען, ניט פארשטאנען, צוליב וואָס דארף סימאָן דאָס האָבן, נאָר אינגיכן האָט עס איר אויך אָנגעהויבן געפעלן. אנדערע כעוורע אין זײַן עלטער האָבן געשפילט אין קאָרטן, געטרונקען בראָנפן, זיך פאַר־נומען מיט דער רועך ווייסט וואָס, און ער, דאנקען גאָט, האָט זיך געהאלטן אין א זײַט פון די זאכן.

דער פאָטער האָט זיך געהאלטן בא זײַנעם. ער האָט געהאָפט, אז סימאָן וועט עלטער ווערן, וועט ער זיך נעמען פארן סייכל און בעטן, דער טאטע זאָל אים אויסלערנען זײַן מע־לאָכע. דאָס לויפן אַפן דניעפּער פארבן די שיפן וועט אים גיך נימעס ווערן...

דער מאמען איז געפעלן דאָס, וואָס סימאָן כאווערט זיך מיט שטילע, באשיידענע יינגלעך, דעריקער מיט טאָליק קראַווטשוק, נאָר דאָווידן זײַנען זיי ניט געפעלן. ערשטנס, זײַנען זיי קימאט אַלע עלטער פון אים, פון סימאָנען. כוץ דעם, סוידען זיי זיך די גאנצע צײַט, ווערן אמאָל ביז טיף אין דער נאכט פארפאלן אין וואלד, וואָס ניט ווײַט פון קורעניאָווקע, לייענען אזעלכע ביכלעך, פאר וועלכע מע קאָן גרינג טרעפן אין טורמע...

דאָוויד האָט געפרוווט ריידן מיט סימאָנען מיט גוטן און מיט שלעכטן. אױף דעם אַלעמען האָט סימאָן געענטפערט, אז ער איז שוין ניט קיין יינגעלע, ער ארבעט אױף א זאַוואָד, פאַר־דינט שוין געלט און ווייסט אַליין וואָס ער האָט צו טאָן.

די קריגערײַ צווישן טאטן און זון איז געוואָרן מיט יעדן טאָג שטארקער. סימאָן האָט געמוזט אַוועק פון דער שטוב און זיך באזעצן בא קראַווטשוקן, וואָס האָט געוווינט אױף דער שכיינעסדיקער גאס.

די מאמע האָט אופגעהויבן א גוואלד: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז א טאטע זאָל ניט קאָנען אויסקומען מיט זײַן איין־און־איינציקן זון? זיי זײַנען ערגער, ווי פרעמדע!

די מומע וואנדע האָט זיך אויך ארײַנגעמישט און אינגיכן האָט סימאָן זיך אומגעקערט אהיים. נאָר זײַנע באציִונגען מיטן טאטן זײַנען געבליבן קימאט די זעלבע.

(סאָף קומט)

## נויט א זינגענדיק הארץ

### די ליד פון דעם וואָרצל

איך בין א וואָרצל פון א בוים, וואָס פּרוכפּערט אין דער ערד
און ראָיעט זיך אין גאָלד, אין אש אין גרויען.
געדיכטע לאסטן, ווי די קלומקעס, דריקן שווער,
און אין דער פינצטער כ'לעב אָן זאָרג און טרויער.

איך טו מייַן שווערע מי אין יעדן וועטער
מיט טרוימען אופגעוואכטע, ווי דער ווינט.
דורך פינצטערניש כ'פיר א געשפּרעך מיט גרינע בלעטער,
מיט צווייַגן, ווו די פייגל זינגען מילד.

און אויב פון וואָרצל טוט א שפּריץ א רעגן,
און קושט די שווארצערד צארט און ווארעם לאנג,
כ'באקום ארויס פון אים דעם זאפט צו לעבן,
פאר אָט דער קרויז, מייַן אייביק־יונג געזאנג!

עס דרעמלען אין מיר סוידעספולע סטראָפעס —
געזאנגען פונעם לעבן, פון דעם טויט,
און טראָפּנס פרישע אינעם ערד־קרוג קוקן אָפן,
ווו כ'האָב א נעסט פאר זיך פון לאנג שוין אויסגעבויט.

סייַ גרויסארטיק, סייַ שטרענג איז ער, מייַן גורל,
איך בין א הארבער וואָרצל פון א זוים.
איך בין א גאָלדענער זאנג, וואָס ווייסט קיין מוירע ניט,
אין ווענען ס'לעבט אליין דאָס הארץ פון בוים.

אין מיר לעבט דאָס אקשאָנעס און דער וווּנדער,
דער קויעך, וואָס ברויזט אין שטאם, ווי אין א ליד,
דעם בוים פון לעבן שענק איך זאפט אף א יאָרהונדערט,
איך בין זייַן פּרוכט, זייַן קאָרע און זייַן צוויט.

אף וועג מייַנעם כ'שלאָג דורך אפילע שטיינער,
עס איז דער ציל מיר אלע מאָל באוווּסט,
און כאָטש די זון כ'האָב ניט געזען נאָך קיינמאָל,
נאָר פאר איר שייַן קיין שרעק כ'האָב ניט געוווּסט.

דאָס ווייסט אפילע אויך דער הויכער דעמב אָן ציטער,
דער, וועמעס לעבן רוישט מיט גוווּרע גרויס:
אויב אויסשטיין קאָן ער אין א גרויס געוויטער,
איז נאָר אדאנק די וואָרצלען זייַנע בלויז.

ווי הויך ער זינגט! די מוטער־ערד האָט לאַנג אים
אין גרינעם דרעמל דאָ געוויגט, מיט גאָלד באַצירט.

———————————————

———————————————

אין לעבן מײַנס בלויז איינס אצינד פאַרלאַנג איך:
די אײַנגעשפּאַרטקייט פון א וואָרצל לעבן זאָל אין מיר!

## צו רוסלאַנד

מיט הייסן שטערן מײַנעם, דורך ווינד און ווײ,
איך וועל זיך צורירן און איינרוימען א סאָד איר:
— אָ, רוסלאַנד, צי דער דיכטער איז דען ניט דײַן סאָלאָוויי,
וואָס ער באַכידעשט און באַזינגט דײַן הימל און דײַן באָדן?

צי דען ניט דו געבוירן האָסט מײַן הייס באַגער,
אַז טראָגן זאָל איך, ווי א בלאָיז, דיך אפן האַרצן
און רימען אַלע דײַנע פּיירעס און דײַן ערד
און די גערעטעניש, וואָס איצטער אָף איר וואַרטסטו?

צי דען ניט דו אַליין, גלײַך ווי די זון אַרום,
געשײַנט האָסט מיר אַזוי, אַז ס'גייט די ליכט אזש איבער,
געטיילט מיט מיר אין שווערע שלאַכטן ביטערע דײַן רום,
דײַן שענסטן טרוים, דײַן הייס־געבענטשטע ליבע?

ווען א פאַרוווּנדעטער געלעגן כ'בין אין שלאַכט,
צי דען ניט דו געלערנט האָסט, גלײַך ווי א מוטער,
אַז נעמען כ'זאָל מיט זיך דײַן מוט, דײַן ליכט, דײַן פּראַכט,
און אין דײַן נאָמען שטרענג אַרויס קעגן דער סמוטע?

געלערנט האָסט, ווי אויך אפילע פאַרן טויט,
גלײַך ווי א העלד, צו דונערן אין שווערסטע קריגן
און זינגען דיר א שיר־האַשירעמדיקן לויב,
ווי נאָר דאָס האַרץ פאַרלאַנגט — דעם שענסטן פון די ניגנס?

ווען אין מײַן שלייף געקלאַפּט האָט אומרויִק דאָס בלוט,
גלײַך ווי נ'א פּענצטער א סאַוראָסער פרישער האָגל,
דאַן אומרויִק צו מיר געשעפּטשעט האָט דײַן מוט
דורך בלוט־בלײַענעם וויכער, וואָס אין מיר ער וואָגלט:

— אָ, רוסלאַנד! אין דער שלאַכט, וואָס מיט דײַן פּײַנט איך פיר,
כ'פאַרלאַנג בלויז איינס אָף אָט דער ערד דער פרײַער —
אַז פון מײַן ליבע, וואָס איך טראָג אין האַרץ צו דיר,
זאָל קיינמאָל זיך ניט אויסלעשן דאָס פײַער.

## דער קרוג פון ליבע

ווען כ'וואָלט קאָנען פון מײַן ליבע, ווי פון ליים דער טעפּער,
ליימענע קרוגן קאַראַיִמער פורעמען און קלעפּן,
כ'וואָלט די ליים דאַן אָנגעפּויעט מיט דער שײַן פון שטערן,
און דערנאָך געקלעפּט, געפורעמט — שענער זאָל זי ווערן.

כ׳וואָלט דעם קרוג אויך אָנגעגעבן קלעפּ מיט אָט דער דלאָניע,
קעדיי ווערן זאָל ער דינער — דורכזיכטיק, לעוואָניק,
קעדיי ווערן זאָל ער שטאָלצער פון פאַסאָן דעם שיינעם,
מיט א זינגענדיקן האַרץ און מיט א קאָל א ריינעם.

אַך, ווי איך וואָלט איצט געוואָלט, אז מיט דאָרשט און גלויבן
טרינקען זאָל פון אים דער מענטש און דער פרייַער פויגל:
— טרינקט בערעזע־זאַפט פון פרילינג, וואָלקנדיקע שנייען,
טרינקט דעם קוי׳ך פון אונדזער ערד, אירע פרייד־און־ווייען.

אז ווי נאָר דער בינענציכטלער וועט פון קרוג פאַרזוכן,
אזוי גלייַך זאָל ער דערפילן האָניק־רייַפע דופטן,
און דער פישער — דעם גערוך פון דניעפּער בלויען,
דעם גערוך פון דער בערעזע — יעדער פראָסטער פויער.

אז אין קרוג זאָל פרייד און לייד, גליק און צאַר זיך מישן
מיט דער שייַן פון יונגן פרילינג, מיט זייַן דופט דעם פרישן,
אז א ווייַנקעלער זאָל ברויזן אינעם קרוג, ווי א געוויטער,
ביז ער וועט א קיילע ווערן פאַר דער זון צעגליטער.

אז בא אַלע, ווער ס׳וועט טרינקען דאָרשטיק מיט די ליפּן,
זאָל זיך אָנגיסן דאָס האַרץ מיט געטראַנק פון ליבע.
אז דער סאָלאָוויי אפילע, וועלכער קלייַבט זיך זינגען,
זאָל פון אָט דעם שיינעם קרוג שייַן פון שטערן טרינקען.

אז דער קרוג, וואָס פון מייַן ליבע ער איז אויסגעפורעמט,
אָנגעפילט זאָל זייַן מיט שייַן, מיטן בליץ־און־דונער.
כ׳וויס: דעם סאָלאָוויי, וואָס זינגט מיט א קאָל א ריינעם,
איז באַשערט זיך ליבן בלויז מיט א זון־קוויט שיינער.

כאַים מעלאַמוד

# ניט צו פאַרגעסן

## צווישן פרעמדע וועלטן

מע האָט גענומען און איבערגעקערט די ערד מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

און עפשער איז דאָס ניט די ערד, נאָר אַן אַנדער פּלאַנעטע, אויף וועלכער ס'איז אַלץ קאַפּויר. די מענטשן האַלט מען פאַרשפּאַרט אין ענגע שטײַגן, מע האָדעוועט זיי מיט פּוילער שאָלעכץ, מע שפּאַנט זיי אײַן אין שווערע וועגענער, מע לאָדט אָן אויף זייערע פּלייצעס, ווי אויף קעמלען, די שווערסטע מאַסע, מע שמײַסט זיי מיט אײַזערנע ריטער, מע מיימעסט זיי, מע דישעט זיי, מע ברענט זיי. און די צווייפיסיקע חײַעס גייען אַרום פראַנק־און־פרײַ, וווינען אין די שענסטע פּאַלאַצן, הוליען, שיכּורן און טוען מיט די מענטשן אַלץ, וואָס עס קומט זיי נאָר אין זייערע טעמפּע אַכזאָריעסדיקע קעפּ.

א פּלאַנעטע פון צווייפיסיקע חײַעס.

א פּלאַנעטע פון מענטשנפרעסער.

זיי גייען אַנגעטאָן, ווי מענטשן, רופן זיך אפילע מיט מענטשלעכע נעמען, נאָר אין זייער גאַנג, אין זייערע שטימען, אין זייער בליק איז ניטאָ קיין שום מענטשלעכס. ווי זשע האָט די נאַטור, וואָס איז שטענדיק אַזוי אָפּקלײַבעריש אין איר שאַפונג, געקאָנט ברענגען אַזוינס אויף דער וועלט?

און דאָס לעבן אַליין איז פונקט דער היפּעך פון דעם, וואָס איז געווען דאָרטן, אויף זייער ערד, א לעבן פון סאַמע טויט. און דאָס גאַנצע טועכץ זייערס באַשטייט פון שטאַרבן, פון פּאַרדישעט ווערן, צענעריקט ווערן, הערשאַסן ווערן, פון דורכוויסיקן אומקום. יעדן טאָג, יעדע שאָ, יעדע מינוט. און יעדן באַגינען רײַסט מען די לעבן־געבליבענע ארויס פונעם שלאָף, מע טרײַבט זיי ארויס אויפן אַפּעל־פּלאַץ און מע שטעלט זיי אויס צוליב דעם זעלבן טועכץ — אויף צו שטאַרבן.

און די לעבעדיקע... זיי קאָנען בלויז נאָר דעכען א ביסל, קאָנען נאָך א שפּאַן טאָן מיט די פיס, א ריר טאָן מיט די הענט און אראָפּשלינגען דאָס שטיקנדיקע געקעכטס פון פּוילער ברוקווע. ס'איז נאָר שווער צו פאַרשטיין, ווי קאָנען אָט די הענט האַלטן א לאָפּעטע, שלעפּן א שווער־אָנגעלאָדענעם וואָגן, טאַסקען אַזעלכע שווערע שטיינער.

ס'רעדט זיך אַזוי — הענט.

ס'רעדט זיך אַזוי — פיס.

ביינער, איבערגעצויגענע מיט א פאַרבלאָווטער, צערעפּעטער, פאַרקוילטער הויט, פול מיט יאַטרענדיקע ווונדן און פאַרטריקנט, פאַרקויטיקט בלוט. שפּיציקע קינבאַקן און אויסגע־לאָשענע אויגן וואָס גיבן בלויז זעלטן א גלאַנץ, אַמאָל איז דאָס פון הונגער און אַמאָל פון א דערמאָנונג — א ווײַטע, ניט קלאָרע דערמאָנונג וועגן יענער אומבאַגרײַפלעכער צײַט, ווען זיי זײַנען געווען גאָר אויף אַן אַנדער וועלט.

שולדיק איז געווען דער הימל. אָפּטמאָל איז ער געווען אָנגעכמורעט־בייז, פאַרדעקט מיט א גראָבן אָנוואָלגער פון טונקעלע וואָלקנס, געקנאַלט מיט פּאַרטויבנדיקע דונערס, צעפּאַ־סעוועט דעם ארומיקן כאַשכעס מיט בלענדנדיקע בליצן, שעפּעדיק געגאָסן מיט קאַסע רעגנס אָדער קאַמצאָנעסדיק געשיט מיט שיטערן, דריבנעם שניי, און דאָס האָט אַזוי ווייטעקלעך דערמאָנט אין יענע ערדישע זומערס און ווינטערס! אַמאָל איז דער הימל געווען אומגעווײנלעך ריין און אומגעווײנלעך בלוי, און די באַטאָגיקע זון אָדער די באַנאַכטיקע שטערן האָבן גע־וועקט, געמונטערט די פאַרכאַלעשטע הערצער, אויפגעריסן די צוניפגעשלאָסענע אויגן און ארויסגערופן אַן אומדערטרעגלעכן געמיש פון ייִעש און האָפענונג, ווײַל ס'איז שווער געווען צו באַנעמען, אַז נאָך אַלעמען לעבן זיי אונטער דעם זעלבן הימל, אונטער דער זעלבער זון, און זיי אַלע, די לעבעדיקע מייסים, וואָס האָבן פריִער געהייסן רוסן אָדער דײַטשן, פראַנצויזן אָדער ייִדן, יוגאָסלאַוון אָדער טשעכן, געהערן צו איינער און דער זעלבער גרויסער ערדישער מישפּאָכע, וואָס הייסט מענטשהײַט.

דאָס קאַפּוירעדיקע, דאָס אומענטשלעכע און אומזיניקע האָט אַזוי ארומגעכאַפּט, דורכגע־זאַפּט און דורכגעדרונגען אַלץ דאָס ארומיקע, אַז ס'איז אָפּטמאָל שווער געווען פאַרשטעלן זיך: ווי קומט אהער יענער הימל מיט זײַן זון און מיט זײַנע שטערן, פונוואַנען נעמען זיך יענע וואָלקנס און פונוואַנען האָט געקאָנט א בלאָז טאָן יענץ ווינטעלע, וואָס האָט אויף א ווײַלע ארײַנגעבראַכט גאָר אַן אַנדער לופט. רייך פון רויך, פון סאַם און פון געבראָטן מענטשלעך פלייש.

און ס'איז ביידן שווער געווען צו גלייבן, אַז אָט דאָ־אָ, אין אָט דעם פלאַקערנדיקן גע־נעם, וואָס איז אופגעקומען אויף דער סאַמע פּאַרוואָרפנסטער און סאַמע שרעקלעכסטער פּלאַ־נעטע, זאָלן זיך באַגעגענען צוויי לאַנדסלײַט, צוויי כאַשטשעוואַטער.

# זיך באַגעגנט!

זיי זײַנען געלעגן פעסט אײַנגעגניורעט איינער אינעם צווייטן, געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַנגעשפּיצט די אויערן אויף אופכאַפּן די ווערטער, וואָס ווערן ארויסגעשעפּטשעט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם, פאַרטײַעטן אָטעם. די סטאַרטשענדיקע ביינער פון די אַקסלען, פונעם ברוסטקאַסטן, פון די קני און קנעכלעך האָבן ביז ווייטעק זיך אײַנגעקאַרבט איינער אינעם אַנדערן, געפּרוווט א ביסל אײַנשטילן דעם אינערלעכן פלאַטער. ער האָט ביידן אויסגעצוגן צו שטאַרק פאַר זייערע אָפּגעשוואַכטע קערפּערס — אַן אומדערלאָזבאַרע צעטרענצלונג פונעם קאָפּעטשקעלע קויעך אין דער צײַט, ווען די נאַכט, די קורצע, אומרויִקע נאַכט, פול מיט

וויטעקן, גרימענישן און קרעכצן, איז דאָך יענץ שטיקל צײַט, ווען מע דאַרף כאָטש עפּעס־וואָס אָנזאַמלען פאַרן מאָרגעדיקן טאָג, וואָס איז שטענדיק פאַר עמעצן דער לעצטער. און קאָן ווערן אַזאַ פאַר זיי אויך. און דאָך, דאָך האָבן די הערצער מיט גאָרנישט ניט געוואָלט זיך רעכענען: ניט מיטן סייכל, ניט מיט דער שרעק און מיט דער געפאַר, וואָס די דאָזיקע נאַכט טראָגט פאַר זיי ביידע. ס'איז זיי שווער געווען גלייבן אין דעם, וואָס איז געשען, שווער געווען גלייבן, אַז אַזוינס איז ביכלאַל מעגלעך, און שווער געווען באַנעמען זיך אַליק, די אייגענע אופּירונג. ערשטנס, ווי־אַזוי האָבן זיי דערקענט איינער דעם אַנדערן, אַז זיי האָבן שוין קיין פּאָנעם ניט געהאַט פון מענטשן, צווייטנס, ווי־אַזוי איז געשען, וואָס טראָץ דעם סייכל־האַיאָשער, טראָץ דעם זיכערקײַט־אינסטינקט, וואָס האָט באַוויזן אויסאַרבעטן אין זיי די העכסטע פּאָרזיכטיקײַט און וואַכזאַמקײַט, זאָלן זיי זיך דערלויבן אַזאַ זאַך — אינמיטן אַפּעל־פּלאַץ, ווען אָף זיי זײַנען אָנגעצילט צענדליקער כײַישע אויגן פון עסעסאָווצעס, צענדליקער רערן פון אווטאָמאַטן און קוילנוואַרפער, זאָלן זיי אויסשרײַען... דער אויסגעשריי האָט ביידן זיך בלויז געדוכט, ווײַל אויסרעדן עפּעס הויך האָבן זיי שוין לאַנג קיין קויעך ניט געהאַט, נאָר ביידן האָט זיך געדוכט, אַז איינער האָט אויסגעשריגן:

— אַ כאַשטשעוואַטער?

און דער צווייטער גלײַך געכאַפּט אַ שמיץ אָדער, ווי אַ קויל וואָלט אים געטראָפן, האָט אונטערגעשפּרונגען, זיך אַ וואַקל געטאָן און אָנגעהויבן כאַפּן די לופט מיטן צעעפנטן מויל, דרייען מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, פינטלען מיט די אויגן און אײַנהערן זיך אין דער מיטאָמאָל אופגעריסענער שטילקײַט. ווײַל אים האָט זיך געדוכט... יאָ, דאָס איז דאָך דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, ווען דיר הייבט זיך אָן עפּעס אויסוויזן, ווען עס קומען אוף פאַרשיידענע גאַליוצינאַציעס און דו גייסט אַרום אַ פאַרכאַלעמטער. מאָרגן וועסטו זיך שוין ניט קאָנען אופהייבן. בלײַבט דיר בלויז איין וועג — אין קרעמאַטאָרי.

דער, וואָס האָט אויספּעשריגן, איז געווען אַלעקסאַ. אַלעקסאַ דער רויטער, וואָס האָט געוווינט ניט ווײַט פונעם בוג, וווּהין כעוורע פלעגן גיין זיך באָדן. דער יאָמטעוו האָט זיך שטענדיק אָנגעהויבן נאָך ביזן טײַך, לעבן אַנטאָנס סעדל, פון וועלכן ס'זײַנען אַראָפּגעהאַנגען אַריבער דעם פּלויט פלוימען, עפּל און ווײַנשל. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אַראָפּצופּן אַ גרינעם עפּל אָדער אַ זויערע פלוים. אַליין דער אַלטער אַנטאָן איז שוין געווען געווינט דערצו און ניט איבעריק גענומען זיך צום האַרצן. נאָר דאָס זינדל זײַנס, אַלעקסאַ, איז געווען מאָלע־רעציכע אָף די שטעטלשע כעוורע. הינטערן פלויט איז בא אים שטענדיק געלעגן אַ קופּע שטיינדלעך, און ווי נאָר עמעצער איז דורך פאַרבײַ, האָט ער אָנגעהויבן זיי שלײַדערן גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן, אָף אָנצושרעקן. האָט אַלעקסאַ באַקומען אַ שעם פון אַ רעצייעך. און כאָטש די האָר אָף זײַן קאָפּ זײַנען געווען ווײַסע, ווי גוט אויסגעווייקטער און אויסגעשווענקטער פלאַקס, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן — רויטער. ווען ער האָט אָנגעהויבן שלײַדערן זײַנע שטיינדלעך, האָט מען אים געשריגן אַנטקעגן:

— אַלעקסאַ דער רויטער!

— אַלעקסאַ דער רויטער!

יאָ, דער, וואָס האָט אויסגעשריגן, איז געוועזן אַלעקסאַ דער רויטער, כאָטש אין אים איז קיין סימען ניט פאַרבליבן ניט פון יענעם אַלעקסען, ניט פון זײַנע פלאַקסענע האָר. דער, וואָס האָט אַ ציטער געטאָן, אונטערגעשפּרונגען און אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, איז געווען הערשעלע. הערשעלע אײַזיק־יאָסיעס. זייער שטוב איז געשטאַנען אַ ביסל ווײַטער פונעם קלויסטער, צום מאַרק־צו, די דריטע שטוב פון יאָסקע בעקער, און דאָס איז געווען סאַמע דאָס, וואָס אײַזיק־יאָסיע האָט געדאַרפט. ער איז געווען פון יענע שנײַדער, וואָס האָבן געניית מערסטנטייל פאַרן דאָרף, און ס'איז ניט געווען קיין טאָג, ס'זאָל ניט זײַן בא אים עמעצער פון די אַרומיקע דערפער. מיסטאַמע איז בא זיי ניט איין מאָל געווען אויך אַנטאָן מיט זײַן אַלעקסען. נאָר הערשל האָט זיי וויניק פאַרגעדענקט. דערפאַר האָט ער גוט פאַרגעדענקט דעם סאָד, אַלעקסען מיט זײַנע שטיינדלעך. האָט זיך אים געוואָלט אויסשרײַען:

— אַלעקסאַ דער רויטער!

אים האָט זיך טאַקע געדוכט, אַז ער האָט אויסגעשריגן, ווײַל יענער האָט שטרענג אַ קוק געגעבן אָף אים און אַ סיפּע געטאָן:

— ש־ש־ש...

איצט זײַנען זיי געלעגן אײַנגעקאַרבט איינער אינעם צווייטן, און זיי האָט זיך געדוכט, אַז קיין נעענטערע, ענגערע קרויוועשאַפט, אַזאַ, ווי די, וואָס איז אופגעקומען צווישן זיי אין אָט דער נאַכט, איז אין דער וועלט ניטאָ.

אין בלאָק האָט געהערשט יענע שטיקנדיקע כאַשכעס, וואָס קומט אויף יעדע נאַכט, ווען עס ווערט אויסגעלאָשן די שײַן און יעדערער בלײַבט מיט זיך אַליין, יעדערער מיט זײַנע ווונדן און ווייטעקן, יעדערער מיט אָט דעם געפיל פון עלנטקײַט, אויסגאַנגלאָזיקײַט און פאַרווּרטײלטקײַט, וואָס טרײַבט אַוועק דעם אַזוי געגאַרטן שלאָף. עמעצער האָט שטיל געקרעכצט, עמעצער האָט געריבן מיט די פאַרטערפּעטע הענט און פיס, און עמעצער האָט זיך אויסגע־צויגן אין זײַן גאַנצער ביינערדיקער לענג, אַ דריגע געטאָן מיט די פיס און שטיל אַרויסגע־לאָזט די נעשאָמע. מאָרגן וועט מען אים אַרויסטראָגן און ווי אַ בערוועגע אַ וואָרף טאָן אויף דער קופּע מייסים, וואָס ליגן אויסגעלייגט, ווי געהילץ, אין שטאַבעלן, אונטער די קרעמאַ־טאָריי־אויוונס.

צווײ לאַנדסלײַט זײַנען געלעגן אײַנגעניורעט איינס אינעם צווייטן, זייער ווײַט פון דעם אַלעמען. די אומגעריכטע באַגעגעניש האָט זיי אַריבערגעטראָגן אויף גאָר אַן אַנדער פּלאַנעטע, וואָס האָט זיי איצט אויסגעזען, ווי אומבאַגרײַפלעכע פאַנטאַסטיק און וואָס האָט געהייסן כאַ־שטשעוואַטע.

— כאַ־שטשע־וואַ־טע, — האָט הערשל אַרויסגעשעפּטשעט שטיל, שטיל, אויסצײַענדיק באַזונדער יעדער אָס.

— יאָ, — האָט אַלעקסאַ געענטפערט מיטן זעלבן, — כאַשטשעוואַטע.

— שוין לאַנג פון דאָרטן?

— אַ יאָר מיט...

— נו? — האָט ער אים ניט געלאָזן ענדיקן. — אַלע, ווי געווען?

— ווי געווען...

— דער בוג?

— דער בוג.

— און אײַער סאָד?

— און אונדזער סאָד.

— און דער קלוב?

— און דער קלוב.

— און די שול?

— און די שול.

נאָך יעדן ענטפער האָט הערשל געמאַכט אַ קורצע פּאַוזע, ווײַל ער האָט ערשט באַדאַרפט באַטראַכטן, באַקוקן און באַטאַפּן אים פון אַלע זײַטן. אין יעדער פראַגע, אין יעדער ענטפער איז געווען אַ שטיקעלע פון אים אַליין, פון זײַן אייגן לעבן, פון יענעם ווײַסן מענטשלעכן לעבן, וואָס איז איצט שווער אַפילו פאָרשטעלן זיך.

— און אונדזער שטוב?

— און אײַער שטוב.

דאָ מוז הערשל זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער. ווי קאָן מען זיך אַזוי גיך שיידן מיטן שטיבל, מיטן הילצערנעם גאַנעקל מיט די פיר הילצערנע טרעפּלעך, אונטער וועלכע ער האָט אָפּטמאָל זיך באַהאַלטן פונעם טאַטנס אַ פּאַטש? ס'האָט מיטאַמאָל אַ שמעק געטאָן דאָס שטיבל מיט זײַן אומפאַרגעסלעכן רייעך. אַ רייעך פון טלײַענדיקע קוילן, פון איבערגעוואָרעמטע פּרעסלעך און אָפּטמאָל אויך פון צוגעבּרענטן געוואַנט. דאָס פלעגט טרעפן, ווען דער טאַטע האָט זיך פאַרטראַכט איבער עפּעס און דאָס פּרעסל האָט דורכגעסמאַליעט אַ קליין לעכעלע אין דעם נאָך ניט פאַרענדיקטן מאַלבעש. דאַן איז אין שטוב געווען אויף פאַרטשאַדעט צו ווערן. און ניט אַזוי דער טשאַד אַליין, ווי די מאַמע, זי פאַרשטייט גלײַך, מיט וואָס עס שמעקט, און פאַלט אָן אויפן טאַטן:

— גאַזלען, שוין ווידער?

און דער טאַטע, אַן אײַנגעהויקערט מענטשעלע, וואָס איז אַליין אויך, ווי מע פלעגט זאָגן אויף אים, אַ מיוון אויף אַ טשאַד, הייבט אָן פינטלען מיט די אויגן, פּאַכן מיט די הענט, טוט ווידער אַ כאַפּ דאָס פּרעסל און פירט מיט דעם האַסטיק איבערן געוואַנט, גלײַך ער פרווּוט פאַרפּרעסן, פאַרדעקן, פאַרלאַטען אַלע זײַנע אַווירעס. אויף אײַנשטילן דער מאַמעס צאָרן און אויף אונטערמונטערן זיך אַליין, נעמט ער זינגען:

אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער,
אָט אַזוי נייט ער דאָך,
ער נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך,
פאַרדינט אַ נאָדל מיט אַ לאָך...

הערשל שווײַגט און הערט זיך אײַן. ער געדענקט שוין ניט, ווען האָט ער אַזוי קלאָר געזען פאַר זיך טאַטע־מאַמע, געהערט דעם טאַטנס לידעלע. ער וואָלט אַזוי געלעגן די גאַנצע נאַכט און זיך אײַנגעהערט. נאָר אַלעקסאַ... ער האָט מוירע געהאַט פאַר דער פראַגע, וואָס דאַרף באַלד געשטעלט ווערן. ער וואָלט ניט געוואָלט ענטפערן אַף איר שוין הײַנט. ער ווײַט נאָך באַווײַזן. האָט ער געמוזט אַליין עפּעס פרעגן:

— זאָג מיר נאָר, ווי קומסטו אַהער?

פאַר דער גאַנצער נאַכט איז הערשלען אַפילע קיין איין מאָל ניט געקומען אַפן געדאַנק, אַז מע טאָר ביכלאַל ניט אַזוי, מע טאָר ניט באַ דער ערשטער באַגעגעניש, פונעם ערשטן ווונק זײַן אַזוי אָפּנהאַרציק. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז יעדער מינוט לעבן, יעדער שפּאַן, יעדער אָטעם ווערט אויסגעקעמפּט דורך שטרענגסטער קאָנספּיראַציע, פאַרזיכטיקײַט, אָפּגעהיטקייט און אײַנגעהאַלטנקײַט. מיטאַמאָל האָט ער אָנגעוווירן דאָס אַלץ, וואָס איז באַ אים אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אַזוי פיל פּײַן, דורך אַזוי פיל לײַדן. גיי ווייס, אַז איין וואָרט, בלויז דער נאָמען פונעם שטעטל, אַרויסגעבראַכט אין דער הייך, קאָן אַרויספירן פון גלײַכגעוויכט.

נו, און אַז כאַטשעשוואַטע, איז וואָס? נאָך אַלעמען, קען ער אים אינגאַנצן ניט. ווער איז ער און וואָס איז ער?

דאָס אַלץ, די אַלע ספּייקעס, דאָס ביסעלע שרעק מיטן ביסעלע הריזעניש זײַנען אופגעקומען דערנאָך, ווען די נאַכט האָט ניט געסטײַעט און זיי בײדע, אופגערודערטע און ניט קיין אויסגעשלאָפענע, מיט ביינער, וואָס האָבן גאַרנישט ניט באַוויזן אָנקלײַבן פאַרן נײַעם טאָג, האָבן געמוזט אַראָפּשפּרינגען פון די נאַרעס און שטעלן זיך צום באַגינענדיקן אַפּעל. נאָר באַנאַכט איז דאָס אים אַפילע אַפן געדאַנק ניט געקומען.

— ווי קום איך אַהער? — האָט ער איבערגעפרעגט. — ס'איז לאַנג צו דערציילן.

# דורך הונדערטער טויטן

מע נעמט אַ וועלט און מע קערט זי מיטאַמאָל איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרוף. פאַר איין מינוט, פאַר איין אויגנבליק. ווײַל דאָס, וואָס מיט אים איז געשען אַף דער מײַרעוו־גרענעץ אונטער בריסק, האָט ניט געהאַט ניט קיין אָנהייב, ניט קיין מיט און ניט קיין סאָף. און ס'איז שווער געווען פאַרשטיין, וואָס דאָס איז: צי האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ מילכאָמע, צי איז דאָס ניט מערער, ווי אַ בייזע שפּיל, ווי אַ כאַלעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן עטלעכע געציילטע סעקונדעס פאַרן אופכאַפּן זיך און קאָן זיך ניט ענדיקן. סנאַריאַדן האָבן זיך געריסן אָן אופהער, און אָנשטאָט דער זון אַפן מיזרעכדיקן הימל־ראַנד, האָט אַ סרײַפע פון דער מײַרעוו־זײַט אונטערגעצונדן דעם גאַנצן אַרום. ס'האָט געברענט די ערד, ס'האָט געברענט דער הימל, און קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, וואָס דאָס איז — אַ מילכאָמע, אַ מאַבל צי אַן ערדציטערניש. זייער עקיפּאַזש האָט באַוויזן אַרויספירן דעם טאַנק פונעם פײַער, נאָר גאָר אינגיכן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. קיין טראָפּן בענזין. האָבן זיי געגומען די לײדיקע קאַניסטערעס און אַוועק. עפּשער וועלן זיי ערגעץ קריגן אַ ביסל ברענשטאָף.

הערשלען האָט די גאַנצע צײַט זיך געדוכט, אַז דאָס איז טאַקע אַ כאַלעם און מע דאַרף מיט אַלע קויכעס זיך סטאַרען אַרויסרײַסן פון אים. און דאָס האָט שוין אוואדע בלויז געקאָנט כאַלעמען זיך. ווי פון אונטער דער ערד זײַנען אויסגעוואַקסן עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן און אַלץ אַף זיי איז געווען גרין־גרויליך — די שינעלן, די שטאָלענע העלמען, די בייזע כײַישע אויגן און די אָנגעשטעלטע אויטאָמאַטן.

געפאַנגענע? אָט אַזוי־אָ, אינמיטן פלוצעם? זיי, די רומפולע טאַנקיסטן, וואָס האָבן פאַריקן זונטיק געוווּנען דעם פוטבאָל־מאַטש באַ די פּעכאָטינצעס און האָבן הײַנט גאַנצפרי געדאַרפט פאָרן קיין מינסק אַף אַ נײַעם געוועט? ניין, ניין, מע דאַרף נאָר עפּעס צוטראַכטן אַף אַרויסכאַפּן זיך פון שלאָף!

דער גאַנצער אַרום איז געווען אײַנגעוויקלט אין אַ געדיכטן געמיש פון רויך און נעפּל און אים איז שווער געווען באַנעמען, ווו ער איז און וואָס מיט אים קומט פאָר. בלויז איין זאַך האָט ניט אופגעהערט עגבערן אין מויעך: מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן אַף אַרויסרײַסן זיך, ערגעץ אַנטלויפן, ערגעץ אויסבאַהאַלטן זיך פון אָט דעם כאַלעם. און ווען מע האָט זיי אופגעזעצט אַף לאַסטמאַשינעס און אַוועקגעפירט ווײַטער, ווער ווייסט וווהין, און ווען ער האָט דערזען ניט ווײַט פונעם וועג אַ וועלדל, איז ער גלײַך אַראָפּגעשפּרונגען. ער איז געווען זיכער,

אַז ווי נאָר ער שפּרינגט אַראָפּ, ווי נאָר ער לויפֿט אַרײַן אין וועלדל, ענדיקט זיך דער כאָלעם. ער האָט אַפֿילע ניט געהיט זיך פֿון די קוילן, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן קוילן אין כאָלעם?

דער וואַלד איז געווען אַ פֿרעמדער, אײַנגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער. ער האָט ניט געוווסט, אַז ער איז שוין אין פּוילן. ער האָט ניט געוווסט, אַז ער דאַרף גיין און גיין, ביז ער וועט ערגעץ אָנקומען. ער דאַרף אָפּזוכן עפּעס אַף שטילן דעם הונגער, דעם דאָרשט און אָפּזוכן עפּעס אַן ערטעלע אַף נאַכטלעג. האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז ער האָט ווידער אָנגעטראָפֿן אַף דײַטשישע סאָלדאַטן.

טאַקע נאָר ווי אין אַ כאָלעם. ווײַל ווי קומט אַהער נאָך אַ הערשעלע? הערשעלע דעם צוקערניקס?

זיי זײַנען געלעגן אין אַ לאַנגער שטאַל, וואָס איז געווען פֿול אָנגעשטאָפּט מיט געפֿאַנגענע. געקוקט איינער אַפֿן צווייטן, און ביידן האָט זיך ניט געקאָנט גלייבן, אַז אַזוינס איז מעגלעך. צוויי סאָלדאַטן, ביידע קאָמיוגיסטן, ביידע כאַשטשעוואַטער און ביידע הערשלס.

— מע מוז פֿונדאַנען אַנטלויפֿן, — האָט געשעפּטשעט איך הערשל.

— מע מוז, — איז מאַסקים געווען דער צווייטער.

צו דער קומענדיקער נאַכט זײַנען זיי שוין געווען פֿיר. אַזעלכע, וואָס מע קאָן זיך פֿאַרלאָזן איינער אַפֿן אַנדערן. דער פֿינפֿטער שוטעף איז געווען די נאַכט אַליין. טאַקע אַזאַ נאַכט האָבן זיי געדאַרפֿט. ס'האָט געבליצט און געדונערט, און ס'האָט געגאָסן, ווי פֿון אַן עמער. די וואַך האָט ערגעץ זיך פֿאַרוקט, און זיי האָבן שטיל זיך אַרויסגעגאַנוועט פֿון דער שטאַל און זיך געלאָזט ווידער טאַקע צום נאָענטן וועלדל. נאָר די אומגעוויינלעכע כאַשכעס, וואָס האָט זיי געהאָלפֿן אַרויסגאַנווענען זיך פֿון דער שטאַל, האָט אין וואַלד זיי צעשיידט: פֿאַנאַנדערגעטריבן, פֿאַנאַנדערגעיאָגט אין פֿאַרשיידענע זײַטן. ער איז געלאָפֿן און ניט אויפֿגעהערט שרײַען:

— הערשל, רוף זיך אָפּ, הערשל!

און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט פֿונדערווײַטנס צי עפּעשער טאַקע גאָר פֿון דער נאָענט דאָס זעלבע, אַז דאָס שרײַט הערשעלע דעם צוקערניקס:

— הערשעלע, רוף זיך אָפּ, הערשעלע!

בלאָנדזעט אַרום אַ פֿאַרוואַקסן באָכערל אין רויטאַרמייִשע קליידער אין אַ פֿרעמדן וואַלד, איבער אַ פֿרעמדער וועלט, שפּאַנט אַרום אין עפּעס אַן אוילעם־האַטויע. דער וואַלד האָדעוועט אים, דער וואַלד גיט אים נאַכטלעג, און כאָטש ס'איז היפּש קאַלט, באַנאַכט נעמט אַפֿילע אַ פֿרעסטעלע, האַלט ער זיך וואָס ווײַטער פֿון אַ מענטשלעכן יִישעוו, וואָס ווײַטער פֿון מענטשן און קוקט אַרויס אַף עפּעס אַ נעס. און אַלעמאָל שרײַט פֿון אים אַרויס:

— הערשעלע, רוף זיך אָפּ, הערשעלע!

אָט אַזוי, ביז דײַטשישע אויטאָמאַטלער האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד. מעגלעך, זיי האָבן געזוכט עמעצן אַנדערש, נאָר געפֿונען גראָד אים. ווען מע האָט אים געבראַכט אין אַ נײַעם לאַגער און אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „שוואַרצוואַלד,“ האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אין דײַטשלאַנד.

דער כאָלעם האָט אָנגעהויבן אויסרינען, און ער האָט געמוזט מאַסקים זײַן, אַז דאָס איז די ביטערע וואָר. צי ווילסטו יאָ, צי ווילסטו ניט, נאָר ס'איז טאַקע אַ מילכאָמע. זי פֿלאַקערט איבער דער גאַנצער וועלט און נעמט צו יעדן טאָג טויזנטער לעבנס. און זי האָט זיך ניט געענדיקט פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַלע איבעריקע געפֿאַנגענע אויך דאָ, אין לאַגער. און אויב אַזוי...

די זאַך האָט זיך זיי געמאָלט גאַנץ פּראָסט. מע רעדט זיך צונויף, מע קריגט אַ ביסל געווער און מע הייבט אָן. די מערהײַט זײַנען דאָך קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן.

זיי האָט געפּלעפֿט ניט אַזוי דער דורכפֿאַל, ווי די סיבע. פּראַוואָט! איז דאָס מעגלעך, אַז צווישן זיי זאָלן זײַן פֿאַרעטער?

זיצן זיי, שוין אין מינכענער טורמע און וואַרטן אַפֿן טויט. אין דעם איז אוודע שווער געווען צו גלייבן. שוין טאַקע טויט? באַם סאַמע אָנהייב?

ערשט דאָ, אין טורמע, איז אויפֿגעקומען דער געפֿיל פֿון שרעק. פּאָשעטע מענטשלעכע שרעק, פֿון וועלכער עס הייבן אָן ציטערן הענט און פֿיס. און עס נאָגט שטאַרק אונטערן לעפֿעלע, אַ שרעק, וועגן וועלכער ער האָט ביז איצט קיין אָנונג ניט געהאַט.

ס'איז שוין געווען ווינטער, ווען אים מיט נאָך פֿופֿצן געפֿאַנגענע האָט מען אַרויסגעפֿירט פֿון יענער זײַט שטאָט און געהייסן זיך אויסטאָן. די קעלט האָט גלײַך דורכגענומען ביז די ביינער. ס'האָט זיך געוואָלט, מע זאָל שוין וואָס גיכער שיסן און ס'זאָל נעמען אַ סאָף. זיי זײַנען געשטאַנען אונטער עפּעס אַ בערגל, און ווען מע האָט זיי באַפֿוילן לייגן זיך, האָבן

זיי געדאַרפט בלויז זיך אָנבייגן. זיינען זיי געבליבן ניט שטייענדיק, ניט ליגנדיק, בלויז צוגעשפּאַרט די פֿרירנדיקע נאַקעטע קערפּערס צו דער פּראָסטיקער ערד. זיי האָבן זיך צוגערוקט, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, ס'זאָל זיי ווערן אַ ביסל וואַרעמער פֿאַרן טויט. און אָנגענומען זיך פֿאַר די הענט, ס'זאָל זיי ווערן אויך אַ ביסל היימלעכער. און געוויס האָט דאָס אויך געהאַט אַ זין — יעדערער האָט געוואָלט וויסן דעם נאָמען פֿון דעם, מיט וועמען ער גייט אַוועק פֿון דער וועלט.

— ווי רופֿט מען דיך? — האָט ער געפֿרעגט באַם שאַכן.

— פּעטיאַ. און דיך?

— גרישאַ.

— אַ ייִד?

— אַ ייִד.

— נו, שאַ...

דאָס האָט געדאַרפֿט הייסן, ער זאָל דאָס האַלטן בעסאָד. כאָטש דאָס האָט שוין איצט ניט געהאַט קיין באַדייַטונג.

מערער האָבן זיי ניט גערעדט. אין דער לעצטער מינוט האָט יעדערער געהאַט זייַן אייגענעם כּעזשבן מיטן לעבן, זייַנע אייגענע דערינערונגען, ביכלאַל זייַנע אייגענע, מיט וועמען ער האָט געדאַרפֿט צום לעצטן מאָל זיך דורכשמועסן. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפֿט דורכמאַכן פֿאַר זייער אַ קורצער צייַט, ביז ס'וועט אויסגערופֿן ווערן די לעצטע קאָמאַנדע און ביז זיי וועלן דערהערן, צי עפּשער שוין ניט הערן, דעם לעצטן שאָס. זיי האָבן ניט געוווּסט, צי באַווייַזט מען דערהערן דעם שאָס, צי נייז.

הערשל האָט זיך שוין דורכגעשמועסט און געזעגנט מיט אַלעמען. אָנגעזאָגט דעם טאַטן, ער זאָל היטן די מאַמע, און דער מאַמען — זי זאָל היטן דעם טאַטן. די קעלט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז נאָך עטלעכע מינוט, וועט מען שוין פֿאַרשפּאָרן שיסן. שוין האַלב־פֿאַרפֿרוירענע, האָבן זיי דערהערט גאָר אַן אַנדער קאָמאַנדע:

— אופשטייַן!

דאָס איז געווען סאַמע דאָס שווערסטע — אופהייבן זיך, שטעלן זיך אויף די פּאַרקאַטשעניִעטע פיס, אַ ריר טאָן מיט די פאַרקליאַקנעטע הענט. זייַנען גאָר פֿאַראַן אויף דער וועלט זאַכן ערגער פֿון טויט. גלייַך זייַנען צוגעפֿאָרן נאָך צוויי מאַשינעס, מע האָט אַרויסגעטריבן פֿון זיי אַ נייַע גרופּע געפֿאַנגענע, געהייסן זיי זיך אויסטאָן און לייגן זיך, און די, וואָס זייַנען געשטאַנען נאַקעט אויף פֿראָסט, האָט מען באַפֿוילן אָנטאָן און אויפֿלאָדן אין די מאַשינעס.

— גרישאַ, — האָט זיך אָנגערופֿן פּעטיע. — לאָמיר זיך לאָזן לויפֿן צו דער וואַך, וועלן זיי אונדז שיסן, און שוין.

נאָר באַ גרישען האָבן זיך אָנגעהויבן באַמבלען גאָר אַנדערע געדאַנקען. דעם טויט האָט ער שוין נאָרוואָס געזען פֿאַר די אויגן, שוין אויסגעפֿרוווט אויף זיך, און לויפֿן אים אַנטקעגן האָט ער קיין כיישעק ניט געהאַט.

— לאָמיר בעסער טאָן אַזוי. מירן אָנעמען גרויסע פּעק אָנטאָן, אַרייַנשפּרינגען מיט זיי אין מאַשין, זיך איבערדעקן און בלייַבן דאָרטן. דערנאָך וועלן מיר זען. עפּשער... זיי וואָלטן טאַקע עפּשער אַנטלאָפֿן, נאָר צו זיי אין דער מאַשין האָט מען אַרייַנגעזעצט נאָך עטלעכע פֿון זייער גרופּע און צוויי עסעסאָווצעס. איז שוין אַנטלויפֿן געווען אוממעגלעך. זיי האָבן בלויז באַוויזן דערהערן די קאָמאַנדע און די שיסערייַ. האָט מען יענע טאַקע דערשאָסן, און זיי זייַנען געבליבן אַזוי האַלב־ליגנדיק אונטערן בערגל, אויף דער פֿאַרקאַוועטער ערד.

הערשל מיט פּעטיען האָבן זיך אַ נעם געטאָן פֿאַר די הענט און אייניגעם מיטן פּלאַטער איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן אַזוינס, וואָס מיט קיין ווערטער קאָן מען דאָס סייַווי ניט אויסדריקן. דערנאָך האָט פּעטיע צוגעלייגט דאָס מויל צו הערשלס אויער און אים אַרייַנגעשעפּטשעט:

— ביז מיר וועלן קומען אַהין, וווּהין מע פֿירט אונדז, טראַכט דיר צו אַן אַנדער נאָמען. אָן אַ רייש, און דאָס זאָל ביכלאַל קלינגען אַ ביסל אַנדערש. דייַן רייש גיט דיך אַרויס. און איך האָב שוין געזען, וואָס מע טוט מיט ייִדן...

דאָס אָרט, וווּהין מע האָט זיי געפֿירט און וווּהין מע האָט זיי טאַקע דעם זעלבן טאָג געבראַכט, איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער לאַגער אונטער מינכען, דער ערשטער און עלטסטער פֿאַשיסטישער קאָנצלאַגער מיטן נאָמען — דאַ־כאַ־ו.

זיי האָבן גלייַך דערפֿילט, אַז אַלץ איז דאָ פֿעסט אייַנגעפּונדעוועט. דער הויכער שטייַנערנער פּלויט און דער געדיכטער איבערגעפּלעכט פֿון שטעכדראָטן, די וואַכטורעמס מיט די קוילנוואַרפֿערס, וואָס קוקן אַרויס פֿון יעדער ווינקעלע, די פּוילע, שטינקענדיקע ברוקווע, פֿון

וועלכער מע האָט יעדן טאָג געקאָכט די באַלאַנדע, און דער ווילקיר, די אַכזאָריעסן, די מערדערײַען, וואָס זײַנען געווען דער גרונט־קלאַל פֿונעם אינערלעכן רעזשים פֿונעם לאַגער. עפּעס איז געווען אומפֿאַרשטענדלעך־דראָענדיקס און לאָקערנדיקס אין דער אומגעווײנלעכער שטילקײַט, וואָס איז געהאַנגען איבערן לאַגער, אין דער דערשיטערנדיקער שטומקײַט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן אַרום, גלײַך דאָס וואָלט געווען אַ וועלט פֿון שטומע. בלויז פֿון צײַט צו צײַט האָט זי ווי דורכגעשאָסן אַ באַפֿעלערישער גרילץ פֿון אַן עסעסאָוועץ. מע האָט באַדאַרפֿט האָבן צײַט אויף פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין אָט דעם שטומען און גרילצנדיקן גרויל, אין די ראַנגען, פֿליכטן און רעכט פֿון אַלע פֿאַרשיידענע בלאָקנפֿירער, ראַפּאָרטפֿירער, לאַגערפֿירער, קאַפּאָס און שטובענדינסטן, וויסן, וויאַזוי צו יעדערן זיך ווענדן, און סאַמע דאָס וויכטיקסטע — וויסן, וואָס קאָנסטו וואַרטן פֿון יעדערן פֿון זיי: פֿון וועמען בלויז אַ שמיץ, פֿון וועמען אַ זעץ, אַז זאָלסט פֿאַרלירן עטלעכע ציין און ס׳זאָל זיך אַ גיס טאָן דאָס בלוט פֿונעם מויל, און פֿון וועמען אַזאַ קלאַפּ, זאָלסט זיך שוין ניט אויפֿהייבן.

און איבער דעם אַלעמען טאָג און נאַכט אַ שוואַרצער רויך פֿון דעם פֿאַרייכערטן און דורכגערייכערטן קרעמאַטאָרי, אַ רויך פֿון געבראָטן מענטשלעך פֿלייש און מענטשלעכע בײַנער. דאָס האָט פֿאַר אַלעמען טייקעף געדאַרפֿט קלאָר מאַכן פֿיל אומפֿאַרשטענדלעכקײַטן, פֿיל אומגעווײנלעכקײַטן און ענטפֿערן אויף אַ סך ניט קיין פֿאַרגעבענע פֿראַגן.

צוערשט זײַנען זיי געווען אַ מענטשן צען רוסישע געפֿאַנגענע. צען רוסישע צווישן עטלעכע הונדערט אָדער אפֿשער עטלעכע טויזנט דײַטשישע אַנטיפֿאַשיסטן, אסירים אין געפּאַסעוועטער קליידונג, מיט הילצערנע קלאָפּערס אויף די פֿיס, מיט ערדיק־גרוילעכע אײַנגעפּאַלענע פּנעמער און אויסגעלאָשענע אויגן.

צוערשט זײַנען זיי געווען צען, דערנאָך איז צוגעקומען נאָך צען, און דערנאָך נאָך צען. דרײַסיק רוסישע געפֿאַנגענע, פֿון די, וועמען מע האָט געפֿירט שיסן און צוליב אומבאַוווּסטע סיבעס ניט געשאָסן. אָט אַזעלכע, ניט־דערשאָסענע, האַלב־נאַקעטע, האָט מען זיי אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד נאָך דעם, ווי יעדערער האָט שוין באַוויזן זען דעם טויט פֿאַר זיך. וואָס האָבן זיי געמיינט דערמיט, די דײַטשישע מערדער? וואָס האָבן זיי געוואָלט דערגרייכן באַ די לעבנגעבליבענע? ווײַזן זיי די ווערט פֿון אַ געפֿאַנגענעם? ווײַזן, וואָס מיט זיי קאָן טרעפֿן יעדע שאָ, יעדע מינוט?

געווען אויך אַ באַזונדערע קאַוואָנע אין דעם, וואָס די ערשטע טעג, אפֿשער אַריבער אַ וואָך, האָט מען זיי ניט געטריבן אויף קיין שום אַרבעט. בלויז איבערגעטאָן אין די לאַגערישע בגאָדים, אָנגעטשעפּעט זיי באַזונדערע צייכנס, מע זאָל גלײַך וויסן, אַז דאָס זײַנען רוסישע, און יעדן באַגינען אַרויסגעפֿירט גלײַך מיט אַלע איבעריקע אסירים אויפֿן אַפּעל. זיי זאָלן זען, הייסט עס, ווי דאָ פֿירט זיך. זען, ווי מע שפּאַנט אײַן די באַרימטע דײַטשישע פּראָפֿעסאָרן און קאָמפּאָזיטאָרן, דאָקטוירים און אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן און געלערנטע אין הינטישע וועגעלעך, ווי מע שמײַסט זיי, ווי מע טרײַבט זיי אונטער מיט די אויטאָמאַטן, ווי עס גיסט זיך פֿון זיי דאָס בלוט. זען און אַראָפּנעמען מוסער פֿאַר זיך.

זײַנען זיי געשטאַנען און געקוקט. זיי האָבן נאָך זייער ווייניק געקענט אײנער דעם אַנדערן, די דרײַסיק רוסישע. אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז מע דאַרף זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. זײַנען זיי געשטאַנען און געקוקט. און געטראַכט יעדערער פֿאַר זיך. בלויז פּעטיע, דאָס זיבעצנ־יאָריקע יאַטל, וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַרויס פֿון אַ קינדערהיים און זיך מאַמעש אײַנגעבעטן אין אַ רויטאַרמייִשער טייל, האָט מיט עפּעס אַ קינדערשן נײַגער פֿאַרבויגן דעם קאָפּ צו הערשלען און אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער:

— ווי זשע רופֿט מען דיך?

— וואַסילי.

— און ווײַטער?

— איוואַנאָוויטש.

— וואַסילי איוואַנאָוויטש, — האָט פּעטיע עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט, — דאָס איז גוט. זייער גוט. אָן איין רייש.

נאָר ווי טרײַבט מען אַרויס די ריישן פֿון אַלע איבעריקע ווערטער, ווי טראַכט מען בכלל צו אַ שפּראַך אָן ריישן?

— סטאַרע זיך בכלל ריידן ווייניקער, — האָט פּעטיע געטראָפֿן זײַנע געדאַנקען, — דאָ איז דאָך בכלל אַ שטומע וועלט. זײַ אַ שווײַגער.

— גוט, גוט, פּעטיע. איך וועל זיך סטאַרען.

אין אַ וואָך אַרום האָט אַלץ אָנגעהויבן אויסקלאָרן זיך. אין יענעם גאַנצפֿרי נאָכן אַפּעל, נאָך דעם, ווי דער שטוביסט האָט זיי ווידער אַוועקגעפֿירט אין זייער בלאָק, איז אַרײַנגעקו־

מען דער בלאָקנפּיורער און, באַלעקנדיק די ליפּן, ווי נאָך עפּעס א ביז גאָר געשמאַק מײַכל, א פרעג געטאָן:

— זינגען קאָנט איר? אנו, ווײַזט, וואָס איר קאָנט!

זיי זײַנען געשטאַנען אין איין רײַ לענגאויס די נאַרעס, דרײַסיק סאָוועטישע געפאַנגענע, פון פאַרשיידענעם ראַנג און פאַרשיידענעם עלטער, פאַרשיידענער בילדונג, קענטעניש און לעבנס־דערפאַרונג — פון איינעם, שוין א גרײַז־גרויען מענטשן, א פּאָלקאָווניק צי עפּשער א גענעראַל, ביזן זיבעצניאָריקן פּעטיען. דרײַסיק לאַנדסלײַט, וואָס האָבן פאַר די עטלעכע טעג בלויז צוגעקוקט זיך איינער צום אנדערן, צוגעהערט זיך און געפּאָרשט, געפּאָרשט מיט יענער העכסטער פּאָרזיכטיקײַט נאָך דעם, ווי יעדערער האָט באַוויזן איבערצײַגן זיך אינעם סאַמע גרוילִיקסטן, אינעם סאַמע אומגלייבלעכסטן, אַז צווישן זיי קאָנען זײַן אויך פאַרעטער. וואָס זשע האָבן זיי דערפילט איצט, אין אָט דעם גאַנצפרי? אַז דאָס איז, מעגלעך, זייער לעצטע שאָ און באַהאַלטן זיך איינער פאַרן אנדערן איז שוין אַן איבעריקע זאַך? איז עפּשער די צײַט אויסזינגען דאָס, וואָס יעדערער פון זיי וואָלט אויסגעזונגען אין זײַן לעצטער מינוט? אַזוי איז געשען דאָס, וואָס האָט מאַמעש געפּלעפּט דעם בלאָקנפּיורער. אַלע, אין איין אָטעם, מיט עפּעס אַן אַרויסרופערישער מונטערקײַט, האָבן אָנגעהויבן:

שטייט אויף, איר אַלע, ווער, ווי שקלאַפן,
אין הונגער לעבן מוז און נויט!..

— ניט דאָס, ניט דאָס! — האָט דער בלאָקנפּיורער אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס. — שווײַגן!

נאָר זיי, די אַלע דרײַסיק, וואָס האָבן אָנגעהויבן זינגען, האָבן שוין געמוזט ענדיקן. כאָטש נאָך די צוויי שורעס, אין וועלכע יעדערן פון זיי האָט זיך געוואָלט אַרײַנלייגן דאָס לעצטע, דאָס שטאַרקסטע, דאָס סאַמע וויכטיקסטע:

דער גײַסט, ער קאָכט, ער רופט צום וואָפן,
אין שלאַכט אונדז פירן איז ער גרייט...

— שווײַגן! — האָט א קוויטשע געטאָן דער בלאָקנפּיורער.

און זיי, די דרײַסיק, האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס שלאָגט ער ניט, דער בלאָקנפּיורער, פאַרוואָס מיימעסט ער ניט, פאַרוואָס זעצט ער ניט אויס די ציין, פאַרוואָס שיסט ער ניט? ער האָט בלויז צוויי מאָל דורכגעשפּאַנט לענגאויס דער רײַ, הויך געסאָפּעט און געווישט מיט א טיכל דעם שוויס.

— קאָנט איר דאָך גוט זינגען! — ער האָט אַפילע א שמייכל געטאָן. יאָ, ער האָט א שמייכל געטאָן, סאָפּענדיק, גלײַך ער איז אָפּגעלאָפן עטלעכע קילאָמעטער. — נאָר זינגען ווילן מיר אַנדערע לידלעך, אונדזערע, דײַטשישע!

אוואַדע איז דאָס געווען דאָס ערגסטע, וואָס מע האָט געקאָנט פאַר זיי צוטראַכטן. יעדן גאַנצפרי, נאָכן אַפּעל און נאָכן פרישטיק, דער שיטעריציע פון הוילער ברוקווע, האָט מען זיי אוועקגעפירט צוריק אין בלאָק. אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, און דער בלאָקנפּיורער אָדער איינער פון די שטוביסטן האָט אײַנגעכאַזערט מיט זיי דעם פאַשיסטישן הימן.

דערנאָך איז געקומען יענער זונטיק, וואָס האָט זיך אײַנגעשניטן אין זיקאָרן, אײַנגעשניטן אין לײַב מיט אַלע זײַנע גרוילן. די פרעסט האָבן נאָכגעלאָזט, און אין דרויסן איז מיטאַמאָל געוואָרן אָסיענדיק. פונעם אָנגעכמורעטן הימל האָט געמאָראָסיעט ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי, נאָר עפּעס זייער א קאַלטס און א שטעכיקס. דער הימל איז געווען פאַרשוואַרצט און פאַרטונקלט, און דער אַפּעל־פּלאַץ האָט דאַפקע געבליאַסקעט אַף צו שפּיגלען זיך. ער איז געווען זונטיקדיק צוגעקערט און צוגעראַמט, און מע האָט זיך געקאָנט שפּיגלען אין אים. דאָס, וואָס מע איז געשטאַנען אויפן אַפּעל־פּלאַץ צו לאַנג, האָט קיינעם ניט געוווּנדערט. פאָרט זונטיק, אַן אָפּרו־טאָג. קאָנען די עסעסאָווצעס זיך א ביסל פאַרווײַלן. בלויז דער קרעמאַטאָריע האָט קיין אָפּרו־טאָג ניט געהאַט. פון אים האָט ווי שטענדיק, געזעצט יענער געדיכטער רויך, א רויך און א פלאַם, וואָס האָט געשמעקט מיט געבראָטן פלייש.

ווי געוויינלעך, האָט איבערן אַפּעל־פּלאַץ געהערשט יענע אומגעוויינלעכע שטומע שטילקײַט. מע האָט געקאָנט הערן דעם פאַרטײַעטן אָטעם פון די קאַצעטניקעס, דאָס שטילע סיפּען פונעם דינעם רעגנדל און דעם פלאַטערנדיקן פלי פון עפּעס א פאַרגעלט בלעטל צי א שטרויעלע, וואָס דאָס ווינטל האָט פאַרטראָגן אַהער פון יענער גרויסער ביימער־וועלט. יאָ, דאָס האָט ער אויך פאַרגעדענקט. די געלע בלעטעלעך און די פײַכטע שטרויעלעך, וואָס האָבן זיך

אַראָפּגעלאָזט אַפֿן פּלאַץ און וואָס זײַנען טייקעף, אין עפּעס אַ פֿיבערדיקער אײַלעניש, אונטערגעקליבן און אויסגעקערט געוואָרן. אַפֿן אַפּעל־פּלאַץ מוז שטענדיק הערשן אַ טאָטאַלע ריינקייט. און דאָס האָט ער אויך פֿאַרגעדענקט. דעם קלאַנג פֿון עפּעס אַ פֿויערש פֿורל, וואָס איז דורכגעפֿאָרן פֿון יענער זײַט שטיינערנעם פּלויט, און דאָס פֿריילעכע אונטערצאַקען פֿון די פֿידקאָוועס פֿון די שווערלײַביקע פֿערד. און באַלד טאַקע גאָר אַן אַנדער קלאַנג. אַ רייצנדיקער גלעקער־געקלאַנג פֿון עפּעס אַ ווײַטער קירכע.

יאָ, טאַקע דאַן, ווען ס'איז דורכגעפֿאָרן יענץ פֿורל און דער ריינער און דינער קלאַנג פֿונעם פֿורל האָט זיך אויסגעמישט מיטן געקלאַנג פֿון די קירכע־גלעקער, האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבן שפּילן. דעם מאָטיוו פֿונעם דײַטשישן הימן. אָבער בלויז אָנגעהויבן, בלויז אָף דערמאָנען דעם ניגון, אָף געבן אָנצוהערן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דערנאָך האָט דער בלאָקנפֿיורער באַפֿוילן:

— זינגען!

זיי זײַנען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, דרײַסיק סאָוועטישע געפֿאַנגענע און אַריבער טויזנט דײַטשישע קאָמוניסטן, אַנטיפֿאַשיסטן, וואָס האָבן פֿאַר די זעקס צי זיבן יאָר באַוויזן איבערלעבן און אויסשטיין אַלץ, וואָס דער וואַנזיניקער קויעך־האַדימיען פֿון די ראָצכים האָט געקאָנט צוטראַכטן. אַוודע האָט די לאַגער־אַדמיניסטראַציע געמיינט, אַז באַ די דאָזיקע דרײַסיק צעשאָסענע און ניט־דערשאָסענע וועלן זיי פּויעלן דאָס, וואָס זיי קאָנען ניט פּויעלן באַ די דאָזיקע פֿאַראַקשנטע, פֿאַרשאָלטענע דײַטשישע קאָמוניסטן.

די דרײַסיק זײַנען נאָך אַלץ ניט געווען באַקאַנט ווי געהעריק. זיי האָבן נאָך אַלץ זיך צוגעקוקט, אונטערגעוואָרפֿן איינער דעם אַנדערן געציילטע ווערטער, אַמאָל געטרייסט, אַמאָל געמונטערט איינער דעם אַנדערן און אַמאָל וועגן עפּעס געוואָרנט. זיי האָבן בלויז געקאָנט אָנשטויסן זיך, אַז אָט דער גרייז־גרויער מענטש מיט זייער אַ שטילער, איידעלער שטים דאַרף זײַן אַ מאַיאָר אָדער אַ פּאָלקאָווניק און זיי האָבן אים שטומערהייט אָנערקענט פֿאַר זייער עלטסטן. יענער פֿריילעכער שוואַרץ־אויגיקער גרוזין דאַרף געוויס זײַן אַ פּילאָט. און יענער שוין ניט יונגער, באַרויגעזלעך־שווײַגנדיקער טורקמען איז געווען אַ פּאָשעטער סאַניטאַר. די איבעריקע האָבן זיך אָנגערופֿן, ווער אַ וויאַטקער, ווער אַ יאַראָסלאַווער און ווער אַ פּאָלטאַווער, ניט איבעריק וואָרפֿנדיק זיך מיט קיין נעמען. און קיינער האָט צו קיינעם קיין טײַנעס ניט געהאַט. בלויז אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס יונגע יאַטל רופֿט מען פּעטיע, און בלויז פּעטיע האָט געוווּסט דעם עמעסן נאָמען פֿון דעם, וועמען מע רופֿט וואַסילי.

ווען דער בלאָקנפֿיורער האָט אויסגעשריגן זײַן קאָמאַנדע, האָבן אַלע דרײַסיק אַ קוק געטאָן איינער אַפֿן אַנדערן. און עפּשער איז געווען אַנדערש. עפּשער האָבן אַלע אַ קוק געטאָן אַפֿן גרייז־גרויען קאָמאַנדיר, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידעטער צו דער ערד מיט אַ פֿאַרשלאָסן מויל. זײַנען זיי אַלע געבליבן שטיין מיט פֿאַרשלאָסענע מײַלער און ווי דאַן, אין באַראַק, געהאַט אַ מעגלעכקייט אַ טראַכט צו טאָן, אַז דאָס שטייען זיי געוויס צום לעצטן מאָל אַפֿן אַפּעל־פּלאַץ. אַז דאָס איז זייער לעצטע שלאַכט און זיי דאַרפֿן זי אויסהאַלטן ביזן סאָף מיט ווירדע. יעדערער פֿון זיי האָט דאָך שוין ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם, אַז אויב די מילכאָמע האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיי אַ באַזונדערן אויספּרווו, איז יעדער טראָט קאַמף, יעדער אויספּרווו אַ שלאַכט. און אין אַ שלאַכט איז שטענדיק אַזוי: וועמען די קויל טרעפֿט גלײַך אין האַרצן אַרײַן, וועמען עס צעמאַזיקט בלויז אַ פֿוס צי אַ האַנט, און ווער עס גייט אַרויס אָן אַ מינדסטן דראַפּע. און כאָטש דאָ איז קימאַט ניט געווען קיין האָפֿענונגען אַרויס אַ גאַנצער צי אַפֿילע אָן אַ פֿוס, איז די שלאַכט אַ שלאַכט, סאָלדאַטן בלײַבן סאָלדאַטן און זייער שוווּע איז אומעטום אַ שוווּע. האָבן זיי געשוויגן. צונויפֿגעקלעמט די ציין, פֿאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

ס'איז שווער צו זאָגן, פֿאַרוואָס האָבן זיי באַשטימט גראָד שווײַגן. פֿאַרוואָס האָבן זיי ניט אָנגעהויבן זינגען, ווי דאַן אין באַראַק, דעם „אינטערנאַציאָנאַל"? גיכער פֿאַר אַלץ האָבן זיי מוירע געהאַט, אַז די אַלע דײַטשישע קאָמוניסטן, וואָס שטייען קעגן זיי, זאָלן כאָטש אָף איין סעקונדע אַ טראַכט טאָן, אַז זיי קאָנען אָנהייבן זינגען דעם פֿאַשיסטישן הימן.

האָבן זיי געשוויגן.

זיי זײַנען געשטאַנען אַלע דרײַסיק, פֿיל מאָל געמיימעסטע, מיט סימאָנים פֿון ניט־פֿאַרהיילטע וווּנדן און פֿאַרזאָטן בלוט, שוין עטלעכע מאָל געשאָסענע און ניט־דערשאָסענע, געדישעטע און ניט־דערדישעטע. די ליפּן זײַנען צונויפֿגעשלאָסן באַ אַלעמען, עס זאָל אַפֿילע קיין קרעכץ זיך ניט אַרויסכאַפּן, ווײַל אַפֿילע אַ קרעכץ קאָן אָנגענומען ווערן פֿאַר אַ פּרווו אָנצוהייבן זינגען, פֿאַר קליינמוטיקייט, פֿאַר קאַפּיטוליאַציע. און זיי, די דרײַסיק סאָוועטישע מיליטערלײַט, וואָס שטייען פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אַריבער טויזנט דײַטשישע אַנטיפֿאַשיסטן,

מוזן דערווייַזן, אַז מוט איז בא זיי פאַראַן גענוג, און זיי וועלן קיינמאָל ניט קאַפיטולירן פאַרן פאַשיזם!

— זינגען! — האָט ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער בלאָקנפיורער מיט עפעס אַ קוויטש, און אַליין אַן איבערגעשראָקענער, אַ געפלעפטער, אַ קוק געטאָן אַף דעם לאַנגן דראָנג מיט דער רויטלעכער נאָז, אַף דעם לאַגערפיורער, וואָס איז געשטאַנען דערבייַ און אויך אַ דער־נערווירטער, מיט פיבערדיקן אומגעדולד געוואַרט אַפן סאָף פון דער שפיל.

נאָר די דרייַסיק האָבן געשוויגן.

— איר וועט בא מיר זינגען, — האָט זיך צעקוויטשעט דער בלאָקנפיורער, דורכגעלאָפן די ריי פון די דרייַסיק, אַרייַנקוקנדיק יעדן אין די אויגן. — איר וועט בא מיר פייגערנדיק זינגען, פאַרפלוכטע באָלשעוויקעס!

די ווייַטערדיקע קאָמאַנדעס האָט שוין געגעבן דער לאַגערפיורער אַליין:

— יעדן פינפטן צעשיסן!

און נאָך דעם, ווי פון די דרייַסיק איז געבליבן פיר און צוואַנציק, האָט דער אָרקעסטער אָפסנייַ א שפיל געטאָן דעם אָנהייב און ווידער האָט דער לאַגערפיורער באַפוילן:

— זינגען!

די פיר און צוואַנציק האָבן געשוויגן.

— יעדן פינפטן צעשיסן:

און ווען פון די פיר און צוואַנציק איז געבליבן נאָר אַכצן, האָט דער אָרקעסטער ווידער א שפיל געטאָן דעם אָנהייב, און דער לאַגערפיורער האָט ווידער באַפוילן:

— זינגען!

די אַכצן האָבן געשוויגן.

— יעדן פינפטן צעשיסן!

ס'איז שוין אומגעפאַלן דער גרייַז־גרויער מאַיאָר אָדער פאָלקאָווניק, דער שוואַרץ־אויגי־קער גרוזין, דער באַרויגזלעך־שווייַגנדיקער טורקמען און ניט ווייניק פון די, וואָס האָבן זיך אָנגערופן וויאַטקער, יאַראָסלאַוולער, וואָראָניעזשער, פאָלטאַווער, געפאַלן דאָס באַכערל מיט די מיידלשע אויגן, וואָס האָט געוויס געדאַרפט פאַרמאָגן א ווייַסן קאָפ האָר און וועגן וועמען הערשל האָט די גאַנצע צייַט געטראַכט, אַז יענער דאַרף אויך זייַן אַ ייִד. געפאַלן, געפאַלן, איינער נאָכן אַנדערן, איינער אַפן אַנדערן, גאָר ניט יעדער פינפטער, נאָר ווי ס'האָט זיך געמאַכט, אַמאָל צוויי, אַמאָל דרייַ נאָכאַנאַנד. און זייער בלוט האָט זיך צעפלאָסן איבער דעם גלאַנציקן אַספאַלט פונעם אַפעל־פלאַץ. נאָר קיינער האָט זיך ניט געוואָרפן דאָס אָפווישן, אָפ־רייניקן. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, הערשל, אַז וואַרעם מענטשלעך בלוט איז דער בעסטער גענוס, דער גרעסטער דאָרשט און פאַרגעניגן פון די עסעס־לייַט פון אַלע ראַנגען. און פונ־דערווייַטנס, פון יענער זייַט, האָבן זיך דערטראָגן אַהער די גלעקער־קלאַנגען פון עפעס א ווייַטער קירכע.

— זינגען! — האָט אויסגעשריגן דער לאַגערפיורער.

די צען האָבן געשוויגן.

דערנאָך האָבן געשוויגן אויך די פינף. די לעצטע פינף, וואָס האָבן פאַר דער פייַנפולער האַלבער שאָ פיל מאָל, א סאַך מערער פון פינף, פון צען, פון הונדערט מאָל זיך געפילט דערשאָסענע און געזען, ווי איבערן אַספאַלט פונעם אַפעל־פלאַץ רינט זייער אייגן בלוט. די לעצטע פינף האָט מען בא א דריקנדיקן שטילשווייַגן אָוועקגעפירט צוריק אין באַראַק. צווישן די פינף איז געווען הערשל אייַזיק־יאַסיעס און דער זיבעצניאָריקער פעטיע.

א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט איז הערשל געלעגן אַף די מיטאַמאָל פרייַ געוואָרענע נאַרעס. ס'האָט ניט אויפגעהערט מאַרדעווען מיט אים, אַלץ אין אים האָט געברענט אַזוי, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז ביז באַגינען וועט אַלץ אין אים איבערברענען. מיט דער צונג איז שווער געווען א ריר טאָן. און ווען ער האָט געפרווט א לעק טאָן די צעטראַסקעטע ליפן, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אָפגעבריט די צונג. און אים איז געווען עפעס פאַרדראָסיק. יאָ, ער קאָן טאַקע זאָגן, אַז דאָס איז געווען א געפיל פון פאַרדראָס אַף זיך, וואָס נאָך דעם, וואָס מע האָט אים אַזויפיל מאָל צעשאָסן, איז ער געבליבן לעבן. וואָס זשע איז דאָס פאַר א ווילדע לאָטעריי, אין וועלכער ער האָט אויסגעשפילט? וויפל מאָל קאָן מען ביכלאַל שיסן איינעם און דעם זעלבן מענטשן? און וואָס נאָך קאָנען עס צוטראַכטן פאַר אים אָט די ראָצחים? לאָזט זיך אויס, אַז מע קאָן צוטראַכטן נאָך עפעס ערגערס.

וואָס פילט א מענטש, ווען ער ווערט פאַרפרוירן? וועלכע זעונגען פליִען דורך אין מויעך אין די לעצטע מינוטן פון זייַן גליווערדיקן באַוווסטזייַן? קיינער איז נאָך פון יענער־וועלט ניט געקומען און ניט דערציילט וועגן דעם. פאַרשטייט זיך, אַז ניט דאָס האָט אינטערעסירט די

פאשיסטן. זיי האָבן געדארפט וויסן, ביז וועלכן גראד קאָן עס א מענטש פארפרוירן ווערן און עס זאָל אין אים נאָך טליִען דאָס ביסעלע לעבן אזוי, אז מע זאָל אים קאָנען דערוואַרעמען און ער זאָל אף צוריק אָנהייבן דעכצן. וויפל צייט קאָן עס לעבן א מענטש א פארפרוירענער, א פארדוביִעטער, שוין, אייגנטלעך, ניט קיין מענטש, נאָר א ברוווענע, א קלאָץ און מע זאָל אים דערנאָך קאָנען צעלאָזן, ווי מע צעלאָזט אייז, און ער זאָל ווידער אָנהייבן דעכצן. און וועלכע קרענק, פארשיידענע צוקילעכצן טראָגט איבער א מענטש, אויב ער בלייבט נאָך דעם אלע־מען לעבן...

ווער ווייסט, צוליב וואָס האָבן דאָס אלץ געדארפט וויסן די ראָצכים. עפשער געוואָלט וויסן, וועלכע קעלטן, וועלכע פרעסט איז פייִק אריבערטראָגן דער דייטשישער סאָלדאט אין די רוסישע ווינטערס.

יאָ, איז וואָס פילט א מענטש, ווען ער ווערט פארפרוירן? קיינער איז נאָך פון יענער־וועלט ניט געקומען און ניט דערציילט וועגן דעם... ער, הערשל, קאָן יאָ דערציילן. כאָטש דאָס איז ניט אזוי גרינג, ווייל די מענטשלעכע שפראָך האָט ניט אזעלכע ווערטער אף אויס־דריקן דאָס.

יעדעס מאָל, ווען מע האָט זיי אריינגעפירט אין די אייז־צימערן, אין די ליאָדניקעס, וואָס זיינען געווען אזוי גערמעטיש פארשלאָסן, ווי די גאַז־קאַמערס, האָט עס געהייסן, אז מע פירט זיי אין באָד־צימער. דאָרטן זיינען טאַקע געשטאַנען וואַנעס און די וואַסער אין זיי איז געווען געוויינלעך וואַרעם, ווי אין צימער ביכלאַל, נאָר דערנאָך איז זי געוואָרן וואָס אמאָל קעלטער.

וואָס אמאָל קעלטער...

וואָס אמאָל קעלטער!

פריִער האָבן בלויז אָנגעהויבן שנײַדן די ציין, א מוירעדיקער ציינווייטיק, פון וועלכן עס ווילט זיך דראַפּען אף די ווענט און עס ווילט זיך שרײַען, שרײַען, שרײַען! נאָר שרײַען איז שוין געווען אומעגלעך, ווײַל דאָס שנײַדעניש איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן לײַב, א שנײַדעניש און א שטעכעניש פון מיליאַרדן נאָדלען, און הענט און פיס זײַנען גלײַך פארגלי־ווערט געוואָרן. ניט א ריר טאָן מיט זיי. און די צונג אויך. ניט קיין צונג, נאָר עפּעס א שטיינדל, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, סטאַרטשעט אַרויס פונעם מויל, שפּאַרט פאַנאַנדער די באַקן, און עס דוכט זיך, אז אָט־אָט וועט די צונג, אָט דאָס שפּיציקע שטיינדל, וואָס איז פול מיט נאָדלען, דורכלעכערן די באַקן. נאָדלען פון דרויסן, נאָדלען פון אינווייניק, נאָדלען, פול מיט שטעכיקער קעלט, און נאָדלען הייסע, אָנגעגליטע, פול מיט פלאַמיקן פײַער. מיליאַרדן נאָדלען, וואָס שטעכן, ברענען, גליִען פאַנאַנדער דעם מויעך, און עס דוכט זיך, אז אָט וועט ער אויפזידן, אופרײַסן דעם קאָפּ און פאַנאַנדערגיסן זיך, צעפליִעסקען זיך, פארגיסן אלץ ארום מיט א צעגליטער שיטעריצע...

וויפל דויערט אָט דאָס שנײַדעניש, דאָס שטעכעניש, דאָס גליוועדיקע און דאָס גליִענ־דיקע? נו, דאָס איז שוין שווער צו זאָגן. עפשער עטלעכע געציילטע מינוט, און עפשער לאַנגע, לאַנגע שאָען... דערפאַר קומט דערנאָך יענע אָנגענעמע וואַרעמקײַט און יענע ליבע זעונגען... דאָס שטעטעלע, דער בוג, די גרינע עפּל און פלוימען, וואָס הענגען אַראָפּ פון אנטאָנס סאָד, זייער שטיבעלע מיט די הילצערנע טרעפּעלעך און דער טאַטע. ער שטייט, פירט מיטן פרעסל איבער עפּעס א געוואַנטענעם מאַלבעש, זיך פאַרטראַכט און ניט באַמערקט, ווי אונטערן פרעסל האָט אָנגעהויבן רייכערן זיך און ס'האָט געגומען שמעקן מיט ברענענדיקן וואָל. לויפט אַרײַן די מאַמע, מאַכט אָן א גוואַלד, און דער טאַטע, קעדיי וואָס גיכער פאַרפרעסן דאָס אויס־געברענטע לעכל, הייבט אָן אַפּגיך פירן מיטן פרעסל אַהין און אַהער, ער פאַכט מיטן פרעסל און זינגט זײַן לידעלע:

אָט אזוי נייט א שנײַדער,
אָט אזוי נייט ער דאָך...

און דערנאָך. דערנאָך קומט שוין יענער גאָרנישט ניט. אָבער טאַקע דער עמעסער גאָר־ניט, ווען עס איז ניטאָ ניט קיין קעלט, ניט קיין היץ, ניט קיין שנײַדעניש, ניט קיין שטעכעניש, ניט קיין שום כאַשטשעוואַטעס און ניט טאַטע־מאַמע. טאַקע גאָרנישט ניט. דאָס איז שטענדיק געקומען דאַן, ווען ער איז שוין געווען אָף אָן עמעסן טויט.

ערגער פון אלץ איז געווען דאָס אופכאַפּן זיך און דערפילן אַפּסנײַ יענע מוירעדיקע ווײַ־טעקן, ווידער דערפילן יענץ שנײַדעניש און שטעכעניש און אזעלכע אנגסטן, פאַר וועלכע עס איז שווער צוקלײַבן א וואָרט. קיינער האָט אזוינס ניט דערציילט, און ער ווייסט ניט, ווי מע רופט דאָס אָן. גיכער פון אלץ איז אזוינס ביכלאַל ניטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך. און

סאמע דאָס ערגסטע איז געווען דער באַנייטער באַוווסטזיין און דער אופגעקומענער גדאַנק, אַז אים וועט אויסקומען נאָכאַמאָל דורכמאַכן דאָס אַלץ, ביז ער וועט איינמאָל, ווי פיל פון זײַנע שכיינים אין באַד־צימער, שוין אינגאַנצן זיך ניט אופכאַפּן. דערפאַר איז אים שווער צו זאָגן, וויפל מאָל איז ער פאַרפרוירן געוואָרן, וויפל מאָל געשטאָרבן און וויפל מאָל אופגע־שטאַנען טכיִאַס־האַמייסים. און ער איז מעקאַנע געווען, טאַקע שטאַרק מעקאַנע געווען יענע פינף און צוואַנציק, וואָס זײַנען אָפּגעקומען. ס׳האָט זיי פּאַשעט אָפּגעגליקט. און ער... וויפל מאָל וועט ער נאָך דערשאָסן ווערן, דערטרונקען ווערן אָדער פאַרפרוירן ווערן?

איז ווידער געשען א נעס. צווישן די געציילטע, וואָס זײַנען געבליבן לעבן נאָך דעם, וואָס זיי זײַנען עטלעכע מאָל פאַרפרוירן געוואָרן, איז געווען ער, הערשל, דער זיבעצניאַרי־קער פּעטיע און דער לייטענאַנט סאַשע פּערטשענקאָ. יאָ, דער דריטער פון די פינף און צוואַנ־ציק און דער דריטער פון די פינף, וואָס זײַנען נאָך אַלעמען געבליבן לעבן. מעגן זיי שוין וויסן, ווי מע רופט איינער דעם אַנדערן. פּעטיע, סאַשע און וואַסיע. ער, דער געוועזענער הערשל.

ס׳איז שוין דאַן געווען פרילינג אף דער וועלט. פריִער פרילינג. און עפּשער האַרבסט... נייך, טאַקע פרילינג, נאָר דער וועטער איז געווען א האַרבסטיקער. ס׳האָט געשמיסן א קאַלט רעגנדל, און די ערד איז געווען אינגאַנצן צעקוואַסעט. זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען. א לאַנגע קאָלאָנע געפאַנגענע. נאָר דער דרײַלינג — פּעטיע, סאַשע און וואַסיע האָבן זיך גע־האַלטן איינעם. נייך, ניט אַזוי, געהאַלטן איינעם האָבן זיך אַלע, די גאַנצע קאָלאָנע, ווי איין מענטש. און אויב עמעצער האָט געהאַלטן באַם אומפאַלן, האָט מען אים געפירט בא די הענט און אויב עמעצער האָט אינגאַנצן ניט געקאָנט גיין, האָט מען אים געטראָגן. א לאַנגע קאָלאָנע, ווי איין מענטש, מיט איינע און די זעלבע ווייטעקן און ליידן. נאָר זיי אַלע דרײַ האָבן געוווסט, ווי מע רופט איינער דעם אַנדערן. און אינדרײַען האָבן זיי זיך דערשלעפּט אַהער, צום שוידערפולן טויט־לאַגער, וואָס הייסט — מאַוטהאַוזען.

## א גרוס פון דער היים

זיי זײַנען געלעגן פּעסט אײַנגעניורעט איינער אינעם צווייטן, געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, אָנגעשפּיצט די אויערן אף אופכאַפּן אַלץ, וואָס ווערט אַרויסגעשעפּטשעט מיט א קוים אײַנגעהאַלטענעם פלאַטער. הערשל־וואַסילי האָט שוין באַוויזן אויסדערציילן א סאַך פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן. מעגלעך, בלויז האַלב פון דעם, א פערטל, א צענטכיילעק צי עפּשער א טויזנטכיילעק. גיכער פאַר אַלץ דערציילט בלויז די אויסערלעכע זײַט דערפון, דאָס אויבנופיקע. ווײַל ווי קאָן מען איבערדערציילן, וויִאַזוי ער איז עטלעכע מאָל דערשאָסן געוואָרן, וויִאַזוי ער איז עטלעכע מאָל פּאַשעט געשטאָרבן און ווידער אופגעשטאַנען טכיִאַס־האַמייסים?

אַלעקסאַ איז געלעגן האַרט אײַנגעקאַרבעט אין הערשלען, ביין צו ביין, און געשוויגן. הערן איז אויך געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. ניט גרינגער, ווי דערציילן. באַזונדערס, ווען יעדער וואָרט ווערט בלויז אַרויסגעשעפּטשעט אָדער ווערט אינגאַנצן פאַרבליבן צווישן די ליפּן. בא־זונדערס, ווען יעדער פּאַסירונג, יעדער וואָרט איז פאַרבונדן מיט טויט. און נאָך מערער דער־פאַר, וואָס אַלץ, וואָס האָט געטראָפן מיט הערשלען, איז אַזוי ענלעך אף זײַנע אייגענע פּאַסי־רונגען. אַזוי ענלעך און אַזוי ניט ענלעך. שרעקלעך ניט ענלעך. ווײַל בא אים האָט זיך דאָס אָנגעהויבן פון גאָר עפּעס אַנדערש. האָט ער זייער מוירע געהאַט פאַר דער מינוט, ווען הערשל וועט ענדיקן זײַן דערציילונג און פרעגן בא אים:

— און דו? און דו, ווי קומסטו אַהער?

אָט איז הערשל טאַקע אַנשוויגן געוואָרן. עפּעס צו לאַנג געשוויגן. אַלעקסאַ האָט זיך אַזש דערשראָקן. אים האָט זיך געדוכט, אַז הערשל אָטעמט ניט. אַזוינס טרעפט אויך ניט זעלטן. א מענטש ווערט פּלוצעם אַנשוויגן און הערט אוף צו אָטעמען. און שוין. ער איז שוין טויט. האָט אַלעקסאַ אים אָנגעהויבן צו טרייסלען. נאָר הערשל האָט געלעבט. ער האָט בלויז גע־מוזט איבערכאַפּן דעם אָטעם. צו לאַנג געשעפּטשעט. דערנאָך האָט ער טאַקע געפרעגט:

— און דו? און דו, ווי קומסטו אַהער?

— מיט די זעלבע וועגן, — האָט אַלעקסאַ אָפּגעענטפערט, — כאָטש... דער מאַרשרוט איז געווען אַן אַנדערער.

א ווײַלע האָבן זיי בײדע געשוויגן. ס׳איז אויסגעקומען, אַז זיי ווייסן ניט, ווו זיי האַלטן און ווער דאַרף איצט פֿאָרזעצן — הערשל צי אַלעקסאַ. נאָר הערשל איז שוין געווען שטאַרק מיד, און אַלעקסאַ האָט זיך געוואַקלט. ער האָט ערשט געדאַרפֿט פּויעלן בא זיך, צי דאַרף ער דערציילן אַלץ, ווי געווען, צי אַ ביסל אַנדערש. דערנאָך האָט ער באַשלאָסן: יאָ, ער מוז. ווײַל דאָס איז עפּשער די איינציקע און לעצטע מעגלעכקייט דערצו, אַז דאָרטן, אין דער היים, זאָל מען זיך דערוויסן, אַז ער איז געווען ניט אַזאַ. ניט אינגאַנצן אַזאַ...

נאָר סײַווי, דערציילן איז געווען ניט גרינג.

— פונדעסטוועגן? — האָט הערשל געמוזט איבערפֿרעגן.

— עט... בא מיר איז אַן אַנדער איניען.

— וועלכער איניען?

— אַ ליבע...

— אַ ליבע?

— יאָ, אַ ליבע.

דאָס וואָרט, וואָס איז אַרויסגעשעפּטשעט געוואָרן מיט דער זעלבער שטילקייט, עפּשער נאָך שטילער, ווי געוויינלעך, ווי גאָר עפּעס אַ שאָרך, ווי אַ ציטער פֿון אַ בלעטעלע אויף אַ ווײַטן בוים, האָט אַ קלונג געטאָן אומגעוויינלעך הויך, ווי אַן אופֿרײַס. הערשל האָט אַ דער־שראָקענער זיך אַ קערעווע געטאָן, אַ קוק געטאָן, צי דאָס וואָרט האָט קיינעם ניט אופֿגעוועקט. און כאָטש ס׳איז אַזוינס ניט געשען, האָט דאָס ניט אופֿגעהערט קלינגען אין די אויערן, ווי יענער גלאָקן־געקלאַנג פֿון דער ווײַטער קירכע. ליבע! אַ וואָרט פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט, פֿון גאָר אַן אַנדער צײַט! דאָ איז דאָס וואָרט קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרן, און אים האָט זיך אַפּטמאָל געדוכט, אַז ס׳איז ביכלאַל ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ וואָרט.

— ליבע... — האָט הערשל אַרויסגעשעפּטשעט נאָך שטילער, פֿאַר זיך אַליין, פּרוּוונדיק דערפֿילן דעם שוין לאַנג פֿאַרגעסענעם טאַם און רייעך פֿון אָט דעם וואָרט. ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן דעם גלײַכגעוויכט און אינגאַנצן פֿאַרטריבן דעם נאָך ניט געקומענעם שלאָף. ער האָט שוין גאָרנישט ניט געקאָנט אופֿטאָן.

אַלעקסאַ האָט ווידער אָנגעהויבן וואַקלען זיך. ער האָט ניט געוווּסט, צי וועט הערשל דערנאָך וועלן ליגן אַזוי נאָענט לעבן אים. נאָר... סײַווי. און, אַפּאָנעם, קעדיי אָפּהאַקן אַלץ מיטאַמאָל, האָט ער קימאַט ווי אויסגעשריגן:

— פֿאַרשטייסט, אַ פּאָליצײַ בין איך געווען...

הערשל האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויף אָפּרוקן זיך פֿון אים. נאָר ס׳איז פּאַשעט ניט געווען וווּהין. און קיין קויעך דערצו איז אויך ניט געווען.

— ווו? — האָט הערשל געפֿרעגט, גלײַך דאָס האָט געקאָנט האָבן עפּעס אַ באַדײַט.

— וואָס הייסט ווו? אין כאַשטשוואַטע...

אַלעקסאַ האָט געוואָלט וואָס גיכער דערקלערן דעם איקער, עס זאָלן בא הערשלען ניט אופֿקומען קיין שלעכטע געדאַנקען.

— טאַקע איבער דער ליבע... כ׳האָב געמיינט... בענען האָסטו געקענט? זי איז געווען אַ נייטערן. אין אַרטעל געאַרבעט. און געוווינט בא איר אַ מיידעלע. מיר זײַנען איניינעם אין שול געגאַנגען. סוניע האָט מען זי גערופֿן. ניט סאָניע, נאָר סוניע.

— סוניע? — האָט הערשל קימאַט אויסגעשריגן, ווײַל אַלעקסאַ האָט אים אַ צי געטאָן פֿאַרן אַרבל. ס׳הייסט — שטילער אַ ביסל. ערשט דערנאָך געענטפֿערט אויף זײַן פֿראַגע:

— נו, יאָ, סוניע.

סוניע, סוניע... ס׳האָט מיטאַמאָל אַ ווייע געטאָן מיט זייער וואַרעמס און שמעקנדיקס. גלײַך עפּעס אַ ווײַט ווינטעלע וואָלט פֿאַרפֿלויגן אַהער און געבראַכט מיט זיך דעם רייעך פֿון סוניעס שוואַרצע צעפּ. סוניע! ניין, אַזוינס לייגט זיך ניט אויפֿן זינען. אַזוינס איז פּאַשעט אומעגלעך. אַלעקסאַ און סוניע! דאָס האָט ער דאָך אַליין, ער, הערשל! נאָר ווען איז דאָס געווען, נאָך אין פֿינפֿטן קלאַס. און ניט נאָר ער אַליין, אַלע כעוורע זײַנען געווען פֿאַרליבט אין איר. נאָר ס׳קאָן זײַן. יאָ, ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז גראָד ער, הערשל... ווײַל אים האָט זיך דאַן געדוכט, אַז אַזוי ווי ער האָט זי ליב און אַזוי, ווי זי קוקט אויף אים... עפּשער וואָלט טאַקע שפּעטער געוואָרן פֿון דעם אַן עמעסע ליבע, נאָר נאָכן פֿינפֿטן צי נאָכן זעקסטן קלאַס איז ער אוועקגעפֿאָרן קיין כאַרקאָוו. און זייער ליבע האָט ניט באַוויזן אופֿגיין. נאָר סײַווי... אַלעקסאַ? אים איז שווער געווען פֿאַרשטעלן זיך, אַז סוניע מיט אירע שוואַרצע צעפּ און שוואַרצע אויגן זאָל ליב באַקומען אָט דעם רויטן אַלעקסען מיט די ווײַסלעכע פֿלאַקסענע האָר.

— און זי? זי דיך?

זאָל זײַן טאַקע, אַז דאָס איז געווען עפּעס ענלעך אַף איפּערזוכט?

— איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז זי האָט פאַר מיר מוירע געהאַט.

— ווען, ווען האָט זי פאַר דיר מוירע געהאַט?

די פראַגע האָט אַלעקסאַ אַפּאָנעם, ניט פאַרשטאַנען. מעגלעך, אַז ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר ניט וויכטיק. ער האָט זיך געהאַט זײַנס און געמוזט אַרויסזאָגן זיך:

— איך האָב געמיינט... פאַרשטייט זיך, ס'איז געווען אַ טאָעס, אַ פאַרבלענדעניש. נאָר מיר האָט זיך געדוכט. און ווען ניט די מילכאָמע, מיר האָבן שוין אפילע שפּאַצירט איניינעם. און אויב דו ווילסט וויסן, האָט זי גאָר געהייסן שיינדל. שיינדעלע. נאָר גערופן האָט מען זי סוניע. ניט סאָניע, נאָר סוניע. און שיין איז זי געווען... איינע אין דער וועלט!

אַלעקסאַ איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער דערציילט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, און ניט אַזוי, ווי מע דאַרף. האָט הערשל אים אַ טאָרע געטאָן:

— נו?

— זיי האָבן זיך דאַפקע עוואַקוירט, ווי אַ סאַך כאַשטשעוואַטער. נאָר זיי זײַנען ווײַט ניט פאַרפאָרן. די דײַטשן האָבן זיי אַריבערגעיאָגט, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. איך האָב זי געבעטן, זיי אַלעמען געבעטן, זיי זאָלן אַריבער צו אונדז, האָבן זיי ניט געוואָלט. טאַקע איבער סוניען. דאָס האָט זי זיך אַזוי אײַנגעשפּאַרט. און דאַן בין איך אוועק אין פּאַליציי.

עפּעס האָט אים אָנגעהויבן וואַרגן אין האַלדז, און ער האָט געמוזט אַנשוויגן ווערן. ער האָט קוים אײַנגעהאַלטן דעם הוסט. האָבן זיי ווידער ביידע געשוויגן. פרעגן עפּעס האָט הערשל מוירע געהאַט.

— פאַרשטייסט, כ'האָב געמיינט, אַז דערמיט וועל איך זי אָפּראַטעווען. און עפּשער נאָך עמעצן. נאָר אין יענער נאַכט... איך בין אַרײַן צו זיי און געהייסן, זיי זאָלן לויפן מיט מיר, ווײַל ס'וועט זײַן שלעכט. נאָר זיי האָבן מיך ניט געפאָלגט. איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס. זיי האָבן מיר ניט געגלייבט. עפּשער אפילע מוירע געהאַט פאַר מיר, עפּשער געהאַסט. ווײַל אַ פּאָליציי, אַ דײַטשישער פּאָליציי. נאָר דאָס אַלץ האָב איך דאָך געטאָן צוליב איר, צוליב זיי! איצט פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז געווען אַ טאָעס, אַ פאַרבלענדעניש. האָט מען אַלע ייִדן צונויפגעקליבן אין קלוב און פון דאָרטן צו צוואַנציק מענטשן. מיר האָבן אַליין ניט געוווּסט ווּהין און צוליב וואָס. נאָר ווען מיר האָבן אוועקגעפירט די ערשטע צוואַנציק צו די הליניש־טשעס... ניין, ניין, סײַווי וואָלט איך ניט געווען געשאָסן. נאָר ווען מיר זײַנען דורך פאַרבײַ בענעס שטוב... פאַרוואָס האָבן זיי דאַפקע אָנגעהויבן פון בענען? בענען מיט סוניען! איצט פאַרשטיי איך שוין דאָס אויך. דאָס איז געווען זײַן, וואַראַנענקאָס, אַרבעט. ער איז אויך געווען אַ פּאָליציי, אַן עמעסער הענקער. זײַן ברודער האָט די טשעקאַ צעשאָסן נאָך אין נײַנ־צעטן יאָר. אַ פּעטליוראָוועץ געווען. האָט וואַראָנענקאָ אַלע יאָרן געטראָגן אין זיך אַ סינע. און געוואַרט. און עפּעס האָט ער אָנגעשמעקט, דער מערדער, וועגן מיר. וועגן מיר מיט סוניען. האָט ער זיי די ערשטע... סוניען מיט איר מאַמען אופגעהאַנגען לעבן זייער שטוב. גלײַכער שוין געווען אַרײַנגעגעזצן אַ קויל אין מיר אַליין...

הערשלען האָט שוין ניט איין מאָל זיך געדוכט, אָדער טאַקע פּאַשעט געפילט, ווי דאָס האַרץ רײַסט זיך אים אָפּ. אָט צערײַסט זיך עס אַפּצווייען און שוין. אַזוי איז געווען אויך דאָס מאָל. עפּעס האָט זיך ווי אָפּגעריסן אינווייניק. ווײַל ווי קאָן מען אַזוינס? אַזאַ סוניע אופהענגען? פאַרוואָס? און כאָטש נאָך דעם, ווען ער איז אוועק קיין כאַרקאָוו, האָט ער זעלטן ווען דערמאָנט זיך, אַז ס'איז דאָ ערגעץ אַ סוניע, איז יעדער דערמאָנונג געווען פאַר אים אַ שטיקעלע יאָמ־טעוו. ער האָט שטענדיק זי געמאָלט פאַר זיך אַ ביסל אַ העכערע און אַ ביסל אַ שענערע, ווי פריִער. און ס'האָט זיך אים שטענדיק געדוכט, אַז ליב האָט ער זי אויך אַ ביסעלע מערער און אַ ביסעלע אַנדערש, ווי אין פינפטן קלאַס. מעגלעך, אַז געווען איז דאָס דערפאַר, וואָס ביז ער איז אוועק אין אַרמיי, האָט ער ניט באַוויזן פאַרליבן זיך אין עמעצן אַנדערש. און עפּשער איז דאָס געשען פאַרקערט, עפּשער טאַקע איבער סוניען? אַזוי אָדער אַנדערש, איז סוניע פאַר־בליבן בא אים ווי עפּעס אַ ווײַטער ניט קלאָרער טרוים.

איצט האָט ער זי דערזען אַזאַ, ווי זי איז געהאַנגען לעבן זייער שטוב. ניין, פריִער האָט ער זי דערזען אַזאַ, ווי זי איז געווען, איידער מע האָט זי אופגעהאַנגען. אַזאַ, ווי זי איז גע־וואָרן צו אירע אַכצן צי נײַנצן יאָר. און גראַד זי, גראַד זי די ערשטע!

דאָס איז געווען שוין ניט קיין איפּערזוכט. פאַרקערט, ס'איז אופגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים געמאַכט מיט אַלעקסען שטיקלעך קרויווים. כאָטש וואָס קאָן זײַן בא אים פאַר אַ קרוווּשאַפט מיט אַ געוועזענעם פּאָליציי?

אַלעקסען איז געווען אינגאַנצן אומבאַוווּסט הערשלס געפילן און זײַן געדאַנקענגאַנג. ער האָט זיך דערציילט זײַנס:

— ווען מיר זײַנען געקומען צו די הלינישטשעס, אויסגעשטעלט דאָס צוואַנציקסטל אין א ריי און דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן שיסן, האָב איך א וואָרף געטאָן דעם אויטאָמאַט און אויסגעשריגן: „איך וועל ניט שיסן! שיסט מיך, שיסט מיך!" פאַרוואָס האָבן זיי מיך ניט געשאָסן, ווייס איך ביז הײַנטיקן טאָג ניט. איך האָב זיך געלאָזט לויפן, נאָר מע האָט מיך געכאַפּט און אוועקגעשטעלט אויף מײַן אָרט. „שטיי און קוק!" — האָט באַפוילן דער קאָמענדאַנט. בין איך געשטאַנען און געקוקט. א גאַנצן טאָג! שוין אַליין אונטער א וואַך, געשטאַנען און געקוקט, ווי מע פירט אַלעמאָל צו אַן אַנדער גרופּע, ווי זיי פאַלן אַרײַן אין די הלינישטשעס, ווער שוין טויט און ווער נאָך זיפּענדיק, און ווי הונדערטער גויסעסדיקע נעשאָמעס, הונדערטער אויגן קוקן אויף מיר, שרײַען, בעטן זיך. דערנאָך האָט מען מיך אוועקגעפירט. פון איין טורמע צו דער צווייטער, פון איין לאַגער צום צווייטן. און די גאַנצע צײַט גייען זיי מיר נאָך... זייערע אויגן, זייערע שטימען... און סוניע אויך, סוניע מיט איר מאַמען. אָט אזא שטראָף האָבן זיי פאַר מיר צוגעטראַכט. איך בעט די גאַנצע צײַט דעם טויט אויף זיך, און ער, ווי אויף צולאָכעס, אַנטלויפט פון מיר.

— ווען? — האָט זיך אַרויסגעריסן בא הערשלען.

— וואָס ווען?

— ווען איז דאָס געשען?

— אין פעווראַל. אין פעוראַל צוויי־און־פערציקסטן. פאַרשטייסט, ווען דאָס זאָל געווען טרעפן א ביסל שפּעטער, וואָלט עפּשער געווען אַנדערש.

— און מײַנע?

— אַלע, אַלע דאָרטן! אַלע!

האָט הערשל שוין ניט געהאַט וועגן וואָס צו פרעגן. ער האָט שוין ניט איין מאָל געזען, ווי מענטשן פאַלן אום דערשאָסענע, ווי מענטשן ווערן פאַרברענט, פאַרפרוירן, דערטרונקען אין א פאַס וואַסער, דערשטיקט מיט א שטיוול פון אַן עסעסאָוועץ, גייען שטיל אויס פון הונגער אָדער פּאַשעט פון דעם, וואָס עס זײַנען אויסגעגאַנגען די לעצטע קויכעס. נאָר אים איז שווער געווען צולייגן די אַלע מאָסן צו זײַנע עלטערן. אים איז שווער געווען פאַרשטעלן זיך טאַטע־מאַמע אפן ראַנד פון די הלינישטשעס. ער איז ביכלאַל געווען זיכער, אַז טאַטע־מאַמע מוזן לעבן. ער זאָל האָבן מיט וועמען זיך דורכשמועסן אין א שווערער מינוט. ער זאָל האָבן מיט וועמען זיך זעגענען אַלע מאָל פאַרן טויט. מיסטאָמע איז די מאַמע, ווי שטענדיק, אופגעשטאַנען א גרויסן פאַרטאָג און אײַנגעהייצט ביידע הרובעס. ס'איז דאָך געווען אינמיטן ווינטער.

— ס'איז דאַן געווען א פראָסט? — ער האָט דאָס געמוזט פינקטלעך וויסן.

— א מויִרעדיקער פראָסט. נאָר פאַרטאָג האָט אָנגעהויבן שיטן א שניי.

...יאָ, איז די מאַמע טאַקע אופגעשטאַנען א גרויסן פאַרטאָג און אײַנגעהייצט ביידע הרובעס. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן, ווי די מאַמע הייצט אײַן די הרובעס. אין שטוב איז פינצטער, ווײַל קיין לעמפּל צינדט די מאַמע ניט אָן, ס'זאָל עמעצן ניט אופוועקן פאַר דער צײַט. עס קומט איר אָן זייער גרינג. דאָס האָלץ ליגט נאָך פון נעכטן אין דער הרובע, זיך שוין אויסגעטריקנט און די דינע שפּענדעלעך זײַנען שוין אויך נאָך פון אָוונט אויסגעלייגט אַזוי, אַז מע דאַרף נאָר אָנצינדן א שוועבעלע און צולייגן צו זיי. און א פּאָר מאָל א בלאָז טאָן. בייגט זי זיך אָן, די מאַמע, טוט א בלאָז, די שפּענדעלעך צעטראַסקען זיך גלײַך מיט א פריילעך פײַערל, אין הרובע הייבט אָן צו הודיען, און א רויטער פלאַם הייבט אָן אַרויסקוקן פון דאָרטן. דער מאַמעס פּאָנעם פלאַמט אויך. ניט עס פלאַמט, נאָר עס שײַנט. עס שײַנט מיט עפּעס א שטילער שײַן, ווי די ווײַטע לעוואָנע, און פון דעם ווערט אין שטוב א ביסל ליכטיקער. נאָר עס וועקט קיינעם ניט, די שײַן, פאַרקערט, עס וויגט אײַן. און ס'איז שטענדיק אַזוי גוט, אַזוי וואַרעמלעך־אָנגענעם אײַנשלאָפן אונטער דער מאַמעס לעוואָנע־שײַנענדיקן פּאָנעם.

און דער טאַטע... דער טאַטע שלאָפט שוין אויך ניט. די ערשטע קוילן פון דער צעפלאַקערטער הרובע זײַנען זײַנע. ער קריגט זיי גלײַך אַרויס, שאַרט זיי אַרײַן אין פרעסל און, קוים דערוואַרט זיך דאָס פרעסל זאָל זיך אָנגליִען, טוט ער עס א נעם אין דער האַנט, טוט דערבײַ א שפּײַ אויף דעם, און דאָס שפּייעכץ טוט טייקעף א שפּרונג אויף, ווי אַן אָפּגעבריטס. הייסט עס, אַז דאָס פרעסל איז שוין פאַרטיק און מע קאָן אָנהייבן אַרבעטן.

צי האָט די מאַמע באַוויזן אײַנהייצן די הרובעס, צי האָט דער טאַטע באַוויזן אָנוואַרעמען דאָס פרעסל? צי האָבן זיי ביכלאַל עפּעס געטאָן אין יענע שוידערלעכע ווינטערדיקע טעג און נעכט?

איז, הייסט עס, כאַשטשעוואַטע אויך... אויס כאַשטשעוואַטע. און קיינער ניט. קיינער ניט!

— איז טאַקע קיינער ניט? — פרעגט ער בא אַלעקסען.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — איז אַלעקסאַ ווי בייז פאַר דער נאַרישער פראַגע.

אינדערעמעסן, פונוואַנען זאָל ער וויסן? דאַן האָט נאָך קיינער ניט געוווּסט, אַז די אײנ־ציקע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט און אַרויסגעדראַפּעט זיך באַנאַכט פון דער גרוב אַ לעבע־דיקע, איז געווען זײַנע, הערשלס, אַ פּלעמעניצע, ריווע, ווען ס'האָט דערנאָך די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן בײַ זיך דער סאַלקאָווער רימער יוכים לעוויצקי.

די שווערע, די שלאָפלאָזע נאַכט האָט בײַ אים צוגערויבט דאָס לעצטע, וואָס איז זײַער אָפּט געווען זײַן טרוים, זײַן האָפענונג, דאָס, וואָס האָט אים דערהאַלטן באַם לעבן אין די שווערסטע מינוטן. דערנאָך ערשט, צו באַגינען־צו, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צײַט פונעם אַפּעל און ער האָט ניט געוווּסט, צי ס'וועט אים סטײַען קויעך אופהייבן זיך, און צי וועלן די פיס אים הײַנט וועלן האַלטן, האָבן ביסלעכווײַז אַנגעהויבן אופוואַכן די אײַנגעשלאָ־פענע שוץ־אינסטינקטן און אָנגעהויבן שטעלן אים פראַגע נאָך דער צווייטער: צי האָט ער געמעגט גלײַך, בײַ דער ערשטער באַגעגעניש זײַן מיט אַלעקסען אַזוי אָפּנהאַרציק און אויס־דערציילן וועגן זיך אַלץ? ווײַל ווער ווייסט, צי איז מיט אַלעקסען געשען אַזוי, ווי ער דער־ציילט, צי אַ ביסל אַנדערש, און ווער ווייסט, וואָס ער איז איצט? ער האָט געמוזט זיך פאַרענט־פערן — אַלעקסאַ האָט אים דער ערשטער דערקענט. ער האָט אויך געקאָנט פאַרענטפערן זיך דערמיט, וואָס וועגן היגן אונטערערד האָט ער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. כאָטש אַלעקסאַ האָט עפּעס געפרעגט וועגן דעם. און דאָך וועט מען הײַנט דאַרפן מעלדן וועגן אַלעק־סען לויט דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג. זאָל מען דאָרט, ווו מע דאַרף, וויסן וועגן אים אַלץ, העלפן מיט וואָס ס'וועט מעגלעך זײַן און באַוואָרענען זיך אויך מיט וואָס ס'וועט נייטיק זײַן. נאָר אין דער ערשטער ריי העלפן. ווײַל מיט אַזאַ יִיעש־געפיל, ווי בײַ אַלעקסען, קאָן אַ מענטש דאָ לאַנג ניט לעבן. אַף דעם רעכענען דאָך אויס די באַלעבאַטים פון טויט־לאַגער, ווען מעס גרונט־צײַגער פון גוט אויסגעפּילטע פּלענער און באַפעלן איז די צאָל טויטע. ווײַל יענע, וואָס האָבן דערפונדן דעם דעוויז פאַרן היגן לאַגער „טויט דורך אַרבעט", שאַצן אַפּ די אַרבעט פון דער נאַטשאַלסטווע לויט דער צאָל פאַרברענטע. און דאָ דאַרף מען דעם טויט ניט זוכן. מע דאַרף נאָר עטוואָס פאַרלירן דאָס ביסעלע מוט, דעם לעבנסווילן, ביסטו שוין אַ מעס.

די שווערע, די שלאָפלאָזע נאַכט האָט אָנגעהויבן גרוי ווערן, און מע האָט געדאַרפט נעמען גרייטן זיך צו אַ נאָך שווערערן טאָג.

— הער זשע מיך אויס, אַלעקסאַ, — האָט ער אים אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער. — דאָ דאַרף מען דעם טויט ניט זוכן. ער זוכט דיך אַליין. מיר דאַרפן, פאַרקערט, אויסהאַלטן, אויס־שטיין. דערוואַרטן זיך.

— אַף וואָס דערוואַרטן זיך?

אַף דעם האָט הערשל דערנאָך אויך כאַראַטע געהאַט, עפּשער ניט געטאָרט אַזוי גלײַך, אַזוי אָפן.

— אַף אָפּצאָלן. אָפּצאָלן פאַר אַלץ. פאַר אַלעמען. פאַר אונדז אַלעמען. און פאַר דײַן ליבע...

— פאַר מײַן ליבע?..

— נו, יאָ, פאַר אַלע אונדזערע ליבעס. דו סטאַרע זיך נאָר. די ערשטע עטלעכע טעג. דער־נאָך וועלן מיר עפּעס צוטראַכטן. עפּשער טאַקע אין מײַן בריגאַדע. דיך אַריבערפּעקלען וועט שוין זײַן גרינגער. דעריקער איז די ערשטע עטלעכע טעג. פאַרגעדענק. די ערשטע עטלעכע טעג!

## ווי פל טויטן קאָן איבערלעבן אַ מענטש

געוויס האָט די נאַטור אין זינען געהאַט עפּעס אַנדערש, ווען זי האָט דאָ־אָ, ניט ווײַט פון דער עסטרײַכישער הויפּטשטאָט וויִן, געשאַפן דאָס וווּנדערבאַרע ווינקעלע אין די אַלפּן, ווו באַרג און טאָל קומען זיך צונויף אײנינעם און פורעמען אויס יענע אויסטערלישע שפּיל פון פאַרבן און יענעם בונטן קראַנץ פון רײַכעס... יענץ גרינע און בלויע, זילבערדיקע און גלאַנ־ציקע, רײַצנדיקע און שיקערנדיקע, אַלץ, אַלץ, קעדיי דער מענטש זאָל אַף אַזאַ קליין שטיקעלע פּלאַץ פילן אַרום זיך די שיינקײַט פון דער גאַנצער וועלט. אַלץ, אַלץ, וואָס די נאַטור האָט גע־קאָנט צוטראַכטן, אַז דער מענטש זאָל זיך פילן גליקלעך. פון איין זײַט די זילבערנע הייכן

פון די אַלפּן און פון דער צוווייטער — דער גרינסטער טאָל, וואָס פירט צום בלויען דונײַ. און איבער אַלעמען א זעלטן בלויער הימל, פול מיט צארטקײַט, פול מיט קינדערשער גוטסקײַט און אומשולדיקײַט, גלײַך אָט דאָס אַלץ, די בערג און די טאָלן, דער טײַך און דער הימל איז ערשט באשאפן געוואָרן און זיי קאָנען זיך אַליין ניט אָנכידעשן מיטן אייגענעם וווּנדער.

און דאָס אַלץ האָט געהייסן מאַוטהאַוזען.

גוואַלד געשריגן! ווי זשע האָט דער מענטש געקאָנט נעמען אזא גאַניידנדיק ווינקעלע און פארוואַנדלען אין א גענעמדיקן אָנוואַלגער פון שוידער, אין א ווארשטאט פון טײַוולאָנישע אכזאָריעסן, אין א פאבריק פון טויט...

געוויס, געוויס האָט די נאטור געהאט אין זינען עפּעס גאַניידנדיקס, האָט געגומען דער מענטש און געמאכט דערפון א גענעם.

דער מענטש?

ניין, ניין! דער אנטימענטש!

און דאָס אַלץ הייסט מאַוטהאַוזען.



א ריינער, א לויטערער פאַרציַיטיקער הימל. און א ביסעלע וויַיטער א וואַלד, וואָס דערגריכט ביזן הימל מיט די אייביק גרינע יעלן. און די ערד! פון יענער זיַיט לאַגער איז די ערד גאָר אַן אַנדערע. א געוויינלעכער ערדישער וועג, א ביסל צו א זאַמדיקער און א שטיינערדיקער. א וועלדל פון רעכטס, רויזן־קוסטעס פון לינקס. און ווען ניט דער רויך פון קרעמאַטאָרי, וואָס האָט פאַרסאַמט אַלע איבעריקע ריַיכעס, וואָלט מען געוויס געקאָנט פילן די אָפּרישנדיקע פיַיכטקיַיט, וואָס ציט זיך פונעם וועלדל, און די שאַרפע, שיקערנדיקע ריַיכעס פון די רויזן־קוסטעס. נאָר איצט קוקן זיי בלויז שוויַיגנדיק פונדערוויַיטנס איינער אפן אַנדערן, די אסירים אפן וואַלד און דער וואַלד אף די אסירים, גליַיך אויך זיי, דעם וואַלד מיט די רויזן, וואָלט געוועזן פאַרווערט האָבן וועלכע־ניט־איז מאַגע־אומאַסע מיט די פאַרורטיילטע, געבן זיי עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זיי כאָטש אף א וויַילע א קוויק טאָן די נעשאָמע.

דערוויַיל ווייסן זיי נאָך ניט, וווהין מע פירט זיי און וואָס דאָס אַלץ באַטיַיט. זיי ווייסן בלויז, אַז פון זיי אַלע, וואָס מע האָט געבראַכט אַהער פון דאַכאַו, איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרדנטלעכע שטראָף־קאָמאַנדע, וועמען מע פירט היַינט אַרבעטן אין די שטיינבראָכן. פאַרשטייען זיי, אַז דאָס דאַרף זיַין ניט פון די גרינגע זאַכן. זיי האָבן אָבער נאָך ניט איַינגאַנצן פאַרשטאַנען, ווער זיי אַליין זיַינען און וואָס הייסט דאָ, אין מאַוטהאַוזען, א שטראָף־קאָמאַנדע. האָט דער געהילף־שעף פונעם לאַגער, דער שטורמבאַנפיורער באַרמיַיער געגעבן זיי דאָס צו פאַרשטיין באַשיַימפּערלעך.

זיי זיַינען געוועזן ענלעך איינער אפן צווייטן, דער הויכער דאַרלעך־צוגעטריקנטער באַרמיַיער מיטן געלבלעכן פּאָנעם, פול מיט רויטע פלעקן, מיט זיַין גלאַנציקן דאַשעק, פאַררוקט א ביסל אף א זיַיט, מיט זיַינע שטענדיק אַרומיאָגנדיקע, נישטערנדיקע אויגן, און זיַין הונט מיטן נאָמען „לאָרד". ער איז אויך געוועזן הויך, דאַרלעך־אונטערגעצויגן, גרויס, ווי א קאַלב, און שטענדיק געקוקט אף זיַין באַלעבאָס מיט הונגעריקע בייזע אויגן, פול מיט אונטערטעניקיַיט און גרייטקיַיט זיך וואַרפן אף עמעצן. שטענדיק האָט זיי ביידן ווי עפּעס געפּיבערט, בא ביידן האָט די הויט די גאַנצע ציַיט ווי אונטערגעטאַנצט, און ביידע זיַינען געוועזן אומגעדולדיק. ער, באַרמיַיער, וואָס האָט געהאַלטן די קייט אין דער האַנט, און „לאָרד", וואָס האָט די גאַנצע ציַיט זיך געריסן פון דער קייט. און ווען „לאָרד" האָט א באַפריַיטער זיך א לאָז געטאָן אף זיַין קאָרבן און איַינגעביסן זיך אין אים מיט די ציין, האָבן בא באַרמיַיערן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן די קינבאַקן, גליַיך ער אַליין קיַיט דאָס סאַמע געשמאַקסטע.

אַזוי איז געשען אויך יענעם גאַנצפרי. „לאָרד" האָט זיך א וואָרף געטאָן אף איינעם, לויט זיַין אייגענעם אויסוואַל, וויַיל פאַר זיי ביידן, סיַי פאַר באַרמיַיערן, סיַי פאַר זיַין הונט, איז דאָס געוועזן אַלציינס, אַרויסגעריסן אים פון דער ריי און פאַר געציילטע סעקונדעס אים צעריסן און צעביסן. באַרמיַיער איז געשטאַנען אף זיַין אָרט ווי פאַרגליווערט, בלויז די קינבאַקן האָבן פיבערהאַפט אַרומגעטאַנצט. ערשטנס, איז בא אים געוועזן דער גרעסטער פאַרגעניגן צו קוקן, ווי זיַין „לאָרד" אַרבעט. צווייטנס, האָט ער געוואָלט געבן די שטראָפניקעס אָנצוהערן, וואָס פאַר א ווערט זיי האָבן פאַר אים.

ווי־אַזוי האָט דאַן געקאָנט געשען דאָס צווייטע, האָט הערשל א ציַיט ניט פאַרשטאַנען. נאָר ס'איז געשען. פונקט אַזוי באַשיַימפּערלעך און פונקט אַזוי אין איין אויגנבליק, ווי נאָר „לאָרד" האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איינעם פון זיי, האָט הערשל דערפילט אין זיַין האַנט עפּעס ענלעכס אף א שטיקל ברויט און צו זיַינע אויערן זיַינען דערפלויגן א פּאָר ווערטער, אַרויסגעשעפּטשעט אף א געבראָכענעם רוסיש:

— האַלט זיך... מיר וועלן איַיך מיטהעלפן...

איז איינער געבליבן אפן אַפּעל־פּלאַץ, און א סך הענט האָבן צוגעדריקט צום האַרצן קליינינקע שטיקלעך ברויט. און מיט דעם איז די קאָלאָנע שטראָפניקעס אין דער באַגלייטונג פון זייער קאַפּאָ און עטלעכע עסעסאָווצעס צום ערשטן מאָל אַרויס אף דער אַרבעט.

און כאָטש די לופט איז איבערן גאַנצן אַרום געוועזן פאַרסאַמט מיטן קרעמאַטאָרי־רויך, האָבן די עסעסאָווצעס ניט פאַרטרויט דעם וואַלד און די רויזן־קוסטעס. עפּעס קאָנען זיי אַזוי אומבאַמערקט אַריַינעמען אין די שטראָפניקעס עפּעס זייער ניט געוווּנטשנס... און ביכלאַל, ווי מעג עס א שטראָפניק זען פאַר זיך וואַלד, זען פאַר זיך רויזן. איז די ערשטע קאָמאַנדע געוועזן:

— לויפן!

און ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט לאָזן זיי אַרויס די נעשאָמע, האָט זיי פאַרטויבט א צווייטע קאָמאַנדע:

— לייגן זיך!

נאָר ניין, ניט ליגן א ביסל, ניט אָפּדעכען האָבן געמיינט די עסעסאָווצעס, וויַיל טאַקע גליַיך נאָך דעם — א צווייטע קאָמאַנדע:

— פויזען! — און טאַקע גלײַך נאָך דעם: — אופשטיין!

און נאָכן אופשטיין ווידער לויפן, און נאָכן לויפן ווידער לייגן זיך, און נאָכן לייגן זיך ווידער אופשטיין... און ווידער לויפן, און ווידער לייגן זיך, און ווידער פויזען.

און שוין... אויס מיטן וואַלד, אויס מיט די רויזן־קוסטעס און אויס מיטן ביסעלע אָטעם. ווײַל מיט וואָס צו עטעמען איז שוין ניטאָ. הונדערטער צעעפנטע מײַלער סאָפּען בלויז האַסטיק. כאַפּן זיך אָן מיט די הענט איינער פארן אנדערן, זיי זאָלן ניט פאַלן אָן א קאָמאַנדע, און קוקן זיך ארום מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. נאָר איבערכאַפּן דעם אָטעם איז שוין ניטאָ ווען. עס הייבט זיך אָן דער בארג־אַראָפּ צו די שטיינבּרוכן און מע דאַרף זײַן געהיט מיט יעדער טריט. ער איז שטאַרק מעשופּעדיק, דער בארג־אַראָפּ, שטאַרק פארקרימט און געשלענגלט, און אַלץ איז דאָ מיסעמעשונעדיק: די שטיינער, פאַר וועלכע די פיס פארטשעפּען זיך אַלעמאָל, די שפּיציקע פעלדזן, וואָס הענגען איבערן קאָפּ, און דער מאָך, וואָס איז געלבלעך־פארוויאַנעט און צוגעפּלעטשט, ווי אָף אַלטע, לאַנגאַניקע מאַציייוועס, און דער טאָג... דער טאָג אַליין ווערט ערגעץ פארשוווּנדן, דער טאָג מיט זײַן שײַן, מיט זײַנע לעצטע שטראַלן. די אסירים ווערן וואָס אמאָל טיפער פארזונקען אין דער ערד, און עפּעס א שטיינערנע כאַשכעס, וואָס איז פול מיט א בעסוילעמדיקן שטילשווײַגן, אין וועלכן מע הערט נאָר דאָס כאַלאָשעסדיקע הילכן פון די אייגענע קלאָפּערס און די גרילצנדיקע קאָמאַנדע פון די עסעסאָוועצעס:

— שנעלער, שנעלער!

ווען זיי קומען צו צו די טרעפּ, וואָס פירן צו די שטיינבּרוכן, צו די הונדערט זעקס און אכציק טרעפּ, איז שוין דער טאָג אינגאַנצן פארשוווּנדן, בלויז א קליין שטיקעלע הימל הענגט איבער זיי, ווי א קליין שוואַך לעמפּעלע, קעדיי ווי־ניט־איז וויַזן זיי דעם וועג, ווײַל באַלד וועט א הילך טאָן נאָך א קאָמאַנדע:

— לויפן, לויפן!

און זיי וועלן די אַלע טרעפּ דאַרפן אין איין אָטעם אראָפּלויפן מיט דער זעלבער גיכקײַט כאַפּן א שווערן שטיין, ארופלייגן אים אָף די פּלייצעס און ווידער, אָן אָן אָטעם־איבערכאַפּ, זיך לאָזן צוריק מיט די שטיינער אָף די פּלייצעס די הונדערט זעקס און אכציק טרעפּ ארוף. וועלן זיי שוין וויסן, פארוואָס האָט מען דאָס א נאָמען געגעבן טויט־לייטער. און זאָל גאָט אָפּהיטן, אז דעם אופזעער פון די שטיינבּרוכן פאַול ליזער זאָל זיך דוכטן, אז עמעצער האָט גענומען צו א גרינגן שטיין. באַ פאַולן איז דער גרעסטער פארגעניגן איבערברעכן עמעצן דעם רוקן. נאָר גלאַט אזוי טוט ער דאָס ניט. ער האַלט דאָס פאַר ניט אָרנטלעך. ער דאַרף, עס זאָל זיך אים אויסווײַזן, אז עמעצער האָט אים געוואָלט אָפּנאַרן און גענומען צו א גרינגן שטיין.

ערגעץ פון אויבן איז געבליבן דער וואַלד, ערגעץ נאָך ווײַטער זײַנען געבליבן די רויזן־קוסטעס און אומבאַגרײַפלעך ווײַט — דאָס מעשונעדיק־אויסגעקרימטע שטיקל הימל, וואָס הענגט איבער די שטיינבּרוכן. ס'איז אפילע שווער צו זאָגן, צי ס'איז א באַטאַגיקס, דאָס שטיקל הימל, צי א באַנאַכטיקס, ווײַל דער קאָליר איז אויך עפּעס א מיסעמעשונעדיקער, ניט בלוי און ניט שוואַרץ, נאָר עפּעס אשיק־בלוי, שטאַרק פארסאַזשעוועט, מיט רויטע פּינטעלעך, ווי מיט בלוט באַשפּריצט. נאָר דער הימל איז דאָ ניט שולדיק. די רויטע פּינטעלעך קומען פונדאַנען, פון דער ערד, פון אָט דער שטיינערנער סטראַשידלע, וואָס ציט זיך אהער פון העט אויבן, וואָס די עסעסאָוועצעס האָבן א נאָמען געגעבן „פאַראַשוטיסטן־וואַנט“ און וואָס איז געדיכט פארשפּריצט מיט מענטשלעך בלוט.

דאָס איז געוויס אויך געווען פארפראַגראַמירט פאַר זיי אין זייער ערשטן אינדערפרי, זיי זאָלן וויסן, פונוואַנען נעמט זיך דאָס בלוט אָף די שטיינער. און כאָטש אַלץ האָט געדאַרפט אָפּגעטאָן ווערן אין טעמפּ, דאָס לויפן אראָפּ, דאָס נעמען די שטיינער און דאָס לאָזן זיך צוריק ארוף, האָבן די עסעסאָוועצעס דאָס אויך באַוויזן. עמעצער האָט א דערפרייטער, אזש אונטערטאַנצנדיק, אויסגעשריגן:

— ער פליט, ער פליט! א נײַער פאַראַשוטיסט!

פון העט אויבן פון דער אומבאַגרײַפלעכער ווײַטקײַט, ווי דאָס פארסאַזשעוועטע און פארבלוטיקטע שטיקל הימל אַליין, איז געפלויגן אראָפּ א לאַגערניק, צי אזא, וואָס איז פאַר עפּעס באַשטראָפט געוואָרן, צי די עסעסאָוועצעס האָבן פּאַשעט אזוי, צוליב פארווײַלונג, אים אראָפּגעשטופּט אהער. ער איז געפלויגן, אַלעמאָל פארטשעפּעט זיך פאַר אָן אנדער שפּיציקן שטיין און אומעטום איבערגעלאָזט א ביסל בלוט. ער איז געפלויגן, באַשפּריצט אַלעמאָל אָן אנדער שטיין, און ווען ער איז ענדלעך אראָפּגעפאַלן אהער און זיך א זעץ געטאָן מיט זײַן זעקעלע ביינער אין זײַן שטיינערנעם קייווער, איז באַ אים אַליין שוין געווען זייער ווייניק בלוט. ס'האָט קוים א שפּריץ געטאָן אָף אים אַליין.

אָט די געציילטע סעקונדעס, ווען דער לאַגערניק איז אַלץ געפלויגן און אַלץ אונטער־געשפּרונגען איבער דער „פּאַראַשוטיסטן־וואַנט״, איז עס געווען דאָס שטיקעלע צײַט, ווען זיי האָבן געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם. און גלײַך נאָכן לעצטן בלוט־שפּריץ א קאָמאַנדע:

— שנעלער! שנעלער! אַרויף!

גייען זיי צוריק אַרויף, יעדערער מיט זײַן אייגענעם מאַלכאַמאָוועס אַף די פּלייצעס. דער טויט איז מוירעדיק שווער, האַרט און שפּיציק, וועגט צוויי־דרײַ מאָל מערער פונעם אויסגעדייווערטן לאַגערניק, און נאָך איידער עפּעס, איז ווײַל דער טויט שוין א ביסל בלוט, שנײַדט זיך אײַן מיט זײַנע שפּיצן אין די ביינערדיקע פּלייצעס. ס׳האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן אַזאַ נעס, אַז אַלע די, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ, זאָלן זיך אַרופקלײַבן לעבעדיק צוריק אַרויף. הונדערט זעקס און אַכציק טרעפּ! און פון יעדער טרעפּ קוקט אַרויס דער מאַלכאַמאָוועס. ווערט מיטאַמאָל פאַרהאַקט, פאַרשטאָפּט דער אָטעם, עס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ, עס ווערט פינצטער אין די אויגן און עס פאַרשווינדט מיטאַמאָל דער גאַנצער אַרום. די פיס הייבן אָן ציטערן און בייגן זיך מיט יענער גרויסעסדיקער אָנמעכטיקײַט, נאָך וועלכער עס מוז קומען דער לעצטער היכץ, בייס דער מענטש לאָזט אַרויס די נעשאָמע.

נאָר דו טאָרסט ניט דערלאָזן דעם לעצטן בויג פון די פיס, דו טאָרסט ניט קיין היכץ טאָן, דו טאָרסט ניט אומפאַלן! ווײַל אויב דו פאַלסט אום, וועסטו זיך שוין ניט אופהייבן. און ניט נאָר דו אַליין, דו וועסט אומוואַלגערן אויך די, וואָס גייען הינטער דיר. ווײַל זאָל נאָר פאַלן איינער, וועט זיך אָנהייבן א האָגל פון שטיינער, עס וועט מיטאַמאָל אָנהייבן דונערן און בליצן, ווי בייס א שרעקלעכן געוויטער און עס וועט אָן אופהער זיך קײַקלען באַרג־אַראָפּ א מעשונעדיקער געמיש פון שטיינער און מענטשן. און אַלץ וועט זײַן פאַרגאָסן מיט בלוט.

דער פאַרטויבנדיקער דונער־קנאַל און דער שטיינערנער האָגל גרילצט נאָך ביז איצט הערשלען אין די אויערן. דער שטיינערנער האָגל מיט בלוטיקע שטראָמען... ווייסטו שוין אַליין ניט, ווו דו ביסט אין דער וועלט. דו שפּאַנסט, ווי א בלינדער, טאַפּסט מיט די פיס די טרעפּ, און דיר דוכט זיך, אַז עס וועט קיינמאָל ניט נעמען קיין סאָף צום שוידערלעכן שטיינפאַל, וואָס שלעפּט אַוועק מיט זיך איין לעבן נאָכן צווייטן און וועט אָט־אָט מיטשלעפּן אויך דיך, אַז ס׳וועט קיינמאָל זיך ניט ענדיקן דער כאַשכעסדיקער טויט־לייטער, וואָס האָט זיי אַלעמען אַרײַנגענומען אין זײַנע קלעמען און וויל זיי ניט אַרויסלאָזן. נעמסטו שוין בעטן זיך בא זיך אַליין. דו בעטסט און נעמסט אײַנריידן זיך:

— אַז איך קאָן שוין מער ניט. איך קאָן ניט און שוין.

און דו, ווי סאַמע דער ערגסטער קאַפּאָ, טוסט א שלעפּ זיך אַליין פאַר די האָר, וואָס זײַנען שוין לאַנג ניטאָ אַפן קאָפּ, גיסט א צי בא די אויערן, א קניפּ די אייגענע הויט, דאָס דינע הײַטעלע אַרום די ביינער, און שרײַסט אויס:

— דו קאָנסט! דו קאָנסט!

בלײַבט שוין בלויז טראַכטן וועגן איין זאַך. זאָלן די שטיינער שנײַדן פון דיר שטיקלעך, זאָל רינען פון דיר דאָס בלוט, זאָלן דיר פלײַען פונקען פון די אויגן, זאָל דיר פאַרהאַקט ווערן דער אָטעם און זאָלסט זיך קאָרטשען פון ווייטעקן, נאָר זאָלסט ניט פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן. ווײַל פון דעם הייבט זיך דאָס טאַקע אָן. פאַרלירט איינער דעם באַוווסטזײַן און לאָזט אַרויס דעם שטיין פון די הענט, הייבט זיך גלײַך אָן יענער שטיינערנער האָגל, יענע פאַרטויבנדיקע דונער־קנאַלן, יענער קײַקלענדיקער געמיש פון שטיינער און מענטשן. דערצו ווערסטו אין דער לעצטער מינוט אַליין א מערדער. מיט די אייגענע הענט געהאַרגעט מענטשן.

און ערשט נאָך אַלעמען, קוים זיך דערקלײַבן אַרויף, צו יענעם אָרט, ווו מע וואַרפט אַראָפּ די שטיינער, שטייט דער אָבער־קאַפּאָ אָן אומצופרידענער, עפּעס ווי א דערשטוינטער, צי דערפון, וואָס מע שלעפּט קוים די פיס, צי דערפון, וואָס מע איז ביכלאַל אַרויף לעבעדיקע.

— וויפל זײַנען געבליבן דאָרטן? — פרעגט ער באַם קאַפּאָ.

— דרײַצן! — ענטפערט דער קאַפּאָ, וואָס האָט באַוויזן באַצײַטנס אַלץ אונטערעכענען.

דער אָבער־קאַפּאָ איז ווידער ניט צופרידן.

— דרײַצן? א שלעכטע צאָל דרײַצן. די צאָל מוז זײַן א קײַלעכיקע.

און ביידע לאַכן מיט א הויכן, גאָרגלדיקן געלעכטער, וואָס איז ענלעך אַף אַן עקלדיקן אויסגרעפּצן פון איבערגעזעטיקטע פרעסער נאָך א פעטן מיטיק. זיי גאָרגלען זיך און טוען א ווונק אַף די קרעמאַטאָרי־קוימענס, פון וועלכע עס זעצט א געדיכטער רויך. ס׳וועט שוין זײַן, הייסט עס, א נײַ ביסל הייצונג.

בלויז באַוויזן אַראָפּוואַרפן פון זיך די שטיינער, דונערט שוין די בייזע שטים פונעם קאַפּאָ:

— אויסשטעלן זיך!

און ווידער מיט דעם זעלבן וועג. דאָס וועלדל פון רעכטס, די רויזן־קוסטעס פון לינקס, און איבער זיי א ווײַטער, פאַרצײַטיקער הימל. נאָר דאָס׳ אַלץ איז ניט פאר זיי. און קעדיי קיינער זאָל עפּעס ניט געניסן פון אָט די פאַרווערטע זאכן, הערן ניט אוף גרילצן אין די אויערן איין קאָמאנדע נאָך דער צווייטער:

— לויפן!

— לייגן זיך!

— פויזען!

— אופשטיין! לויפן!

און דער צווייטער גאנג איז פיל שווערער פונעם ערשטן, און דער דריטער פיל שווערער פונעם צווייטן. און עס מוז אופקומען און רײַף ווערן דער געדאנק בא אים און בא אַלעמען: אויב דו ווילסט אויך דאָס צווייטע מאָל און דאָס דריטע מאָל ארופקומען א לעבעדיקער, דארפסטו האָבן אין זינען ניט נאָר זיך, מוזט האַלטן די אויגן אָפן און זען דעם, וואָס גייט באַנאנד. און אויב ער האַלט בא כאַלעשן, לאָז אים ניט פאלן. ווײַל אויב ער פאלט, וועט ער אומוואַלגערן און מיטשלעפּן מיט זיך נאָך עטלעכע. און זאָל דער טויט דיר דאָס טויזנטע מאָל זיך מאָלן, ווי דאָס סאַמע געגאַרטסטע, און ווי ס׳זאָל זיך דיר ניט וועלן זאָגן צו זיך, אז איך קאָן מער ניט, רײַס זיך אַליין בא די האָר, צי זיך בא די אויערן און שרײַ אַף זיך, ווי דער סאַמע ערגסטער קאַפּאָ:

— דו קאָנסט, דו קאָנסט!

ווײַל פון דעם הענגט אָפּ ניט נאָר דײַן לעבן. און דו טאָרסט ניט ווערן קיין זעלבסט־מערדער. ווײַל גראָד דאָס ווילן דאָך די אופזעערס — עס זאָל יעדעס מאָל וואָס מערער בלײַבן ליגן אָפן טויט־לייטער, ווײַל טויט איז דאָך דער העכסטער צײַגער פון זייער ארבעט, ווען די אויוונס זײַנען פעסט באַזאָרגט מיט הייצונג אַף א לענגערער צײַט.

זיי האָבן געארבעט א קײַלעכיקן מעסלעס, די קרעמאַטאָרי־אויוונס, און פון זייערע הויכע קוימענס, ווי פון העלדזער פון ניט־ערדישע סטראַשידלעס האָט אָן אופהער ארויסגעזעצט א געדיכטער רויך, וואָס האָט פארשווארצט דעם הימל און אוועקגערויבט בא דער ארומיקער לופט איר געוויינלעכן רייעך און זויבערקײַט, געמאַכט זי טשאַדענדיק־געדיכטלעך און אָנגעפילט מיט יענעם שטיקנדיקן סאַם, מיט יענעם עסעדיקן געשטאַנק פון געבראָטן פלייש און ביינערנעם אש. דאָס האָט, כּוץ אַלעמען, געדארפט יעדערן דערמאָנען, ווי קורץ ס׳איז דאָ דאָס מענטשלעכע לעבן און ווי נאָענט איז דאָ זייער אומפארמײַדלעכער סאָף.

זיי זײַנען שטענדיק הונגעריק, די אויוונס־מענטשנפרעסער, און זיי זײַנען ניט איבער־קלײַבעריש. זיי פארדײַען אַלץ. דערשאָסענע און דערטרונקענע, דערשטיקטע און צעמאַזיקטע. און אויך די, וואָס זײַנען געבליבן ליגן אַף די טרעפּ פונעם טויט־לייטער, און אויך די, וואָס זײַנען אראָפּגעפלויגן פון דער פאַראַשוטיסטן־וואַנט, און אויך די, וואָס בלײַבן יעדע נאַכט ליגן אַף די נאַרעס און קאָנען זיך שוין ניט אופהייבן.

דערפאַר זײַנען אַלע צופרידן, סײַ די עסעסאָווצעס, סײַ די אויוונס, ווען עס קומט פון ערגעץ אָן א נײַע גרופּע אסירים און אין דעם באַגלייטונגס־פּאַקעט איז אָנגעשריבן: גלײַך אין די אויוונס. דאַן ברענען די אויוונס מיט גאָר אַן אנדער פײַער. פון די קוימענס שפּריצן ניט בלויז קיין שיטערע פונקען, נאָר אַן עמעסער פלאַם, א שווארץ־רויטער פלאַם, וואָס פארציט דעם גאַנצן ארום מיט א גרויליקער רויטקײַט. און עס שמעקט דאַן שטארק מיט געבראָטן פלייש.

מערסטנטייל זײַנען דאָס געווען ייִדן.

פאַר ייִדן איז דאָ געווען א באַזונדערער קלאַל.

ייִדן האָבן דאָ געלעבט ניט מער פון דרײַ טעג.

ערגעץ אין די וויסטע פינצטערנישן פון די מויכעס פון די עסעס־לײַט זײַנען יעדן טאָג אופגעקומען, אויסגעשלײַפט געוואָרן נײַע מיטלען, אז דער, וואָס קומט אַהער, אין מאָוטהאַוזן, זאָל וואָס גיכער פארלירן, אָנווערן דעם לעבנסווילן, אָנווערן אפילע די שוץ־אינסטינקטן פון יעדער באַשעפעניש און זאָל אַליין פארקירצן פאר זיך דעם וועג צום קרעמאַטאָרי. דערצו האָט יעדערער פון די עסעסאָווצעס געהאַט זײַנע באַזונדערע נייגונגען.

דער שווערגופּיקער סטאַרשינאַ אַדאָלף שטומפּ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיך געמוטשעט מיט אַן אָדישקע, האָט ליב געהאַט דערטרינקען זײַן קאָרבן אין א פעסל וואַסער. אָט אַזוי, אײַנמיטנדערינען, א כאַפּ טאָן עמעצן, ארײַנשטעקן דעם קאָפּ אין פאַס וואַסער און האַלטן אים פאַר די פיס, ביז דאָס וואַסער וועט אָנהייבן בולבען זיך און די פיס וועלן זיך אַליין פאַר־בייגן. אין דער מינוט האָט שטומפּ צופרידן א סאָפּע געטאָן, און אים האָט זיך געדוכט, אז די אָדישקע האָט אים אַף א ווײַלע אָפּגעלאָזט.

דער קאַפּאָ אָטאָ ליִנצער האָט געקאָנט גלאַט אַזוי אומוואַלגערן דעם, אַף וועמען ער האָט געוואָרפן אַן אויג, און אַ שטעל טאָן זײַן שווערן שטיוול אַפּן האַלדז, קוועטשן און דישען אַזוי לאַנג, ביז יענער וועט אופהערן צו כאָרכלען און אַ דריגע טאָן מיט די פיס. געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט פּאַשעט שיסן. נאָר בײַ דער מערהײַט עסעס־לײַט האָט דאָס אויסגעזען שוין צו אַלטמאָדיש, אַ ביסל באַנאַל און האָט ניט געקאָנט אַרויסרופן בײַ זיי יענע שאַרפע עמאָציעס, אַף וועלכע זיי האָבן געוואַרט.

די אַלע מיטלען זײַנען געווען צו וואָכעדיקע. אַ יאָמטעוו איז געווען פאַר זיי דאָס הענגען. ערשטנס, איז דאָס געווען ניט קיין אינדיווידועלע אַקציע, נאָר אַ קאָלעקטיווע, אַן אַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן לויטן באַפעל און אורטייל פונעם לאַגערפירער פאַר די, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט, מיט עפּעס געבראָכן די קלאַלים פונעם לאַגער־רעזשים. די שולד האָט געקאָנט זײַן אַ פאַרשיידענע: ניט אָראָפּגעכאַפּט דאָס היטל צו דער צײַט, ניט געשטאַנען אין ריי ווי עס דאַרף צו זײַן, אָדער גלאַט אַזוי מיט ניט געטוג אָפּשײַ, ערע און פּאַרכטיקײַט אַ קוק געטאָן אַן עסעסאָווצע אין די אויגן. די אורטיילן זײַנען אויסגעפּילט געוואָרן זונטיק לויט אַ באַשטימטער, פעסט אײַנגעשטעלטער צערעמאָניע. אַלע לאַגערניקעס שטייען אויסגעשטעלט אַפּן אַפּעל־פּלאַץ, און די פאַרמישפּעטע פירט מען צו דער טליִע אין דער באַגלייטונג פון אָרקעסטער. עס גייען איבערן פּלאַץ, צו פיר אין אַ ריי, באַוווסטע פידלער און וויאָלאָנטשעליסטן, די, וואָס זײַנען ניט לאַנג צוריק אַרויסגעטראָטן אין די ערשטקלאַסיקע ווינער קאָנצערט־זאַלן, זײַנען געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, און שפּילן אויס שאָפּענס מאַרשן, שטראַוסעס וואַלסן אָדער גאָר דעם ניגן פונעם פרײלעכן רוסישן לידעלע:

Ах, попалась птичка, стой!

אַ פאַרווײַלונג פון העכסטן גראַד, וואָס האָט זיך געדאַרפט פאַרגעדענקען אַלע לאַגערניקעס אַף דער גאַנצער וואָך. ביזן קומענדיקן זונטיק.

וועמעס ריי וועט דאַן זײַן?

און צווישן די הונדערטער פאַרשיידענע טויטן, וואָס כאַזערן זיך איבער יעדן טאָג, יעדע שאָ, יעדע מינוט, ווי דער הייזעריקער קלאַנג פון די לאַגער־גלעקער, ווי די בייזע אויסגעשריי פון די קאַפּאָס, בלאָקנפירער, שטובעדינסטן און עסעסאָווצעס, ווי די שיטערע באַלאַנדע פון דער פוילער ברוקווע, וואָס דאַרף פאַרבײַטן אַלע מײַכאָלים אין דער וועלט, איז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע געווען — דאָס אופהייבן זיך אַרויף פון די שטיינברוכן מיט די שטיינער אַף די פּלייצעס. דער סאַמע דויערנדיקסטער גויסעס און דער סאַמע שווערסטער און שרעקלעכסטער טויט, ווײַל ער האָט זייער אָפט זיך געמאַלט, ווי דער סאַמע געגאַרטער, ווײַל נאָך אַלעמען, האָט הערשל דאָך געוווּסט, אַז אַף דעם צעטל, מיט וועלכן מע האָט זיי געבראַכט אַהער פון דאַכאַו, איז אָנגעשריבן „דאָס אומקערן זיך איז ניט געווונטשן“. דאָס איז געווען אַ געהיימער און שטומער טויט־אורטייל, וואָס האָט געקאָנט אויסגעפּילט ווערן יעדן טאָג.

און דאָך...

נאָך דעם, ווי מע האָט אים אַריבערגעפירט פון דער שטראָף־קאָמאַנדע אַף אַנדערע אַרבעטן, איז אים אַליין שווער געווען אויסרעכענען די צײַט און גלייבן, אַז אַזוינס האָט געקאָנט מעגלעך זײַן.

צען כאָדאָשים!

צען כאָדאָשים! דרײַ הונדערט טעג! פינף מאָל איך טאָג אַראָפּ און אַרויף! אַנדערהאַלבן טויזנט מאָל אַראָפּלויפן צו דײַן אייגענעם קייווער און אַנדערהאַלבן טויזנט מאָל זיך אופהייבן אַרויף מיטן פינפפודיקן מאַלכאַמאָוועס אַף די פּלייצעס.

וויפל טויטן קאָן עס איבערלעבן אַ מענטש!

## קאָניוגישער בילעט נומער 11865128

צו יענער צײַט, ווען הערשל האָט זיך באַגעגנט מיט אַלעקסען, איז ער שוין דאָ געווען אַ טוישעוו. ער האָט שוין גוט געוווּסט אַלע געגנג, אַלע שפּיצלעך פון די שטובעדינסטן, קאַפּאָס, בלאָקנפירער און ראַפּאָרטפירער, געוווּסט זייערע כאַראַקטערס און נייגונגען און באַזונדערס די פאַרשיידענע טויטן, מיט וועלכע יעדער איינער פון זיי האָט ליב געהאַט פאַרווײַלן זיך.

ער האָט דאָ טאָג נאָך טאָג זיך געראַנגלט מיטן מאַלכאַמאָוועס שוין ניט נאָר פאַר זיך אַליין. נאָר פאַר פיל אַנדערע, באַקענטע און אומבאַקענטע, לויטן אופטראַג פון דער אָנפירונג פון סאָוועטישן אונטערערד. ער אַליין איז שוין געווען אַ טייל פון אים און ניט איין מאָל געדאַרפט עמעצן אײַנרוימען אין אויער: — האַלט זיך, מיר וועלן אײַך העלפן.

און ניט איין מאָל איַינגעשטעלט דאָס לעבן אַף אויספילן אָט דעם הייליקן געבאָט פון אונטערערד. נאָר גראַד אַלעקסען האָט ער ניט באַוויזן צו העלפן מיט עפּעס.

— עך, אַלעקסאַ, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געפאָלגט? א פּאָר טעג געווען אויסהאַלטן! וואָלטן מיר דיך ווי־ניט־איז אַריבערגעשלעפּט צו זיך. און ס'וואָלט דיר שוין געווען א סאַך גרינגער.

נאָר אַלעקסען האָט מען געבראַכט אַהער צו שפּעט. דאַן, ווען דאָס לעצטע ביסל מוט איז שוין אויסגעשעפּט און דער מענטש איז שוין א פאַרטיקער מעס. דעם צווייטן פאַרנאַכט האָט מען געבראַכט אַלעקסען א צעמאַזיקטן, א פאַרגאָסענעם מיט אייגענעם בלוט. ער האָט נאָך געדעכעט, אַלעקסאַ, קוים־קוים געדעכעט, אָבער קיין קאַפּעטשקעלע באַוווסטזיַין שוין ניט פאַרמאָגט. האָט הערשל געקאָנט בלויז שטיל, אין זיך, קוים איַינהאַלטנדיק אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסשריַיען, אָפּגעזעגענען זיך מיט אים און צוקוקן, ווי מע טראָגט אים אַוועק נאָך א זיפּענדיקן אַהין, צום קרעמאַטאָרי. ווייסט ער ניט, וואָס איז מיט אים געשען. צי האָט ער אויוועך געווען אַף עפּעס א לאַוו, צי האָט ער זיך פאַרקוקט און ניט באַמערקט דעם קאַפּאָ הינטער זיך, צי עפּשער ניט אויסגעהאַלטן און א זאָג געטאָן עפּעס אַזוינס... אַז א מענטש זוכט אַליין דעם טויט!

— עך, אַלעקסאַ, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געפאָלגט, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, דיך געוואָרנט!

און טאַקע איבער אַלעקסען האָט הערשל נאָך מערער אָנגעהויבן היטן זיך פון צופעליקע באַגעגענישן און זעלטן ווען צוגעקומען צו די לאַגער־טויערן, ווען עס איז אָנגעקומען א ניַיע קאָלאָנע. אָט האָט אים דאָך אַלעקסאַ דערקענט. און אויב עס וועט אים דערקענען אַזאַ, וואָס וועט גליַיך מעלדן וועגן אים, ווייסט ער דאָך — יידן לעבן דאָ ניט מערער ווי דריַי טעג.

נאָר יענעם פאַרנאַכט איז צעפויקט געוואָרן די ידיעה, אַז באַלד דאַרף געבראַכט ווערן אַהער א גרויסע גרופּע קינדער, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. ערשטנס, פאַר קינדער האָט ער ניט וואָס מוירע צו האָבן, און, צווייטנס, קינדער! וואָס הייסט קינדער?

זיי האָבן אַריַינגעמאַרשירט דורך די לאַגער־טויערן מיט יענע שלאַבעריקע, אומזיכערע טריט, וואָס זיַינען אַזוי אַלעמען באַקאַנט. יענע שוואַכע, אונטערציטערנדיקע טריט פון פאַר־שמאַכטע באַשעפענישן, טריט, וואָס ווערן אַרויסגעריסן בא זיך אַליין מיט די לעצטע קויכעס און האַלטן אין איין שקראַבען די ערד. נאָר די טריט פון דער גרופּע זיַינען געווען אומגע־וויינלעך שטילע, און די ערד, דער אַספאַלט אַפילע האָט ניט געהאַט מיט וואָס אָפּצוענטפערן אַף זיי. דינינקע פיסעלעך האָבן געטראָגן אַף זיך לופטיק־גרינגע, קימאַט אָנוואָגיקע קערפּער־לעך. קליינינקע מענטשעלעך, קינדערש־זקייניש, מיט ביז גאָר פיצינקע הענטעלעך און פּי־סעלעך. און די פּנעמלעך זייערע זיַינען געווען אַזעלכע פאַרוויאַנעטע, איַינגעטריקנטע, אַז ס'איז שווער געווען פאַרשטיין: בא וואָס האַלטן זיך די שפּיציקע נעזלעך, די אַראָפּהענגענדיקע אויערלעך, און פונוואַנען קוקן עס אַרויס די אַרומבלאָנדזענדיקע, אויסגעלאָשענע אייגעלעך, קוקן אַרום זייער ניַי אָרט מיט יענעם שרעקעוודיקן גליַיכגילט, מיט יענעם געוויינלעכן פּלאַ־טער און אומגעוויינלעכער, אומויסדריקלעכער פּיַין.

הערשל איז געשטאַנען צווישן א גרופּע לאַגערניקעס און איַינגעקוקט זיך אין די עטע־מענדיקע סקעלעטלעך, וואָס האָבן געדאַרפט דורכמאַכן די אַלע אָפּקומענישן, וואָס יעדער ניַיע גרופּע דאַרף דורכמאַכן.

אַלץ איז געווען בא זיי, ווי בא דערוואַקסענע קאַצעטניקעס. פריִער א לאַנגער וועג אין שטיקנדיקע ענגע וואַגאָנעס, דערנאָך די עטלעכע קילאָמעטער צופוס פון דער סטאַנציע אַהער. ערשט איצט וועלן זיי דאַרפן אָפּשטיין אַפן אַפּעל־פּלאַץ א פּאָר שאָ, פאַרשמאַכטע, הונגעריקע און דערפרוירענע, אַזוי, אַז זיי זאָלן דערנאָך ניט וויסן און ניט פאַרשטיין, וווהין מע פירט זיי. צי טאַקע אין באָד אַריַין, צי אין די גאַז־קאַמערס.

ס'איז שווער געווען פעסטשטעלן זייער עלטער. זיי האָבן אויסגעזען, ווי צעניאָריקע, און האָבן זיך מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט אויך פון אַזעלכע פּופּציקיאָריקע זקיינים.

שוין צוגעוווינטע צו אַלץ, צו וואָס א מענטש קאָן, דוכט זיך, ניט געוווינט ווערן, זיַינען זיי געשטאַנען, די אַלטע טוישווים, פול מיט שרעק פאַר דעם, וואָס קאָן באַלד פּאָרקומען. אַף זייערע אויסגעצערטע, פאַרקוילטע פּנעמער מיט די שפּיציק־אַרויסשפּאַרנדיקע קינבאַקן איז געווען איין פראַגע, שטומערהייט אויסגעדריקט פאַר זיך און פאַר אַלעמען, אַף רוסיש און דיַיטש, אַף פראַנצויזיש און טשעכיש, אַף יוגאָסלאַוויש און פויליש, און... יאָ, טיף, טיף פאַר־באָרגן אין זיך — אַף יידיש:

— צי דען? אָט די ברעקלעך אויך? גליַיך אין קרעמאַטאָרי?

אפּאָנעם, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ווײַל גלײַך נאָך דעם, ווי הערשל האָט באַוויזן אַ טראַכט טאָן וועגן דעם אַף ייִדיש, האָט סאַשע דאָס זעלבע אים אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער אַף רוסיש:

— וואַסיאַ... אָט די ברעקלעך?

הערשל־וואַסיאַ איז אַרומגעלאָפֿן מיטן בליק פֿון איין סקעלעטל צום צווייטן, גלײַך ער האָט אַפּאַנעמעסן געמיינט אָפּזוכן צווישן זיי אַ באַקענט יאַטל. ער ווייסט אַליין ניט, פֿאַרוואָס האָט ער לענגער זיך אָפּגעשטעלט אַף איינעם פֿון זיי. מעגלעך, איבער די אויגן. אין די אויגן זײַנע איז געווען אַזויפֿיל באַקענטס, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אים שוין ערגעץ באַגעגנט. אַמאָל, אַמאָל, צי עפּשער גאָר ניט לאַנג. די קינדערשע אויגן האָבן אַרויסגע־שטראַלט, ווי אַרויסגערעדט מיט אַזויפֿיל פֿאַרשטאַנד פֿון אַ דערוואַקסענעם, מיט פֿאַרשטאַנד, מיט פּײַן, מיט עפּעס אַנטשיידנדיקס און מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז שווער געווען פֿאַרשטיין, אַזוינס, וואָס קומט אויף בײַ אַ מענטשן אין זײַנע לעצטע מינוטן. עפּעס אַזוינס, געזעגענענדיקס. און ער זוכט, יענער מענטש, עמעצן, ער זאָל אים קאָנען אַרויסזאָגן זײַנע לעצטע ווערטער, זײַן ווידע. זײַן צוואָע. מעגלעך דערפֿאַר, וואָס דאָס יאַטל האָט באַמערקט אַף זיך הערשלס לאַנגן דורכדרינגענדיקן בליק, אָדער עפּשער דערפֿאַר, וואָס ער איז געשטאַנען זייער נאָענט לעבן אים, האָט יענער אַראָפּגעלאָזט ווי פֿאַרלוירן אַ קליינינק פּעקעלע, אַן אַלט אָפּגעריבן ברילן־פּעקעלע, און בעטנדיק אַ ווונק געטאָן צו אים.

הערשל האָט צוערשט זיך אַרומגעקוקט, צי שטייט דאָ ניט דערבײַ עפּעס אַן עסעסאָוועץ, דערנאָך ערשט פֿריִער אַ שאַר געטאָן דאָס פּעקעלע מיט די פֿיס צו זיך, אַפּגיך זיך אָנגעבויגן, אַ כאַפּ געטאָן עס און אַרײַנגערוקט אין קעשענע. אַן אונטערגעיאָגטער מיט יענעם לאַנג־אויסגעאַרבעטן שוץ־אינסטינקט, האָט ער זיך אַרײַנגערוקט אַ ביסל טיפֿער צווישן די אַסירים. ווײַל וואָס עס זאָל ניט ליגן אין פּעקעלע, איז דאָס איצט אַ סאָד, זײַן אייגענער סאָד, און אַ קוק פֿון עפּעס אַ בייז אויג קאָן קאָסטן זייער טײַער. דאָך אַוועקגיין פֿונעם אַפּעל־פּלאַץ איז קיינער ניט געווען בעקויעך, ער, הערשל, אויך ניט. מע האָט געמוזט פֿריִער אויסקלאָרן דעם גורל פֿון דער קינדער־גרופּע. און ווען מע האָט זיי ענדלעך אַוועקגעפֿירט אין באָד אַרײַן, אין יענער געבײַדע, וואָס איז געווען סײַ אַ באָד, סײַ אַ גאַז־קאַמער, און ווען די ערשטע גרופּע איז אַרויס פֿון דאָרטן אַ לעבעדיקע און אונטער אַ פֿאַרשטאַרקטער וואַך אַוועקגעפֿירט געוואָרן אין קאַראַנטין־בלאָק, האָבן אַלע פֿרײַער אָפּגעעטעמט און אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין זיך.

ערשט דאַן, ווען הערשל האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אַף זײַן געלעגער, האָט ער זיך אַוועק־געלייגט אַפֿן בויך, אַרויסגעשלעפּט פֿון דער קעשענע דאָס ברילן־פּעקעלע און פּאַמעלעך, עס זאָל ניט אַרויסשפּרינגען פֿון דאָרטן ווער ווייסט וואָס, דאָס געעפֿנט, און אַרויסבאַקומען פֿון דאָרטן...

אַ קאָמיוגישן בילעט!

אַן עמעסדיקן קאָמיוגישן בילעט!

ער האָט אַ בלענד געטאָן די אויגן, דער אומגעווײנלעכער בילעט, געבלענדט און גע־וואַרעמט מיט עפּעס אַ פֿיבערדיקער וואַרעמקײַט, פֿון וועלכער עס האָט אינגיכן זיך געמוזט אָנהייבן אַ בראָטנדיקע היץ. די אויסיִעס זײַנען געשפּרונגען פֿאַר די אויגן, געווײנלעכע רו־סישע אויסיִעס, וואָס האָבן איצט אויסגעזען, ווי לעבעדיקע באַשעפֿענישן, אַרײַנגעפֿלויגענע אַהער פֿון יענע ווײַטע, אומבאַגרײַפֿלעך־ווײַטע און אומבאַגרײַפֿלעך־אייגענע קאַנטן. ווער זשע זײַנט איר, ליבע און טײַערע רוסישע אויסיִעס?

קאָמיוגישער בילעט נומער 11865128
לעאָניד רודענקאָ.
געבוירן אין 1925 יאָר.
אין קאָמיוג אַרײַנגעטראָטן אין 1940־טן.
דעם בילעט האָט אַרויסגעגעבן דער קראַסנאָסולינסקער שטאָטקאָם פֿון
קאָמיוג, ראָסטאָווער געגנט.

לעאָניד רודענקאָ. ליאָניע, הייסט עס... נו, נו, וואָס נאָך קאָנסטו דערציילן וועגן זיך, ליאָ־ניע? אַ מיש געטאָן די בלעטלעך, ווי זוכנדיק אַן ענטפֿער אַף דעם שלאַל פֿראַגן, וואָס זײַנען מיטאַמאָל אויפֿגעקומען. נייַן, אַף קיין סאַך פֿראַגן האָט דער בילעט ענטפֿערן ניט געקאָנט. איין זאַך איז יאָ קלאָר געוואָרן, אַז דאָס קינדערשע סקעלעטל איז אַלט ניט קיין צוועלף און ניט אַפֿילע קיין זיבעצן יאָר, נאָר שוין אַלע אַכצן. און נאָך אַ זאַך: מיטגליד־אָפּצאָל האָט ליאָניע אָפּגעצאָלט ביז אַווגוסט צוויי־און־פֿערציקסטן. וואָס זשע איז געשען מיט אים נאָך אַווגוסט צוויי־און־פֿערציקסטן? דורך וויפֿל טורמעס און לאַגערס, אויספֿאָרשונגען, אונטערזוכונגען און

טויטן האָט ער דורכגעטראָגן מיט זיך דעם קאַמיוגישן בילעט ביז מאָוטהאַוזען? און וואָס האָט ער אַזוינס דערפילט דאָ, היינטיקן אָוונט, וואָס ער האָט באַשטימט איבערגעבן דעם בילעט אין אַנדערע הענט? צי דען איז דאָס, וואָס ער, הערשל, האָט דערזוען אין זיינע אויגן, טאַקע געווען יענער ווידערבליק פון אַ מענטשן, וואָס האָט דערפילט זיין לעצטע שאָ? און דאָס האָט ער אים, הערשלען, איבערגעגעבן זיין צוואָע? נאָר דאָס זיינען געווען פראַגן, אויף וועלכע עס האָט געקאָנט ענטפערן בלויז ליאָניע אַליין. אויב, פאַרשטייט זיך, אָט דאָס זעקעלע מיטביינדעלעך וועט דאָ קאָנען לאַנג זיך האַלטן... נאָר ער מוז, ער מוז. און מע טאָר ניט דער־לאָזן! און ער, הערשל, וועט שוין טאָן אַלץ, אַז ליאָניע זאָל וואָס גיכער זיין צווישן זיי, אין זייער קאַמיוגישער גרופּע.

ביז איצט איז הערשלען נאָך קיינמאָל אַזוינס אפן זינען ניט געקומען. קאַמיוגישע גרופּע! און איצט האָבן די ווערטער אַ קלונג געטאָן אין אויער מיט הונדערטער דיבינקע גלעקעלעך. קאַמיוגישע גרופּע! און פאַרוואָס טאַקע ניט? ער, סאַשע און פּעטיע זיינען דאָך קאַמיוגיסטן! און איצט איז צוגעקומען ליאָניע! און זיי האָבן איצט באַ זיך אַן עמעסן, אַווירקלעכן קאַמיו־גישן בילעט! אין בילעט אויף אַלעמען!

דערווייל האָט הערשל געדאַרפט לייזן די סאַמע דרינגענדיקסטע אויפגאַבע: באַהאַלטן דעם בילעט אויף דעם סאַמע זיכערסטן אָרט אַזוי, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען, זאָל דער בילעט נאָך דער מילכאָמע קומען צו די לעבעדיקע, צו נייע דווירעס קאַמיוגיסטן און מעלדן וועגן ליאָניען, וועגן זייער קאָמוניסטישן, קאַמיוגישן, סאָוועטישן אונטערערד איך מאָוטהאַוזען און אין אַלע איבעריקע לאַגערס! אָט דאָס האָט דאָך ליאָניע געמיינט, ווען ער האָט אים אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעקעלע. אָט דאָס איז דאָך געוויס די צוואָע, וואָס ליאָניע האָט איבערגעגעבן אים, הערשלען! נאָר וואָס טראַכט ער נאָר וועגן בילעט? מע דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן ליאָניען אַליין, וועגן אַלע איבעריקע כעווערע. מע דאַרף אָנעמען אַלע מעגלעכע און אומעגלעכע מיטלען אויף ראַטעווען זיי. דאָס זיינען דאָך קינדער, יוגנט! און די מערהייט פון זיי געוויס קאַמיוגיסטן! און אויב מע האָט זיי געבראַכט אַהער!

— סאַשע, דו שלאָפסט? נאַ, טו נאָר אַ קוק! מע דאַרף אָנעמען אַלע מעגלעכע און אומעג־לעכע מיטלען! מאָרגן. אָבער טאַקע שוין מאָרגן!

## מעגלעכע און אומעגלעכע!..

קיין מעגלעכע מיטלען זיינען דאָ, אייגנטלעך, ניט געווען. זיי זיינען אַלע געווען אומעג־לעכע. אַלץ איז דאָ באַשטאַנען פון דורכויסיקע אומעגלעכקייטן. דאָס גאַנצע אומזיניקע, אומ־מענטשלעכע לעבן. און דאָך...

ווי אומזיניק עס זאָל ניט זיין אַלץ, וואָס האָט געלויערט אויף די אַסירים, ווי שטאַרק דער מענטשלעכער געדאַנק זאָל זיך ניט איינשפּאַרן, ניט קאָנען און ניט וועלן דאָס אופנעמען, מוז ער באַגרייפן דאָס אומבאַגרייפלעכע. ער מוז דורכלאָזן דורך זיינע געפילן, דורך זיינע גע־דאַנקען, דורך אַלע זיינע כושים דעם שווידער פון די פאַשיסטישע טויט־לאַגערס, אויב ער וויל, אַז אַזוינס זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן.

אומבאַגרייפלעך איז גראָד עפּעס אַנדערש. דער וווּנדער. וויאַזוי האָבן דאַן טויזנטער מענטשן דאָס אויסגעהאַלטן און געבליבן לעבן. אומבאַגרייפלעך איז אָט די מוירדישע קראַפט, וואָס איז אופגעקומען און מיט יעדן טאָג אָנגענומען אַלץ נייע קויכעס, אַריינגעגאָסן אין זיך אַלץ נייעם און נייעם מוט און יעדן טאָג, יעדע שאָ געפירט אַ פאַראַקשנטן געפעכט מיטן טויט.

און עפשער איז אָט דאָס סאַמע אומבאַגרייפלעכסטע גאָר ניט אַזוי אומבאַגרייפלעך? ווייל אָט די אַלע הונדערטער, טויזנטער אַסירים, וואָס זיינען צווויפגעטריבן געוואָרן אַהער פון גאַנץ אייראָפּע נאָך דעם, ווי מע האָט אויסגעפרוווט אויף זיי אַלע טויטן פון די דאַכאַוס און טרעבלינקעס, האָבן געהערט צו דעם אויסגעפרוווטסטן, פאַרהאַרטעוועטסטן, פאַראַקשנטסטן, גייסטפולן טייל פון דער מענטשהייט, פאַר וועמען די סאַמע שוידערלעכע צייט האָט אָפּגע־קליבן דעם העכסטן פּרווו אויף באַשטימען און פעסטשטעלן, וואָס זשע איז אַזוינס אַ מענטש און אויף וואָס איז ער פייִק, קעדיי דערווייזן און באַשטעטיקן זיין מענטשלעכקייט.

אַלץ, אַלץ איז דאָ געווען אומעגלעך.

קריגן, געפינען, צונויפזאַמלען אַ ביסל צוגאָב־פּראָדוקטן און אַריבערפעקלען עס, איבער־געבן די, וואָס ניטיקן זיך אין דעם אַמערסטנס — די שטראָפניקעס און די קראַנקע.

קריגן פאַר אַ שווער־קראַנקן עפּעס אַ רעפוּע, וואָס איז ביכלאַל געווען ניט צו קריגן, און שטעלן אים אַף די פיס, אויסמײַדנדיק דעם רעוויר, וואָס איז געווען דער סאַמע קירצ־סטער וועג אין קרעמאַטאָרי.

אָדער פאַרקערט. אוועקלייגן אַ געזונטן מענטשן אין רעוויר, ער זאָל איבערליגן די נייטיקע צײַט, ביז די געפאַר וועט דורך, ביז מע וועט פאַרגעסן אין אים...

איבערטאַסעווען די צעטלען פון די אַרבעט־בריגאַדעס אַזוי, אַז דער נייטיקער מענטש זאָל קענען אַוועק מיט דער נייטיקער בריגאַדע, אָפּזײַן דאָרט וויפל מע דאַרף און דערנאָך אַריבער אין אַ צווייטער.

און אַפילו אַזוינס, אַז אַ טויטער זאָל פאַרשריבן ווערן צווישן די לעבעדיקע, און פאַר־קערט, אַ לעבעדיקער, וואָס דאַרף מאָרגן אופגעהאַנגען ווערן, זאָל פאַרשריבן ווערן צווישן די טויטע.

אַלץ, אַלץ איז דאָ געווען אוממעגלעך. און דאָך... און דאָך איז דאָס אַלץ געווען.
דאָס האָט אָנגעהויבן אופקומען מיטן לאַגער אַליין, מיט די ערשטע אַסירים, וואָס האָבן געשאַפן, געבויט דעם לאַגער און געוואָרן זײַנע טוישווים, אופגעקומען און צעוואַקסן זיך, ברעכנדיק די אָפּגעזונדערטקייט, די איזאָלירטקייט פון פאַרשיידענע בלאָקן, וואָס איז באַשטאַ־נען ניט בלויז אין די שטעכדראָטן און שטרענגער באַוואַכונג, נאָר אויך אין די שפּראַך־באַר־יערן. נאָר פאַראַן דאָך אַף דער וועלט דאָס עכט־מענטשלעכע, וואָס ווערט אויסגעדריקט אַלציינס סײַ אַף רוסיש, סײַ אַף דײַטש, סײַ אַף פראַנצויזיש, סײַ אַף פּויליש, סײַ אַף טשעכיש, סײַ אַף יוגאָסלאַוויש און סײַ אַף יידיש.

די לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט ניט געקאָנט באַזאָרגן אַלע קלענסטע פּאָסטן מיט אירע אייגענע מענטשן. האָבן ביסלעכווײַז אָנגעהויבן דורכדרינגען אין די קאַנצעלאַריעס, קיכן און בעקערײַען, וואַרשטאַטן און סקלאַדן, אין די רעווירן, צווישן די סאַניטאַרן און קאַפּאָס־קאַ־צעטלער פון יענע ערשטע, פון די, וואָס האָבן דאָ געהאַט דעם גרעסטן סטאַזש, די קלענסטע נומערן און וועלכע האָבן אויסגעזען דער אַדמיניסטראַציע פאַר אַמערסטנס שטילע, געהאָרכ־זאַמע, פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן באַוויזן אײַנכאַזערן, אײַנלעבן זיך אינעם לאַגער־רעזשים, אופנעמען אים פאַר אָט דער נײַער אָרדענונג, וואָס איז באַשטימט פאַר זיי אַפן גאַנצן לעבן.

קעגן דעם איז די אַדמיניסטראַציע געווען קימאַט מאַכטלאָז. דאָס איז געווען אַ באַזונדער מילכאָמע, אַ באַזונדערער פראָנט. אונטער דעם הויכן שטיינערנעם פּלויט, אַרומגערינגלטע מיט עלעקטרישע שטעכדראָטן, אונטער די הויכע וואַכטורעמס, מיט די רערן פון די קוילנ־וואַרפער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע, אַף גאָר אַן ענג שטיקל פלאַץ אָנגע־טיצקעט מיט בלאָקן, רעווירן, גאַז־קאַמערס און קרעמאַטאָריעס, אָנגעשפּיקעוועט מיט הענקער און היצלעס, מערדער און אויסוווּרפן, האָט טאָג און נאַכט, פונקט ווי איבער דער גאַנצער וועלט אַף די טויזנטקילאָמעטערדיקע פראָנטן, זיך געפירט אַ פאַרביטערטער און אַקשאָנעס־דיקער קאַמף צווישן צוויי קעגנזעצלעכע קויכעס אַף דער ערד.

מענטשלעכקייט — קעגן מענטשן־האַס.
מעסירעסנעפעשדיקייט — קעגן רעציכעס.
מוטיקייט — קעגן פּאַכדאָנעס.
הומאַניזם — קעגן אַכזאָריעס.
גלויבן — קעגן ייִעש.
ערלעכקייט — קעגן פאַרעטערײַ.
לעבן — קעגן טויט.

די געלערנטע האָבן נאָך ניט באַוויזן דערקלערן זיך צו יענע ריין־וויסנשאַפטלעכע קאַ־טעגאָריעס פון מאַטעריע און אַנטימאַטעריע, פון וועלט און אַנטיוועלט, נאָר אין טאָך פון יענעם טאָגטעגלעכן גערעגל אינעם טויט־לאַגער זײַנען שוין געווען יענע מענטשלעכע, פּאַ־שעט מענטשלעכע באַגריפן.

מענטש — קעגן אַנטימענטש.
וועלט — קעגן אַנטיוועלט.
אַלץ איז דאָ געווען אוממעגלעך, אַלץ אומבאַגרײַפלעך...
און דאָך...

זיי זײַנען געווען פעסט אײַנגעקלעמט אינעם צווייטן, מיט זייערע אויסגעדאַרטע לײַבער, מיט זייערע אַרויסשפּאַרנדיקע ביינער, מיט זייערע יאַטערנדיקע ווונדן און פאַרטײַעטן אָטעם. נאָך אַ לאַנגער צײַט, אַ צײַט, וועלכע ס'איז אוממעגלעך אויסרעכענען, ווײַל אַף דער

פּלאַנעטע פון טויט מעסט זיך די צײַט מיט גאָר אנדערע מאָסן, נאָך אזא אומגעהייער לאנגער צײַט. וואָס וואָלט אַף זייער ערד ניט אײַנגעמאָסטעט זיך אין פיל יאָרצענדליקער, האָבן זיי זיך געפילט גליקלעך. אויב נאָר מע קאָן אָט דאָ־אָ, אין אָט דעם גענעם צווישן גענעמס, געפינען כאָטש עפּעס־וואָס אַף ארויסברענגען אָט דאָס וואָרט.

און דאָך...

פינף קאָמיוגיסטן!

א קאָמיוגישע גרופּע!

סאשע פּערטשענקאָ,

ליאָניע רודענקאָ,

וויטיע אָסאָקין.

וואסיע קאָלמאקאָוו.

וואסילי סאפּאָזשניקאָוו.

און ער, הערשל־וואסיל איז געווען דער קאָמסאָרג.

זײַנען זיי געלעגן אײַנגעקלעמערט איינער אינעם אנדערן און געפילט זיך פיל שטאַרקער, גלײַך יעדנס ביסעלע קויכעס איז צונויפגעגאָסן געוואָרן אין איין גוף. און זייערע פינף אָפּגעשוואכטע הערצער האָבן זיך איצט געקלאַפּט א סאך מעכטיקער און הילכיקער. ווי איין גרויס הארץ. און א בילעט האָבן זיי אויך געהאט. איין קאָמיוגישן בילעט אַף אלע פינף. און דאָס האָט זיי אוואדע געמאכט פיל שטארקער.

דאָס איז שוין געווען אַן איניען פונעם סאָוועטישן אונטערערדישן צענטער, וויאזוי אײַנאָרדענען די כעוורע צווישן אייגענע מענטשן אזוי, אז זיי זאָלן ווי ווײַט מעגלעך געראטעוועט ווערן און געשטעלט ווערן אַף די פיס. און מאכן אזוי, אז זיי זאָלן אויסמײַדן דעם ערשטן, סאמע שווערסטן עטאפּ, דאָס ארופטראָגן די שווערע שטיינער פון די שטיינברוכן, ווײַל דאָס וואָלט געווען פאר זיי זיכערער טויט. הערשלען מיט סאשען זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן עטלעכע כעוורע, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען ליאָניע רודענקאָ. ווײַל זײַן בילעט איז געווען בא זיי. און דער באפעל פונעם צענטער איז געווען א קאטעגאָרישער: וואָס גיכער אויסלערנען די נײַע כעוורע, וויאזוי מע דארף דאָ ארבעטן, אויסלערנען זיי לעבן. זיי בײדע, הערשל מיט סאשען, טראָגן די פולע פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן לעבן פון די כעוורע. און ער, הערשל, ווערט באשטימט אלס קאָמסאָרג פון דער גרופּע.

עס רעדט זיך אזוי, קאָמסאָרג.

און דאָך...

די ערשטע פארזאמלונג איז געווען געווידמעט דער פראגע, וויאזוי אָפּהיטן דעם קאָמיוגישן בילעט. ווײַל דער בילעט איז איצט ניט בלויז ליאָניעס, נאָר זייער אלעמענס. און זיי אלע טראָגן פאר אים די פאראנטוואָרטלעכקײַט. פארן גאנצן קאָמיוג, פאר דער געשיכטע. און מע דארף אים אויסבאהאלטן אזוי, אז קיין שום בייז אויג זאָל אים ניט שאטן. און אויך אזוי, אז ער זאָל שטענדיק זײַן אונטער דער האנט, מע זאָל בא דער מינדסטער געלעגנהײַט אים ארויסבאקומען, א נעם טאָן אין די הענט אָדער גלאט אזוי א קוק טאָן אַף אים. ווײַל דאָס אליין איז אויך גענוג.

עס רעדט זיך אזוי פארזאמלונגען.

און דאָך...

דערנאָך זײַנען געווען פארזאמלונגען, אַף וועלכע יעדערער האָט געדארפט אָפּגעבן א באריכט וועגן זיך אליין, וועגן אלץ, וואָס מיט אים האָט פּאסירט.

ליאָניעס באריכט איז געווען זייער א לאנגער און האָט פארנומען א גאנצע פארזאמלונג.

זיבן קלאסן און פופצן יאָר — דאָס איז געווען אלץ, וואָס ליאָניע האָט פארמאָגט, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. יאָ, דערצו האָט ער נאָך פארמאָגט א נײַיִנקן קאָמיוגישן בילעט. געוויס איז דאָס געווען דאָס סאמע וויכטיקסטע. די ערשטע מילכאָמע־טעג האָבן אים אָפּגעסמאליעט, ווי יענער סוכאָווײ, וואָס טוט א פלי אָן סאמע דאן, ווען די זאנגען הייבן ערשט אָן אָנגיסן זיך. ער האָט מיטאמאָל זיך דערפילט מיט עטלעכע יאָר עלטער, פול מיט אכרײַעס, פול מיט זאָרג. ווײַל — ערשט עטלעכע כאדאָשים אין קאָמיוג און שוין געמוזט ווערן סעקרעטאר פון דער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע אין שול. און נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אין אכטן קלאס, האָט ער געמוזט ווערן א טראקטאָריסט. געמוזט אויסלערנען זיך די מעלאָכע פאר עטלעכע טעג. א פּרווו געטאָן, ווי מע לאָזט דעם טראקטאָר, ווי מע שמירט אים אָן, ווי מע גיסט אָן ברענשטאָף און ווי מע דארף האלטן דעם רודער אין די הענט. דאָס איבעריקע האָט אים שוין געדארפט אונטערזאָגן דער טראקטאָר אליין. קיין אנדער ברייִרע איז דאן ניט געווען. די טראקטאָריסטן, וואָס זײַנען אוועק אפן פראָנט, האָבן געהאט

ניט מערער צײַט אף ווערן טאנקיסטן, די אלע מאָביליזירטע האָבן אויך קיין צײַט ניט געהאט לערנען זיך, ווי פירן א שלאכט, די מילכאָמע אליין האָט זיי געדארפט אויסלערנען. ווו זשע זאָל ער געווען נעמען צײַט אף לערנען זיך, ווען דער טראקטאָר איז געשטאנען? און וואָס וועט זײַן איבעראיאָר? דעם קומענדיקן זומער וועלן געוויס אויספעלן ניט וויניק קאָמבײַנערן. סאָף יון צוויי־און־פערציקסטן, ווען ער האָט פארענדיקט דעם אכטן קלאס, איז ער שוין געווען א פארטיקער קאָמבײַנער.

אָט אזוי, א דארלעכער שילער מיט א פארסמאליעט פּאָנעם, מיט יאטרענדיקע בלאָטערלעך, פון וועלכע ס'האָבן ערשט געדארפט אופקומען עמעסע מאָזאָליעס, מיט הענט נאָך גאָר שוואכינקע, זיי זאָלן קאָנען שאָענווײַז האלטן דעם הייבער, האָט ליאָניע צו אלץ געמוזט צוגעבן א סאך אייגענע אקשאָנעס. ווײַל — מילכאָמע!

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט, האָט ער שוין געפירט דעם קאָמבײַן, ווי אן עכטער מײַסטער. ער איז ניט אראָפּ פונעם קאָמבײַן ניט באטאָג און ניט באנאכט. ניט דאן, ווען דער פראָנט איז נאָך געווען ווײַט, און ניט דאן, ווען מיט יעדן טאָג האָבן אלץ דײַטלעכער זיך דערטראָגן אהער די קנאלן פון די הארמאטן און ס'איז אלץ געוואקסן דער אומרו, די פּרעסנדיקע שרעק פאר דעם, וואָס עס קאָן געשען. און אזוי ביזן לעצטן טאָג, ווען דער פראָנט איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו דער שאכטיאָרישער שטאָט קראסני סולין.

די מאמע מיטן קלענערן ברודערל האָבן זיך עוואקויִרט. דער טאטע, דער סעקרעטאר פון שטאָטקאָם, איז געבליבן אין שטאָט אף אָנפירן מיט דער גרופּע, וואָס דארף אופרײַסן די עלעקטראָסטאנציע און די שאכטעס. און ער, דער זעכצניאָריקער ליאָניע, אן איבערגעפּולטער מיט גרויל, מיט זאָרג, מיט שרעק, מיט צאָרן און האס און מיט פיל אנדערע געפילן, פון וועלכע עס וואקסן אויס און עס ווערט אויסגעקנאָטן א מוטיקער און שרעקלאָזער שלאכטמאן, האָט געפירט זײַן טראקטאָר מיט די סאמע מעגלעכע און אוממעגלעכע גיכקײַטן. דער הויפּט־ציל איז געווען — ראטעווען די טראקטאָרס.

ערגעץ ארום ראָזדאָר האָבן די דײַטשן איבערגעשניטן דעם וועג און ארומגערינגלט די טראקטאָר־קאָלאָנע. איז ער שוין ניט קיין טראקטאָריסט, נאָר א געפאנגענער. אין די ערשטע מינוטן פון געפענקעניש איז אים אויסגעקומען זיך באגעגענען מיט דעם, וואָס הייסט פאראט. עפּעס איינער א יורע טשיזשיק האָט אים דערקענט און געמאָלדן די דײַטשן, אז ליאָניע איז געווען סעקרעטאר פון דער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע און אז זײַן טאטע איז געווען סעקרעטאר פון שטאָטקאָם. אזוי איז ליאָניע אינײנעם מיט א גאנצער גרופּע פון די סאמע „געפערלעכסטע“ אײַנגיכן ארײַנגעפאלן אין נויסבערגער לאגער.

הערשלען האָט זיך אָפט געדוכט, אז ער הערט זײַן אייגענע געשיכטע, זײַנע אייגענע פּאסירונגען. אזוי איז אלץ געווען ענלעך, אזוי שרעקלעך ענלעך!

זיי זײַנען דאָך אלע געווען קאָמיוגיסטן, די עטלעכע יונגע כעווריע, וועמען מע האָט געבראכט קיין נויסבערג. ווי זשע האָבן זיי געקאָנט האנדלען אנדערש? און וואָס זעט זיך אָן דאָס, וואָס זיי זײַנען ווײַט פון דער היים, טיף אינעם פאשיסטישן דײַטשלאנד, וואָס זיי קענען ניט די שפּראך און וואָס אף יעדער שריט און טריט לויערן אף זיי אָן א שיר אומבאוווּסטע געפארן? אין עטלעכע טעג ארום זײַנען זיי אנטלאָפן, זיי זײַנען געווען זיכער, אז ווי נאָר זיי וועלן זיך אריבערפּעקלען קיין עסטרײַך, וועט שוין זײַן גרינגער. נאָר טאקע ניט ווײַט פון דער עסטרײַכישער גרענעץ האָט מען זיי געפּאקט און פארטריבן אין שטראָף־לאגער גראץ.

נאָר וואָס זעט זיך אָן בא זיי א שטראָף־לאגער? וואָס פאר א ווערט האָט בא זיי די פארשטארקטע וואך, דער שטרענגער רעזשים און די נאָך שטרענגערע וואָרענונגען? אין א פּאָר כאדאָשים ארום זײַנען זיי ווידער אנטלאָפן. מע האָט זיי ווידער געפּאקט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א סעדרע פון טורמעס: גראצער טורמע, לעאבענער טורמע, ברוקער טורמע און צום סאָף — די טיפע קעלערס פון ווינער געסטאפּאָ, ווו מע האָט אים עטלעכע כאדאָשים געמוטשעט און ניט דערמוטשעט.

דער גרעסטער טייל פארזאמלונגען זײַנען געווען אָן א טאָג־סיידער, אָן באריכטן און אָן דעבאטן. שטומע פארזאמלונגען. פּאָשעט אזוי: מע נעמט ארויס דעם קאָמיוגישן בילעט, מע קלעמערט זיך אײַן אין אים מיט די אויגן, מע קוקט אף אים לאנג, לאנג, און יעדער לייענט אויס פאר זיך און אין זיך די עטלעכע געציילטע ווערטער — לענינישער קאָמונסטישער יוגנט־פארבאנד. מע באקוקט דעם קליינינקן פּאָרטרעט פון לענינען אפן בילעט. און שוין. מערער דארף מען גאָרנישט ניט. ניט קיין דעבאטן, ניט קיין רעזאָליוציעס. ניט קיין באשטימונגען. פאר זיי איז דאָס שטומע, דאָס שווײַגנדיקע באקוקן דעם בילעט, גלײַך זיי וואָלטן ווידער און ווידער געגעבן א שוווּע וועגן טרײַשאפט און מעסירעסנעפעשדיקײַט. ביזן לעצטן

טראָפּן בלוט. פֿאַר אַלעמען איז דאָס די בעסטע רעפּוע, ווײַל נאָך דעם קאָן יעדערער באַמערקן, ווי עס לויכטן זיך בא אַלעמען די פּענעמער און אין די אויגן, און הערצער קלאַפּן אַזוי האַסטיק, אַז יעדערן דוכט זיך, אַז דאָס קאָן אָפּוועקן אַלע די, וואָס זײַנען קוים אײַנגעשלאָפֿן. עס קלאַפּן פֿינף קאַמיוגישע הערצער, וואָס האָבן אויף דער פּלאַנעטע פֿון טויט געשאַפֿן אַן אויסטערלישע קאַמונע פֿון לעבן. פֿון לעבן און קאַמף.

אײַן קאַמיוגישער בילעט אויף פֿינף כּעוורע...

און דאָס איז גענוג, אַז מיט יעדן בליק אויף אים זאָל יעדערער זיך דערפֿילן גאָר אַנ־דערש... דערמאָנען זיך אין אַן אַנדער וועלט, אין אַנדערע צײַטן. יעדערער פֿון זיי האָט דאָך מיט עפּעס געוואָלט זײַן ענלעך אויף די טשעליוסקינצעס און אויף די פּאַפּאַנינצעס, אויף טשקאַ־לאָוון. קיינעם האָט דאַן אָפֿן געדאַנק ניט געקאָנט קומען, אַז אויף זייער גורל וועט אַזוינס אויס־פֿאַלן, אַז עס קאָן ביכלאַל געשען עפּעס ענלעכס. נאָר אויב זיי איז באַשערט אַזוינס, וועלן זיי אויך דאָ, אין גענעם, צווישן צעבושעוועטן טויט, בלײַבן אַזעלכע, ווי געוועזן. ווײַל אָט... אָט זײַנען זיי דאָך אַ קאַמיוגישע גרופּע. און האָבן אַפֿילע אײַן קאַמיוגישן בילעט. אײַן בילעט אויף פֿינף. נאָר דאָס איז גענוג, איבערגענוג.

## קוילן און מאַלענעס

קײַלעכיקע מעסלעסן האָט געאַרבעט דער קרעמאַטאָרי, און דערנעבן, ניט ווײַט פֿונעם סאַניטאַר־לאַגער, עטלעכע שפּאַן פֿון דער פּאַרווערטער זאַנע, זײַנען געוואַקסן מאַלענעס. אָפּט־מאָל האָבן אירע רייכעס מיט עפּעס אַ מוירעדיקער קראַפֿט זיך דורכגעריסן דורך דער פֿאַ־רייכערטער און פֿאַרסאַמטער לופֿט, אַ שמעק געטאָן מיט צוציִענדיקן גרויל, ווי דערוועקט און דערמאָנט אים עפּעס אַזוינס, אין וואָס ער האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן. און ניט אײַן מענטש האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך מאַלענעס. אַמאָל איז דאָס געוועזן ווי עפּעס אַ פֿאַרפּירעניש, ווי אַ כאַ־לעם אין וואָר, און אַמאָל פֿאַשעט דערפֿאַר, ווײַל די קויכעס זײַנען אויסגעגאַנגען און ס'האָט שוין וואָס גיכער זיך געוואָלט מאכן אַ סאָף צו דעם אַלעמען. ווײַל די מאַלענעס האָבן געשאָסן...

— קינדער, — האָט הערשל אָפּטמאַך איבערגעכאַזערט פֿאַר זײַנע דערצוויגלינגען, — היט זיך פֿאַר די מאַלענעס. לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון זייער רייעך.

דאָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרבײַטן אַ סאַך ווערטער: היט זיך, איר זאָלט ניט פֿאַרלירן דעם מוט.

בא הערשלען איז געוועזן אַזאַ געפֿיל, אַז נאָך אַלעמען איז ליאָניע, וויטיע און אַלע איבע־ריקע טאַקע נאָך קינדער. זײַנע קליינע ברידערלעך, וועמען ער דאַרף אָפּהיטן.

דעם בילעט האָבן זיי אויסבאַהאַלטן אַלע מאָל אין אַן אַנדער אָרט. זיי האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז אויב דער בילעט ליגט אָפּ עטלעכע טעג אויף איינעם און דעם זעלבן אָרט, איז שוין דאָ אַ געפֿאַר, ער זאָל געפֿונען ווערן. האָט ער אַרומגעוואַנדערט, דער בילעט, פֿון אײן אָרט אָפּן צווייטן. אײַך נאַכט גענעכטיקט אין מאַטראַץ, אַ צווייטן אין אַ שפּעלטעלע צווישן די פֿענצטער, און פֿיל טעג און נעכט געלעגן אײַנגעשרומפּן בא עמעצן אין די קלאַפּערס, די שיך מיט די גראָבע הילצערנע פּאַדעשוועס. מע האָט דאָך דאַרפֿט, ער זאָל שטענדיק זײַן אונ־טער דער האַנט, דער בילעט, מע זאָל אים קאָנען בא דער מינדסטער מעגלעכקײַט און בא יעדער נויטווענדיקײַט אַרויסבאַקומען.

און איינמאָל... דער איינמאָל איז דאָ באַדינגלעך, ווײַל ווער ווייסט, וויפֿל מאָל ס'איז אַזוי געוועזן. אַזוי אָדער עפּשער אַ ביסל אַנדערש. פֿאַרגעדענקט האָט זיך גראָד דער פֿאַל, ווײַל דאָס איז געוועזן פֿאַרבונדן מיט ליאָניען אַליין. און דאָס האָט אַלעמען ווי געפּלעט. מיט ליאָ־ניען זאָל אַזוינס טרעפֿן?

דאַן זײַנען זיי שוין געוועזן ניט בלויז אײַן קאַמיוגישע גרופּע, נאָר אויך אײַן בריגאַדע. נאָך דעם, ווי הערשל איז אַדורך הונדערטער טויטן, פֿריִער אין דער קאַמאַנדע פֿון שטײַנ־טרעגער, דערנאָך אין דער קאַמאַנדע פֿון שטיינהעקער, האָט מען אים אַריבערגעפֿעקלט אין דער אָפּטיילונג פֿונעם אוויאַ־זאַוואָד „ריסטונג", וואָס האָט זיך דאָ געעפֿנט. הערשל איז גע־ווען אַן ערשטקלאַסיקער טאַקער און האָט געוווּסט, וואָס מע דאַרף טאָן, אַז די שרײַפֿלעך זאָלן אָנהייבן אונטערשפּרינגען איינס נאָכן אַנדערן, ווי נאָר דער אַעראָפּלאַן וועט זיך אויפֿ־הייבן, אַז די אַלע טיילן, וואָס ווערן דאָ אויסגעאַרבעט, זאָלן אָנהייבן רײַסן איינס דאָס אַנ־דערע און צעשמעטערן דעם אַעראָפּלאַן אויף שטיקלעך. און סאַמע דאָס וויכטיקסטע — מאכן דאָס

אַלץ אַזוי, אַז באַשולדיקן זאָל מען אַן אַנדערן. דערנאָך האָט מען אַהין אַריבערגעפּעקלט די גאַנצע גרופּע. די טוישווים האָבן געדאַרפט אויסלערנען די נײַע אַלץ, וואָס זיי אַליין קאָנען.

— אַרבעטן דאַרף מען דעריקער מיט די אויגן. — דאָס איז באַ הערשלען ניט קיין טעאָריע, נאָר אייגענע, ביטערע דערפאַרונג. — האַלט אין דער האַנט דאָס העמערל, צי דעם שליסל און פיר מיט די אויגן אין אַלע זײַטן. און מאַך דעם אָנשטעל, אַז דו אַרבעטסט. באַמערקסט אָבער אַ זײַטיקן, הייב אָן קלאַפּן, ראַשן, רודעווען, ווײַז, אַז דו האָרעוועסט, גייסט אָפּ מיט שוויס.

וואָסיע קאַלמאַקאָוו האָט אויך וואָס צו זאָגן.

— אונדזער דערוויז איז — היטן די ענערגיע, היטן דאָס געזונט. און שטענדיק זײַן אויף דער וואַך. פאַרן מינדסטן פעלער דאַרף מען צאָלן זייער טײַער. פאַרשטאַנען?

אַוודאי האָבן זיי פאַרשטאַנען. די נײַע האָבן שוין אויך געהאַט ניט קיין קליינע דערפאַרונג.

און דעריקער — די „קוואַליטעט". דאָס איז טאַקע דאָס וויכטיקסטע. דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קאָמיוגישער גרופּע.

— דעריקער איז די „קוואַליטעט", — כאַזערט איבער הערשל, — איר פאַרשטייט, אין וואָס דאָ גייט? און מאַכן דאַרף מען עס אַזוי, מע זאָל באַ יעדער נויטווענדיקייט קאָנען צונויפשטעלן די געהעריקע אַקטן.

דערנאָך איז דאָס געוואָרן שוין ניט בלויז אַ קאָמיוגישע גרופּע, ניט בלויז איין בריגאַדע, נאָר אויך אַ דערנערונגס־קאָמונע. אַלץ, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער קיך, ווי אויך אַלץ, וואָס יעדן פון זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אָרגאַניזירן — אַ שטיקל פּוילע ברוקווע, אַ קאַרטאָפל, עטלעכע קוילן־בריקעטלעך, דאָס איז אויך אַרײַנגעגאַנגען אין ראַציאָן, אַלץ האָט זיך געטיילט אָף גלײַכע כאַלאָקים.

וואָס זשע איז אַזוינס געשען מיט ליאָניען? פּלוצעם האָט ליאָניע אויפגעהערט אַרײַנטראָגן זײַן כיילעק, און ווען ס'איז געקומען די צײַט פון פּרישטיק אָדער מיטיק, האָט ער ערגעץ ניט געסטײַעט. זאָל זײַן, אַז ער קריגט ערגעץ עפּעס בעסערס און באַהאַלט דאָס אויס? ס'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז ליאָניע איז פייִק אָף אַזעלכע זאַכן. אַזוינס טרעפט דאָך, ווען דער מענטש איז שוין אויס מענטש. אָבער ליאָניע? און ס'איז ניט געווען צו זען, ער זאָל זיך פאַריכטן פון זײַן גוטער שפּײַז. פאַרקערט, ער ווערט פון טאָג צו טאָג בלייכער, שוואַכער, דאַרער. הערשל האָט באַמערקט, ווי אַלץ פאַלט ליאָניען פון די הענט, און אָפּטמאָל גיט ער זיך אַ כאַפּ מיט דער האַנט פאַרן האַרצן, און דאָס איז דאָס סאַמע געפערלעכסטע. אין אַזאַ צושטאַנד פאַרלירט דער מענטש די וואַכזאַמקײַט, און דאָס קאָן ברענגען צו אַ שלעכטן סאָף.

— ליאָניע, וואָס איז מיט דיר, ליאָניע?

— גאָרניט.

— האָסט עפּשער אָנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן?

— קאָרטן? — ליאָניע איז רויט געוואָרן פאַר כאַס. — האָסט ניט קיין רעכט מיך כוישעד זײַן. קיין שום קאָרטן!

פאַרשטייט זיך, קיין שום גרונט איז ניט געווען. נאָר אַזוינס האָט געטראָפן זייער אָפט. די סטאַראָסטעס פון די באַראַקן, קאַפּאָס און באַזונדערס די, פון די „גרינע", ווי מע האָט גערופן די געוועזענע גאַנאָווים, גאַזלאָנים, רעצידיוויסטן, האָבן אָפּט אַרײַנגעצויגן עמעצן אין קאָרטן־שפּיל און אויסגעגאַרט באַ יענעם דאָס לעצטע שטיקל ברויט.

— ליאָניע, זאָג דעם עמעס.

— איך זאָג דאָך.

— הער אויס, ליאָניע, אויב דו ווילסט מיר ניט זאָגן, וועסטו מוזן געבן אַ דערקלערונג פאַר דער גאַנצער גרופּע.

— גוט, גוט, כ'וועל דערקלערן. מיר איז סײַווי אַלציינס.

— וואָס הייסט אַלציינס?

— אָט אַזוי, כאָטש גיי צו די מאַלענעס.

— ליאָניע!

ליאָניע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, טאַקע ווי שולדיק אין עפּעס. אין עפּעס אַזוינס, אין וואָס ס'איז שווער זיך מודע זײַן.

— פאַראַן דאָ איינער אַ דוליע. אַ קאַפּאָ איז ער.

— נו?

— האָט ער מיך דערקענט.

— איז וואָס זשע?

— האָט ער געפּאָדערט, איך זאָל אים אַלע טאָג אָפּגעבן אַ קײַלעק ברויט, אויב ניט, וועט ער מעלדן וועגן מיר.

— און דו האָסט די גאַנצע צײַט געשוויגן?

— ער האָט מיך געוואָרנט. אויב איך וועל נאָר אַ פּיפּס טאָן...

— נו, און מיר?

— ווער מיר?

— אונדזער גרופּע?

— וואָס מיר, וואָס מיר?

געוואָלט, אַפּאָנעם, זאָגן עפּעס אַנדערש, נאָר אַ קוק געטאָן אויף הערשלען און אַנשוויגן געוואָרן. דערנאָך, ווי אַפּענטפערנדיק זיך אַליין אויף די ניט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער:

— איך הער ניט אויף זידלען זיך אַליין. אַזוי פיל איבערגעלעבט... און דאָ, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, זיך דערשראָקן, ווי זשע וועט איצט זײַן?

— הײַנט אין אָוונט וועלן מיר האָבן אַ באַגעגעניש מיט דײַן דוליען.

מיסטאָמע איז דוליע געווען אַ צונאָמען, ווײַל אַ פּנים האָט ער געהאַט, ווי אַן אויס־געטריקנטע פײַג. ווען הערשל האָט אים גאַנץ הפּלעך אַ רוף געטאָן, געבעטן אַרויסקומען אין דרויסן אויף אַ קורצן שמועס, האָט דוליע זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. דעמלט האָט הערשל אַ זאָג געטאָן אויף אַן אַנדער אופן:

— קיין צווייטע אײַנלאַדונג וועט ניט זײַן, — האָט ער געוואָרנט. — איך וואַרט!

פאַר דוליען אַליין איז געווען אומדערוואַרט, וויאַזוי הערשל האָט אָנגעהויבן דעם שמועס. סײַ דער שמיץ גופא און סײַ דאָס, וואָס דער קלאַפּ האָט אים אַ וואַלגער געטאָן אויף דער ערד.

— נו, נעווילע, שטיי אויף, — האָט הערשל אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. — דאָס איז פּאַשעט אַזוי, זאָלסט פאַרשטיין, אַז דער שמועס איז אַ גאַנץ ערנסטער.

— וואָס ווילסטו?

— לאָז צורו ליאָניען. און געדענק, אויב ס'וועט ערגעץ אָנגערופן ווערן מײַן נומער אָדער ליאָניעס, קאָנסטו זיך אָפּזעגענען מיטן לעבן. פאַרשטאַנען?

דאָס מאָל איז דוליע אַליין אומגעפאַלן. געפאַלן אויף די קני און אָנגעהויבן דרייען זיך אויף איין אָרט, ווי אַ דריידל, אַרײַנגעקוקט הערשלען אין די אויגן, ווי געבעטן זיך ראַחמים, גרייט געווען צען מאָל, הונדערט מאָל פאַלן אויף די קני.

— איך בעט דיך, — מיטאַמאָל האָט ער זיך צערעוועט. — טשעפּע מיך ניט. איך וויל לעבן!

— מיר דאַרפן דײַן לעבן אויף קאַפּאָרעס. נאָר איין זאַך: שטום, ווי אַ פיש, — האָט הערשל אים געוואָרנט.

— ווי אַ שטיין, — האָט דוליע אויסגעשריגן.

יענע נאַכט האָט ניט געקאָנט דורכגיין אָן אַ פאַרזאַמלונג. ווײַל אויב אַ קאַמיוגיסט הייבט אָן ציִען צו די מאָלענעס...

אַלץ איז געווען, ווי אין פיל נעכט. עמעצער האָט שטיל געקרעכצט, עמעצער האָט זיך געדרייט אויף זײַן הארטן געלעגער, און עמעצער האָט שטיל אויסגעהוסט די נעשאָמע. זיי האָבן זיך פעסט צונויפגערוקט, אײַנגעקאַרבט זיך איינער אינעם אַנדערן מיט זייערע אַרויס־שפּאַרנדיקע ריפּן און שטיל זיך דורכגעשעפּטשעט. דערנאָך האָט הערשל אַרײַנגערוימט סאַשען:

— קריג אים אַרויס.

דאָס מאָל איז דער בילעט געווען פאַרוקט אין אַ שפּעלטעלע צווישן די נאַרעס, קימאַט איבער זייערע קעפּ. מע האָט נאָר געדאַרפט פּאַזיכטיק אַרויסשאַרן אים אַזוי, אַז אַ זײַטיקער זאָל קיין שאָרך ניט דערהערן. סאַשע האָט שוין באַוויזן אַרויסבאַקומען דעם בילעט און אים איבערגעבן ליאָניען. אין דעם איז, אייגנטלעך, באַשטאַנען דער טאַך פון יענער פאַרזאַמלונג. זאָל ליאָניע אַ נעם טאָן זײַן בילעט אין דער האַנט און אַליין אַ טראַכט טאָן. און אַליין באַ־שטימען פאַר זיך די מאָס פון דער קאַמיוגישער שטראָף. און פלוצעם...

זיי האָט מיטאַמאָל אַ בלענד געטאָן די שײַן פון אַלע לעמפּ, און ס'האָט זיי פאַרטויבט דער אויסגעשריי פונעם בלאָקנפירער:

— אופשטיין! לאָוס־קאָנטראָל! שנעלער, שנעלער!

די קורצע קאָמאַנדע האָט געפּאָדערט זייער אַ סאַך. מע האָט געדאַרפט אין איין אויגנ־בליק אַראָפּשפּרינגען פון די נאַרעס, זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, אַפּגיך אַראָפּציִען פון זיך די העמדלעך, בלײַבן שטיין האַלב־נאַקעט און האַלטן דאָס העמד איבערגעקערט אויף דער לינקער זײַט.

די קאָמאַנדעס זײַנען געווען גוט באַקאַנט. די קאָמאַנדעס, די גיכקײַט, וואָס עס פּאַדערט זיך אָפּ אויספּילן זיי און די פאַרשיידענע שטראָפן פאַר דעם, וואָס פאַרשפּעטיקט אָף איין סעקונדע. אַמאָל קומט מען אָפּ מיט א פּאָר שמיץ, אַמאָל מיט א זעץ פונעם אוטאָמאַט אין פּאָנעם אַזוי, אַז דאָס בלוט זאָל א רינן טאָן, און אָפטמאָל איז דאָס א שאָס. און עמעצער באַוויַזט אפילו ניט זיך אָפּזעגענען מיטן לעבן. קיין צײַט אָף באַהאַלטן דעם בילעט איז ניט געווען.

— גיב אַהער דעם בילעט! — האָט באַפוילן הערשל.

— ניין, ניין, — האָט ליאָניע א שעפּטשע געטאָן. — כ'וועל אַליין... אונטער דער פּאַכוועַ...

— דײַן פּאַכוועלע! ער וועט אַרויסשטעקן...

— ניין, ניין, איך אַליין...

קיין צײַט אָף אַמפּערן זיך איז אויך ניט געווען. האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין א ריי, אפגיך אַראָפּגעצויגן די העמדלעך און איבערגעקערט זיי אָף דער לינקער זײַט. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז ניט בלויז אין דער היגיענישער אונטערזוכונג גייט עס, אַז שטענדיק איז פאַראַן דערבײַ א זײַטיקער מיין. אָנהייבן וועלן די סאַניטאַרן פון זייערע העמדער, און דערנאָך וועלן זיי איבערנישטערן אַלץ צווישן די קישעלעך און מאַטראַצן, זוכן עפּעס פאַרווערטס: א סעַכערל, א פושקעלע, צי א שפּליטערל פון א שפּיגעלע. און גאַנץ מעגלעך, אַז מיטן הײַנטיקן לאָוס־קאָנטראָל מיינען זיי גראָד דעם בילעט. עמעצער האָט עפּעס אָנגעשמעקט, זיי געמאַסערט, און דאָס זוכן זיי גראָד אים, דעם קאָמיוגישן בילעט.

זיי זײַנען געשטאַנען און געציטערט פאַר קעלט, דאָס גאַנצע לײַב איז געווען באַזעצט מיט געגנדזענע פּענקעלעך, די פּענעמער — טויטלעך־בלאַס. זיי זײַנען ניט איין מאָל שוין געשטאַנען אַזוי קעגן די רערן פון די אוטאָמאַטן א מינוט פאַרן טויט, וואַרטנדיק אָף דער קאָמאַנדע „פײַער!”. עס קומט דאַן אוף דער פאַרלאַנג אָפּזעגענען זיך מיט אַלץ און איינער מיטן אַנדערן. נאָר אפילו דאָס האָבן זיי אויך ניט געקאָנט טאָן. בא ליאָניען אונטער דער ביינערדיקער פּאַכווע האָט געצאַפּלט א לעבעדיקער קאָמיוגישער בילעט. זייער לעבן און זייער טויט.

קעדיי שטילן די קעלט, דעם אַלץ וואַקסנדיקן פיבער, האָבן זיי זיך צוגערוקט נעענטער איינער צום אַנדערן, האַרט אײַנגעקלעמערט איינער אינעם צווייטן און געוואָרן ווי איין גוף מיט איין נעשאָמע.

אַזעלכע באַנאַכטיקע אונטערזוכונגען ענדיקן זיך שטענדיק מיט עמעצנס טויט. זאָל זײַן, אַז דאָס מאָל איז זייער ריי? עס טרעפט דאָך אָפּט, אַז זיי זוכן ניט נאָר אין די העמדער, נאָר אויך אונטער די פּאַכוועס. און אויב מע וועט נעמען ליאָניען... אויב מע וועט נעמען ליאָניען?..

## א דענקמאָל הימלערס עלטערבאָבע

קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז געשען. געטראָפן האָט דאָס שוין לאַנג נאָך סטאַלינגראַד, ווען די אַדמיניסטראַציע פונעם לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן פירן א ביסל אַנדערש. איצט האָט מען געשמיסן די אסירים ניט מיט קיין אײַזערנע ריטער, נאָר מיט גומענע. יאָ, טאַקע מיט גומענע. און זיי זײַנען געווען טאַקע ווייכער פון די אײַזערנע, כאָטש געשמיסן מיט זיי האָט מען אויך ביז בלוט. און אַמאָל אויך ביז טויט. און עס פלעגן אָפטער טרעפן רויִקע זונטיקן. מע האָט זעלטענער געפירט הענגען, דער אָרקעסטער האָט זעלטענער געשפּילט בעטהאָווענען און מאָצאַרטן און דעם רוסישן ניגון.

געוויינלעכע, פּאַשעטע זונטיקן. עמעצער האָט געצאַנקט, מיט עמעצן האָט געוואָרפן, ווי אין א קאַדאַכעס און עמעצער האָט שטילערהייט אויסגעהויכט די נעשאָמע. נאָר געשמיסן האָט מען בלויז מיט גומענע רימענס. אײַזערנע זײַנען געווען שטרענג פאַרווערט.

און פּלוצעם... אין איינעם אַזאַ פּאַשעטן זונטיק, אָנגעהויבן האָט זיך די שיסערײַ אין עפּעס א פאַרוואָרפן ווינקעלע און גלײַך זיך צעטאַראַראַכקעט איבערן גאַנצן לאַגער. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז צוויי באַזונדערע גרופּעס עסעסאָווצעס האָבן אָנגעהויבן א געשלעג צווישן זיך. נאָר געפאַלן זײַנען בלויז אסירים. געפאַלן אָפּן אַפּעל־פּלאַץ, געפאַלן אין פאַרשיידענע ווינקעלעך, און אויך שטייענדיק אין דער ריי נאָך דער באַלאַנדע, ווי וועמען ס'האָט געטראָפן.

ערשט א ביסל שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט: הימלער דאַרף קומען. דער רײַכספיורער הימלער אַליין! דאַרף מען ווײַזן אַרבעט. ער זאָל זען, אַז די פאַרניכטונג־אינדוסטריע

ארבעט מיט א פולער אָנלאָדונג און מיט הויכע טעמפּן; אַז מענטשן שטאַרבן דאָ, ווי פליגן, און אַז די אַלע פּיורערלעך פון פאַרשיידענעם ראַנג זײַנען העכסטע מײַסטערס פון האַרגענען און מײַמעסן און פאַרדינען ערלעך זייער שטיקל ברויט. זיי, די אַלע, האָבן גוט געקענט דעם אָבערקויליער פון דריטן רײַך, הימלערן. אַמאָל האָט ער פאַרמאָגט א קלײנינקע היגער־פערמע. און ער האָט זיך זעלטן פאַרגונען קוילען אַמאָל א הון פאַר זיך, ווײַל ער איז געווען זייער קאַרג. איצט איז ער א באַלעבאָס פון קאָלאָסאַלע מענטשן־פערמעס. קאָן ער קוילען, ווען ער וויל און וויפל ער וויל. דער אַלץ שטײַגנדיקער הונגער נאָך מענטשן־פלייש האָט אים דערפירט ביז מעשוגאַס, איז שטענדיק געלעגן מיט עפּעס א קרענקלעכער בלויקײַט אויף זײַנע דינע ליפעלעך, וואָס האָבן זיך עפּעס ניט געקלעפּט צו זײַן גראָבלעך פּאָנעם און צו זײַן גרויסער, ווײַט ניט־אַרישער נאָז, וואָס האָט אים געבראַכט פיל אומאָנגענעמלעכקײַטן.

דערנאָך האָבן זיי דערזען הימלערן אַליין. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן לאַגער אָן אַרומגערינגלטער מיט אָן א שיר קלענערע און גרעסערע אונטערהעלפער, און, גלײַך ס'האָט אים דאָ עפּעס ניט געשמעקט, האָט ער ניט אויפגעהערט בלאָזן זיך און קרימען זיך און אַלע־מאָל אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַן אַנדער נאָזטיכעלע, א וויש געטאָן מיט דעם דאָס פּאָנעם, די ניט־אַרישע נאָז און א שלײַדער געטאָן עס אין א זײַט. דאָס, וואָס ער אַליין האָט דערבײַ געפילט אָדער ווי דערבײַ זיך געקרימט, האָט ער אויסבאַהאַלטן אונטערן גרויסן דאַ־שעק, וואָס איז געהאַנגען איבערן שטערן און הינטער די גרויסע ברילן. בלויז די קלײנע וואָנצעלעך האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרדעקן, און זיי האָבן ניט אויפגעהערט קנייטשן זיך, קרימען זיך און אַרײַנעמען אין די שטעכיקע הערעלעך עפּעס־וואָס פון דעם היגן שטויב. קלײנע, נעבעכדיקע, פאַרשטויבטע וואָנצעלעך פון אַזאַ גרויסן אַלדײַטשישן קוילער...

צו אַלע זײַנע מײַלעס איז הימלער געווען א גרויסער מעפּונעק און שטאַרק ניט געקאָנט לײַדן קיין אומריינקײַט. זאָל דאָס זײַן כאָטש א ביסעלע שמוץ, שטויב אָדער עפּעס א שלעכ־טער ריח. איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן לאַגער, ניט אויפגעהערט קרימען זיך, אַלעמאָל איבער עפּעס א ניס געטאָן, און קעדיי פעסטשטעלן, פונוואַנען נעמט זיך אָט דאָס ניסן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע א ריין נאָזטיכעלע און א פיר געטאָן מיט דעם איבער דער וואַנט, צי איבערן פּלויט, צי איבער א פאַרצוימונג. אין זײַנע גרויסע פערמעס האָט גע־מוזט זײַן אַן אידעאַלע ריינקײַט.

געקומען איז הימלער אַהער ניט קאָנטראָלירן און ניט אינספּעקטירן. הימלער האָט באַ־שטימט אויסקלײַבן און שטעלן... 

— סאַבאָטאַזש, — האָט ער געשריגן מיט זײַן קוויטשיק קעלעכל. — איך וועל זיי ווײַזן!

און ווײַל אַזוי, ווײַל די פעלדזן, דער אופּרײַס־מאַטעריאַל און די אופּרײַסער האָבן זיך פאַרייניקט אין איין סאַבאָטאַזש, האָט הימלער באַפוילן, אַז אַלע אַרבעטן זאָלן אויסגעפילט ווערן מיט ייִדישע הענט.

זײַנע באַפעלן זײַנען אויסגעפילט געוואָרן גיך און מיט דער פולער פּינקטלעכקײַט. אין א פּאָר טעג אַרום איז קיין מאַוטהאַוזען, אָנגעקומען א גרויסע פּאַרטיע ייִדן פון די אַרומיקע לאַגערס. מע האָט זיי אַפילע ניט אָוועקגעפירט אין באָד אַרײַן.

— אין די שטיינבראָכנס! — האָט הימלער באַפוילן.

און כאָטש געקומען איז ער אַהער צוליב פּערזענלעכע ענינים, דאָך האָט ער זיך ניט געהאַלטן פרײַ פון זײַנע מלוכישע פליכטן. ער האָט געהאַלטן פאַר זײַן העכסטן כיוו ווײַזן א מוסטער פון מאַסן־מערדערײַען, דערווײַזן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז זײַן דערפינדערישקײַט אין דעם געביט איז אומבאַגרענעצט. זאָלן דאָס זען זײַנע אונטערטעניקע און נעמען א בײַ־שפּיל.

לויט הימלערס באַפעל און אונטער זײַן פּערזענלעכן קאָנטראָל איז אינעם פעלדז דורכגע־בויערט געוואָרן א צוויי מאָל גרעסערע און טיפערע לאָך און איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט א צווייענדיקער פּאַרציע אופּרײַס־מאַטעריאַלן.

דאָס מאָל איז הימלער געווען אופגעלעבט. ער איז געשטאַנען באַנאַנד מיטן לאַגער־שעף, דעם לאַנגן דראַנג ציראַסן, און אומגעדולדיק געריבן די ערד מיט די אונטערגעקאָוועטע אָפּ־צאַסן פון די בלײאַסקענדיקע שטיוול. אַרום זיי איז געשטאַנען קימאַט די גאַנצע לאַגער־אַדמי־ניסטראַציע. מיט א פאַרטײַעטן אָטעם, פול מיט שרעק, ווײַל דער באַזוך פון הימלערן האָט זיך געקאָנט אויסלאָזן אויך צו זייערע קעפּ. א ביסעלע אין א זײַט זײַנען געשטאַנען עטלעכע קאַלאָנעס אסירים, וועמען מע האָט אויסגעשטעלט אין א שטרענגער אָרדענונג, זיי זאָלן אַלע קאָנען זען די שפּיל פונעם אָנהייב ביזן סאָף.

ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט הימלער דערלויבט ציראַסן פאַרזעצן דאָס ווײַטערדיקע לויט דער אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם, און אליין אוועק א ביסל ווײַטער, עס זאָל, כאַלילע, אף אים קיין שטויבעלע ניט פאַלן. ער קאָן זייער ניט לײַדן קיין שטויב. באַזונדערס איז אים דערווידער דער טשאַדענדיקער שטויב פון אַן אופרײַס. איז ער אוועק א ביסל ווײַטער און צוגעשטעלט צו די אויגן דעם בינאָקל.

די גרופּע יידן, וואָס האָבן זיך געייסעקט מיטן דורכבויערן דעם פעלדז, מיטן ברענגען און אָנלאָדן די פאַרטאָפּלטע פּאַרציע אופרײַס־מאַטעריאַלן, האָט מען פון דעם פעלדז ניט אוועקגעפירט. פאַרקערט, מע האָט זיי באַפוילן אַרופקריכן א ביסל העכער און זיך אָנעמען פאַר די הענט. דערנאָך האָט דער לאַגער־שעף אויסגעשריגן:

— זינגען!

נאָר בא די אויסגעמאַטערטע, פאַרשמאַכטע יידן, וואָס האָבן קוים געזיפּעט, איז שוין לאַנג קיין קויעך ניט געווען אפילע א וואָרט אַרויסברענגען. ווי זשע קאָנען זיי זינגען? און וואָס זינגען? די ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט, נאָר קיינער האָט ניט געהערט וואָס. געוויס האָבן זיי אָפּגעזאָגט ווידע. שוין צום וויפלטן מאָל. און געוויס האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז שוין צום לעצטן מאָל.

נאָר די פּראָגראַם, וואָס הימלער האָט אויסגעאַרבעט, האָט געמוזט אויסגעפּילט ווערן. און אויב ניט זינגען, איז טאַנצן.

— טאַנצן! — האָט ציראַס באַפוילן. — א פריילעכס! א יידיש פריילעכס.

נאָר מיטן טאַנץ האָט זיך אויך גאָרנישט ניט באַקומען. די פיס זײַנען ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום פעלדז.

— א פריילעכס! — האָט ציראַס געררעוועט.

נאָר קיין פריילעכס האָט זיך ניט באַקומען.

— בעט גאָט! — האָט ער אַלץ געגוואַלדעוועט. — בעט גאָט, עס זאָל זיך באַקומען א גרויסע הליבע. מע זאָל מאָרגן ניט דאַרפן ברענגען אַהער א נײַע גרופּע.

דאָס יאָ, בעטן גאָט קאָנען זיי. זיי בעטן אים דאָך די גאַנצע צײַט, יעדן טאָג, יעדע שאָ, נאָר עפּעס דערגייען ניט צו אים זייערע טפילעס. זאָל זײַן, אַז גראָד איצט? ווער ווייסט... נאָר די טפילעס האָבן זיי ניט באַוויזן אַרויסזאָגן. א פאַרטויבנדיקער אופרײַס, ווי הונדערטער דונערן מיטאַמאָל, האָט א וואַקל געטאָן די ערד מיטן הימל איינעם און אַלץ אַרום האָט פאַרדעקט א געדיכטער רויך. ער האָט זיך אופגעהויבן ביז העט הויך און גלײַך אַראָפּגעלאָזט זיך מיט א האָגל פון שטיינער. זיי זײַנען געפאַלן צו דער ערד מיט א טראַסק, געטאַנצט און אונטערגעשפּרונגען, זיך פאַנאַנדערגעפלויגן אין אַלע זײַטן, און ס׳איז אומעגלעך געווען צו באַמערקן, וויאַזוי איינעם מיט די שטיינער זײַנען געפלויגן אינדערלופטן, געטאַנצט און אונטערגעשפּרונגען צעריסענע אָף שטיקלעך מענטשלעכע קערפּערס.

אופגעריסענע שטיינער האָבן א באַזונדערן רייעך. זיי שמעקן מיט עפּעס גליִענדיקס. און ווי שמעקן אופגעריסענע מענטשן? און ווי שמעקט א געמיש פון שטיינער און מענטשן, פון פונקען און בלוט? די פונקען ווערן גלײַך פאַרשוווּנדן, נאָר דאָס בלוט בלײַבט. עס קילט זיך אָפּ איינינעם מיט די שטיינער און בלײַבט אף זיי מיט פאַרגליווערטע רויטע פינטעלעך.

די עסעסאָווצעס האָבן געקוקט אף דעם פאַרכאַפּנדיקן בילד מיט קינע צו זייער פּיורער פאַר זײַן רײַכער פאַנטאַזיע, מיט העכסטער דאַנקבאַרקײַט פאַר דעם זעלטענעם שאָו, פאַר די פאַרשיקערנדיקע רייכעס, געלאַכט, געכאָכמעט זיך, אונטערגעטאַנצט פאַר פרייד, פאַר נאַכעס. איינער האָט שטיל אָנגעהויבן, דערנאָך האָבן צענדליקער שטימען, ווי טויט־שיקערע, זיך צע־רעוועט:

און ווען פון מעסער שפּריצט דאָס יודען־בלוט,
איז דאָך מיר אימער גוט,
איז דאָך מיר אימער גוט...

די אסירים זײַנען געשטאַנען שווײַגנדיק, פֿאַרגליווערט, קוים אײַנהאַלטנדיק אין זיך דעם גרויל, וואָס האָט אויך, ווי אַן אופֿרײַס, זיך געקײַקלט פֿון אײנעם צום צווייטן, געצווּנגען אַלעמען צובײַסן די ליפּן, מע זאָל ניט הערן די צײנקריצעניש. אײניקע האָבן געקוקט אַף דעם אַלעמען מיט אַ פֿאַרטײַעטער קינע צו די אופֿגעריסענע.

— פֿונדעסטוועגן... — האָט אײנער אַרויסגעשעפּטשעט, — אַ גרינגער טויט.

דער גרויסער, פֿאַרטאָפּלטער אופֿרײַס האָט די נײטיקע הליבע ניט אַרויסבאַקומען. איבערכאַזוערן! — האָט באַפֿוילן הימלער, רײַבנדיק מיט אַ טיכעלע דאָס פֿאַרשטויבטע פּאָנעם און קרימענדיק זיך פֿון פֿאַרדראָס. — און נאָכאַמאָל פֿאַרטאָפּלען דעם אופֿרײַס־מאַטעריאַל. און פֿאַרטאָפּלען די צאָל ייִדן.

האָט אַלץ זיך אָנגעהויבן אָפּסנײַ. מיט אַ גרעסערער צאָל אופֿרײַס־מאַטעריאַל און מיט אַ גרעסערער צאָל אופֿגעריסענע ייִדן.

דער צווייטער אופֿרײַס האָט ווידער ניט געגעבן די נײטיקע הליבע. ערשט דער דריטער — באַ נאָך אַ גרעסערער צאָל אופֿרײַס־מאַטעריאַל און נאָך אַ גרעסערער צאָל אופֿגעריסענע ייִדן. און אַלעמאָל, ווען דעם אַרום האָט פֿאַרדעקט אַ געדיכטער רויך, ווען עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פֿון שטײנער און אײנײנעם מיט זײ האָבן געשפּרונגען און אונטערגעטאַנצט הענט באַזונדער און פֿיס באַזונדער. און ווען דער גרויער געמיש פֿון שטויב און שטײנער איז באַפּוצט געוואָרן מיט רויטע פֿינטעלעך, האָבן די עסעסאָווצעס, ווי טויט־שיקערע, זיך צערעוועט אַפֿן פֿולן קאָל:

> און ווען פֿון מעסער שפּריצט דאָס יודען־בלוט,
> איז דאָך מיר אימער גוט...



ווער זײַנען זײ געװען, אַט די אַלע פּאַרורטײלטע? פֿון װעלכע לענדער האָבן זײ אַנגע־הויבן זײער פּײַנפֿולן װעג, ביז זײ זײַנען געבראַכט געװאָרן אַהער? פֿון פֿראַנקרײַך צי פֿון פּוילן, פֿון אונגאַרן צי פֿון טשעכאָסלאָװאַקײַ?.. דאָס איז שװער געװען דערװיסן זיך. אַף זײערע אויסגעשמאַכטע, אײַנגעפֿאַלענע פּנעמער, אין זײערע אויסגעלאָשענע אויגן און לויט זײער אָנטאָן — קרוע־בלוע — זײַנען שוין געװען אַלע סימאָנים פֿון דעם, װאָס אַ מענטש האָט אויסצושטײן סײַ אין די לאַגערן, סײַ אין די טראַנספּאָרטן, אַלץ, װאָס מאַכט אַלעמען ענלעך אײנעם אַפֿן אַנדערן. די שפּראַך, אַף װעלכער זײ האָבן געשעפּטשעט זײער לעצטע טפֿילע, איז אויך געװען שװער אויפֿצוכאַפּן. סײַ בא די, װאָס זײַנען אופֿגעריסן געװאָרן אינײנעם מיט די שטײנער, סײַ בא די, װאָס האָבן געדאַרפֿט אװעקפֿירן די שטײנער צום לאַגער.

די עסעסאָװצעס האָבן גוט געװוסט, אַז אַף אַװעקשלעפּן אַ פֿולע װאַגאָנעטקע מיט שטײ־נער דאַרף מען האָבן אַ מענטשן צען. דאָך האָבן זײ אײַנגעשפּאַנט בלויז אײן ייִדן און געהײסן שלעפּן. זײ האָבן זיך פֿאַרװײַלט, די עסעס־לײַט: געשריגן, געגװאַלדעװעט, געהוקעט און געטיוקעט, װי מע טרײַבט אונטער אַ פֿויל פֿערדל, און געשמיסן, װער מיט גומענע רוטן און װער מיטן אװטאָמאַט. מיט אײַזערנע רוטן איז שמײַסן געװען פֿאַרװערט, מיט אװטאָמאַטן — ניט. געהוקעט און געשמיסן אַזוי לאַנג, ביז דער געמײמעסטער איז אומגעפֿאַלן און שוין מער זיך ניט אופֿגעהויבן.

האָט מען אײַנגעשפּאַנט אַ צװײטן.

געשען איז װידער דאָס זעלבע.

האָט מען אײַנגעשפּאַנט אַ דריטן.

פֿאַר די עסעס־לײַט איז דאָס געװען אַ שטיקעלע פֿאַרבײַסעכץ נאָך די אופֿרײַסן, פֿאַר די אסירים — אַ נײַ ביסל מוסער. און אַ װאָרענונג, אויב דאָס אַלץ, װאָס זײ האָבן איבערגע־לעבט איז זײ װײניק, זאָלן זײ זען פֿאַר זיך אויך אַזױנס און גוט אַ טראַכט טאָן.

הערשל האָט אויך געטראַכט.

זינט יענעם פֿרימאָרגן, װען דער גאַנצער אַרום, די גאַנצע װעלט האָט אָנגעהויבן ברענען און אַלץ האָט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף, האָט ער ניט װײניק זיך אָנגעזען און אַלײן ניט װײניק אויסגעשטאַנען. ער האָט אַלײן איבערגעלעבט אַזױפֿיל טויטן, אַז ער האָט שוין פֿאַרגעסן דעם כּעזשבן אין זײ, ביכלאַל אופֿגעהערט צו צײלן. װײַל יעדער טאָג, יעדע שאָ, יעדער איבערגעלעבטע מינוט איז אַזױ אָדער אַנדערש געװען אַ בײַגעקומענער טויט. אין דעם איז, אײגנטלעך, באַשטאַנען זײער לעבן, אַ לעבן פֿון סאַמע טויט. דאָס איז געװען פֿאַר אים, װי פֿאַר אַלע איבעריקע, יענץ אומבאַגרײַפֿלעכע, װאָס מע האָט געמוזט באַ־גרײַפֿן, װײַל אָן דעם װאָלט אומעגלעך געװען קעמפֿן קעגן דעם. און אָן דעם קאַמף, אָן דעם טאָגטעגלעכן קאַמף, װאָס האָט אין פֿיל מאָל געקײפּלט דאָס ריזיקאַלע, האָט דאָס לעבן ביכלאַל קײן זין ניט געהאַט. אײן זאַך האָט ער ביזן סאָף ניט געקענט פֿאַרשטײן: פֿאַרװאָס האָבן די היטלעראָװצעס געמאַכט פֿאַר די ייִדן אַזאַ אויסנאַם, װאָס האָט זײ אין דער טאָטאַלער שכיטע אװעקגעשטעלט אויסער יעדער נאָרמע צװישן די אַלע אומענטשלעכע נאָרמעס, װאָס זײַנען געװען אײַנגעשטעלט פֿאַר די אַנטיפֿאַשיסטן, קאַצעטניקעס, אונטערערדלער און אַפֿילע סאָ־װעטישע קריגסגעפֿאַנגענע, אַט די אַלע, װעמען ס'איז צוגעשריבן געװאָרן אײן אַלגעמײנע „רעפֿוע״ — טויט דורך אַרבעט״.

װי אַלע איבעריקע ייִדישע כּעװורע פֿון זײַן דאָר, איז ער פֿון די װוּנדערלעך אַרײַנגעװאַקסן געװאָרן אין דער נײַער װעלט און האָט ניט געהאַט פֿאַר זיך קײן שום רײן ייִדישע פּראָבלע־מען. אַלץ, אַלץ איז געװען פֿאַר אים דורכױס פּיאָנעריש, דורכױס קאָמיוגיש, דורכױס סאָ־װעטיש, כאָטש געלערנט האָט ער זיך אין דער ייִדישער שול און די פּיאָנערישע לידלעך געזונגען אַף ייִדיש. אַף ייִדיש, אַף רוסיש, אַף אוקראַיִניש, װי נאָר ס'איז אויסגעקומען. אַלץ דאָס ייִדישע צי דאָס אוקראַיִנישע האָט ער אופֿגענומען װי רײן באַדינגלעכע זאַכן, װײַל ניט דאָס האָט באַשטימט זײַן גורל, זײַן אַרבעט, זײַן אָרט צװישן אַלע איבעריקע כּעװורע, צװישן װעלכע ס'איז אין כּאַשטשעװאַטע געװען רוסן און אוקראַיִנער און דערנאָך אין כאַרקאָװ ניט װײניק טאָטערן, אוזבעקן, גרוזינער, טשװאַשן... סײַ אים, סײַ אַלע איבעריקע איז ניט אַנגע־גאַנגען זײער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט. סײַדן די לידלעך, װאָס האָבן יעדערן אויסגעװיזן ביז גאָר אויסטערליש און װעלכע זײ האָבן אומבאַדינגט געמוזט אויסלערנען אײנער באַם צװײטן. אַלץ, אַלץ איז געװען אײגנס און אַלגעמײנס. איצט איז צו אַלע גרױלן אים צוגעקער־מען אַן איבעריקער גרױל. אַ רײן ייִדישער. און ער האָט אים ניט געקאָנט באַנעמען, פֿאַר־שטײן: פֿאַרװאָס, פֿאַרװאָס?

װיפֿל מאָל איז ער שוין דערשאָסן געװאָרן, װיפֿל מאָל זיך געזעגנט מיטן לעבן! נאָר ביז איצט דערװײַל ניט װי קײן ייִד. נאָר סײַװי, צװישן אַלע טויטן, װאָס לויערן איבער זײ יעדע

מינוט, לויערט איבער אים נאָך איין טויט, גאָר אַן אַנדערער. און ער האַלט אַן איין אָנוואַקסן, אָט דער באַזונדערער טויט, ווערט וואָס אַמאָל מעשונעדיקער און שווידערלעכער, וואַקסט אָן ווי אַ באַרג, וואָס אַמאָל העכער און העכער. און ס'קומט אים אויף אַלעמאָל אַ געדאַנק, איינער שרעקלעכער פונעם אַנדערן. געשיקט זיך, אַז דאָס, וואָס איז געשען מיט כאַשטשעוואַטע, איז געשען מיט אַלע שטעטלעך, און אויף גאַנץ אוקראַיִנע איז שוין ניטאָ קיין איין לעבעדיקער ייִד...

און נאָך יעדער טראַנספּאָרט, וואָס מע האָט געבראַכט אַהער פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרײַך און בעלגיע און אַוועקגעפירט גלײַך אין קרעמאַטאָרי, האָט ער געטראַכט:

— געשיקט זיך, אַז דאָס פירט מען צונויף אַהער די ייִדן פון גאַנץ אייראָפּע? און ער וועט בלײַבן דער איינציקער? בלײַבן, צי עפּשער ניט בלײַבן?

און ניט איין מאָל, צוקוקנדיק, ווי דורך די צעעפנטע טויערן פונעם לאַגער קומט אַרײַן אַ לאַנגע קאָלאָנע ייִדן, וואָס גייען גלײַך אין די גאַז־קאַמערס, האָט אים זיך געוואָלט אַ לויף טאָן, אַרײַנרוקן זיך צווישן דער קאָלאָנע פאַרורטיילטע און אַוועק אײנײנעם מיט זיי. און ס'האָט אים אַלעמאָל געקאָסט ניט ווייניק קויעך, ווי אָפּטמאָל אָפּן טויט־לייטער, ווען ער האָט געדאַרפט זיך אַליין רײַסן פאַר די האָר און שלעפּן פאַר די אויערן.

— אַליין? אַליין אַוועקגעבן דאָס לעבן? נאָך אַלעמען? ניין און ניין!

אַזוי איז ער געשטאַנען אויך דאַן, ווען הימלער האָט באַשטימט מיט ייִדישע הענט, אויף אַזאַ מעשונעדיקן אויפן אַרויסבאַקומען אַ מאָנאָליט פאַרן דענקמאָל פון זײַן עלטערבאָבען. ער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס זײַנען ייִדן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פון אונגאַרן, פון פּוילן, און דאָך ניט אויפגעהערט זוכן צווישן זיי באַקאַנטע. עפּשער... ס'איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן. און ווײַל ער האָט זייער געוואָלט טרעפן אַ באַקאַנטן, האָט אים אָפּטמאָל זיך געדוכט... אָט דער ייִד מיטן צוגעפּלעטשן בערדל איז אַ ביסל ענלעך אויף וועלוול טאַנדעטניק... אָט דער דאַרלעכער, וואָס האַלט אין איין הויקערן זיך, גלײַך ער וואָלט געטראָגן עפּעס אַ שווערע מאַסע, איז ענלעך אויף כאַצקעלע צוקערניק... אָט די ייִדענע, ער מעג שווערן, איז מיט אַלע פּישטשעווקעס — מאַלקע די טוקערן. כאָטש מאַלקע האָט שוין געדאַרפט זײַן אויף אַ סאַך עלטער.

אַזוי זײַנען דורך פאַר זײַנע אויגן קימאַט אַלע כאַשטשעוואַטער, וועמען ער האָט געקענט. נאָטע בעקער, וואָס האָט שטענדיק געוואָרפן מיט די הענט אַהין און אַהער, גלײַך ער וואָלט געשיבערט די מאַצעס באַם פלאַמענדיקן אויוון, מאָניש דער באַקאַליישטשיק, וואָס האָט געטראָגן פאַר זיך ביידע הענט מיט פאַנאַנדערגענומענע פינגער, גלײַך ער וואָלט זיי נאָרוואָס אַרויסגענומען פון אַ פעסל ראָפּע און עס האַלט נאָך אין איין קאַפּען פון זיי. מוישע וואַסערפירער, וואָס גייט נאָך זײַן פעסל מיט מידע טריט, און די פיס זײַנע זײַנען אַ ביסל אויסגעקרימט. אווראָם קאָלאָטוכע מיט זײַן שוואַרץ, שטענדיק פאַרוואַקסן פּאָנעם, מיט וועמען דער טאַטע האָט זיך אַמאָל צעקריגט איבער עפּעס אַן איניען שנײַדערײַ, ווײַל אווראָם איז אויך געווען אַ שנײַדער און אויך פון דעם מין, וואָס דער טאַטע.

און אָט דער... ער קאָן שווערן! יאָ, זײַן טאַטע! זײַן טאַטנס דריבנע גענגעלע, פאַרבויגן דעם קאָפּ אַ ביסעלע אָן אַ זײַט, זײַן צופינטלען מיט די אויגן. גלײַך ער באַקוקט אַ פאַרכידעשטער אַ שטיקל געוואַנט און קאָן ניט פאַרשטיין, ווען האָט דאָס פּרעסל באַוויזן אויסברענען אַ לעכל. זעט שוין הערשל גאָרנישט ניט אַרום זיך, בלויז זייער שטיבל מיטן נידריקן גאַנעקל. דער טאַטע שטייט באַם לאַנגן הילצן טיש, פּאַכט מיטן פּרעסל און זינגט זײַן באַליבט לידל:

אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער,
אָט אַזוי נייט ער דאָך...

וואָס זשע איז געשען מיטן טאַטן? פאַרוואָס האָט ער פּלוצעם ניט געסטײַעט? ניט דער טאַטע, ניט דאָס שטיבל, בלויז דער טשאַד. דער טשאַד פונעם איבערגעוואַרעמטן פּרעסל און צוגעסמאַליעטן געוואַנט. און דער טאַטע, ווי קומט ער ווידער אַהער? ער שטייט אײַנגעשפּאַנט אין אַ וואַגאָניעטקעלע, און די עסעסאָווצעס הוקען, טיוקען און שמײַסן אים מיט די גומענע שטעקנס. וואָס זשע טוט ער, דער טאַטע, וואָס טוט ער?

מיסטאָמע האָט יענער שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואַגאָניעטקעלע וועט ער ניט קאָנען רירן פון אָרט. אויף דעם וועט אים קיין קויעך ניט סטײַען. נאָר אויפהייבן אַ שטיין וועט ער נאָך קאָנען, איין גרויסן שטיין, וואָס ליגט אויפן ראַנד פון דער וואַגאָניעטקע. אָט דער געדאַנק איז אים געוויס דורכגעלאָפן, דער לעצטער געדאַנק זײַנער, ווען ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, פאַרהויבן דעם קאָפּ, און הערשל האָט דערפילט אויף זיך זײַן בריִענדיקן בליק. דאָס איבעריקע איז דורכגעמאַכט געוואָרן אַזוי בליצשנעל, אַז עס לייגט זיך ניט אַרײַן אין דער מינדסטער מאָס פון צײַט. אַ נעם געטאָן דעם שטיין און מיטן גאַנצן קויעך, וואָס ער האָט פאַרמאָגט,

מיטן לעצטן ביסל קויעך א וואַרף געטאָן דעם שטיין מיט זיך אינײנעם דעם עסעסאָווועץ אפּן קאָפּ. יאָ, אפּן אײגענעם קויעך אַליין האָט ער ניט געהאַט וואָס אויסצורעכענען, נאָר אפּן שטיין מיטן ביסל אײגענעם קויעך אינײנעם, האָט ער אויסגערעכנט, ווען ער געוויס קאָנען עפּעס אופּטאָן. זיי זײַנען א פּאַל געטאָן אַלע אינײנעם — דער עסעסאָווועץ, דער שטיין און דער ייִד. און דאָס בלוט, וואָס האָט א שפּריץ געטאָן, איז געווען יענעמס, דעם עסעסאָווצעס, ווײַל דער ייִד איז בײַסן פאַלן נאָך געווען א לעבעדיקער. ער האָט נאָך באַוויזן אויסשרײַען:

— זאָל לעבן אונדזער הימלאַנד!

— טאַטע! — האָט הערשל אויסגעשריגן, צי עפּשער האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט אויסגעשריגן. נאָר דער ייִד איז דאָך געווען פון די סאָוועטישע. פאַרוואָס זשע זאָל דאָס ניט זײַן זײַן טאַטע? ער האָט אפילו ניט א טראַכט געטאָן, אַז זײַן טאַטע איז אומגע־קומען א סך פריִער.

די שיסערײַ איז געווען עפּעס א מעשונעדיקע. פון אַלע זײַטן האָט מען געשאָסן אַף דער פאַרבלוטיקטער קופּע. כאָטש דאָס איז געווען אַן איבעריקע זאַך. אינײנעם מיט די לעצטע ווערטער האָט דער ייִד אַרויסגעהויכט די נעשאָמע.

ס'איז געווען פרילינג. איבער דער וועלט האָט שפּאַצירט דער פרילינג פון פיר־און־פערציקסטן און געבראַכט מיט זיך א סאַך זון, א סאַך וואַרעמקײַט, א סאַך צוויט און פיל נײַע האָפענונגען. איבער מאַוטהאַוזן האָט אויך געשײַנט די פרילינגדיקע זון. נאָר הערשל האָט מיטאַמאָל דערפילט יענעם שווידערלעכן גרויל, אַלע קאַלטע שטעכענישן, ווי דאַן, ווען מע פלעגט אים אַרײַנזעצן אין דער אײַז־קאַלטער וואַנע און ער האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פאַרפרוירן ווערן.

אָט, מיט אַזאַ טויט... — איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק, — מיט א שטיין אין דער האַנט. און כאָטש אײנעם פּלעטן דעם קאָפּ.

ווײַזט אויס, אַז ער האָט זיך טאַקע א ריס געטאָן, ווײַל סאַשע פערטשענקאָ האָט אים א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט. פריִער א כאַפּ געטאָן, דערנאָך דערמונטערנדיק א דריק גע־טאָן. סאַשע האָט גוט פאַרשטאַנען זײַן צושטאַנד. ער, סאַשע, איז געווען צווישן די געציילטע, וואָס האָבן געוווּסט, אַז ער איז א ייִד.

— האַלט זיך, וואַסיע, — האָט ער אים א שעפּטשע געטאָן. — דער כעזשבן איז צו א גרויסער. און מיר מוזן דערציִען צו אונדזער טאָג.

ווען הימלער האָט ענדלעך אַרויסבאַקומען א פּאָר שטיינער פון דער נײַטיקער גרייס, איז ער געוואָרן ביז גאָר לעבעדיק. דעריבער האָט ער באַשטימט אָפּמערקן די געשעעניש מיט א נײַעם שאָו. אויך אַזאַ, אַז אַלע זאָלן דאָס פאַרגעדענקען אַף שטענדיק, אַף זייער קורץ שטיקל לעבן, וואָס זיי איז, לויט הימלערס כעזשבן, נאָך געבליבן. און ווײַל דאָס האָט געדאַרפט זײַן א שאָו פאַר אַלעמען, האָט הימלער דאָס באַשטימט אַף זונטיק.

אפּן אפּעל־פּלאַץ זײַנען אַרויסגעפירט געוואָרן די אסירים פון אַלע בלאָקן און אויסגע־שטעלט געוואָרן לויט יענער שטרענגער אָרדענונג, ווי בא דער סאַמע פײַערלעכער צערע־מאָניע. די עסעסאָווצעס, ווער מיט אָנגעצילטע אויטאָמאַטן און ווער מיט הינט אַף די קייטן, האָבן פאַרנומען זייערע געווײנלעכע ערטער. דערנאָך האָט זיך באַוויזן הימלער אַליין אין דער באַגלייטונג פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. אַף זײַן ריין־אויסגעגאָלט פּאָנעם איז געווען צו זען, אַז ער איז צופרידן מיט אַלץ און אַז די טעג אין מאַוטהאַוזן האָבן אים געבראַכט ניט ווייניק פאַרגעניגן. דעריבער האָבן אַלע געמיינט, אַז קיין שום אויסערגעווײנלעכס וועט ניט געשען. ווען דער לאַגער־שעף האָט באַפוילן אויסטיילן צו צען מענטשן פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, האָט נאָך אויך קײנער ניט כוישעד געווען, מיט וואָס דאָס שמעקט. נאָר ווען די אויס־געטיילטע קאַלאָנע האָט פאַרנומען איר פּלאַץ און דעם אָרקעסטער איז באַפוילן געוואָרן זיך שטעלן פאַרויס, איז נאָך ביזן באַפעל „צו דער צווייטער זאָנע!" קלאָר געוואָרן הימלערס פאַר־טראַכט. מיט דעם האָט הימלער באַשטימט פאַרענדיקן זײַן וויזיט קיין מאַוטהאַוזן, דאָס האָט געדאַרפט זײַן די שענסטע מאַטאָנע פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע פאַרזענלעך אים און לעקאָוועד זײַן עלטערבאַבען.

— צו דער צווייטער זאָנע! — האָט באַפוילן דער לאַגער־שעף.

די עסעסאָווצעס מיט די הינט האָבן אַרומגערינגלט די קאַלאָנע פון אַלע זײַטן. לויט די ערשטע קלאַנגען פון די באַרימטע שטראַוס־וואַלסן האָבן די פאַרורטיילטע אָנגעהויבן זייער לעצטן מאַרש.

וויפל צופעליקײַטן האָבן אָפּגעשפּילט מיט הערשלען פאַרשיידענע קאַטאָווועסן, אַדאַנק וועלכע ער האָט איבערגעשפּאַנט איבער זײַן אײגענעם טויט? דאָס מאָל האָט דער צופאַל אָפּ־געטאָן אים א פאַרקערט שפּיצל. ער איז געווען צווישן די צען רוסישע, וואָס שפּאַנען איצט

איניינעם מיט די פראַנצויזן און איטאַליענער, טשעכן און פּאָליאַקן, שפּאַניער און יוגאָסלאַוון צו דער צווייטער זאַגע. אהין, ווו מע צעשיסט אַלע פאַרמישפּעטע. און דער אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פון די סאַמע באַרימטע דײַטשישע און עסטרײַכישע פידלער, האָט געשפּילט די באַרימטע וואַלסן פונעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר.

וויפל מאָל האָבן זיי שוין אַלע געזען דעם טויט פאַר די אויגן? זיי זײַנען שטענדיק געווען גרייט צו אים. דאָן, ווען זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די שטיינברוכן און קיינמאָל ניט געוווסט, ווּעמען וועט אַפּגליקן זיך אופהייבן אַרויף, דאַן, ווען זיי האָבן אויסגעפּילט עפּעס אַ שליכעס פונעם אונטערערד, וואָס האָט יעדעס מאָל געקאָנט זיך ענדיקן מיט טויט, יעדן באַגינען, ווען זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אפן אַפּעל־פּלאַץ און קיינמאָל ניט געוווסט, וואָס האָבן פאַר זיי הײַנט צוגעטראַכט די עסעסאָווצעס. איצט האָבן זיי אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאַכן זיי זייערע לעצטע טריט אַף דער ערד, אַף דער פּײַנפולער ערד פון מאַוטהאַוזען, וואָס האָט שוין אַרויסגעלאָזט דורך די קוימענס פון קרעמאַטאָרי צענדליקער טויזנטער לעבנס. דאַרף מען די לעצטע מינוטן אָפּלעבן אַזוי, אַז אַלע זאָלן דאָס פאַרגעדענקען אַף שטענדיק.

געוויס האָט יעדערער פאַר זיך שוין אַלץ געהאַט אויסגערעכנט און אָנגעצײַלעוועט דאָס גאַנצע וועזן צו יענער לעצטער מינוט, וואָס דאַרף אַרויסגעריסן ווערן בא די מערדער, די מינוט, צווישן דעם קורצן איבערײַס, ווען דער אָרקעסטער וועט אַנשוויגן ווערן און ביז עס וועט אַ דונער טאָן די קאָמאַנדע — פּײַער!

מעגלעך, אַז גראַד אָט די אומבאַגרײַפלעכע אויסגערעכנטקײַט פון אַלעמען איניינעם און יעדערן באַזונדער האָט געקאָנט אָנטאַפּן און אופכאַפּן יענע לעצטע מינוט. דער אָרקעסטער האָט נאָך ניט באַוויזן אַנשוויגן ווערן, עס האָבן נאָך געהילכט די לעצטע אַקאָרדן, און פּלוצעם... אין איין אָטעם!

שטייט אוף, איר אַלע, ווער, ווי שקלאַפן,
אין הונגער לעבן מוז און נויט...

אַף רוסיש און טשעכיש, אַף פראַנצויזיש און איטאַליעניש, אַף שפּאַניש און פּויליש, אַף דײַטשיש און יוגאָסלאַוויש...

הימלער איז געשטאַנען אַ ביסעלע ווײַטער, אין אַ זײַט, און אַלעמאָל אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַן אַנדער נאָזטיכל. דאָס געזאַנג האָט אים אַ ריס געטאָן פון זײַן אָרט, און ער האָט געגומען שרײַען:

— ניכט שיסן, ניכט שיסן!

די עסעסאָווצעס האָבן אומצופרידן אַראָפּגעלאָזט די אויטאָמאַטן און דערשראָקן אַ קוק געטאָן אַף זייער פּיורער. זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי זײַנען באַגאַנגען עפּעס ניט־דערלאָזבאַרס. דער צאָרן פון הימלערן קאָן זיך נאָך אויסלאָזן צו זיי.

— איר, איר, איר אַלע, — האָט הימלער געטײַטלט מיט די פינגער אַף אַלעמען, — איר אַלע זײַנט אײן שמוציקע סטאַלין־באַנדע! און אַ קויל איז פאַר אײַך צו אַ גרינגער טויט. איך וועל צוטראַכטן פאַר אײַך עפּעס אַנדערש!

# טויט אָדער רויט

אַלע טויטן האָבן ווי זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט, נאָר דער טויט־לײַטער איז געבליבן מיט אים, געבליבן אין אים אַף שטענדיק.

סײַ דאַן, ווען ער איז פון אַ שטיינטרעגער געוואָרן אַ שטיינהאַקער און האָט שוין אַ ביסל פונדערווײַטנס נאָכגעקוקט, ווי אַנדערע הייבן זיך אוף מיט די שטיינער אַף די פּלייצעס, סײַ איצט, ווען ער אַרבעט שוין גאָר אַף „גרינגער“ אַרבעט אין „ריוסטונג“, גייט ער יעדן טאָג אַראָפּ און אַרויף מיטן טויט־לײַטער און לעבט יעדן טאָג איבער אָפּסנײַ די אײגענע טויזנטער טויטן. ער זעט פאַר זיך שטענדיק די, וועמעס גורל איז איבערגעפּלאָכטן מיט זײַנעם און וועמעס לעבן הענגט ווידער אָפּ פון אים, גלײַך ער וואָלט הײַנט באַנאַנד מיט זיי זיך אופגעהויבן מיט די טרעפּ.

און דאָך... ווען מע האָט אים אַרויסגערופן אַף אַ דרינגענדיקער באַגעגעניש צום אָנפירער פון זייער גרופּע און מע האָט אים איבערגעגעבן דעם באַפעל פון אונטערערדישן צענטער קריגן אַ ביסל ברויט פאַר דער נײַער גרופּע שטראַפניקעס, האָט ער געענטפערט:

— אומעגלעך!

— פאַרשטייסט, אַ קליינע גרופּע, — האָט מען אים געפּרוווט איינרעדן. — און זיי איז פיל ערגער. געדענקסט?..

יאָ, ער פאַרשטייט, ער געדענקט גאַנץ גוט. נאָר ער ווייסט פּאַשעט ניט, וויאַזוי נעמען זיך פאַר דעם.

— איך קאָן ניט, פאַרשטייסט, איך קאָן ניט.

— דו קאָנסט, דו קאָנסט! — האָט יענער קאַטעגאָריש געענטפערט. — טו אַ טראַכט. מע מוז עפּעס צוטראַכטן.

איז ער אוועק צוטראַכטן. איבערגעקלייבן אין קאָפּ אַלדאָס מעגלעכע און אומעגלעכע און אַלעמאָל איבערגעכאַזערט פאַר זיך אַליין:

— דו קאָנסט... און דו מוזט!

ס'איז געווען זונטיק. איינער פון יענע זעלטענע זונטיקס, ווען מע האָט קיינעם ניט געטאַנגען, קיינעם ניט געשאָסן און דער אָרקעסטער האָט ניט געשפּילט יענע שטראַוס־וואַלסן פון וועלכע ס'ווערט פאַרגליווערט יעדער איווער. בלויז די קרעמאַטאָרי־אויוונס האָבן געאַרבעט אָן אופהער, און דער שוואַרצער רויך מיט די שיטערע פונקען האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער טויט טוט זיך זיינס; אַז פאַר אים איז דער זונטיק קיין זונטיק ניט.

און דאָך... די ענדערונגען אינעם לעבן פונעם לאַגער האָבן מיט יעדן טאָג אָנגעהויבן פילן זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער. ס'איז אַפילו שווער געווען צו זאָגן, אין וואָס זיי באַשטייען, נאָר ביידע קעמפנדיקע צדדים, די אסירים און די לאַגער־אַדמיניסטראַציע, אָנהייבנדיק פונעם שעף און ענדיקנדיק מיט די קאַפּאָס, האָבן געפילט, אַז עפּעס קומט פאַר אַזוינס, וואָס ענדערט זיי אַלעמען. אהער, אינעם טויט־לאַגער, האָט פונעם וויַיטן דרויסן אָנגעהויבן אַריינדרינגען עפּעס אַזוינס, וואָס יעדערער האָט געקאָנט אַרויסרעדן נאָר פאַר זיך און נאָר צווישן זיך. די עסעסאָווצעס מיט שרעק, און די אסירים מיט האָפענונג. און דערפון האָט זיך גענומען אויך אַזוינס:

אָט שפּאַצירן אַרום פּאַרלעך, שמועסן שטיל צווישן זיך, קוקן זיך אַרום, צי איז ניטאָ נאָענט קיין זייטיקער, און זיי זיינען זיכער, אַז קיינעם וועט ניט קומען אויפן זינען, אַז צווישן די פּאַרלעך שפּאַצירט אויך דער אונטערערדישער קאָמיטעט. אַז דאָס האַלט ער אויף אַ באַראַטונג, באַהאַנדלט זייער וויכטיקע איניאַנים און טראַגט אַרויס זייער אַ וויכטיקן באַשלוס.

אָט וואַרעמען זיך קעגן דער זון עטלעכע קאַצעטלער, זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די פיס די הילצערנע קלאָפּערס, אַראָפּגעצויגן פון זיך די צעפּאַסעוועטע העמדלעך, אַז עפּעס אַ שטראַל זאָל דערוואַרעמען, דורכנעמען זייערע ביינער.

אָט האָבן זיך פאַרוקט אין אַ ווינקעלע עטלעכע אסירים פון פאַרשיידענע בלאָקן און מאַכן אַ שטיקל האַנדל, בייטן עפּעס אויס איינער באַם אַנדערן, און אָט האָבן אַפילו צוויי שטוביסטן זיך אוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן.

און וואָס איז דאָס? ליאָניע? ליאָניע זיצט אויף דער ערד לעבן אַ שאָך־ברעטל און שפּילט אין שאָך. און מיט וועמען? מיט אַ געוועזענעם פאַבריקאַנט. איינעם פון היטלערס נאָענטע פּריינט, ווער ס'האָט אַמאָל פינאַנסירט די שטורמאַוויקעס. אין יענער ווייסטער נאַכט, ווען היטלער האָט אומגעבראַכט זיינע שטורעם־באַנדעס, ווייל ער האָט זיך שוין אין זיי ניט געבייטיקט, האָט ער אים, דעם פאַבריקאַנט פּליווען, דאָך געשוינט. ער האָט אים בלויז אַריינגעזעצט אין לאַגער. פּליוואַ איז דאָ געווען פון די ערשטע טוישווים, ניט געהאַט קיין שווערע שטעלע, פאַנאַנדערגעפירט דאָס ברויט פון בעקערייַ און געפילט זיך, ווי באַ זיך אין דער היים, לויט דעם, ווי דער דאַזיקער פּליוואַ נערווירט, טוט אַלעמאָל אַ קראַץ דעם קאָפּ און טוט אַ רייַב מיט די פאַרשוואַלענע פינגער דאָס פאַרשוואַלענע פּאָנעם, און לויט דעם, ווי עס יאָגן אַרום זיינע פאַרגאָסענע אייגעלעך, האָט הערשל פאַרשטאַנען, אַז ער האַלט שלעכט, אַז ליאָניע געווינט. האָט הערשל גלאַט אַזוי אַ פרעג געטאָן:

— ליאָניע, און אויף אינטערעס וואָלסטו געקאָנט שפּילן?

— אויף אינטערעס שפּיל איך ניט, — האָט ליאָניע אָפּגעענטפערט.

פּליוואַ האָט שוואַך פאַרשטאַנען רוסיש, נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס עס רעדט זיך. איז ער געוואָרן מאַלע־רעציכע:

— דאָס אַלץ איז ניט מערער, ווי אַ צופאַל. איך האָב ניט איין מאָל געווונען באַ די גרעסטע שאַכמאַטיסטן.

אין יענער מינוט האָט נאָך הערשל אַליין ניט געוווסט, צוליב וואָס האָט ער פאַרפירט דעם שמועס, וואָס קאָן דאָס אים געבן. נאָר דער שמועס אַליין איז שוין געגאַנגען מיט זיין וועג.

— ליאַניע, טו א טראַכט. עס קאָן צוניץ קומען. דו וואָלסט געקאָנט נאָכאַמאָל געווינען באַ פּליוועז?

— אַפילע מיט פאַרבונדענע אויגן, — האָט ליאַניע, א ביסל באַרימעריש, אָפּגעענטפערט. דער געוועזענער פאַבריקאַנט, וואָס האָט פינאַנסירט היטלערס שטורמאַוויקעס און געוואָרן א קאָרבן פון זײַנע אייגענע מיליאָנען, איז דאָך פאַרבליבן א מענטש פון גרויסן מיסבער. מיט קיין קליינינקײַטן האָט ער זיך ניט פאַרנומען. כאָטש דאָ אין לאַגער איז ער געווען ניט מער ווי אַן אָנטרײַבער, פאַנאַנדערגעפּירט אַף א ווענעלע דאָס ברויט איבער די בלאָקן, געגאַנוועט, ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט, און באַ יעדער געלעגנהייט פאַרקויפט א פּאָר לעבלעך ברויט פאַר גרויס געלט, איז ער געוואָרן מאָלע־רעציכע, פּליוואַ, און געמאָלדן מיט יענער דײַטשישער פּינקטלעכקייט, ווי דאַן, ווען מע שליסט זייער א וויכטיקן קאָנטראַקט:

— אַף אינטערעס קאָן איך שפּילן נאָר דאַן, ווען עס וועט אַרויסגעשטעלט ווערן הונדערט מאַרק.

באַ הערשלען איז אַף א ווײַלע פאַרטריקנט געוואָרן אין האַלדז. הונדערט מאַרק! ווו קריגט מען אַזעלכע געלטן? באַ זיי אַלעמען איז קיין איינציקער מאַרק ניטאָ. שוין לאַנג, אַז זיי האָבן ניט עפּעס וואָס צו פאַרקויפן, וואָס צו פאַרהאַנדלען. דאָס ביסל קאַרטאָפל־שאָלעכץ, א ברוקווע צי א קוילן־בריקעטל, וואָס יעדערער האָט געקאָנט ערגעץ קריגן, האָט קוים געסטייעט אַף מאַכן עטוואָס זאַטער זייער אָרעמע סודע. נאָר קעגן אים איז געזעסן פּליוואַ, אָט דער, וואָס פירט אַרום דאָס ברויט, וואָס גאַנוועט ברויט, ספּעקולירט מיט ברויט און באַ וועמען מע קאָן טאַקע פאַר געלט קריגן ברויט פאַר די שטראַפניקעס. האָט ער אָפּגעענטפערט:

— גוט, הונדערט מאַרק!

— הונדערט מאַרק! — האָט פּליוואַ אויסגעשריגן, און זײַן אָנגעשוואָלן פּאָנעם האָט אָנגעהויבן מינען זיך.

— אָפּגערעדט, — האָט ליאַניע געגעבן זײַן האַסקאָמע, — הונדערט מאַרק.

— ווען? — האָט פּליוואַ א פרעג געטאָן, און זײַנע אַראָפּהענגענדיקע באַקן האָבן אָנגעהויבן אונטערציטערן.

— דעם קומענדיקן זונטיק, — האָט הערשל אָפּגעענטפערט.

דערנאָך איז ער א גאַנצן פאַרנאַכט אַרומגעגאַנגען ווי א פאַרמאַראַטשעטער, ס'האָט אים געשווינדלט אין די אויגן און אַלץ אַרום, האָט זיך אים געדוכט, האַלט אין איין אַרומשווימען: די בלאָקן, דער הויכער פּלויט, די וואַכטורעמס און דער קרעמאַטאָרי. די מענטשן אויך. א סאַך מענטשעלעך זײַנען אַרומגעשוווּמען, געהוידעט זיך, און ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי האַלטן זיי זיך אַף די פיס. ער האָט ניט אופגעהערט איבערכאַזערן — הונדערט מאַרק! ווען זיי האָבן הונדערט מאַרק, קענען זיי שוין קריגן עטלעכע לעבלעך ברויט. טאַקע באַ אָט דעם פּליוועזן אַליין. איך אָוונט, ווען ער האָט דערציילט סאַשען, דעם עלטסטן פון זייער גרופּע, וועגן זײַן פאַרטראַכט, האָט יענער א זאָג געטאָן:

— אַוואַנטיורע.

— דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז דאָ הוילע אַוואַנטיורע, — האָט הערשל אָפּגעענטפערט.

— יאָ, אָבער הונדערט מאַרק!

— איך מיין אַזוי: צוערשט דאַרף מען מאָרגן צונויפנעמען אַלע אונדזערע כאַלאָקים און פאַרקויפן.

— וויפל זשע קלערסטו באַקומען פאַר אונדזערע ברעקלעך?

— כאָטש א צען מאַרק.

— און דערנאָך?

— דערנאָך וועל איך גיין שפּילן אין קאָרטן.

— מיט וועמען?

— אַפילע מיטן „קראַקאַדיל".

— ביסטו גאָר א קאָרטנשפּילער? און איך האָב ניט געוווּסט.

און ווײַל אין סאַשעס בליק איז געווען אָפענע איראָניע, האָט הערשל אָפּגעענטפערט אויך א ביסל שפּילעוודיק:

— אַהאַ, נאָך פון קינדווײַז אָן.

איז שוין סאַשע געוואָרן ערנסט:

— דו ווייסט כאָטש, וואָס דו רעדסט? און טאָמער פאַרשפּילסטו?

— איך טאָר ניט פאַרשפּילן. פאַרשטייסט, איך האָב קיין רעכט ניט.

— און איך האָב געמיינט... — סאַשע האָט גערעדט, ווי צו זיך אַליין, — ווען איך האָב פאַרגעלייגט דײַן קאַנדידאַטור, האָב איך געמיינט, אַז דו וועסט צוטראַכטן עפּעס קליגערס.

— וואָס קאָן נאָך זײַן קליגער?

— נו, גוט, — האָט סאַשע געמוזט מאַסקים זײַן. — אַ טאָג אָן ברויט וועלן מיר ווי־ניט־איז דורכקומען. נאָר דו... זײַ פּאַרזיכטיק.

— וואָס איז שײַעך פּאַרזיכטיק? אַ באַפעל איז אַ באַפעל. און בײַ אַ סאָלדאַט איז שטענדיק אַזוי: טויט אָדער רויט.

האָט סאַשע אַ נעם געטאָן די הערשלס האַנט און זי לאַנג געהאַלטן אין זײַנער. און ס'איז אויסגעקומען, גלײַך ער וואָלט זי אים געדריקט. מעגלעך, דערפאַר... סאַשע איז דאָך עלטער פון אים מיט אַ פּאָר יאָר, איז דערצו אַ געוועזענער לייטענאַנט, קומט אויס, אַז הערשל גייט אויספילן זײַן באַפעל. און עפּשער איז אינעם דריקן די האַנט און אין זייער פאַרצויגענעם שווײַגן געווען עפּעס אַנדערש. זיי זײַנען געווען אַלטע פרײַנט, בײַדע דורכגעגאַנגען דורך הונדערטער טויטן, אָנהייבנדיק פון יענעם באַגינען אונטער דאַכאַו, ווען זיי זײַנען געבליבן ניט קיין דערשאָסענע, דערנאָך, ווען זיי זײַנען נאָך יענעם זונטיקדיקן גײַזאַנג געבליבן פינף פון דרײַסיק, דערנאָך, ווען זיי זײַנען געבליבן לעבן צווישן ווער ווייסט וויפל פאַרפרוירענע, דערנאָך, ווען זיי זײַנען שוין דאָ לעבעדיק אַרויס פון די שטיינברוכן. עפּשער דערפאַר איז פאַר זיי אַזוי אומדערטרעגלעך געווען יעדע נײַע געפאַר.

— נו, גוט, — האָט סאַשע שטיל אַרויסגערעדט, — די שטיקלעך ברויט וועלן מיר מאָרגן צונויפקלײַבן. און דו זײַ פּאַרזיכטיק. דו ווייסט דאָך, אָט די „גרינע“...

די גרינע... די אונטערוועלט פון מאַוטהאַוזן. גאַנאָווים און מערדער, באַנדיטן און רויבער, הענקער און סאַדיסטן, געלטפעלשער און רעצידיוויסטן מיקאַל־האַמינים, וואָס האָבן שוין פאַרגעסן דעם כעזשבן, וויפל לעבנס זיי האָבן אומגעבראַכט, שאַנטאַזשיסטן און פּראָוואָקאַטאָרס, און גלאַט אַזוי מענוואַלים. דאָס גאַנצע ביסל מענטשלעכער אָפּפאַל. געווען צווישן די, וואָס האָבן געטראָגן גרינע צייכנס, אויך געוועזענע עסעסאָווצעס, געשטראָפטע דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געפּאַקט מיט גאָר מיִעסע מײַסים — אַרויסגעגאַנוועט פון די לאַגער־סקלאַדן פאַרשיידענע טײַערע כפייצים, דאָס, וואָס איז געקומען די אָבער־רויבער אַליין. די „גרינע“ זײַנען עס געווען דער הויפּט־רעזערוו פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, פונוואַנען זי האָט געשעפּט קאַדרען פאַר קאַפּאָס און אָבער־קאַפּאָס, שטוביסטן און סטאַראָסטעס, שטעלעס, אַף וועלכע די אַלע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקײַט אין דער פולער מאָס אַנטפּלעקן זייערע נייגונגען צו גנייווע און גזילע, סאַדיזם און אַנדערע כײַישע אינסטינקטן. אַזאַ איז אויך געווען דער קאַפּאָ פון די שטיינהעקער — אַ גאַנעוו שעבעגאַנעוו און אַ קעלעוו שעבעקלאָווים. דעם צונאָמען „קראָקאָדיל“ האָט ער באַקומען סײַ פאַר זײַן מענטשנפרעסערישער אַכזאָריעס, סײַ פאַר זײַן פּאָנעם, וואָס איז געווען אין דער לענג און אין דער ברייט איבערגעשטרײַפט מיט אָן אַ שיר טיפע, פאַרקוילטע שראַמען, סימאָנים פון פיל געשלעגן.

אַף מאָרגן, ווען די כאַלאָקים ברויט זײַנען פאַרקויפט געוואָרן, האָט הערשל זיך אוועקגעלאָזט צום קראָקאָדיל. ס'איז געווען באַוווּסט, אַז די גרעסטע לײַדנשאַפט זײַנע איז קאָרטנשפּיל. אוועקגעפירט אים אין אַ ווינקעלע, האָט הערשל אַ פרעג געטאָן:

— האָסט כיישעק?

— אַף וואָס?

— דײַטשישע מאַרק.

די אויגן בײַם קראָקאָדיל האָבן זיך צעגלאַנצט מיט אַ שיקערן גלאַנץ. די הענט האָבן אָנגעהויבן אונטערציטערן. אָט אַזוי, מיט ציטעריקע הענט האָט ער אַרויסבאַקומען די קאָרטן פון דער בוזעם־קעשענע. מיטאַמאָל געוואָרן שטרענג, און אין די אויגן האָט זיך באַוויזן עפּעס גאַזלאָניש.

— דאַרפסט דאָך וויסן. אויב דו בלאָפסט...

— נאַ, טו אַ קוק, — און הערשל האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע עטלעכע פאַרשמאָלצעוועטע מאַרק, — ניט קיין פאַלשע.

— אַף וויפל?

— דערווײַל אַף איין שטיק.

— איך האָב פײַנט האָבן צו טאָן מיט קלייניקײַטן.

ערשט איצט, ווען הערשל האָט גענומען אין די הענט די קאָרטן, האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז טאַקע עכטע אַוואַנטיורע. קיין קאָרטנשפּילער איז ער קיינמאָל ניט געווען. איין זאַך האָט ער געוווּסט: מע דאַרף בײַ אַלע אומשטענדן זײַן רויִק, קאַלטבלוטיק, ניט היצן זיך, ניט פאַרלירן זיך. נאָך אַ באַפעל האָט ער זיך געגעבן — די צען מאַרק, צוליב וועלכע זיי האָבן אָפּגעהונגערט אַזאַ שווערן טאָג, טאָר ער ניט פאַרשפּילן. ער מוז צוערשט געווינען כאָטש נאָך צען מאַרק. און דערנאָך...

ווען ער האָט געווונען די ערשטע צען מארק און דער קאָן איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרע־סער — פֿון דרײַערלעך אף פֿינפֿערלעך און פֿון פֿינפֿערלעך אף צענערלעך, — האָבן אים זײַנע אייגענע באַפּעלן שוין ניט געהאָלפֿן. ער האָט ניט געקאָנט בלײַבן רויִק, קאַלטבלוטיק, ניט געקאָנט אײַנעמען דעם אַלץ וואַקסנדיקן פֿלאַטער. ער האָט געפֿילט, ווי עס פֿלאַמט אים דאָס פּאָנעם, ווי עס באַשלאָגט אים אַלעמאָל אַ מוירעדיקע היץ, און האָט ניט געקענט צוטראַכטן עפּעס אַף אַפּקילן זיך. דערנאָך איז אים דורך אַ גרויל איבערן לײַב, אַן עמעסדיקער פֿראָסט, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער ווערט פֿאַרפֿרוירן. אַלעמאָל, ווען ער, אָדער דער קראָקאָדיל, האָט אָנגעהויבן איבערטעשלען די קאָרטן, די הענט האָבן געציטערט באַביידן, האָט הערשל ניט אופֿגעהערט צו טראַכטן און פֿילן מיט זײַן גאַנצן גרויליקן וועזן, אַז דאָס שטעלט ער אַלעמאָל אײַן קאָן מענטשלעכע לעבנס. און זײַן אייגן לעבן אויך. פֿריִער, ווען ער איז געגאַנ־גען אַהער אַראָפּלאָזן זיך אינעם שטויל־טאַכטיאָ פֿון אָט דער פֿוילנדיקער און שטינקענדיקער אונטערוועלט, האָט ער ניט אופֿגעהערט מונטערן זיך אַליין מיט די ווערטער — טויט אָדער רויט. איצט, פֿרווונדיק ווי־ניט־איז אײַנשטילן דעם מעשונעדיקן גערנאַגל צווישן דער סאַר־פּענדיקער היץ און גליוערנדיקער קעלט, האָט ער ניט אופֿגעהערט צו שיקן זיך אַליין אײַן באַפֿעל נאָכן צווייטן:

— דו טאָרסט ניט, דו טאָרסט ניט פֿאַרשפּילן!

— דו מוזט, דו מוזט געווינען הונדערט מאַרק!

אַף דעם האָט ער, אייגנטלעך, די גאַנצע צײַט אויסגערעכנט. ניט אַף זײַן טאַלאַנט פֿון אַ קאָרטנשפּילער, נאָר אַף זײַן ווילן, אַף זײַן שטאַרקן ווילן און הייסער שטרעבונג. אַף דער קראַפֿט פֿון אָט די באַפֿעלן, וואָס האָבן אים ניט אײַן מאָל אַרויסגעפֿירט ביז די לעצטע טרעפּ פֿונעם טויט־לייטער.

— דו מוזט, דו מוזט געווינען!

אָט אַזוי, מיט היץ און מיט קעלט, מיט פֿראָסט און מיט גרויל און מיט אומופֿהערלעכע שטרענגע באַפֿעלן, מיט וועלכע ער האָט ווי דורכגעשטאָכן זיך אַף דורך און דורך, האָט ער געווונען באַם קראָקאָדיל די ערשטע הונדערט מאַרק. ער האָט בעפֿיירעש געמיינט פֿאַרענדיקן די שפּיל, ווײַל מער ווי הונדערט מאַרק האָט ער ניט גענדאַרפֿט, נאָר יענער האָט געפֿאָדערט:

— גיב ווײַטער.

נאָר ווען הערשל האָט געווונען נאָך פֿופֿציק מאַרק, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט.

— האַדי, — אַרויסגערעדט באַפֿעלעריש און צוגעגעבן דאָס אַלטע רוסישע ווערטל: —

Деньги на бочку!

— גלייבסט מיר ניט? לאָמיר ענדיקן די שפּיל. דאָס וואָרט פֿון אַ וועלט־גאַנעווו.

— פֿריִער מעזומאָנים.

דער גאַזלאָנישער ברען פֿון די קראָקאָדילישע אויגן האָט גענדאַרפֿט אַ ביסל שטילן הערשלס אַקשאָנעס. נאָר אים זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען פֿאַר די אויגן די מענטשן פֿון דער שטראָף־קאָמאַנדע, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ מיטן טויט־לייטער. און ניט אַלע קומען אַרויף צוריק. איז ער אויך געוואָרן בייז:

— Деньги на бочку!

מיסטאַמע איז אין הערשלס אויגן אויך געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געקאָנט דורכ־בויערן אַפֿילע אַזאַ קראָקאָדיל.

— גוט, גוט, — האָט יענער אַ בורטשע געטאָן, אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס און אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן אַ פּעקל געלט:

— נאַ, נאַ, וואָרג זיך.

הערשלס הענט האָבן מוירעדיק געציטערט, נאָר דאָס געלט האָט ער איבערגעציילט צוויי מאָל.

— דאָ איז נאָר פֿופֿציק מאַרק!

— מער האָב איך ניט.

— אַז מע האָט ניט, שפּילט מען ניט. דו ווייסט דאָך גוט, וואָס קומט פֿאַר ניט דעקן אַ קאָרטן־כויוו.

אוי, אָט די בייזע, היפּנאָטיזירנדיקע קראָקאָדילישע אויגן!

— דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט? איך האָב אָנטיילגענומען אינעם צווישנפֿעלקער־לעכן קאָנגרעס פֿון גאַנאָווים אין וואַשינגטאָן!

— און איך... — הערשל האָט דאָך געמוזט מיט עפּעס אָפּענטפֿערן. — איך בין אַן אָדעסיט! דאָס האָט געדאַרפֿט הייסן, אַז ער איז אויך פֿון יענע, און מיט אים פֿראַוועט מען ניט קיין שטיק, כאָטש אין אָדעס איז ער קיינמאָל ניט געווען.

— איז וואָס קאָנסטו מיר טאָן? — האָט דער קראָקאָדיל געפרעגט ארויסרופּעריש.

— דו ווייסט אליין... נאָר איך בין א גוטער. פּופּציק מארק שענק איך דיר, נאָר די צווייטע פּופּציק זאָלן זײַן מאָרגן בא מיר.

— דאָס וואָרט פון א גאנעוו!

ווען ביידע צדדים, ליאָניע און פּליווא, האָבן ארײַנגעטראָגן דעם אָבער־קאַפּאָ זארעמבא צו הונדערט מארק אַלס מאשקן, איז איבערן גאנצן לאַגער אָפּיציעל געמאָלדן געוואָרן, אז דעם קומענדיקן זונטיק וועט פאָרקומען אַן אומגעוויינלעכער שאָך־טורניר צווישן יונגן קאַצעטלער ליאָניע רודענקאָ און דעם וועטעראַן פון מאַוטהאַוזן פּליווא. רודענקאָ וועט שפּילן מיט פאַרבונדענע אויגן.

איז ווידער געווען איינער פון יענע זעלטענע זונטיקס. א זומערדיקער זונטיק פון אווגוסט פיר־און־פערציקטן. דער אומגעוויינלעכער שאָך־טורניר האָט זיך געמאָלט דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, ווי די גרעסטע פאַרווײַלונג, אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געווען, אַזוינס, וואָס דאַרף, כּוץ אַלעמען, באַשטעטיקן די מעכטיקייט פונעם דײַטשישן גײַסט און די מינדערווערטיקייט פון די סלאַוון. וועט ווידער זײַן א געלעגנהײַט אָפּצוויזעקן פון די אסירים מיט זייערע אויסגעטראַכטע שאָך־מײַסטערס.

דער גאנצער לאַגער איז שוין אויסגעשטעלט אפּן אַפּעל־פּלאַץ, און טויזנטער מידע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן זשמורען זיך קעגן דער זון. די פײַערלעכע שטימונג רײַסט אַלעמאָל אוף א טיף־אײַנגעוואָקסענער הוסט, וואָס רײַסט זיך שוין ווער ווייסט וויפל און קאָן זיך ניט ארויסרײַסן. אין איין ברעג באַברעט זיך עמעצער מיט זײַן הוסט, אין א צווייטן שאַרווען דעם אַספּאַלט די הילצערנע קלאָפּערס, און אין א סאָך ערטער קלינגען די קייטן אף די צערייצטע הינט. זיי האָט מען אויך ארויסגעפירט אף דער שפּיל. און פון די קרעמאַטאָרי־קוימענס זעצט א געדיכטער רויך מיט שיטערע פונקען. און אָט האָט די גאנצע לאַגער־אַדמיניסטראַציע בעראָש מיט זייער שעף ציראָס דורכמאַרשירט אין שוואַרצן גלאַנץ און שווײַגנדיק פאַרנומען זייערע ערטער אף די הויכע בענק, ניט ווײַט פונעם טיש, וואָס איז אוועקגעשטעלט פאַר די שפּילער. די אַדמיניסטראַציע איז דאָס מאָל געווען ביז גאָר צוגעלאָזט און דערלויבט אײַנאָרדענען אף דער נאָענטער וואַנט א גרויסע שאָך־ברעט, אף וועלכער עס זאָלן קאָפּירט ווערן די גענג פון די שאַכמאַטיסטן.

דערנאָך האָבן אין דער באַגלייטונג פון זייערע סעקונדאַנטן זיך באַוויזן די אָנטיילנעמער פונעם אומגעוויינלעכן טורניר. דער קליינינקער דאַרינקער ליאָניע און דער קרומפּיסיקער פּליווא מיט זײַנע פאַרשוואָלענע הענט און פאַרשוואָלן פּנים, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך גרעסער און גרעבער. קעגן אים האָט ליאָניע אויסגעזען גאָר נעבעכדיק, א פּיגעלע.

דאָס אַליין איז געווען גענוג, אז די עסעס־לײַט זאָלן שוין אָנהייבן פאַרווײַלן זיך.

— רוסלאַנד — דײַטשלאַנד, — האָט אויסגעשריִען איינער פון זיי, וועלנדיק דערמיט ווײַזן, ווער, הייסט עס, שטעלט פאָר רוסלאַנד און ווער דײַטשלאַנד.

א צווייטער, געוויס מער א געלערנטער מערדער, טײַטלענדיק מיט די פינגער אף דעם ניט־גלײַכן פּאָרל, האָט א זאָג געטאָן:

— דאַוויד אונד גאָליאַף!

געוויס האָט דאָס אומגעוויינלעכע פּאָרל געקאָנט ארויסרופן אזא פאַרגלײַכונג. דער קליינינקער, דאַרינקער ליאָניע איז, הייסט עס, געווען אין דער ראָל פון דאַווידן, און דער ווערגעלעך פּליווא אין דער ראָל פון גאָליאַס האַפּלישטי. נאָר גראָד די דאָזיקע פאַרגלײַכונג האָט באַזונדערס צערייצט די עסעסאָווצעס, ווײַל לויט דער טאַנאַך־לעגענדע, האָט דאָך דאָס דאַרינקע דאַווידל צענעריקט דעם ווערגעלעך גאָליאַסן.

אזוי צי אזוי, נאָר דער פאָרשטייענדיקער טורניר האָט גלײַך באַקומען א פּאָליטישע באַפאַרבונג. די צדדים זײַנען געווען צעטיילט אף צוויי קעמפנדיקע לאַגערן. נאָך איידער דער טורניר האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן פאַרשיידענע קאָמענטאַטאָרס, עפנטלעכע און געהיימע, קאַטעגאָריש ארויסגעזאָגט זייער מיינונג וועגן די מעגלעכע רעזולטאַטן פונעם טורניר און וועגן זײַן פּאָליטישער באַדײַטונג. איינער א דײַטשישער קאָמענטאַטאָר האָט געפונען פאַר נייטיק באַצײַטנס נעוויִעס זאָגן: אויב פּליווא געווינט, איז דאָס א סימען, אז די דײַטשן וועלן געווינען דעם קריג.

— נו, און אויב אָט דאָס ברעקל? — פרעגט א צווייטער.

— אויסגעשלאָסן, אויסגעשלאָסן!

ס'איז געווען אווגוסט פון פיר־און־פערציקסטן. דער מעגלעכער סאָף פונעם קריג איז שוין געווען קימאַט פאַר אַלעמען קלאָר און האָט זיך שוין ניט גענייטיקט אין קיין נעוויִעס. דאָך האָבן די עסעסאָווצעס געפרוווט געפינען פאַר זיך כאָטש א קליינינקע טרייסט:

— אויב פּליוואַ וועט געווינען...
און פּליוואַ, דערפילט די צעפלאַקערטע ליידנשאַפטן, די אָנגעגליטע אַטמאָספער, האָט אָפּגעמעסן געקאָנט מיינען, אַז פון זיין איצטיקער שפּיל הענגט אָפּ אַלץ. און אין דער ער־שטער ריי זיין אייגענער גורל. עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דאָס אַלץ זאָל דערגיין צו היט־לערן. און נאָך אַזאַ געווינס זאָל ער זיך מעראַכעם זיין איבער אים און באַפרייען פונעם לאַ־גער. איז ער געוואָרן גרויס בא זיך, געסטאַרעט זיך פעסטער שטעלן די אויסגעקרימטע פיס, געפּרווט אַפילו אויסגלייכן די סוטולעוואַטע פּלייצע, ער זאָל אויסזען אַ ביסל העכער, און פייערלעך געמאָלדן:
— איך וועל אים געבן אַ בליץ־קריג.
— דו הערסט, ליאָניע, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן הערשל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אַלס סעקונדאַנט.
— איז וואָס? וועט ער גיכער פאַרשפּילן.
ליאָניע האָט מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט זיין רויק, נאָר די בלייכקייט ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. מע האָט געזען, אַז ער ערגערט זיך. ווי זשע האָט הערשל געקאָנט זיין רויק?
— געדענק, ליאָניע, דו מוזט געווינען.
— איך געדענק.
— האָב אין זינען. דאָס איז שוין ניט קיין פּאַשעטע שפּיל, — האָט ער אים ווידער אריינ־געשעפּטשעט.
— איך פאַרשטיי.
— און אַף דער ברעט שטייען ניט קיין פערדעלעך מיט קיין העלפאַנדלעך, נאָר מענטשן, לעבעדיקע מענטשן...
— אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.
אין שאָך האָט הערשל ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען, נאָך ווייניקער, ווי אין קאָרטן. נאָר ער איז געווען איבערצייגט, אַז שטענדיק געווינט דער, בא וועמען די שטרעבונג צו געווינען איז שטאַרקער, ווער ס'איז דערביי איבערפולט מיט זייער וויכטיקע מאָטיוון און הויכע צילן.
דאָס, וואָס ליאָניע אַליין האָט פאַרבונדן די אויגן, איז פאַר פּליוון געווען ווייניק. ער האָט אַראָפּגענומען פון אים דאָס טיכל, אויסגעפּרוווט דאָס אַף זיך און דערנאָך אַליין אים פאַרבונדן.
און די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.
פּליוואַ האָט געמאַכט דעם ערשטן גאַנג, אים אויסגערופן אין דער הייך, דערנאָך האָט ליאָניע אויסגערופן זיין גאַנג. און ביידע צדאָדים האָבן מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם נאָכגעפאָלגט נאָך דער אומגעווינלעכער שפּיל. די, וואָס זיינען געשטאַנען נעענטער, האָבן איינגעקלעמערט די אויגן אינעם שאָך־ברעטל, וואָס איז געשטאַנען אַפן טיש; די, וואָס זיינען געשטאַנען וויי־טער, האָבן געקוקט אַף דער גרויסער שאָך־ברעט, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט.
ס'איז געווען אַ זעלטענער זונטיק. מע האָט קיינעם ניט געהאַנגען, קיינעם ניט געשאָסן, און דער אָרקעסטער האָט ניט געשפּילט די שטראַוס־וואַלסן. נאָר ער איז געשטאַנען גרייט, דער אָרקעסטער. לויטן ווונק פונעם לאַגער־שעף האָט ער געדאַרפט גלייך נאָך פּליוועס זיג שפּילן דעם פאַשיסטישן הימן.
אַף ליאָניעס איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע רויטע קרייזעלעך, וואָס האָבן דערנאָך זיך צונויפגעגאָסן אין איין רויטן אויסגוס. אַפן קליינינקן, זקייניש־אָנגעקנייטשטן שטערן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן עטלעכע גרויסע טראָפּנס. און ווען מע זאָל געווען קאָנען זען זיינע אויגן! נאָר ער האָט די גאַנצע צייט געפילט אַף זיך טויזנטער אונטערמונטערנדיקע בליקן און טויזנטער באַפעלן אַף עטלעכע שפּראַכן:
— דו מוזט, דו מוזט געווינען.
די שפּיל איז געגאַנגען מיט זייער אַ גיכן טעמפּ. פּליוואַ, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט האָבן אַ זיגרייכן בליץ־קריג, האָט אויסגערופן איין גאַנג נאָכן צווייטן, און ליאָניע, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פאַרשוויצטן שטערן, האָט גלייך אויסגערופן זיין גאַנג.
אינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז פּליוואַ פאַרשפּילט. פּליוואַ אַליין האָט דאָס פאַרשטאַנען דער ערשטער, און זיין נערוועזקייט און פאַרלוירנקייט איז געוואַקסן פון גאַנג צו גאַנג. אויס מיט אַלע זיינע האָפענונגען, און זאָל זיך גאָט אָפּהיטן, אַז היטלער זאָל זיך דערוויסן פון זיין שענדלעכער מאַפּאַלע. פון אופגערעגטקייט האָט ער פאַרלוירן די שטים און איז געוואָרן שטאַרק הייזעריק. זיין סעקונדאַנט האָט געמוזט איבערכאַזערן נאָך אים זיינע אָרדנטלעכן גאַנג. דאָס האָט אים נאָך מערער געערגערט.

וואָס איז געשען אזוינס דאָרטן, צווישן די עסעסאָווצעס? וואָס רעוועזן זיי אזוי? און דער לאַגער־שעף אַליין. ער האָט פּלוצעם זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט, דורכגענומען מיטן בייזן בליק אַלע זײַנע געהילפן, די, וואָס האָבן דערלויבט אַט דעם שענדלעכן טורניר, און דערנאָך דורכגענומען מיט דעם זעלבן בליק ביידע שאַכמאַטיסטן. גוט, וואָס בּאַ ליאָניען זײַנען געווען פאַרבונדן די אויגן. פאַר דער גאַנצער צײַט האָט קיינער ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. מע האָט בלויז געקאָנט הערן, ווי עס גיט אַלעמאָל דראָענדיק אַ קלונג עפּעס אַ קייט. די הינט האָבן ניט געקאָנט אײַנשטיין אויף זייערע ערטער, געריסן זיך אַ שפּרונג טאָן אויף עמעצן און דערשטוינטע געקוקט אויף זייערע באַלעבאַטים. וואָס איז דאָס הײַנט פאַר אַ שפּיל? טויזנטער אַסירים זײַנען געשטאַנען פּלייצע צו פּלייצע, דורכגעדרונגען מיט איין שטומען פּלאָנטער, מיט איין פאַרלאַנג און מיט איין שרעק פאַר די מעגלעכע פאָלגן פונעם טורניר. מע זעט דאָך, אַז ניט נאָר די הינט, די עסעסאָווצעס אַליין זײַנען אומגעדולדיק־אויפגערייצט און וואַרטן נאָר אויף אַ באַפעל.

ס'איז גאָר אזוינס ניט געשען. בלויז דער אָרקעסטער איז דאָס מאָל געבליבן אָן אַרבעט. דער לאַגער־שעף האָט דאָך ניט געקאָנט באַפוילן שפּילן דעם פאַשיסטישן הימן נאָך אזא מאַפּאָלע.

און ווען ס'איז אָפּיציעל געמאָלדן געוואָרן דער זיגער פונעם טורניר, און ווען דער אָבער־קאַפּאָ זאַרעמבאַ האָט געמוזט איבערגעבן דאָס פאַרמאַשקנטע געלט ליאָניען, סײַ זײַנע הונדערט מאַרק און סײַ פּליוואַס, האָבן עטלעכע פאַר הענט אַ כאַפּ געטאָן ליאָניען און אים אַוועקגעטראָגן פונעם געפערלעכן אָרט, ווו ס'האָט יעדע רגע געקאָנט פון ערגעץ אַ קנאַל טאָן אַ שאָס.

די נאַכט זײַנען אַ סאַך אַסירים ניט געשלאָפן. הערשל אַוודאי ניט. ער האָט פעסט צוגעדריקט צו זיך ליאָניען, וואָס האָט ניט געקאָנט אײַנשטילן דעם ציטער.

— ווי פילסטו זיך, ליאָניע? — האָט ער בּאַ אים געפרעגט.

— גוט. זייער גוט, — האָט ליאָניע אָפּגעענטפערט, קוים אײַנהאַלטנדיק דאָס ציינקלאַפּעניש.

זיי איז הײַנט אַלעמען געווען גוט. זיי האָבן רעכט געהאַט צו מיינען, אַז זיי האָבן הײַנט געוווּנען אַן עמעסע שלאַכט. און ווי פיל מאָל ביז איצט, האָט הערשל געזען פאַר זיך די, וואָס הייבן זיך אויף מיט שווערע שטיינער אויף די פּלייצעס איבער די גליטשיקע טרעפּ פונעם טויטלייטער. און ער זאָגט זיי דאָס זעלבע, וואָס מע האָט אים אַמאָל געזאָגט.

— האַלט זיך, מיר וועלן אײַך העלפן!

## אומפאַרגעסלעכס

ערשט אין יאָרן אַרום וועט ער זיך דערוויסן זייערע נעמען. די נעמען און די העלדנטאַטן פון די אָנפירער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן און סאָוועטישן אונטערערד אין מאַוטהאַוזען. און ער קען איצט זיכער זאָגן, אַז ער איז ניט איין מאָל געשטאַנען זייער נאָענט לעבן זיי אָדער זיך דורכגעשפּאַצירט צי דורכמאַרשירט איניינעם איבערן אַפּעל־פּלאַץ, כאָטש דאַן האָבן זיי אויסגעזען גאָר אַנדערש, ניט אַזוי, ווי איצט אויף די פאָטאָגראַפיעס. אָבער טאַקע גאָר, גאָר אַנדערש, אַזוי ווי עס האָבן דאַן אויסגעזען אַלע אַסירים.

און דאָך דערקענט ער זיי אַלע. די אָנפירער פון דײַטשישן אונטערערד פראַנץ דאַלעם, הענריך ראַו, יאַקאָב בולאַנדזשע, די פראַנצויזישע קאָמוניסטן אָקטאַוו ראַבאַטע און זשאַן לאַפּיט, די עסטרײַכישע קאָמוניסטן יאָזעף קאָהל און הײַנץ דאָרמאַיער, איינעם פון די אָנפירער פון טשעכישן אונטערערד זדענעק שטיך, און אויך די פּוילישע, יוגאָסלאַווישע, שפּאַנישע און איטאַליענישע. און ער קען שווערן, אַז ער האָט זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיטן אָנפירער פון סאָוועטישן אונטערערד וואַלענטין סאַכאַראָוו. און טאַקע ניט איין מאָל זיך באַגעגנט מיטן דאָקטער אַבראַם יאָסעלעוויטש, און אויך מיט דעם, וועמען מע האָט גערופן מאַיאָר פּיראָגאָוו... און יורי צורקאָן... ער איז דאָך געווען דער אָנפירער פון זייער גרופּע!

אַזוי צי אַזוי, נאָר ער האָט זיי שטענדיק געפילט אַרום זיך, די מענטשן פון גרויסן מוט. איצט ווייסט ער שוין אויך וועגן דעם. ווען מע האָט דעם דײַטשישן קאָמוניסט פראַנץ דאַלעם נאָך פּילצאָליקע פּײַניקונגען געגעבן אַ ברירה — אָדער אָפּזאָגן זיך פון זײַנע אָנשויונגען, אָדער אויף דער טליע, — האָט ער געענטפערט:

— בעסער הענגען.

ווײַל אָפּזאָגן זיך פונעם לעבן איז פאר אים געווען גרינגער, ווי אָפּזאָגן זיך פונעם הויכן נאָמען קאָמוניסט, פונעם נאָמען — מענטש.

יאָ, איצט קאָן ער זאָגן, ער קאָן אפילע שווערן, אז ער איז ניט איין מאָל געשטאנען גאנץ נאָענט לעבן זיי. נאָר דאָן... אפילע יענעם פארנאכט, עטלעכע טעג פארן אופשטאנד, ווען זיי האָבן גרופעסווײַז, צו דרײַ, צו פינף שפאצירט איבערן אפעל־פלאץ, האָט ער ניט געוווסט, אז דאָס איז ניט קיין פּאָשעטער שפאציר, אז דאָס איז אָן עמעסדיקער פּאראד, א שלאכט־דורכקוק פון די שטורעם־גרופּעס, און אז פון פארשיידענע שפּארונקעלעך און פענצטערלעך, יעדערער פון זײַן באהעלטעניש, קוקן אף זיי די מיטגלידער פונעם אינטערנאציאָנאלן מילי־טערישן קאָמיטעט, און אז דער רוסישער מאיאָר פיראָגאָוו, וואָס איז באשטימט געוואָרן אלס אָנפירער פונעם אופשטאנד, באקוקט זיי פון קאָפּ ביז די פיס און שאצט אָפּ יעדנס שפּאָן פון עכטן סאָלדאטישן שטאנדפּונקט.

בלויז איינער פון די העלדן פון מאוטהאוזען איז ארויס פון אונטערערד נאָך דאָן, אין לאגער — דער רוסישער גענעראל דמיטרי וואסיליעוויטש קארבישעוו. זיך אנטפּלעקט און גע־וואָרן פאר אלעמען א לעגענדע, ווען ער איז נאָך געשטאנען פאר זיי א לעבעדיקער. געשען איז מיט אים דאָס זעלבע, וואָס מיטן דײַטשישן קאָמוניסט פראנץ דאלעם, וואָס מיט פיל אנ־דערע אנטיפאשיסטן, מיט פיל אנדערע סאָוועטישע גענעראלן, אָפיצערן און סאָלדאטן. די פאשיסטן האָבן אים צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, נאָר ער האָט אף אלע צוזאָגן געענטפערט:

— בעסער הענגען.

זיי האָבן אים ניט געהאנגען, זיי האָבן צוגעטראכט פאר אים גאָר אן אנדער טויט.

געשען איז דאָס אין פעווראל טויזנט נײַן הונדערט פינף־און־פערציקסטן. דער פרילינג, אף וועלכן אלע האָבן ארויסגעקוקט מיט א פעסטער זיכערקײַט, אז ער דארף זיי ברענגען אויסלייזונג, באפרײַונג, האָט ווי אף צולאָכעס זיך ערגעץ פארהאלטן, און פרעסט זײַנען גע־שטאנען ווי אינמיטן ווינטער. האָט די לאגער־אדמיניסטראציע באשטימט באנוצן זיך מיט די לעצטע פרעסט. זיי האָבן זיך געײַלט, די הענקער. זיי האָבן פארשטאנען אז די פרעסט וועלן לאנג ניט האלטן. און דער אָנקומענדיקער פרילינג איז שוין ניט זייערער.

איצט ווייסן שוין דאָס קימאט אלע. קליין און גרויס. וויִאזוי מע האָט ארויסגעפירט דעם גענעראל אפן פראָסט א נאקעטן און אָנגעהויבן באגיסן אים מיט וואסער. אזוי איז ער געשטא־נען, ביז ער איז באדעקט געוואָרן מיט א גראָבן אײַז־פּאנצער. און אומפאלן האָט ער שוין ניט געקאָנט אפילע דאן, ווען ער האָט אופגעהערט צו עטעמען. איז ער געבליבן שטיין אף אייביק און פאר דער אייביקײַט. און די לעצטע ווערטער זײַנע, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין די הערצער, אין זיקאָרן פון טויזנטער אסירים, ווי א צאוואָע, ווי א רוף צום קאמף, זײַנען אויך געבליבן אף אייביק:

— טראכט וועגן היימלאנד, וועט דער מוט אײַך ניט פארלאָזן...

דוכט זיך אים איצט אָפּטמאָל, אז די אלע, מיט וועלכע עס שטאָלצירט דאָס לאנד, די גאנצע מענטשהײַט, האָט ער געקענט גאָר נאָענט און קימאט יעדן טאָג זיך באגעגנט מיט זיי. נאָך מער, ער באגעגנט זיך מיט זיי אויך איצט. און אויך קימאט יעדן טאָג.

נאָר דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. דאָס האָט א שײַכעס צו די צוויי ביז גאָר פארשיידענע לעבנס, וואָס האָבן זיך באזעצט אין אים און ווילן ניט אָפּטרעטן איינער דעם אנדערן דאָס אָרט. פריִער האָט ער געמיינט, אז דאָס איז א צײַטווײַליקע זאך, אז דאָס וועט דורכגיין. ער האָט געמיינט, אז אין די אלע גרוילן, וואָס גיבן אים אלעמאָל א נעם ארײַן ווי אין קלעמען, איז שולדיק דער אוראל מיט זײַנע קעלטן. יאָ, ווען ער האָט אין א פּאָר יאָר נאָך דער מיל־לאָכע כאסענע געהאט, איז ער אריבערגעפאָרן מיט דער פרוי צו אירע קרוויווים אף אוראל. די דאָקטוירים האָבן טאקע געזאָגט, אז פאר זײַן צעקאליעטשעטן געזונט איז אוראל ניט דאָס, וואָס מע דארף. איז ער אריבערגעפאָרן קיין ראָסטאָוו. ווײַל אין ראָסטאָוו וווינט לעאָניד אלעק־סאנדראָוויטש רודענקאָ, אָן אָנגעזעענער אינזשעניער, וואָס איז איצט אויך איינער פון די בעסטע שאכמאטיסטן אין שטאָט. ווײַל אין ראָסטאָווער מוזיי געפינט זיך זייער אומפארגעסלע־כער קאָמיוגישער בילעט. אין ראָסטאָוו האָט ער אָנגעהויבן זיך פילן א ביסל בעסער, נאָר יענער גרויל... דער גרויל און דער אש... דער אש, וואָס ער האָט אײַנגעעטעמט אין זיך אין מעשעך פון הונדערטער מעסלעסן, לאָזט זיך ניט אויסעטעמען ביזן סאָף. ער דערמאָנט אלע־מאָל וועגן זיך מיט א פארלעגערטן הוסט, מיט א קלעמעניש אין די לונגען, מיט א פרעסע־ניש אונטערן הארצן, גלײַך דאָס ביסעלע אש האלט אין איין איבערשיטן זיך פון איין אָרט אפן אנדערן און פארשטאָפּט אלע מאָל אן אנדער לעכעלע.

טעמען אין אים באנאנד צוויי פארשיידענע לעבנס, צוויי פארשיידענע צײַטן, דער הײַנט מיטן נעכטן.

אמאָל איז דאָס א כאַלעם, א שרעקלעכער כאַלעם, פון וועלכן ער כאַפּט זיך אוף מיט א שטארקער הארצקלאַפּעניש און הייבט אָן ארומקוקן זיך א דערשטוינטער, גלײַך ער האָט נאָר־וואָס זיך אומגעקערט פון א ווײַטער נעסיִע און ער דארף זיך גוט אײַנקוקן, ער זאָל דערקענען אַלץ ארום זיך. און אמאָל... ניט קיין כאַלעם, ניט קיין דערמאָנונג אפילע. די צוויי פארשידענע צײַטן, וואָס לעבן אין אים, האַלטן אין אײן ראנגלען זיך, שטויסן אַלע מאָל ארויס איינע די אַנדערע. אמאָל איז גויווער דער הײַנט און אמאָל דער נעכטן.

גייט ער אזוי איבער די ראשיקע גאסן און ברייטע פּראָספּעקטן פון דער שטאָט. דאָס אויג כאַפּט אַלע מאָל אוף עפּעס אנדערשס, פון וועלכן מע קאָן אנציקט ווערן: די פּרעכטיקע פּילשטאָקיקע מויערן, וואָס ציִען זיך העט־העט ביזן דאָך, דעם דאָך אַליין, וואָס איז טאַקע א שטיקער, סײַ ווען ער איז ריין און פּוסט, סײַ ווען ער איז פול מיט שיפלעך; די ראשיקע גאסן, איבער וועלכע עס ציִען זיך פון ביידע זײַטן הויכע קליאָנען און שטאָלצע קאַשטאַנען, גאַדלעסדיקע אקאַציעס און באשיידענע ווײַסע בעריאָזעס, וואָס האָבן פארבלאָנדזשעט אהער פונעם קאַלטן מיזרעך און פילן זיך דאָ דערבײַ, ווי אף א פרעמדער כאַסענע. און די דענקמעלער אף אַלע גאסן. און די טומלענדיקע בולוואַרן און סקווערן. און איבער דעם אַלעמען אזא ריינער, בלויער, דאָרעמדיקער הימל און אזא הייסע, בלענדנדיקע דאָרעמדיקע זון. שפּאַצירן איבער די גאסן יונג און אַלט. אַלטע לײַט פירן שטילע שמועסן, יוגנט לאָזט הערן וועגן זיך מיט לוסטיקער זאָרגלאָזיקײַט. אמאָל זײַנען דאָס הילכיקע איבערופן, און אמאָל איז דאָס א ליד. אמאָל זינגען זיי אַליין, און אמאָל זינגען פאר זיי די טראַנזיסטאָרס. און פּלוצעם...

— זינגען! — באַפעלט דער בלאָקנפירער.

די דרײַסיק האָבן געשוויגן.

— יעדן פינפטן צעשיסן!

ס'איז געפאַלן דער גרײַז־גרויער פּאָלקאָווניק, דער שוואַרץ־אויגיקער גרוזין, דער באַרויגעזלעכער טורקמען און ניט ווייניק פון די, וואָס האָבן זיך אָנגערופן וויאַטקער, יאַראָסלאַוולער, פּאָלטאַווער...

דאָס אש און דער גרויל... יענער גרויל, וואָס קומט אַלע מאָל דאַן, ווען ער הייבט אָן פאַרפרוירן ווערן. און אַלע מאָל...

עס ווערט אים וואָס אמאָל קעלטער, וואָס אמאָל קעלטער! פריִער הייבן אָן שנײַדן די ציין. א מוירעדיקער צייןווייטעק, פון וועלכן עס ווילט זיך דראַפּען אף די ווענט. דערנאָך צעיאָגט זיך די שנײַדעניש איבערן גאנצן לײַב, א שנײַדעניש און שטעכעניש פון מיליאַרדן נאָדלען. עס נעמט אָפּ דעם ענט און פיס, די צונג ווערט ווי א שטיינדעלע. עס האַלט אין איין וואַקסן, שפּאַרט פאַנאַנדער דאָס מויל, און עס דוכט זיך, אז אָט־אָט וועט דאָס שפּיציקע שטיינדעלע דורכבויערן די באַקן. מיליאַרדן אָנגעגליטע נאָדלען בראָטן דעם מויעך, און עס דוכט זיך, אז אָט וועט ער אופּידן, אופרײַסן דעם קאָפּ און פאַנאַנדערגיסן זיך, פארגיסן אַלץ ארום מיט א צעגליטער שיטעריצע.

דערפאַר קומט דערנאָך יענע מעכײַעדיקע וואַרעמקײַט, און ער דערזעט פאר זיך... דאָס שטעטעלע, דעם בוג, די גרינע עפּל אין אַנטאָנס סאָד, זייער שטיבעלע מיט די הילצערנע טרעפּלעך און דעם טאַטן. ער שטייט מיטן פרעסל איבער עפּעס א מאַלבעש און זינגט זײַן לידעלע:

אָט אזוי נייט א שנײַדער

מענטשן גייען און גייען. יונגע און אַלטע און גאָר קליינע קינדערלעך. מיידעלעך מיט גראָבע צעפּעלעך און בלויע סטענגעלעך. בלויע, גרינע, רויטע, ראָזעווע... עס מינען זיך די פאַרבן, עס מינען זיך די מענטשן, עס מינעט זיך די גאנצע גאַס. און ער אויך. ער גייט און גייט... הונדערט זעקס און אכציק טרעפּ! ער שפּאַנט, ווי א בלינדער, מיט א שווערן שטיין אף די פּלייצעס, טאַפּט מיט די פיס די טרעפּ, און עס דוכט זיך אים, אז ס'וועט קיינמאָל ניט נעמען קיין סאָף צו אָט דעם שוידערפולן שטיינערפאַל, וואָס שלעפּט מיט מיט זיך איין לעבן נאָכן צווייטן און וועט אָט־אָט מיטשלעפּן אויך אים. קומען אזעלכע מינוטן, ווען דער טויט זעט אויס ווי דאָס סאַמע געגאַרטסטע. נעמט ער שוין בעטן בא זיך אַליין:

— איך קאָן שוין ניט, איך קאָן ניט!

און ווי דער סאַמע ערגסטער קאַפּאָ הייבט ער אָן שלעפּן זיך אַליין פאר די האָר, ציט זיך פאר די אויערן, קנײַפּט די אייגענע הויט און שרײַט אף זיך אַליין:

— דו קאָנסט, דו קאָנסט!

אַ קוק טאָן אויף הערשען — אַ מענטש אַ גוואַר. אַ קײַלעכיק פּאָנעם, אָן אײן קנײטשעלע, גערעאָטענע קוטשערלעך, וואָס הענגען אַראָפּ איבערן שטערן, יערושע־קוטשערלעך, אין וועל־כע ס'איז דאָ עפּעס שנײַדערשס, און גרויסע, ליכטיקע אויגן, וואָס ווילן קײן אײן מינוט ניט אײַנשטײן אויף אײן אָרט. דאָס, וואָס ער הויקערט זיך אַ ביסל, איז אויך פונעם טאַטן געיאַרשנט. נאָר אינווייניק פעלט עפּעס. ס'איז אויסגעברענט און אויסגעבראָטן געוואָרן דורך די פיל איי־בערגעלעבטע טויטן. עפּעס פעלט, און עפּעס איז דאָרטן איבעריקס. אַזוינס, וואָס בײַ געוויינ־לעכע מענטשן דאַרף ניט זײַן. האָט ער שוין ניט געקאָנט ווערן ניט קײן טאָקער און ניט קײן שלאָסער. טאַקע איבער אָט די צוויי פאַרשיידענע צײַטן. ווײַל טאָמער, אינמיטנדערינען, סאַמע דאַן, ווען ער דאַרף אויסשלײַפן עפּעס זײער אַ וויכטיקע, זײער אַן אײדעלע דעטאַל, גיט זיך אַ כאַפּ אַרײַן יענע, די אַנדערע צײַט. איז ער געוואָרן אַ פאָטאָ־לאַבאָראַנט. די פרוי זײַנע אויך. זײ אַרבעטן בײדע באַנאַנד, און די פרוי קוקט שוין נאָך אים. מײלע, אויב איבער יענער צײַט ווערט אַמאָל געפּאַטערט אַ בייגעלע פאָטאָ־פּאַפּיר, איז דאָס ניט קײן גרויסער העזעק.

די פאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע פונעם קולטור־פּאַלאַץ באַם זאַוואָד „ראָסטסעלמאַש“ איז אַ גאַנץ היפּשע. אין איר פּראָדוקציע איז פאַרצײכנט די גאַנצע געשיכטע פונעם זאַוואָד, זײַן נעכטן און זײַן הײַנט. יעדער נײַ ווינקעלע, יעדער נײַע דערפינדונג, יעדער נײַע געבײַדע, יעדער נײַע מאַשין. דער גיגאַנטישער פּרעס־צײַג, וואָס פאַרנעמט מער פּלאַץ, ווי פריִער דער גאַנצער זאַוואָד, און דער סאַמע נײַסטער קאָמבײַן מיטן מילדן נאָמען „ניוואַ“ — דער שטאָלץ פון די קאָמבײַן־בויער, אַ מאַשין, אין וועלכער ס'איז אַרײַנגעלייגט הונדערטער שלאָפלאָזע נעכט פון אירע דערפינדער, זײערע מויכעס און זײערע הערצער. די פאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע גיט אַ מעג־לעכקײַט באַקענען זיך ניט נאָר מיטן זאַוואָד, מיט זײַנע צעכן און מאַשינעס, נאָר אויך מיט זײַנע מענטשן. די פּאָרטרעטן פון די אַרבעטער און אינזשעניערן הענגען אויף אַלע ווענט פון די אַרבעט־צימערן אין אַלע צעכן. האָט הערשל רעכט צו טרייסטן זיך דערמיט, וואָס ער האָט אויך אַ חײלעק אין דעם, וואָס עס שאַפט דער פילטויזנטדיקער קאָלעקטיוו פון „ראָסטסעל־מאַש“.

און אַז מע אַרבעט אין אַ פאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע, מעג מען זיך דערלויבן פאָטאָגראַפירן אָן אײגענע סימכע. דערצו נאָך, ווען די סימכע איז אַ צווייענדיקע. מע האָט געפּראַוועט אינײנעם הערשלס פופציקיאָריקן יוביל און דעם זונס כאַסענע. און סאַמע אינמיטן דער צוויי־ענדיקער סימכע...

געשען איז דאָס גראָד ניט מיט אים. נאָר ער האָט דאָס געזען מיט די אײגענע אויגן. געשטאַנען דערבײַ, געשטאַנען און צוגעקוקט.

דעם מאַרש פון די דיסטראָפּיקעס.

דאָס איז אויך געשען אין די ערעוו־פריִלינגדיקע טעג פון פינף־און־פערציקסטן. די היטלעראָווצעס האָבן זיך געאײַלט. זײ האָבן געוווּסט, אַז דער קומענדיקער פריִלינג איז שוין ניט זײערער. האָבן זײ צונויפגעפירט פון אַלע אַרומיקע לאַגערס אַהער קײן מאַוטהאַוזן אַלע דיסטראָפּיקעס, די, וואָס האָבן שוין ניט געקאָנט טראָגן קײן שטײנער, האַלטן אין דער האַנט אַ לאָפּעטע אָדער אַפילע אַ קלײן העמערל. ווי זשע קאָן מען אויף זײ פאַטערן אַ ביסל פוילע ברוקווע? האָט מען זײ געבראַכט אַהער קײן מאַוטהאַוזן. דאָ זײַנען געווען גוטע, גרויסע אויוונס, וואָס האָבן פאַר אײן מעסלעס געקאָנט פאַרברענען הונדערטער.

זײ זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין די ברײט־צעעפנטע טויערן פונעם לאַגער און געשפּאַנט גלײַך צו די אויוונס. זײ האָבן קוים געשלעפּט די פיס, ווײַל גײן האָבן זײ שוין אויך קײן קויעך ניט געהאַט. בלויז אין די שטומע בליקן פון זײערע אײַנגעפאַלענע, אײַנגעשרומפּענע אויגן איז געווען צו זען, אַז זײ פאַרשטײען, וווּהין מע פירט זײ, אַז זײ פאַרשטײען, אַז דאָס מאַכן זײ די לעצטע טריט איבער דער לײַדנספולער ערד, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום וועט זיך ענדיקן זײער פּײַנפול לעבן, אַז אָט אַזוי גײענדיק, נאָך אײדער זײ וועלן אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם, וועלן זײ אַוועק מיטן רויך. נאָר עפּעס אויסרעדן, עפּעס אויסשרײַען האָבן זײ אויך קײן קויעך ניט געהאַט. בלויז פון צײַט צו צײַט האָט פון ערגעץ זיך אַ צי געטאָן אַ פאַרדומפּענער קרעכץ, אַ קרעכץ, וואָס איז געגאַנגען ווי פון אונטער דער ערד און געבליבן הענגען איבער דער מאַרשירנדיקער קאָלאָנע.

זײ זײַנען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען... אײן קאָלאָנע נאָך דער אַנדערער. די פאָדערשטע זײַנען שוין געפלויגן דורך די קוימענס, און די הינטערשטע זײַנען נאָך אַלץ געגאַנגען און געקוקט אויף זײערע כאַווײרים, וואָס זעצן אַרויס פון די קוימענס מיט אַ געדיכטן רויך און מיט שיטערע פונקען.

און גאָר אָפּט, אמאָל אין א וואָכעדיקן פּאַרנאַכט, ווען די שטאָטישע גאַסן זיינען באַזונ־דערס אופגעלעבט, אמאָל אין א שטילן שאַבעס, ווען עס דוכט זיך, אַז קינד־און־קייט האָבן פאַרלאָזט די שטאָט און אוועק צום טייַך, קומען אים אַנטקעגן די לעצטע טעג. זיי זייַנען געווען ענלעך אף אַלע פּאַריקע און מיט עפּעס ניט ענלעך. אפילע שווער געווען זאָגן מיט וואָס. צי די זאַך איז געווען אינעם ווינטעלע, וואָס האָט דערטראָגן אהער די אָפּהילכן פון א וויַטער קאַנאָנאַדע, צי אין דער לופט אַליין, אין וועלכער ס'האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פרילינג, צי עפשער גאָר אין די קלאַנגען — שרעקלעכע, מוירעדיקע קלאַנגען וועגן דעם, אַז מע קלייַבט זיך אריבערפירן אַלע אסירים קיין דייַטשלאַנד. אָדער גאָר וועגן דעם, אַז ס'איז אָנגעקומען א באַפעל פון הימלערן אופרייַסן דעם לאַגער און פאַרניכטן אַלע אסירים. אף הימלערן איז געווען צו גלייבן. ער האָט זייער ליב געהאַט אופרייַסן.

און עפּעס האָט אָנגעהויבן פּאַרקומען מיט דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, וואָס איז שווער געווען באַנעמען. זי האָט אַליין געגומען מוירע צו האָבן. איינער פּאַרן אַנדערן און אַלע — פאַר די לאַגערניקעס. און ווי די עסעסאָווצעס האָבן זיך ניט געסטאַרעט, האָבן זיי ניט גע־קאָנט אויסבאַהאַלטן דעם פּאַכעד, די פאַרלוירנקייַט, וואָס איז געלעגן אף זייערע פּענעמער, אַרויסגעקוקט פון זייערע כייַישע אויגן. אייניקע האָבן זיך געסטאַרעט אונטערכאַנפענען די אסירים, אַנדערע, פאַרקערט, האָבן געשטיקט די שרעק מיט נייַע אַכזאָריעסן. געשלאָגן, געמײ־מעסט, געשאָסן פאַר א מינדסט אוווירעלע, אָדער גלאַט אַזוי, אָן שום סיבעס.

און דאַך... דאָס רעדעלע האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אף צוריק. געדרייט זיך, וואָס אמאָל שטאַרקער, ראַשיקער און ווירקזאַמער. די בלאָקנפירער און קאַפּאָס האָבן מיטאַמאָל אָנגע־ווירן זייער שליטע, און די אסירים זייַנען געוואָרן וואָס אמאָל דרייסטער, כוצפּעדיקער. און אפילע די ליד... די ליד פונעם דאַרינקן באַכערל מיט די אייַנגעשרומפּענע אייגעלעך, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן פון רוסיש אף אַלע לאַגער־שפּראַכן און איז געזונגען געוואָרן בעסאָד־סוידעס, האָט מען איצט געזונגען אפן פולן קאָל:

*Немец, испанец, поляк и еврей,*
*товарищ, духом не падай,*
*с русскими вместе шагай бодрей*
*интернациональной бригадой.*

דער פרילינג האָט טאָג נאָך טאָג געלאָזט הערן וועגן זיך מיט נייַע, דערמונטערנדיקע סימאָנים. די ערד האָט ביסלעכווייַז אראָפּגעשווענקט פון זיך דעם שניי, און די אַרומיקע בערג האָבן א גלאַנץ געטאָן מיט גרינעם. אפילע אין לאַגער, פון צווישן דעם צעטראַסקעטן אַספאַלט, אף די שמאָלע ערד־פּאַסיקלעך הינטער די בלאָקן, אפן ראַנד פון דער פאַרוועכטער זאַנע האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן דינינקע גרעזעלעך. באַנאַכט האָט מען געקאָנט הערן, ווי עס טריש־טשעט אייַז אפן דונייַ, ווי עס הודעט די ערד מיט אַלץ מעכטיקערע קנאַלן, און ווי מאַמעש איבערן לאַגער אהין און צוריק פּליִען שווער־אָנגעלאָדענע עראָפּלאַנען. און באַ וועמען עס האָט נאָך א ביסעלע געקלאַפּט דאָס האַרץ, באַ וועמען ס'האָט נאָך געגרודעוועט אַן אָדער, און אפילע דער, ווער עס האָט געהאַלטן באַם לעצטן אָטעם, האָט אַרויסגעקוקט און געוואַרט געוואַרט אף א סיגנאַל זיך נעמען פאַרן געווער.

הערשל האָט ניט געהאַט קיין שום פּאַרשטעלונג וועגן דעם פאַרנעם פונעם אופשטאַנד, וואָס דאַרף הייַנט־מאָרגן אויסברעכן. ער האָט נאָר געוווסט, אַז אַזעלכע שטורעם־גרופּעס, ווי זייער פינפלינג, איז פאַראַן ניט ווייניק. זיי האָבן גוט געוווסט זייער שלאַכט־אופגאַבע און דעם באַצירק, אף וועלכן זיי דאַרפן אָפּערירן. און יעדע נאַכט, ווי נאָר ס'איז אויסגעלאָשן געוואָרן די שייַן, האָבן זיי שטילערהייט אייַנגעכאַזערט און איבערעפּעטירט אַלע מעגלעכע וואַריִאַנטן פון זייער שפּרונג צו די דראָט־פאַרצוימונגען, און צום ווילפלטן מאָל געגומען אין די הענט די פּאָר פיסטאָלעטן און די עטלעכע גראַנאַטעס, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעמייַסטרעוועט אין די וואַרשטאַטן. און ווי אַלע, געוואַרט אפן סיגנאַל. און ווען אפן פּלאַגשטאָק האָט זיך באַוויזן די רויטע פאָן...

וויפל הונדערטער טעג און נעכט האָבן זיי געוואַרט אף דער מינוט! וויפל הונדערטער טויטן בייַגעקומען! וויפל מאָל האָט יעדערער פון זיי געמוזט פאַרטרייַבן די אייגענע פאַר־צווייפלונג און אונטערמונטערן איינער דעם אַנדערן! ווייַל אויב דאָס אומזיניקע און דאָס אומעגלעכע לעבן, די אַלע אומדערטרעגלעכע ליידן האָבן געהאַט וועלכן־ניט־איז זין, איז דאָס באַשטאַנען בלויז אין דעם — דערוואַרטן זיך, דערציִען ביז אָט דער גרויסער מינוט.

און ווער האָט דאַן געטראַכט, אַז דורך די דראָט־פאַרצוימונגען איז דורכגעלאָזט אַן עלעקטרישער שטראָם? ווער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז דאָס קאָן זייַן זייַן איינציקע, זייַן

לעצטע שלאַכט? זאָל דאָס זײַן די אײנציקע, זאָל דאָס זײַן די לעצטע, אָבער א שלאַכט! א שלאַכט, אין װעלכער דו גײסט, װי א סאָלדאַט מיט געװער אין די הענט, מיט אַן אױטאָמאַט, װאָס דו האָסט נאָרװאָס ארױסגעריסן בא די אַף טויט איבערגעשראָקענע װאַכמענער. דו גייסט אלץ װײַטער, א שפּאַן נאָך א שפּאַן, באשיטנדיק די אַנטלױפנדיקע עסעסאָװצעס מיט זײערע אײגענע קױלן, און דו פילסט, װי דײַן שפּאַן װערט װאָס אמאָל פעסטער, װי אונטער דײַן בײנערדיקער ברוסט הײבט אָן שטאַרקער קלאַפּן דאָס האַרץ...

— גרישאַ! — שרײַט סאַשע צו אים. — דאַװױ, דאַװױ, גרישאַ!

אין דעם דאָזיקן אױסגעשריי, אין דעם, װאָס סאַשע האָט אים װידער אָנגערופן בא זײַן עמעסן נאָמען, איז געװען פאַר אים דאָס סאַמע דערמונטערנדיקסטע, דאָס סאַמע דערהױבנ־סטע, װאָס א מענטש דאַרף האָבן, װען ער גייט אין שלאַכט. פאַר אים איז דאָס געװען די מינוט פון עמעסדיקן טכיאַס־האַמייסים, װען אים איז אומגעקערט געװאָרן דאָס מענטשלעכע, אײנײנעם מיט זײַן אמאָליקן, אָפּטמאָל אַפילע שױן פארגעסענעם נאָמען.

ער יאָגט א פאַרפאַליעטער, אָן אופגערודערטער, און אים דוכט זיך, אַז דאָס לױפט ער ניט אַלײן, אַז באַנאַנד מיט אים לױפן באַזונדער זײַנע פארגליװערטע פיס, זײַנע פאַר־קליאַקנעטע הענט, יעדער אָדערל, װאָס האָט מיטאַמאָל זיך צעשפּילט אין אים, מיטאַמאָל אופ־געװאַכט געװאָרן און װיל נעקאָמע נעמען פאַר זיך און פאַר די, װאָס האָבן ניט דערלעבט אָט די גרױסע מינוט. ער יאָגט א פאַרפאַליעטער און הערט גאָרניט, ער הערט ניט, װי עס פײַפן אַרום אים די קױלן, װי עס רײַסן זיך באַנאַנד מינעס און סנאַריאַדן. ער הערט בלױז דאָס קלאַפּן פונעם אײגענעם האַרץ און פילט, װי עס האָט זיך צעקאָכט אין אים דאָס בלוט.

— דאַװױ, ליאָניאַ! — שרײַט ער, און אים דוכט זיך, אַז זײַן שטים הילכט איבער דער גאַנצער ערד, איבער דער אופגעלעבטער, באַפרײַטער, צערודערטער פּלאַנעטע. — ליאָניאַ, דעם קאָמיוגישן בילעט! לײג אים אַריבער אַף זײַן אָרט! אין דעם לינקן קעשענקעלע!

— פאָרױס, פאָרױס!

דאָס שרײַט פּונקט אַזױ אַרױסרופעריש צו דער גאַנצער װעלט דער קאָמאַנדיר פון זײער שטורעם־גרופּע, דער געװעזענער פּילאָט יורי צורקאַן, װאָס װעט אין צען יאָר אַרום אָנ־שרײַבן א בוך װעגן די לײדן און העלדנטאַטן אין מאַוטהאַוזן.

פון זײער פינפטל איז געװאָרן א צענטל. דערנאָך א צװאַנציקסטל. זײ זײַנען שױן געװען א גאַנצער װזװאָד, דערנאָך געװאָרן א ראָטע, דערנאָך א באַטאַליאָן, און ס'האָבן זיך איבער־געמישט אײנײנעם אַלע אופשטענדלער — די רוסישע מיט די יידישע, די דײַטשישע מיט די טשעכישע, די פּױלישע מיט די יוגאָסלאַװישע. די קנאַלן זײַנען געװאָרן װאָס אמאָל שטאַר־קער, די קנאַלן, שיסערײַען און הילכיקע אױסגעשרײען, גלײַך די אַלע, װאָס האָבן די גאַנצע צײַט קוים געדעכעט, קוים אַרױסגערעדט א װאָרט, האָבן מיטאַמאָל צוריק באקומען זײערע שטימען, קלינגענדיקע און רופנדיקע, שטימען, אין װעלכע ס'האָבן זיך אױסגעמישט אַלע שפּראַכן, איבערגעמישט זיך און אַרױסגעטעמט געװאָרן אין אײן גרױסן, זיגרײַכן רוף. און הערשלען האָט זיך געדוכט, אַז אײנײנעם מיט זײ לױפן און שרײַען ניט נאָר די לעבעדיקע, נאָר אױך די טױטע. אַלע דערשאָסענע, דערשטיקטע, דערטרונקענע און פאַרסאַמטע. אַלע, װעמען מע האָט געװאָרפן פון דער פאַראַשוטן־װאַנט, װער ס'איז געפאַלן אַף די טרעפּ פונעם טױט־לײטער, װער ס'איז געפלױגן אינדערלופטן אײנײנעם מיט די אופגעריסענע שטײנער. אַלע הונדערטער טױזנטער, װאָס זײַנען אװעק מיטן רױך דורך די קױמענס פון קרעמאַטאָרי.

לעבן אים אין באַנאַנד צװײ פאַרשײדענע צײַטן, און ער טראָגט מיט גלײַכע רעכט, אַף גלײַכע יעסױדעס צװײ פאַרשײדענע נעמען, װאַסילי און הערשל. הערשל און װאַסילי. און װי עמעצער זאָל אים ניט רופן, װעלכן נאָמען מע זאָל ניט אָנשרײַבן אפן קאָנװערט פון א בריװ, איז דאָס פאַר אים אַלצײנס. בײדע נעמען האָבן זיך איבערגעפלאָכטן, און ס'איז זײ שװער אָפּטײלן אײנעם פונעם אַנדערן.

## באָריס מאַגילנער *

# בארג ארוף

## ג ל יי ב!

באַרויִגעז זײַ ניט אָף דער וועלט
סײַ פאַר איר קעלט,
סײַ פאַר די היצן,
פאַר אירע בערג מיט הויכע שפּיצן,
צו וועלכע ס'איז ניט לײַכט דערגיין.

זאָל דיך ניט קימערן דער שוויס,
ווען ער איז הייס,
ווען ער איז ביטער,
און קלאָג זיך ניט אָף דעם געוויטער,
ביזוואַנען וועסט אים ניט פאַרשטיין.

ווײַט ערגעץ
אויך דײַן שטערן ברענט,
גלייב דײַנע הענט,
גלייב דײַנע טרוימען,
טאָרסט בעשום־אויפן זיך ניט צוימען,
די היץ און קעלט איז פויסט פאַרקלעם.

זיי וועלן בריִען דיר די הויט,
וועסט וויסן בויט,
וועסט וויסן ערע,
ס'איז באַרג־אַרוף דער וועג א שווערער —
פאַרפּרעס די ליפּן!
ברעם צו ברעם!

## א קאַלטער גערענגל

אַנאַטאָלי קאַרפּאָוו געווידמעט

א שפּיל...
ניין, א קאַלטער גערענגל
עס גייט,
א פאַרביסענע שלאַכט,
עס ציט די דועל זיך פון לאַנג אָן —
באַטאָג און באַנאַכט.

א שפּיל...
ניין, פאַר גוורע א בינע,
אָן עכטע אַרענע פאַר מוט,
ווו פײַנטשאַפט באַם קעגנער און סינע —
בריִען דאָס בלוט.

א שפּיל...
ניין, א קאַמף אָן ראַכמאָנעס —
עס מעסט זיך א קראַפט מיט א קראַפט,
ניט איבערצוציילן קאָרבאָנעס,
און נײַע מע גרייט שוין פאַרגאַפּט.

א שפּיל...
ניין, פיל פּאַסטקעס פאַרבאָרגן
דעם קעגנער מע גרייט דאָ אין טאָך.
אומזיניקע ליידן און זאָרגן —
א וויסטן, א ביטערן בראָך.

א שפּיל...
ניין, א דראַנג נאָך ניצאָכן —
ס'איז אַלץ אפן ברעטל געשטעלט.
און ווידער דעם פרידן געבראָכן —
אָף צווייען צעשפּאָלטן די וועלט.

א שפּיל?
ניין!
א ברויזנדיק לעבן,
פון פײַער פון קאַלטן דאָס גלי.
א שאָד,
וואָס אין שאָך איז געגעבן
אָן אויסוועג —
דער שטילער רעמי.

## דער יאַך

קליגער וואָלט געווען מיסטאָמע אַצינד
זיך אָפּזאָגן אַנטשיידן פון יערושע,
פון יעסורים אירע, פון דער בושע,
פון אירע ווייטעקן, פון אירע זינד,
פון אירע ניטגעצאָלטע כּוויוועס.
נאָר ווען וועט עס זײַן לעטויוועס?

פאַראַן בא מיר היסכײַוועסן און יושער —
שטענדיק כ'בין געווען מיט זיי אַן אוישער...
איך נעם אָף זיך דעם דראָענדיקן יאָך
פון דעם, וואָס עס איז דאָ
און וואָס ס'וועט זײַן דערנאָך.

## דער פּעפּער אין מײַן גאָרטן

אין גאָרטן בא מיר אָף אַ שמאָלער בייט
פּעפּער זיסן כ'האָב פאַרזייט,
פּעפּער מעכײַעדיק, געשמאַקן,
פּעפּער מיט רויטע פלייׁשיקע באַקן.
זוימען פאַרן געוויקס דעם ניט היגן
גאָר ניט פּאָשעט געווען איז צו קריגן.
הײַנט כ'בין צופרידן — ער גרינט און ער לעבט,

און פאַרגעניגן פאַר מיר ער וועבט.
און עס דערגייט מיר, ווי פריִער, צום האַרצן,
וואָס כ'בין באַקאַנט אויך מיט פּעפּער שוואַרצן,
און ווייס, ווו ער וואַקסט,
כ'וועל פון אים נאָך געניסן, —
עס בענקט זיך נאָך פּעפּער,
און ניט בלויז נאָך זיסן...

## אומאָרדענונג

ווײַזט אויס, אַז געווען ביסט אַ ביסל גערעכט,
דערוויַיזנדיק מיר מיט אימפּעט און היץ,
אַז אומאָרדענונג — דאָס איז ניט טאָמיד שלעכט.
אשטייגער, אין רייַנעם הימל אַ בליץ.
יאָ, דאָס כ'קאָן פאַרשטיין —
אזעלעכס איז שיין.

## מײַן קאַרדיִאָגראַמע

איך וויל ניט אוועקגיין,
ס'זאָל גאָרנישט ניט בלײַבן.
איך וועל זיך דערוועגן
מײַן האַרץ־קלאַפּ פאַרשרײַבן.

פון לעבן דעם וווּנדער,
די קאַרדיִאָגראַמע
ניט לאָזן פאַרשווינדן —
פאַרקריצן אין גראַמען.

## איך רעד מיט זיי מענטשיש

אַזוי באַקומט זיך שוין קעסיידער:
זיך אָפּרוען אין סאָד איך גיי —
ראַיוינעס אין אַ ווילן סיידער
פּאַנאַנדערשטעלן ריי נאָך ריי.

אויב גלעטסט זיי — ביידע קלאָווים קוועלן,
אָף קיבעד וואַרטן זיי דערפרייט,
ווײַזט אויס, עס וועלן זיי געפעלן
די ביינדלעך, וועלכע כ'האָב פאַרגרייט.

דאָרט באַלד צוויי הינט מײַנע — אַנטקעגן
זיי קומען מיט אַ בילערײַ,
ווי פיל איך זיך, ס'קאָן זײַן, זיי פרעגן,
און זײַנען ראַשיק און געטרײַ.

בא זיי די קאַרקן פינקלען גראָווע —
עס רייצט פון ביינער זיי דער טאַם.
אָף מענטשיש כ'רעד מיט מײַנע קלאָווים,
און זיי פאַרשטייען מיך מיסטאָמע.

## דער נעס

א נעס, וואָס ס'קאָן דער אומעט גיין פאַרביַי,
א קאפּל רו — און ס'איז דיך שווער דערקענען.
מיט גרויס האַנאָע כ'קוק אף דיר אפּסנייַ,
ווי פריש און לוסטיק דייַנע אויגן ברענען!

עס קאָן ניט זייַן — אַזוי מיר זייַנען יונג?
די קנייטשן כ'ווייס ניט, ווו זייַנען פאַרבליבן.
א זיסע פרייד, פאַרכלינענדיק זיך, כ'שלינג:
אַזא יאָר אף אַלע מייַנע ליבע.

## באַצייַטנס

איך דאַנק מייַנע מאַנגלען, א סוואָרע,
ווייַל צוליב זיי
אף די פיס, קיין איינהאָרע,
ביז איצטער איך שטיי.

מונטער איך טו עס,
מיט האָזע אָן א שיר —
אן אפּטייקל מיט רעפּועס
פאַראַן איז בא מיר:

ביטערע ליבע־טראָפּנס,
א פּראָשעק פאַר פרייד —
כ'האָב אים אָפּגעשפּאַרט אין די אָקאָפּעס,
אָנשטאָט נאַוואַקאַין פאַרגרייט.

ווירדע א פּעקל,
גוורע א ביסל דערביַי,
אקשאַנעס א זעקל,
דוכגעלעכערט מיט בליַי.

כ'האָב אף וועגן פאַרדרייטע
דאָ אף דער וועלט
באַצייַטנס דעם ווייטעק
זיך קעגנגעשטעלט.

## אין טיפן הארבסט

אין טיפן הארבסט פאַרנעפּלט און פאַריאָסעמט,
אַלצייַנס עס שטייען טרויעריק און טריב
באַנאַנד די הוילע ליפּעס און די סאָסנעס,
נאָר גראָד אַזעלכע כ'האָב זיי מער נאָך ליב.

עס הענגט א הימל איבער אונדז אָן ברעגן,
בלויז ערגעץ־ווו ער איז פון רויקייַט בלאָס.
עס גיסט, עס שמייַסט, עס כליופּעט קאַלט א רעגן,
פון קאָפּ און ביז די פיס מיר זייַנען נאַס.

דער רעגן מאַכט אונדז נעענטער, א סוואָרע,
כאָטש יעדערער איז א באַזונדער וועלט.
און זאָל א טאָג צעשייַנען זיך א קלאָרער,
די סאָסנעס ווערן זאָלן גרין בעהעלט.

און ס'דוכט, אַז ס'האָט זיך אומגעקערט דער זומער
און העלפט אונדז איינס דעם אַנדערן פאַרשטיין.
די בליקן אונדזערע שוין זייַנען ניט קיין שטומע —
פון הארצן פאַלט אַראָפּ א שווערער שטיין.

## שמועל גאָרדאָן

# א ניט פאַרענדיקטע שפּיל

אָנשטאָט עלף אינדערפרי, ווי רוּוון האָט באשטעלט, איז די טאַקסי געקומען אָנהייב צען. ווער האָט איבערגעפּלאָנטערט — די דעזשורנע שוועסטער פון דער סאנאטאָריע באם איבערגעבן דורכן טעלעפאָן די באשטעלונג, צי דער דיספּעטשער באם אָנעמען בא איר די באשטעלונג — איז סאָפּקאָלסאָף שוין ניט אזוי וויכטיק, אז רוּוון זאָל עס גיין אויסקלאָרן און אופהייבן איבער דעם א טומל. פיל ערגער וואָלט געווען, ווען עס טרעפט פּאַרקערט, ווי דאָס האָט שוין מיט אים א פּאָר מאָל פּאסירט—די טאַקסי איז געקומען אים אָפּפירן צום וואָקזאל, ווען דער באַן איז שוין געהאט אָפּגעגאנגען. פון דעמלט אָן, ווען רוּוון דאַרף צום באַן, באשטעלט ער פאר זיך א טאַקסי שוין ניט אף קיין שאָ, נאָר אף אָנדערהאלבן שאָ פריִער, ער זאָל ניט דאַרפן זיך באומרויִקן, טאָמער פארשפּעטיקט א ביסל די מאשין.

ס'איז אוודע אָנגענעמער פארברענגען אָן איבעריקע שאָ אין סאנאטאָריע בא די קילע פאָנטאנען אין פּארק, זיך אָנעטעמען אָן איבעריקע שאָ מיט דער יאַם־לופט, איידער אָפּגיין מיטן זיבעטן שווייס אף דעם אָנגעגליטן פּעראָן. ער וועט זיך אָבער צוליב דעם ניט אָפּזאָגן פון דער צוגעשיקטער מאשין און גיין זיך נאָכדעם שלעפּן מיטן טשעמאָדאן טרעפּ־אראָפּ, טרעפּ־ארוף צו דעם שטענדיק אָנגעפּראָפּטן אווטאָבוס. פאר די פיר און צוואנציק טעג, וואָס ער האָט פארבראכט אין סאנאטאָריע, איז ער זיך גענוג אָנגעגאנגען מיט אָט די פּילצאָליקע אויסמאטערנדיקע טרעפּ. ס'איז ביכלאל שוין ניט פאר זײַן עלטער זיך פארקלײַבן אזוי הויך, כאָטש די סאנאטאָריע, ווו ער האָט פארבראכט, איז די בעסטע און שענסטע דאָ אין שטאָט.

ארויסגעזאָגט זײַן אומצופרידנקײַט דעם שאָפער און גענומען בא אים דאָס וואָרט, אז ער וועט עס אומבאדינגט איבערגעבן דעם דיספּעטשער, האָט רוּוון אָן איבעריקן כיישעק זיך ארײַנגעזעצט אין דער טאַקסי און אין אוועלכע צוואנציק מינוט ארום שוין געווען באם וואָקזאל.

די באגילדעטע ווײַזערס פונעם דרויסנדיקן וואָקזאל־זייגער אפן ליכטיקן טורעמל האָבן זיך נאָך ניט דערקליבן צו צען, און דער צוג גייט אָפּ ערשט האלב איינס: א קנאפּער פארגעניגן צו אָפּשטופּן די דריטהאלבן שאָ אינעם דושנעם וואָקזאל, און אויך א גאנץ קנאפּער פארגעניגן זיך שמעלצן אין דרויסן אף דער זון. ס'איז בעפירעש טאַקע אזוי: ווען עס גייט דיר ניט אין עפּעס, גייט דיר שוין ביכלאל אין גאָרניט. אלע יאָר קערט ער זיך אום פונדאנען אהיים מיטן באנאכטיקן צוג. אויסער דעם, וואָס אליין דאָס פאָרן א טאָג מיט צוויי נעכט זעט זיך אזוי ניט אָן, ווי דאָס לאנגווײַליקן זיך אונטערוועגנס צוויי טעג מיט א נאכט, האָט ער דערצו נאָך א גרויסע מײַלע: ער קומט אָן אהיים, קיין מאָסקווע, אינדערפרי. דער צוג אָבער, מיט וועלכן ער פאָרט איצט, קומט אָן שפּעט אינאָוונט. אפן באנאכטיקן צוג זײַנען ניט געווען קיין פרײַע אונטערשטע ערטער, און פאָרן אף אָן אייבערשטער פּאָלקע באטײַט פאר אים זײַן אוף די ביידע געכט, וואָרעם ווי נאָר ער מאכט צו די אויגן, אזוי נעמט זיך אים דוכטן, אז ער וועט באלד אראָפּפאלן און ברעכן רוק־און־לענד. נו, און קוים עס גייט אים הײַנטיקס מאָל ניט, איז קאָן זיך נאָך גרײַלעך מאכן, אז איינער פון די צוויי פּאסאזשירן אין דער פיר־אָרטיקער קופּע מיט א בילעט אף דער אייבערשטער פּאָלקע זאָל זײַן א פרוי מיט א קינד אף די הענט, צי ביכלאל א מער עלטערער פון אים, און ס'וועט אויסקומען אָפּטרעטן יענעם דאָס אונטערשטע אָרט. אָדער נאָך ערגער: מע האָט פארקויפט אף איין פּלאַץ צוויי בילעטן. עמעס, גופע מיט אים איז זיך דערווײַל נאָך אזוינס קיינמאָל ניט פארלאָפן, נאָר אז עס פּאסירט אזעלכעס, איז ער ניט איין מאָל געווען דערפון אליין אָן איידעס. די עלעקטראָנישע מאשין איז זיך קענטיק טויע געווען. אזוי צי אנדערש, נאָר רוּוון באמיט זיך ניט פארשפּעטיקן באם ארײַנזעצן זיך אין וואגאָן, און ער אײַלט דער ערשטער ארײַן צו זיך אין קופּע.

מיט איינס האָט אים פונדעסטוועגן יאָ אָפּגעגליקט: אף דער שאָטנדיקער זײַט, אנטקעגניבער דעם וואָקזאל, האָט אף איינעם פון די בענק זיך באפרײַט אָן אָרט און ער האָט באוויזן עס פארנעמען. געקויפט אינעם דערבײַיִקן צײַ־

טונגס־קיאָסק זײַן באליבט זשורנאלכל „דער מענטש און דער געזעץ“, האָט ער זיך אזוי פארטיפט אינעם לייענען די פארשיידענע לעבנס־געשיכטעס, אז ער האָט ניט באמערקט, ווי די באגילדעטע ווײַזערס אפן בלויען ציפערבלאט פונעם וואָקזאל־זייגער האָבן זיך דערנענטערט צו דער מינוט, ווען די פאסאזשירן אפן פעראָן שטייען שוין מיט די טשעמאָדאנעס בא די וואגאָנען פונעם אָנגעקומענעם צוג. צו אָט דער טומלדיקער מינוט האָט רוּוען א ביסל פארשפעטיקט און איז הײַנטיקס מאָל שוין ניט ארײַן דער ערשטער אין קופע.

די צוויי פאסאזשירן, וועלכע ער האָט דאָרט געטראָפן, זײַנען געשטאנען צו אים האלב מיט דער פלייצע און, ווײַזט אויס, ניט באמערקט זײַן ארײַנקומען. רוּוענען האָט עס ניט פארוואונדערט, ווי ס'האָט אים איבעריקס אויך ניט פארכידעשט, וואָס זיי האָבן זיך ניט אָפּגערופן אף זײַן גריסן זיך.ביידע זײַנען געווען אזוי פארטאָן אין ארײַנקוקן איינער דעם אנדערן אין די אויגן, אז אויסער זיך האָבן זיי, קענטיק, מער גאָרניט געזען און אויסער דעם אייגענעם אָטעם, קענטיק, מער גאָרניט געהערט. רוּוענען איז גענוג געווען כאפן א בליק אף די בוקעטן בלומען בא ביידן אף די פאָלקעס און אפן טישל, אז ער זאָל זיך גלײַך אָנשטויסן, מיט וועמען ער פאָרט — דאָס גליקלעכע פאָרל באגלייט מען ארויס אין א כאסענע־נעסיִע.

גאָר קיין יונגע, רוּוען האָט באוויזן עס פון דער זײַט באמערקן, זײַנען זיי, דאכט זיך, ניט. דער באָכער, אלנפאלס, דארף שוין זײַן בא די דרײַסיק. און עפשער האָט זיך רוּוענען אויסגעוויזן, ווײַל דער יונגערמאן איז מיט א בערדל — א געדיכטס און א שווארצס. דאָס בערדל בארעמלט צו דער מאָס זײַן פארברוינט געזיכט און גיט דעם צו א באזונדערן מענערשן כיין. ס'איז זיך מאמעש ניט פאָרצושטעלן דעם דאָזיקן יונגנמאן אָן דעם שיינעם געקעכלטן בערדל. זי, זײַן באשערטע, האָט רוּוען ניט באוויזן אזוי גענוי צו באטראכטן, זי איז געשטאנען צו אים קימאט אינגאנצן מיט דער פלייצע. נאָר לויט דעם, ווי דער יונגערמאן האָט אף איר געקוקט, איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אז זי דארף זײַן א גאנץ פײַנע. דערווײַל האָט רוּוען באוויזן בלויז באמערקן, אז זי איז אין איין ווּוקס מיט איר באשערטן — העכער פון מיטעלן, און זי איז אויך, אָט ווי ער, א שלאנקע, און בא איר זײַנען שיינע טונקל־בלאָנדע האָר.

פונעם בליק, וועלכן ביידע האָבן אין א ווײַלע ארום אים געשאָנקען, איז בא רוּוענען געווען דער אײַנדרוק, אז זיי זײַנען אומעטיקלעך פארזאָרגט. און עפשער האָט די אומעטיקע פארזאָרגטקײַט זיך גענומען דערפון, וואָס זיי ווייסן ניט, וויִאזוי זיך באפרײַען פון א זײַטיק אויג, וויִאזוי ארויסבאגלייטן פון קופע, כאָטש אף א קורץ שטיקל צײַט, דעם ארײַנגעקומענעם פאסאזשיר — אים, הייסט עס.

דערפילט אף זיך דעם דאָזיקן בליק, האָט רוּוען אין א פאָר מינוט ארום פארלאָזט די קופע און איז ארויס זיך דורכשפאצירן איבערן פעראָן. איצט האָט אים שוין ניט געכידעשט, וואָס ער האָט באם ארײַנזעצן זיך אין וואגאָן געטראָפן דאָ שטיין אין א זײַט, אָן טשעמאָדאנעס און פעקלעך, א פארזאמלט רעדל מענטשן. קלאָר, דאָס איז מען געקומען ארויסבאגלייטן אין וועג ס'כאסענע געהאט פאָרל. פרעגט זיך, וואָס פאר א פאריבל קאָן ער האָבן צום פאָרל פארן קאלטן קאבאָלעס־פאָנעם, אויב עס האָט, ווי צו זען, פארגעסן אפילע אין די אייגענע, וועלכע זײַנען געקומען באגלייטן? ניט באם ארײַנגיין אין קופע און ניט איצט, ארומשפאצירנדיק איבערן פעראָן, האָט רוּוען ניט באמערקט, אז דאָס פאָרל באם פענצטערל זאָל שענקען כאָטש איין בליק די פארזאמלטע באם וואגאָן. צוקוקנדיק עס, האָט רוּוען א קלער געטאָן: עפשער האָט ער ביכלאל א טאָעס, עפשער באגלייטן ארויס די פארזאמלטע גאָר אן אנדער פאָרל פון גאָר אן אנדער קופע?

ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, נאָר אז מע איז אין שכיינעס מיט א יונג גליקלעך פאָרפאָלק, איז ווילנדיק ניט ווילנדיק גיבן זיך דיר א דערמאָן די אייגענע יונגע יאָרן און זאָגן דיר דערבײַ אונטער ניט ווייניק פון דעם, וואָס דו האָסט דעמלט ניט אף אזויפיל באנומען, ניט פארשטאנען — אז די בעסטע און גליקלעכסטע צײַט אינעם מענטשנס לעבן איז פאָרט די צײַט, ווען מע איז פארליבט. אויב זיך גוט דערין ארײַנטראכטן, האָט ער ניט, רוּוען, וואָס צו באקלאָגן זיך, ער זאָל דארפן מעקאנע זײַן די שכיינים זײַנע פון קופע, וואָס האלטן זיך נאָכאנאנד פאר די הענט און קוקן איינער אפן אנדערן מיט פארנעפלטע אויגן. אים, רוּוענען, איז דאָס דאָזיקע גרויסע גליק ניט פארבײַגעגאנגען. ער וואָלט זיכער געקאָנט זאָגן וועגן זיך דאָס גלײַכווערטל, וואָס ער האָט ניט איין מאָל געהערט, — אז א גליקלעכער פאָלגט ניט נאָך נאָכן זייגער, באמערקט ניט די צײַט. נאָר וויִאזוי קאָן ער זאָגן אזעלכעס וועגן זיך, אויב ער האָט ס'גאנצע לעבן צו טאָן מיט זייגערס. כאָסנעווײַז נאָך האָט ער שוין געשעמט פאר א גוטן באלמעלאָכע...

רוּוען שטעלט זיך ביכלאל ניט פאָר, מע זאָל זיך קאָנען נאָך שטארקער ליבן, ווי ער מיט זײַן סאָרעלען האָבן זיך ליב געהאט. שײַעך, זיי האָבן זיך אויך איצט ליב. אָבער שוין אָן יענעם פײַערל, וואָס אין דער יוגנט. אײַ, ווי קלוג ס'איז דאָס לעבן, — טוט רוּוען דערבײַ א טראכט, — עס דערלאָזט ניט, אז מע זאָל זיך פארלויפן דעם וועג, פארשטערן זיך די גליקלעכע צײַט מיט באטראכטן זיך פארפריִער, וויפל עס קאָן אזוי אָנהאלטן. ווען מע איז יונג און פארליבט, איז מען זיכער, אז די גליקלעכע צײַט וועט קיינמאָל ניט פארשווינדן, זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, מע וועט זיך שטענדיק האלטן, ווי קינדער, פאר די הענט און קוקן איינער אפן אנדערן מיט פארנעפלטע אויגן. ווער פארקלערט זיך עס, ווען מע איז יונג און פארליבט, אז דאָס לעבן באשטייט ניט נאָר פון ערעוו יאָמטעוו און פון יאָמטעוו? ער האָט זיך אויך ניט געהאט פארקלערט וועגן דעם, בייס ער האָט זיך געשאדכנט צו סאָרעלען. בא אים האָט אָבער דאָס שאדכענען זיך, דער

ערעוו יאָמטעוו, ווי ער רופט עס, זיך געצויגן באַ אַ צוויי יאָר, ניט ווי באַ זײַן עלטער אייניקל: ניט באַוויזן נאָך רעכט זיך באַקאַנען מיטן מיידל, מיט וועמען ער שפּאַצירט, און ער קלײַבט זיך שוין אָנגעבן די פּאַפּירן אין זאַגס. עס גייט דען בלויז דערין, וואָס מע איז ביידע נאָך צו יונג, ניט געשטעלט זיך נאָך אַף די פיס? עס גייט דעריקער דאָך אין דעם, וואָס זיי פאַרשטייען ניט, אַז אָן אַן ערעוו יאָמטעוו איז דער יאָמטעוו קיין יאָמטעוו ניט. דער ערעוו איז ווי די פּרוזשינע אין אַ זייגער, וואָס מער מע ציט זי אָן, אַלץ לענגער גייט דער זייגער. מע דאַרף נאָר דערבײַ ניט איבערכאַפּן די מאָס...

דאָס קלערן וועגן דעם האָט ניט געשטערט רוווענען נאָכצופּאָלגן נאָך יעטווידן, וועלכער האָט זיך ארײַנגעזעצט אין וואַגאָן. ער האָט געפּרוּווט אַפילע טרעפן, וועמען פון זיי וועט ער האָבן פאַר אַ שאָכן. צי דען וועט אים הײַנטיקס מאָל אַף אַזויפיל ניט גליקן, אַז ער וועט טרעפן אין קופּע אַ פּרוי, צי אַ מער עלטערן פון זיך, און אים וועט אויסקומען אָפּטרעטן דאָס אָרט, זיך אַריבערקלײַבן פון דער אונטערשטער אַף דער אייבערשטער פּאָלקע, וויסנדיק פאַרפריִער, אַז ער וועט איבער דעם די ביידע נעכט שוין ניט צומאַכן קיין אויג.

קיינעם אָבער פון די אַרײַנגעשטיגענע פּאַסאַזשירן האָט רוווען אין קופּע באַ זיך ניט געטראָפן. די אייבערשטע פּאָלקע, וואָס הענגט אַראָפּ איבער זײַנער, איז געווען פרײַ. דאָס פאַרפּאָלק באַם פענצטערל איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט אַרײַנקוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, פּונקט ווי דאָרט וואָלט געלעגן פאַרהוילן אַ פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס האַלט זיי אין איין צוציִען און זיי קאָנען זיך פון איר אַף קיין רעגע ניט באַפרײַען. פּאָשעט ניט צו באַגרײַפן, וויִאַזוי איז עס דעם פּאָרל געלונגען בײַקומען אין זיך אַף עטלעכע מינוט אָט די פאַרבאָרגענע קראַפט און זיך איבערטאָן. אַפן יונגנמאַן איז שוין איצט געווען אַ העל־בלויער ספּאָרטיווער קאָסטיום, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך שטאַלטנער און מענערשער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַס קאָפּטל מיט קורצע אַרבל, אין שמאָלע ברוינע הויזן און אין פּונקט אַזעלכע ברוינע טופל מיט ברייטע נידעריקע אָפּצאַסן. דער בלאָנדער קאָפּ האָר האָט, ווי פריִער, זיך נאַכלעסיק געכוואַליעט אַף אירע אַקסלען.

איצט, ווען דער צוג האָט זיך גערירט, איז ניט געווען שוין וואָס צו סאָפּעקן, אַז דאָס פאַרזאַמלטע רעדל באַם וואַגאָן האָט ניט געהאַט צום פּאָרל די מינדסטע שײַכעס. דאָס האָט מען, אַפּאָנעם, אַרויסבאַגלייט עמעצן פון די, וואָס האָט פאַר די פיר און צוואַנציק טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין סאַנאַטאָריע, צי אין אַ פּאַנסיאָנאַט, באַוויזן דאָרט מיט אַ סאַך זיך צו באַפרײַנדן. פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס פון דער ערשטער מינוט ציִען זיי צו זיך צו. דער יונגערמאַן מיטן ווײַבל האָבן, אַפּאָנעם, ניט געוואָלט, מע זאָל זיי אַרויסבאַגלייטן. זיי האָבן פּאָשעט ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן די מינוט, שטעלט זיך רוווען פאָר, זיי זאָלן ענדלעך קאָנען בלײַבן אַליין. אויב אַזוי, וועט ער זיי אויך ניט שטערן. און רוווען איז אַרויס אין קאָרידאָר. ער האָט פאַרנומען איינס פון די פרײַע פענצטערלעך, הינטער וועלכע עס האָבן זיך האַסטיק פאַרבײַגעטראָגן די זוניק־פאַרגאָסענע גאַסן און די דרעמלענדיקע אַלייען קיפּאַריסן פון דער גרויסער בײַיאַמישער שטאָט.

זעט אויס, אַז אים שטייט פאָר דורכשטופּן די צײַט מער אין קאָרידאָר, ווי אין קופּע, כאָטש יעדעס מאָל בעשאַס ער קערט זיך אום אַהין, באַמערקט אים ניט, דאַכט זיך, דאָס פּאָרפּאָלק. נאָר סײַווי פילט ער זיך דאָרט פאַר אַ ניט געוווּנטשענעם גאַסט, פון וועמען מע וויל זיך וואָס גיכער באַפרײַען. ער קאָן דאָך ניט זיצן די גאַנצע צײַט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זיך מאַכן ניט זעענדיק. אומגערן צי ניט אומגערן כאַפּט ער פאָרט פון מאָל צו מאָל אַ בליק אין זייער זײַט, און דאָס לאָזט נאָכדעם איבער אין אים אַ געפיל, ווי ער וואָלט ביגנייווע אונטערגעקוקט, און סע ווערט אים אַ בושע פאַר זיך אַליין. גלײַכער וואָס זעלטענער אַהינצו אַרײַנגיין. אין קאָרידאָר, אַז מע וויל, איז אויך פאַראַן וווּ זיך צוזעצן: באַם פענצטערל, באַ וועלכן ער שטייט, איז אויך צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט אַ בענקעלע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ און הייבט זיך אויף. איבעריקס באַקוועם דערויף צו זיצן איז אים ניט, אָבער פאָרט לײַכטער ווי שטיין אַזאַ לענגערע צײַט אַף די פיס.

נאָכדעם ווי דער צוג האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם יאַם און איז אין איין אָטעם דורכגעלאָפן די שטאָק־פינצטערע טונעלן, קאָן רוווען שוין זאָגן וועגן זיך מיט דער גאַנצער זיכערקײַט, אַז ניט אין אַלץ איז אים הײַנטיקס מאָל ניט געגאַנגען, וואָרעם וואָס פאַר אַ באַדײַט האָבן די אַלע ניט־באַקוועמלעכקײַטן, וועלכע ער האָט שוין געהאַט און וואָס שטייען אים נאָך פאָר, אין פאַרגלײַך מיט אָט דער שיינקײַט, מיט אָט דעם וווּנדער־שעבעוווּנדער, וועלכן ער האָט פאַר די אַלע יאָרן, וואָס ער פאָרט אַהערצו אַף קוראָרט, בלויז איצט צום ערשטן מאָל דערזען. דער באַנאַכטיקער באַן מיט וועלכן ער פלעגט אין די פריִערדיקע יאָרן זיך אומקערן פונדאַנען אַהיים, לויפט עס אַלץ פאַרבײַ, ווען די פּאַסאַזשירן האַלטן אין סאַמע רעכטן שלאָף. זעלטן־זעלטן וועמען טרעפט מען שטיין באַ אַ פענצטערל אַפילע דאַן, ווען דער צוג האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן צעשיידט מיטן יאַם און מע קאָן נאָכפּאָלגן, ווי די לעוואָנע שפּאַצירט איבער אים, אויסלייגנדיק פאַר זיך אַ זילבערנעם שליאַך צו דעם מיט שטערן פאַרשטויבטן האָריזאָנט. פאַר די העכער דרײַ וואָכן צײַט, וואָס מע איז אַף קוראָרט, האָט יעדער איינער זיך גאַנץ גענוג אָנגעזעטיקט מיט דער שיינקײַט אי פונעם באַטאָגיקן, אי פונעם באַנאַכטיקן יאַם, אי ווען ער איז שטיל און צאַרט, קוים וואָס ער עטעמט, אי ווען ער איז ווילד און דול, טויב צו ווערן פון זײַן רעווען. אַלנפאַלס, ער, רוווען, האָט אויך געהערט צו די, וועלכע זײַנען ניט געווען קיין באַלאָנים מאַקריוו צו זײַן מיטן שלאָף, קעדיי אָן איבעריקס מאָל

א קוק טאָן אפן יאם, איידער ער וועט זיך איינגאנצן אויסבאהאלטן פונעם לויפנדיקן צוג, בייפראט אז ס'איז ניט געווען נאָך דער פאל, אז רוּוון זאָל פארן אוועקפאָרן זיך ניט האָבן מיט אים, לויט אלע קלאָלים, געזעגנט, ער זאָל ניט געווען ארײַנווארפן אין יאם א מאטבייע, אָן אדערוף, הייסט עס, אפן קומענדיקן זומער. אלצײנס אָבער: וויפל ער זאָל ניט געווען אָפשטיין אינעם באנאכטיקן צוג אָט אזוי באם פענצטערל און ניט אויסקוקן זיך די אויגן, וואָלט אפילע בא דער העלער שײַן פון דער פולער לעוואָנע אויך געבליבן פון אים א סאך פארהוילן פון דער גרויסקײַט, שיינקײַט און מעכטיקײַט פון דעם לאנגזאם מיטגייענדיקן פארשנייטן בארג, וועלכן ער האָט מיטאמאָל דערזען פאר זיך. און אזוי באָענט, אז סע דוכט זיך: גענוג געבן איין גוטן שפרונג און מע איז דאָרט, אפן העכסטן פון זײַנע שפיצן, אונטערן סאמע, סאמע הימל.

וואָס לענגער רוּוון קוקט זיך צו אים צו, אלץ מער הייבט זיך אים אָן דוכטן, אז אויסער דער האלבטאָגיקער זון אין הימל, באלײַכט דעם בארג נאָך איינע א זון. זי שטראלט ארויס פון דעם ביז בלינד צו ווערן אָנגעהויפטן שניי. די שטראלן פון די ביידע זונען פלעכטן זיך איבער, כאפ זיך אין זיי אָן און קלעטער צו דער הייך, ווי איבער א לייטער.

ווען דער בארג האָט זיך אף אזויפיל דערנעענטערט צום צוג, אז אָט־אָט וועט ער אים פארצאמען דעם וועג און אָפשטעלן, האָט ער אומגעריכט גאָר גענומען זיך האסטיק דערווײַטערן, און אין געציילטע מינוטן ארום ניט געוואָרן, איבערלאָזנדיק אָנשטאָט זיך א וואָכעדיק פארטונקלטן הימל.

אייגנטלעך, וואָס האָט ער, רוּוון, דאָ ווײַטער צו שטיין? די גרויע וואָכיקײַט פונעם דרויסן, וועלכע האָט פארביטן מיט זיך די פארשווונדענע זוניקע יאָמטעוודיקײַט, איז ניט פון יענע פארגעניגנס, אז ער זאָל זיך צוליב איר פארהאלטן באם פענצטערל אין קאָרידאָר. און אומקערן זיך אין קופע, ווו מע איז אים ניט גערן, האָט ער אויך ניט קיין איבעריקן כיישעק. אָבער צובײַסן דארף ער דאָך! אין סאנאטאָריע, ווו ער האָט פארבראכט, וועט מען באלד נעמען גרייטן די טישלעך צו אָוונטברויט, און ער האָט נאָך קיין מיטיק ניט געגעסן. און כאָטש רוּוון האָט פארן פאָרן אײַנגעקויפט אינעם צענטראלן גאסטראָנאָם שפײַז אפן וועג, אז ס'וועט אים נאָך איבערבלײַבן, דאָך האָט ער אויסגעמיטן ארײַנגיין אין קופע איבערבײַסן, נאָר איז אוועק אין וואגאָן־רעסטאָראן.

ס'איז פונקט געווען די שאָ, ווען עס פעלן ניט אויס קיין פרײַע טישלעך און קיינער שטייט ניט איבער דיר און ווארט, זאָלסט וואָס גיכער זיך אָפפארטיקן מיטן עסן און באפרײַען דאָס אָרט.

רוּוון האָט ניט באוויזן זיך נאָך צורירן צום פארשפײַז, וואָס די יונגינקע אָפיציאנטקע אינעם שמאָלן קורצן קליידל העכער די קני האָט אים געבראכט צו טראָגן, ווי אינעם פענצטערל, בא וועלכן ער איז געזעסן, האָט זיך ווידער ארײַנגעשטעלט מיט דער גאנצער גרויסקײַט, מעכטיקײַט און פראכט דער ליכטיקער בארג מיט זײַנע שנייִקע פאלאצן און באשאָטנטע היילן.

דער צוג, וואָס איז אים איצט ארומגעגאנגען פון דער אנדערער זײַט, האָט ניט געאײַלט, געלאָזט די פאסאזשירן זיך אָנזעטיקן מיט אָט דער שיינקײַט, וואָס פארגעדענקט זיך אפן גאנצן לעבן.

ווען רוּוון האָט זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אין וואגאָן, האָט ער די טיר פון קופע געטראָפן אינגאנצן אָפן. אף דער פרײַער איבערשטער פאָלקע האָט ער דערזען א יונגנמאן. רוּוון האָט זיך מיט אים דערפרייט, ווי ער זאָל אין אים געווען דערקענען זײַנעם א לאנגיאָריקן באקאנטן. און עק, פון דער מינוט אָן האָט ער מער ניט וואָס מוירע צו האָבן, אז אים קאָן אויסקומען אָפטרעטן דאָס אונטערשטע אָרט. קוים האָט אים אָפגעגליקט אויך מיט דעם, איז קאָן ער שוין איצט אף זיכער זאָגן, אז אים האָט סאָפקאָלסאָף אָפגעגליקט אין אלץ און ער דארף זײַן צופרידן, וואָס ער האָט גענומען א בילעט אפן באטאָגיקן און ניט אפן באנאכטיקן צוג.

דאָס מאָל, ווען רוּוון איז ארײַן אין קופע, האָט דאָס פאָרפאָלק זיך שוין ניט געמאכט, ווי פריִער, ניט זעענדיק. די אָנגעכמורעטקײַט, וועלכע ער האָט אופגעכאפט בא ביידן אינעם בליק, איז געווען, האָט ער דערפילט, ניט אף אים. נאָר מיט וואָס קאָן ער זיי באהילפיק זײַן? דערווײַל איז ניט צו זען, אז דער נײַער פאסאזשיר זאָל זיך קלײַבן גיין זיי אנטקעגן. דערמיט אליין שוין האָט ער זיי געגעבן א סמאך צו טראכטן וועגן אים, ווי וועגן א מענטשן, וועלכער איז ווײַט ניט אזוי העפלעך און דערצויגן ווי דער באיאָרטער פאסאזשיר, ווי ער, הייסט עס, רוּוון. דערזען פונעם יונגנמאנס אופירונג, אז ס'איז ניטאָ וואָס צו האָפן, אז ער זאָל אפילע אף א שטיקל צײַט זיי איבערלאָזן אליין אין קופע, זײַנען זיי ארויס אין קאָרידאָר, צומאכנדיק נאָך זיך מיט אימפעט די אָפן־געשטאנענע טיר.

דעם עמעס געזאָגט, האָט דער נײַער פאסאזשיר אויך אף אים, אף רוּווענען, ניט געמאכט איבעריקס קיין גוטן אײַנדרוק. ער דארף, אפאָנעם, זײַן, האָט רוּוון א קלער געטאָן, א שטיקל צולאָכעסניק, און יעדער צעלאָכעסניק, אף וויפל ער האָט באוויזן באמערקן, איז אזוי צי אנדערש א שטיקל ניט־פארגינער, און א ניט־פארגינער איז בעדערעך־קלאל א בייזוויליקער, ער קאָן ניט פארטראָגן, אויב יענעם איז אופגעלייגט אפן הארצן, ער האָט דערפון אגמעסנפעש. נו, ווירקלעך, וואָס איז אים אינמיטנדערינען פלוצעם אײַנגעפאלן זיך אוועקזעצן אויבנאָן אף דער פאָלקע פונקט אנטקעגן דעם פאָרל און זיך נעמען אייסעקן מיטן טשעמאָדאנדל?

נאָר ווען דער יונגערמאן איז אראָפגעשפרונגען פון אויבן און פאר דעם, ווי ער האָט זיך צוגעזעצט צו רוּווענען אפן געלעגער, האָט ער געפרעגט בא אים דערוף א דערלויבעניש, האָט רוּוון שוין עטוואָס אנדערש געקוקט אף אים. ניין, א מענטש מיט אזעלכע לויטערע אויגן און מיט אזא רויִקער שטים קאָן ניט זײַן קיין בייזוויליקער.

אויסער דעם, וואָס מע רופט זײַן נײַעם שאָכן פון קופּע אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, האָט רוון אין אַ ווײַלע אַרום שוין אויך געוווסט, אַז ער איז אַן אַגראָנאָם אין אַ סאָווירט און אַז דאָס פאָרט ער קיין מאָסקווע פאַרטיידיקן אין דער טימיריאַזעווער אַקאַדעמיע אַ דיסערטאַציע אַף צווייגענען אים דעם טיטל קאַנדידאַט פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. רוון, פון זײַן זײַט, ווי איטלעך איינער אין זײַן עלטער, האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט עטוואָס מער צו דערציילן וועגן זיך. דאָס, וואָס ער האָט דערווײַל דערציילט זײַן נײַעם באַקאַנטן וועגן זיך איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין דעם, אַז ער איז אַ זייגערמאַכער, עמעס, אַ זייגערמאַכער מיט אַ נאָמען, און אַז ס'איז שוין דאָס וויפלטע יאָר, ווי ער פאָרט אַהער צום יאַם היילן די פיס. פאַרענדיקט האָט רוון דערמיט, אַז איצט וועט אים כאָטש ניט אויסקומען זיך נודיען אַליין אין קאָרידאָר, אינצווייען איז פאָרט היימלעכער.

— ווי זאָגט איר?

אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, אָדער פּאָשעט אַנאַטאָלי, ווי ער האָט דערלויבט דעם באַיאָרטן רוּוּוענען אים אַזוי רופן, האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן מיטפּאָרער, גלײַך ער זאָל געווען עפּעס ניט דערהערן און ער וואַרט, אַז יענער זאָל עס אים איבערכאַזערן, נאָר אויך נאָכדעם, ווי רוון האָט אים געזאָגט, — ער שטעלט זיך ניט פאָר, אַז עמעצער, לעמאָשל, אַף זײַן, רוּוּנס, אָרט, זאָל אין דער אָנוועזנהײַט פון אַ פאַרליבט יונג פּאָרל זיך אופירן אַנדערש, — האָט דער אַגראָנאָם אים נאָך מער פאַרכידעשט אָנגעקוקט:

— איך פאַרשטיי אײַך פּאָשעט ניט, רוּוּים אַרנאָלדאָוויטש.

— וואָס, צום בײַשפּיל, פאַרשטייט איר ניט?

— אָט דאָס אַלץ, וואָס איר האָט מיר דאָ נאָרוואָס געזאָגט.

— איך זע, מײַן ליבער אַנאַטאָלי, אַז איר זײַנט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט ליב צו שפּאַסן. איר ווילט מיר, הייסט עס, אײַנשמועסן, אַז איר הייבט קלוימערשט ניט אָן צו וויסן, אַז אַ יונג פּאָרל האָט ניט ליב, מע זאָל זיי שטערן בלײַבן אַליין. מיר שײַנט, איר זײַנט נאָך ניט אַזוי אַלט, אַז איר זאָלט עס שוין האָבן פאַרגעסן.

— ניט אַנטקעגן דעם, רוּוּים אַרנאָלדאָוויטש, האָב איך עס אײַך געזאָגט.

— אַנטקעגן וואָס זשע דען? — רוון האָט שוין איצט אַפילע קיין רעגע מער ניט געסאָפעקט, אַז זײַן נײַער באַקאַנטער איז גענייגט צו טרײַבן קאַטאָוועס.

נאָר אויך דאָס מאָל האָט זײַן יונגער מיטפּאָרער אים געענטפערט אָן דעם מינדסטן סימען פון שפּאַס. פאַרקערט, נאָך מער ערנסטער:

— מיך וווּנדערט אַף אײַך, רוּוּים אַרנאָלדאָוויטש. כ'פאַרשטיי פּאָשעט ניט, ווי קומט עס, אַז אַ מענטש אין אײַערע יאָרן זאָל זיך לאָזן אַזוי נאַרן. וויפל, אָן ערעך, מיינט איר, זײַנען זיי עס אַלט?

רוון האָט זיך דערפילט אַ ביסל באַליידיקט פון דעם יונגנמאַנס אויסריידן אים, אָבער ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזן, געענטפערט אים באַדאַכט, צוריקגעהאַלטן, ווי אַן עלטערער מענטש דאַרף ענטפערן אַ פיל יינגערן פון זיך:

— כ'האָב זיי עס ניט געפרעגט, און איבעריקס צוגעקוקט זיך צו זיי האָב איך אויך ניט. אַלנפאַלס צו דרײַסיק איז סײַ אים, סײַ איר נאָך גאַנץ ווײַטלעך, כאָטש דרײַסיקיאָריקע כאַסאַנים און פינף־זעקס און צוואַנציקיאָריקע קאַלעס זײַנען הײַנטיקע צײַטן גראַדע אין דער מאָדע. אײַ איבער דער דאָזיקער מאָדע בלײַבן אַ פײַן ביסל באָכערים און מיידלעך פאַרזעסן, פאַרטראַכטן זיי זיך ניט. וועגן דעם דאַרט דער קאָפּ באַ די עלטערן. וואָס, עפשער ניט אַזוי?

— קומט אויס, לויט אײַך, אַז דאָס פּאָרל שטייט גאָר אָפּ פון דער מאָדע. ביידן איז דאָך, זאָגט איר, ווײַטלעך נאָך צו דרײַסיק. און איך מיין, אַז זיי זײַנען מער נעענטער צו פערציק, ווי צו דרײַסיק, היפּש אַפילע נעענטער.

— נו, נו, נו, — האָט רוון זיך צעלאַכט, — מער האָט איר גאָרניט געקאָנט צוטראַכטן? אַווו, אויב אַזוי, זאָגט מיר, האָט איר עס געזען, אַז מאַן און ווײַב זאָלן צו פערציק יאָר זיך ליובען, ווי די טײַבעלעך?

— און ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז זיי זײַנען מאַן און ווייב?

— וואָס? — רוון האָט דערבײַ אַ קוק געגעבן אַפן אַגראָנאָם, גלײַך יענער וואָלט אים פלוצעם אָנגעזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט ניט אין דעם צוג, וואָס ער דאַרף, און אַז דער צוג, מיט וועלכן ער פאָרט, גייט גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. — איך בין נאָך, דאַנקען גאָט, ניט קיין בלינדער. קיין שפּאַקטיוו אַף צו דערזען אַזעלכעס דאַרף מען, דאַכט מיר, ניט.

— אויב איר זײַנט דערינען אַזוי זיכער — האָט, צושמייכלענדיק, זיך אָנגערופן אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, וועלכער האָט שוין איצט ניט איבערגעלאָזט אין רוּוּענען דעם מינדסטן סאָפעק, אַז דער יונגערמאַן האָט ניט נאָר ליב טרײַבן קאַטאָוועס, ער איז טאַקע אויך, ווי ער האָט וועגן אים פון אָנפאַנג געטראַכט, אַצולאָכעסניק, זאָגסט אים יאָ, וועט ער דיר אומבאַדינגט ענטפערן ניין, און פונקט פאַרקערט. — אויב איר זײַנט דערינען אַזוי זיכער, — האָט שוין אָן אַ שמייכל איבערגעכאַזערט דער אַגראָנאָם, — אַז דאָס זײַנען מאַן און ווײַב, טאָ פאַרוואָס, דערקלערט מיר, טראָגט ער דאָס פינגערל אַף דער רעכטער האַנט און זי אַף דער לינקער?

די דאָזיקע אַנטדעקונג, וואָס עס האָט געמאַכט זײַן יונגער מיטפּאָרער, איז ניט אַזאַ, אַז רוון זאָל אים גלײַך אַפן אָרט נאָכגעבן, ביפראַט אַז ער האָט אים מיט וואָס דערוף צו דערווידערן:

— באַ אונדז אינעם זייגער־וואַרשטאַט אַף סאַדאָווע אַרבעט אַ ווײַבל צוזאַמען מיט איר מאַן. איך בין פאַרן קוראָרט געווען באַ זיי אַף דער זילבערנער כאַסענע. און שטעלט אײַך פאָר: דאָס דאָזיקע ווײַבל טראָגט איר פינגערל אַף

דער לינקער האנט. און פאראן בא מיר א באקאנטער, שוין אין די יאָרן, טאקע בא די פערציק, אויב ניט מער, וועלכער האָט דאָ ניט לאנג צוריק כאסענע געהאט און טראָגט אויך דאָס קדושן־פינגערל אף דער לינקער האנט. ס'איז אים, זאָגט ער, באקוועמער אזוי צו ארבעטן. ער איז א צושנײַדער אין אן אטעליע. מע קאָן צומאָל זייער לײַכט זיך טועה זײַן. איינער טראָגט דאָס פינגערל אף דער לינקער האנט, ווײַל ס'איז אים אזוי באקוועמער צו ארבעטן, א צווייטער, ווײַל בא אים זײַנען צוגעשוואָלן די פינגער, א דריטער צוליב אנדערע סיבעס. מאלע־וואָס בא וועמען עס מאכט זיך. מיך וווּנדערט אָבער, אנאטאָלי אלעקסייעוויטש, ווי קומט עס, וואָס אזא מענטש, ווי איר, וועלכער באמערקט אלץ אזוי גיך, זאָל ניט דערזען, ווי אונדזער פּאָרל איז פארליבט. עס זעט דאָך פאר זיך מער קיינעם ניט אויסער זיך. מע שטייט די גאנצע צײַט ארומגענומען און מע קוקט זיך אזוי פארליבט ארײַן אין די אויגן...

— און מע האלט זיך דערבײַ אין איין קושן. — דער אגראָנאָם האָט עס ארויסגעבראכט אזוי, אז ס'איז שווער געווען צו פארשטיין, צי דאָס פּאָרל האָט אין זײַן אָנוועזנהײַט זיך טאקע ווירקלעך אופגעפירט אזוי, צי דאָס פּראוועט ער מיט אים, רוּוענען, נאָך אלץ לעצאָנעס. מאכט בעקיוון צונישט דאָס שענסטע און טײַערסטע, וואָס איז דאָ בא דעם מענטשן אין לעבן.

און ווײַל דער אגראָנאָם, ווי רוּווענען דוכט זיך, איז גיכער פון אלץ טאקע אזא, האָט דער זייגערמאכער זיך נאָך מער אײַנגעשטעלט פארן פּאָרל פון זייער קופּע.

— כ'פארשטיי ניט, וואָס זעט איר אײַן אזעלכעס אין דעם, אויב מאן און ווײַב קושן זיך?

— אהא! — אנאטאָלי אלעקסייעוויטש האָט זיך דערפרייט, ווי ער זאָל דערפון אויסשפּילן עפּעס זייער ווערטפולס. — האָבן זיי זיך, הייסט עס, יאָ געקושט אין אײַער אָנוועזנהײַט?

רוּוון האָט אָנגעכמורעט די ברעמען. דער יונגערמאן האָט אים, וואָס ווײַטער, אלץ מער פארווּנדערט.

— אף וויפל איך געדענק, האָב איך אײַך אזעלכעס ניט געזאָגט. און צוריקגערעדט, צי האָט מען זיך יאָ געקושט, צי ניט געקושט אין מײַן אָנוועזנהײַט, האָט עס קיין שום באַדײַט ניט, ווײַל כ'בין ניט זיכער, צי דאָס פּאָרל האָט מיך בכלל באמערקט, וואָרעם כוץ זיך אליין, ווי כ'האָב אײַך שוין געזאָגט, האָט עס מער קיינעם פאר זיך ניט געזען.

— טאקע אפאנעמעסן ניט באמערקט, צי זיך געמאכט ניט זעענדיק, אָט ווי די פּאָרלעך, וועלכע מע קאָן איצט באגעגענען אף טריט און שריט זיך האלדזן און קושן אינמיטן העלן טאָג פאר אלעמען אין די אויגן אף די גאסן, אין די סקווערן, אפילע אף די עסקאלאטאָרס אין מעטראָ אין די שאָען פון פּיק. ניין, רוּווים ארנאָלדאָוויטש, די, וואָס האָבן זיך אפאנעמעסן ליב, וועלן פאר אלעמען אין די אויגן זיך ניט ארומנעמען און זיך ניט כאפּן קושן. איך בין זיכער, אז איר האָט אין דער יוגנט זיך אזוי ניט אופגעפירט.

— א מאָשל. די צײַט איז דאָך דאן געווען אן אנדערע.

— דעריבער? מע האָט זיך דעמלט אנדערש ליב געהאט, צי וואָס? עכטע, עמעסע ליבע איז אין אלע צײַטן געווען עכטע ליבע. כ'מיין, אז איר ווייסט עס גאנץ גוט אליין, און מע דארף אײַך ניט דערקלערן דעם כילעק צווישן עכטס און ערזאץ. אנטשולדיקט, פונוואנען, זאָגט איר, פּאָרט דאָס פּאָרל? פון קוראָרט? איז עס דאָך א קוראָרטנע ליבע, און א קוראָרטנע ליבע איז ניט מער, ווי א פארבלענדעניש. וויאזוי הייס זי זאָל זיך ניט אָנהייבן, האלט זי לאנג ניט אָן. זי גייט זייער גיך איבער. כ'קלער ניט, אז אויך דאָס זאָל זײַן פאר אײַך א נײַס, ביפראט אז איר זײַנט, ווי איר זאָגט, א גאנץ אָפטער גאסט אף די קוראָרטן.

אוואדע איז עס פאר רוּווענען ניט געווען קיין נײַס, נאָר ניט אין אלץ איז ער אײַנשטימיק מיטן יונגנמאן. אָבער אין דעם, אשטייגער, אז מע זאָל א באָכער מיט א מיידל, וועלכע קלײַבן זיך צונויפגיין, קרוינען פאר כאָסן־קאלע ניט א טאָג צי צוויי פאר דער כאסענע, ווי דאָס איז איצט אָנגענומען, נאָר מיט א היפּשער צײַט פאר דער כאסענע, ווי ס'איז געווען אײַנגעפירט אמאָליקע יאָרן. אין דעם איז רוּוון פולקאָם מאסקים מיט אנאטאָלין. ס'איז טאקע אזוי ווי ער זאָגט: אז מע איז כאָסן־קאלע איז אי זיי אליין קוקן אף זיך אנדערש, אי די ארומיקע קוקן אף זיי אנדערש. וואָרעם איין זאך איז, ווען א באָכער מיט א מיידל הערן אוף זיך מיטאמאָל באגעגענען, און גאָר עפּעס אנדערש איז, ווען מע ווערט אויס כאָסן־קאלע, דאָס האָט א סאך וואָס צו זאָגן! און כאָטש רוּוון איז אויך אײַנשטימיק מיט אנאטאָלין, אז אויב בא כאָסן־קאלע, אָדער, ווי ס'איז אָנגענומען איצטער צו רופן, בא א באָכער מיט א מיידל, האָט דער ערעוו־יאָמטעוו, דאָס באגעגענען זיך, ניט געדויערט אמווייניקסטנס א יאָר אָנדערהאלבן־צוויי, איז א גרויסער סאָפעק, צי וועט גופע דער יאָמטעוו זײַן בא זיי אן עכטער און צי וועט ער בא זיי לאנג אָנהאלטן, פונדעסטוועגן האָט ער פארן פּאָרל פון זייער קופּע, וואָס האָט, ווי צו זען, פון דער ערשטער מינוט ניט נויסע־כיין געווען באם אגראָנאָם, געמאכט אן אויסנאם ניט נאָכגעבן אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן. וועגן דעם, אז אין לעבן געשעט צומאָל פּונקט דאָס פארקערטע, האָט ער א באלערעוודיקן בײַשפּיל, און ניט וועגן אבייוועמען, נאָר וועגן דעם אייגענעם זון.

— הערט נאָר, וואָס עס פּאסירט. איך פּאָר מיר אזוי איינמאָל מיט מײַן פּימען, מיטן עלטערן זון מײַנעם, אין אן אָנגעפּאקטן טראָליי־בוס, ניטאָ א פוס ווּ צו שטעלן. מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים פונעם צענטראלן סטאדיאָן אין לוזשניקי, ווּהין דער באָכער מײַנער האָט מיך פארשלעפּט. פרעגט מיך בעכיירעם, ווער מיט וועמען ס'האָט געשפּילט, ס'איז שוין א געשיכטע פון אייסעך וויפל יאָר צוריק. אף איינער פון די סטאנציעס גיט מיר דער באָכער

מײַנער מיטאמאָל א זאָג: „טאטע, פֿאָר אליין, איך שפרינג דאָ אראָפּ״. געזאָגט עס און אראָפּגעשפרונגען. וואָס, אשטייגער, קלערט איר איז מיט אים פלוצעם געשען? איר וועט קיינמאָל ניט טרעפן. דעם באָכער מײַנעם איז געפעלן געוואָרן דאָס מיידל, וואָס איז געשטאנען לעבן אים אין טראָלייבוס. מיט איין וואָרט, ער איז ארויס גלײַך נאָך איר, זיך מיט איר באקאנט, און ווייניקער ווי אין צוויי כאדאָשים ארום איז מען געוואָרן מאן און ווײַב. בא זיי איז שוין פאראן א דערוואקסענער באָכער, האיאָר פארענדיקט ער די שול און גייט דינען אין ארמיי. איר וואָלט געזען, ווי מײַן זון מיט דער שנור האָבן זיך ליב, ס׳איז ניט איבערצוגעבן, טײַבעלעך. און כ׳קאָן אײַך אויך ברענגען אן אנדער בײַשפיל, טאקע פון מײַנעם זייער א נאָענטן באקאנטן. צוויי יאָר האָט זײַן זונדל זיך באגעגנט מיט א מיידל, און ווייניקער ווי אין א יאָר ארום נאָך דער כאסענע איז מען זיך צעגאנגען. אין לעבן, פארשטייט איר מיך, טרעפט אלץ.

— פונדעסטוועגן גייען זיך א סאך זעלטענער פאנאנדער יענע פאָרלעך, וועלכע האָבן ביז דער כאסענע זיך געקענט עטוואָס לענגער ווי צוויי כאדאָשים.

— זעלבסטפארשטענדלעך. — ענטפערנדיק עס אים, האָט דער זייגערמאכער דערבײַ א טראכט געטאָן וועגן דעם אגראָנאָם, אז ווען ס׳זאָל זײַן אָפּהענגיק פון אים, וואָלט ער מיסטאמע פריִער ווי אין א יאָר ארום, נאָך דעם, ווי כאָסן־קאלע האָבן אָנגעגעבן אין זאגס די פאפירן, זיי ניט פארשריבן. רוּוון האָט אפילע געהאט כיישעק עס אים זאָגן און פארײַנוועגס אים א פרעג געטאָן האלב אין שפאס, וואָס האָט אים געבראכט דערצו, אז ער אליין, א יונגער מענטש נאָך, זאָל אזוי קוקן אף דער איצטיקער יוגנט? צי ניט מיט אים גופע האָט געטראָפן עפּעס ענלעכס פון דעם, וועגן וואָס ער האָט מיט אזא ווידערגעפיל גערעדט?

צופעליק צי ניט צופעליק, נאָר ווען דער צוג האָט אָפּן פולן גאנג גענומען אומגעריכט האמעווען, האָט רוּוון, וועלכער איז געזעסן נעענטער צום ארויסגאנג, זיך אָנגעכאפט פארן הענטל פון דער טיר, און זי האָט זיך ברייט צעעפנט. דאָס פאָרל איז געשטאנען אין קאָרידאָר באם פענצטערל, צו זיי מיט דער פלייצע, און ניט באמערקט, אז די טיר איז אָפן. רוּוון האָט זי אפגיך צוגעמאכט.

— רוּווים ארנאָלדאָוויטש, איר האָט ניט קיין כיישעק זיך ארײַנכאפן מיט מיר אין וואגאָן־רעסטאָראן עפּעס צובײַסן? — האָט זיך אָנגערופן אנאטאָלי אלעקסייעוויטש, א ווײַז טוענדיק מיטן בליק אפן גרינלעכן ציפערבלאט פון זײַן עלעקטראָנישן האנטזייגערל אָן ווײַזערס.

קיין שטארק גרויסן כיישעק גיין אין וואגאָן־רעסטאָראן עסן אָונטברויט אין דער צײַט, ווען ער האָט זיך נאָך ניט צוגערירט צו דער שפּײַז, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט אפן וועג פארן פאָרן, האָט רוּוון ניט געהאט. וויסנדיק אָבער, אז ביז־וואנען זיי וועלן בײדע ניט ארויס פון קופּע, וועט דאָס פאָרל ניט אײַלן זיך אומקערן אהער, האָט רוּוון, פון מיטגעפיל צום יונגן פאָרפאָלק, זיך אופגעהויבן, גרייט מיטגיין מיטן אגראָנאָם אין וואגאָן־רעסטאָראן, נאָר דערבײַ אים געוואָרנט:

— טרינקען אָבער וועל איך ניט.

— איר האָט מוירע, איך זאָל אײַך דערצו ניט נייטן, וואָס איר וואָרנט מיך פארפריִער? זײַנט איר דאָך, קאָן מען זאָגן, פארלאָפן מיר דעם וועג, וואָרעם דאָס זעלבע האָב איך געוואָלט וואָרענען אײַך מעקויעך זיך. — אנאטאָלי אלעקסייעוויטש האָט זיך הויך צעלאכט. — זײַנען מיר מיט אײַך בײדע, לאָזט זיך אויס, די גרויסע טרינקער. וואָס קוקט איר אזוי אף מיר? אײַך וווּנדערט עס?

— דעם עמעס געזאָגט, יאָ. וואָרעם זײַן אן אגראָנאָם אין א סאָווירט, ווו מע איז פון אלע זײַטן, ווי איר דערציילט, ארומגערינגלט מיט ווײַנגערטנער און ווײַנקעלערס און פארבלײַבן אינגאנצן א ניכטערער, איז, לויט ווי איך פארשטיי, מיסטאמע ניט אזוי פּאָשעט.

— ס׳איז ווי בא וועמען.

— איר ווילט זאָגן, מע דארף צוליב דעם האָבן א שטארקן ווילן?

— מע דארף צו דעם פון סאמע אָנפאנג זיך ניט צוגעווינען, אָט וואָס כ׳וויל זאָגן. און איך האָב זיך צום ביטערן טראָפּן צוגעוווינט נאָך איידער כ׳בין געוואָרן אן אגראָנאָם. ווי איז אָבער, אז מע פארליבט זיך אין א מיידל, און דאָס מיידל נעמט בא דיר א וואָרט, אז דו וועסט זיך מער ניט צורירן צום ביטערן טראָפּן, אנדערש וועט זי מיט דיר ניט כאסענע האָבן? און טאָמער וועסטו ניט האלטן וואָרט, וועט זי פון דיר גלײַך אוועקגיין, זי מעג צו יענער צײַט אפילע זײַן שוין א מאמע? פרוּווט אין אזא פאל ניט האלטן וואָרט.

— אזוי שטארק האָט איר זי ליב געהאט?

— איך האָב זי איצט עפשער נאָך שטארקער ליב. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבן זיך געקענט פאר דער כאסענע ניט קיין כוידעש און ניט קיין צוויי, נאָר איבער אָנדערהאלבן יאָר, אָט ווי אין די פריִערדיקע צײַטן...

— איך האָב מיט מײַנער אויך שפּאצירט ביז דער כאסענע א פאָר יאָר. — רוּוון האָט עס א זאָג געטאָן, ווי ער זאָל זיך דערמיט וועלן רײַנוואשן אין דעם אגראָנאָמס אויגן נאָכדעם ווי ער, רוּוון, האָט געבראכט פאר א בײַשפיל זײַן פּימעס כאסענע האָבן, וואָס איז פונקט דער הייפעך צו דעם, וועגן וואָס זיי האָבן ביז אהער גערעדט. צי דען אָבער קלערט אנאטאָלי טאקע אפּאנעמעסן, אז בלויז דערפון אליין, וויפל צײַט מע האָט ביז דער כאסענע ארומגעשפּאצירט, איז אָפּהענגיק, אז מע זאָל דאָס גאנצע לעבן זיך ליב האָבן און זײַן גליקלעך?

ווען רוּוון האָט, ניט דערגייענדיק נאָך ביזן עק פונעם קאָרידאָר, זיך אומגעקוקט, האָט ער דאָס פאָרל פון זייער קופּע שוין ניט געזען שטיין באם פענצטערל.

בא אָט דעם זעלבן פענצטערל, ווען ס׳האָט שוין אהין ארײַנגעקוקט אן אויסגעשטערנטער הימל, זײַנען געשטאנען רוּווים ארנאָלדאָוויטש

מיט אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן און פאָרגעזעצט דעם געשפרעך, וועלכן זיי האָבן פארפירט צווישן זיך באם אָוונטברויט אינעם וואגאָן־רעסטאָראן: וואָס איז זיי יאָ געווען געפעלן און ניט געווען געפעלן אין אויסלאנד, ווו ביידן איז אויסגעקומען צו זייַן — רוווענען אלס א סאָלדאט אין די לעצטע וואָכן פון דער מילכאָמע, אנאטאָלין, ווי א טוריסט, ניט לאנג צוריק. און אזוי ווי ביידע זייַנען דאָרט געווען אין פארשיידענע צייַטן און פארשיידן אופגענומען דאָס אלץ, וואָס מע האָט דאָרט געזען, האָבן זיי וועגן איינעם און דעם זעלבן פארשיידן דערציילט, ניט קאָנענדיק קומען צו קיין אויסגלייַך, זיך אפילע א פאָר מאָל איבער דעם שיר ניט צעאמפערט.

אומבאמערקט איז אזוי אוועק בא זיי אין רייד א שאָ און נאָך א שאָ, און פאר דער גאנצער צייַט האָט דער אגראָנאָם, צו רוווענס פארוואונדערונג, מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט דאָס פאָרל, עלעהיי ער זאָל עס געווען האָבן אינגאנצן פארגעסן. מאשמאָעס, האָט רוווען א קלער געטאָן, אז דערמיט, וואָס ער האָט געבראכט פאר א בייַשפיל די געשיכטע מיט זייַן פימעס כאסענע האָבן, איז ער פונדעסטוועגן בייַגעקומען זייַן יונגן מיטפאָרער און יענער קוקט שוין איצט אנדערש אפן פאָרל פון זייער קופע, האָט מיסטאם אפילע כאראָטע, וואָס ער האָט עס בארעדט.

— וועגן וואָס האָט איר זיך עס, רוווים ארנאָלדאָוויטש, אזוי פארקלערט? — האָט אנאטאָלי אלעקסייעוויטש, אָנרירנדיק אים, ווי אומגערן, פארן אקסל א פרעג געטאָן. — איר ווילט זיך נאָך עפעס דערמאָנען, וואָס עס איז אייַך ניט געפעלן אין אויסלאנד?

— פאראן עטוואָס בילכערס, וועגן וואָס זיך פארטראכטן.

— אשטייגער?

— ס'האָט זיך מיר פאָשעט פארגלוסט שלאָפן, — און א קוק געטאָן דערבייַ אף זייַן טאשן־זייגער, — ס'איז שוין אייגנטלעך טאקע צייַט מאכן נאכט.

— ווער זשע לאָזט אייַך ניט? איר האָט מורע, אז איר וועט מיט אייַער אריינקומען שטערן דעם פאָרל? איר מיינט ווירקלעך, אז מיר גייען זיי אָן, אז זיי שעמען זיך פאר אונדז? הערט, איר קאָנט מיר ניט דערקלערן, וואָס איז עס בא זיי פאר אזא אייַלעניש מיט ליובען זיך? זיי וועלן ניט באווייַזן זיך אָנליובען און זיך אָנקושן אין דער היים, וויבאלד זיי זייַנען, ווי איר זאָגט, מאן און ווייַב? — דערפילט אָבער, אז דער באיאָרטער רוווים ארנאָלדאָוויטש קאָן אזוי אָפשטיין אין קאָרידאָר ביז ווייַט אין דער נאכט, און ער וועט ניט אריינגיין אין קופע, ביז דאָס פאָרל וועט זיך סאָפקאָלסאָף ניט דערמאָנען און אים פארבעטן אריינגיין, האָט אנאטאָלי, ניט אָנקלאפנדיק אפריער, האסטיק געעפנט די טיר.

אין קופע איז געווען האלב פינצטער. ס'האָט בלויז געברענט דאָס קליינינקע מיניאָן־לעמפעלע באם צוקאָפנס פון דער פרוי. לעבן איר איז געזעסן נידעריק אָנגעבויגן דער יונגערמאן, און ביידע האָבן זיך נאָך אלץ אריינגעקוקט אין די אויגן, ווי מע וואָלט ביז איצט ניט געקאָנט בייַקומען אין זיך די פארבאָרגענע קראפט, וועלכע לאָזט זיי אף קיין רעגע ניט אָפ איינעם פונעם אנדערן.

וועמענס איז עס, אייגנטלעך, אייסעק, וואָס דער יונגערמאן לייגט זיך נאָך ניט שלאָפן, זיצט נאָך אלץ לעבן דעם ווייַבל? נאָר צי קלייַבט ער זיך ניט אָפזיצן אזוי די גאנצע נאכט, דאָס דאָפקע גייט רוווענען שוין גראָדע יאָ אָן, וואָרעם דער יונגערמאן וועט דאָך אים דערמיט נויטן ליגן די גאנצע נאכט אף דער לינקער זייַט מיטן פאָנעם צום ווענטל. לאנג אָבער ליגן אזוי, ווייסט ער פארפריער, וועט ער ניט קאָנען. ער וועט אין שלאָף זיך ניט איין מאָל אויסקערן אף דער אנדערער זייַט און זיך דערבייַ ניט איין מאָל אופכאפן. האָבנדיק זיך אויסגעקערט אין שלאָף מיטן פאָנעם צום פאָרל, איז וויאזוי ער זאָל, רוון, זיך ניט צווינגען, וועט ער סייַוויי ניט קאָנען לאנג אייַנליגן מיט צוגעמאכטע אויגן. ניט ווילנדיק, וועט ער פון מאָל צו מאָל כאפן אהינצו א בליק, און דאָס פאסט שוין גיכער פארן יונגן אנאטאָלין, איידער פאר אים, דעם באיאָרטן רוווענען. ס'איז אים פאָשעט טשיקאווע, וויאזוי פירט זיך אוף דער פערטער פאסאזשיר. אנאטאָלי האָט זיך אויך אָפגעקערט, אָט ווי ער, מיטן פאָנעם צום ווענטל, צי ער פראוועט מיטן פאָרל צולאָכעס, זיך בעקיוון אויסגעדרייט צו דעם מיטן פאָנעם? נאָכדעם ווי אנאטאָלי האָט געקאָנט אזוי א צעעפן טאָן די טיר פון קופע, ניט אָנקלאפנדיק אהינצו פארפריער, איז אף אים אזעלכעס אויך צו גלייבן.

אופגעכאפט זיך אינדערפרי און געטראָפן דעם יונגנמאן נאָך אלץ זיצן לעבן ווייַבל, גלייַך זיי וואָלטן טאקע אפאנעמעסן אויסער זיך דאָ מער קיינעם ניט געזען, האָט רוון זיך אָנגעטאָן און איז ארויס אין קאָרידאָר, כאפנדיק באם צומאכן די טיר א זייַטיקן בליק אף דער אייבערשטער פאָלקע. ניין, ער איז זיך ניט טויע געווען. ער האָט טאקע געטראָפן דעם אגראָנאָם ליגן מיטן פאָנעם צום פאָרל. ער איז אָבער אזוי געשמאק געשלאָפן, אז ס'איז א גרויסער סאָפעק, צי ער האָט אין מעשעך פון דער נאכט זיך כאָטש איינמאָל אופגעכאפט.

עס איז געווען שוין גרויסער טאָג, ווען אנאטאָלי אלעקסייעוויטש איז אונטערשמייכלענדיק ארויס פון קופע און א ווונק געטאָן צו רוווענען, וואָס איז געשטאנען באם פענצטערל.

— נו, פילגעשעצטער רוווים ארנאָלדאָוויטש, וואָס וועט איר אצינדער זאָגן?

רוון האָט אים אָנגעקוקט.

— איר ווייסט נאָך ניט? — באם אגראָנאָם האָבן זיך פריילעך צעשייַנט די אויגן. — איז גייט אריין אין קופע, וועט אייַך אלצדינג ווערן קלאָר. לאָמיר נאָר א קוק טאָן אין דער רעשימע אף דער וואנט, וואָס פאר א סטאנציע מיר האָבן באלד. אויב אונדזער צוג שפעטיקט ניט, דארפן מיר אין א פופצן מינוט ארום זייַן אין קורסק.

— און אז אין קורסק, איז וואָס? — האָט רוון געפרעגט, ניט אָנהייבנדיק באנעמען, וואָס יענער איז דערמיט אויסן. אלנפאלס, וועט ער,

צוליב אויסקלאָרן עס, זיך ניט אַרײַנרײַסן צום פּאָרל אין קופּע, ווי דאָס האָט אײַנגעוואָונט געטאָן זײַן מיטפאָרער.

— אונדזער פרײַלן שטײַגט דאָך אַרויס אין קורסק. זי שטייט שוין אין מאַנטל און אינעם היטעלע.

— און ער? — האָט רוּוון פאַרלוירן געפרעגט, ווי ס'זאָל גיין אַ רייד וועגן זײַנעם אַ נאָענטן מענטשן.

— איר באַגלייטער? וואָס האָט ער זיך צו אײַלן מיט איבערטאָן זיך? ער פאָרט דאָך קיין מאָסקווע און ניט צו איר, קיין קורסק. גיט פּאַשעט אויף טשיקאַוועס אַ קוק. האָט ניט מוירע. איר וועט זיי מיט אײַער אַרײַנגיין אַהין ניט שטערן. זיי האָבן זיך פאַרן וועג גענוג אָנגעליובעט. שיינע מאַן און ווײַב, האַ?

— איר זאָגט עס טאַקע ערנסט, צי איר שפּאַסט אַלץ? קומט אויס, הייסט עס, אַז כ'האָב זיך געניאַרט. איך בין דאָך געווען זיכער, אַז ס'איז מאַן און ווײַב, אַ יונג און גליקלעך פּאָרפאָלק. זיך אַזוי אָפּנאַרן...

— ווער איז אײַך שולדיק, מײַן פּילגעשעצטער רוּווים אַרנאָלדאָוויטש, וואָס איר האָט זיך געלאָזט נאַרן? וויִאַזוי האָט איר גלײַך ניט פאַרשטאַנען, אַז אַ פּאָרל, וואָס האָט זיך בעעמעס ליב, וועט אין דער אָנוועזנהײַט פון זײַטיקע מענטשן זיך ניט אויפירן אַזוי, ווי דאָס דאָזיקע פּאָרל האָט זיך אויפגעפירט... כ'האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז ווען איך זע, ווי אַ מיידל מיט אַ באָכער האַלדזן זיך און קושן זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן, איז קאָן איך זיך וועטן, אַז די הייסע ליבע וועט בא זיי זייער גיך דורכגיין. די, וואָס האָבן זיך אמת ליב, פירן זיך אויף אין יענעמס אָנוועזנהײַט ווי גאַנאָווים. איידער מע וועט זיך אַ קוש טאָן, וועט מען פריִער צען מאָל זיך אַרומקוקן, צי קיינער זעט ניט. איך דערצייל עס אײַך, פּונקט ווי איר זאָלט עס אָן מיר ניט וויסן. און אָט איז שוין קורסק. איר האָט ניט קיין כיישעק זיך דורכלופטערן אַ ביסל? אונדזער צוג שטייט דאָ גאַנצע צען מינוט.

נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אַרויס, האָט אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זיך באַוויזן אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן דאָס פּאָרל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העל־ברוינעם מאַנטל און אין פּונקט אַזאַ העל־ברוין היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ. אָט־אָט, דוכט זיך, וועט עס אַראָפּפאַלן. אין די הענט האָט זי געהאַלטן צוגעדריקט צו דער ברוסט די פאַרהיטע בוקעטן בלומען. איר באַגלייטער איז געווען אינעם זעלבן בלויען ספּאָרטיוון קאָסטיום מיט די ברייטע ווײַסע לאַמפּאַסן און אין לײַכטע טאַפּקעס אויף די פיס. דער פרויס צוויי גלאַנציקע טשעמאָדאַנעס, וועלכע דער יונגערמאַן האָט געטראָגן, זײַנען געווען געדיכט אַרומגעקלעפּט מיט פאַרשיידנפאַרביקע עטיקעטקעס, פּונקט זיי וואָלטן אויסגעווען אַ וועלט.

דערזען עס, האָט רוּוון ניט געהאַט מער וואָס צו סאָפּעקן, אַז בלויז זי איינע טאַקע, ווי ס'האָט געזאָגט אַנאַטאָלי, שטײַגט דאָ אַראָפּ, און אַז ער, איר באַגלייטער, פאָרט ווײַטער. צוקוקנדיק זיך איצט צו זיי שוין ניט ווי אין קופּע, בישטיקע, האָט רוּוון גלײַך באַמערקט זײַן טאָעס — זיי זײַנעןביידע שוין גאָרניט אַזוי יונג, ווי אים האָט זיך געהאַט אויסגעוויזן. דער אַגראָנאָם איז, דאַכט זיך, גערעכט. זיי זײַנען ביידע מער נענטער צו פערציק ווי צו דרײַסיק.

ווי נאָר זיי זײַנען אַראָפּגעשטיגן, איז צו זיי צוגעלאָפן אַ הויכע יאָמטעוודיק פאַרפּוצטע פרוי אין איינע יאָרן, אָן ערעך, מיט דער, וועמען זי האָט באַגעגנט, און אַלע דרײַ זײַנען אַריבער אויף דער שכיינעסדיקער פּלאַטפאָרמע און אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט פונעם וואַגאָן.

נאָכפאָלגנדיק, ווי די צוויי פרויען האָבן זיך אַרומגעכאַפּט קושן, האָט דער אַגראָנאָם אַ פרעג געגעבן דעם אַנטוישטן זייגערמאַכער:

— ווי קלערט איר, רוּווים אַרנאָלדאָוויטש, די צוויי פרויען זײַנען קרויווים, צי פּאַשעט כאַווערטעס?

וואָס איז אײַך די נאַפקעמינע?

— אָבער פונדעסטוועגן? — און איידער רוּוון האָט באַוויזן וועגן דעם אַ קלער טאָן, ניט אָנהייבנדיק פאַרשטיין, וואָס איז דעם מיטפאָרער זײַנעם, אייגנטלעך, דער כילעק, ווער ס'קערן זיך אָן צווישן זיך די ביידע פרויען, האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, פּונקט ער זאָל שוין האָבן פאַרגעסן מיקויעך וואָס ער האָט רוּווענען מיט אַ רעגע פריִער געהאַט געפרעגט, פאַרגעבן אַ נײַע פראַגע, צי עס איז פאַר דער פרוי, וועלכע איז געקומען באַגעגענען, געווען אומגעריכט, ווען זי האָט דערזען איר קרויווע, צי כאַווערטע, אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן מאַנצבל? דער שמייכל אויף איר לעגנלעך־אויסגעצויגענעם געזיכט, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט דעם יונגנמאַן די האַנט האָט אונטערגעזאָגט, אַז גאָר קיין סאָד איז עס פאַר איר ניט געווען. פונוואַנען אָבער נעמט דער אַגראָנאָם, אַז די פרוי, וואָס האָט באַגעגנט, שטייט צו צום יונגנמאַן, אַז ער זאָל אויך אַראָפּשטײַגן, און אַז וועגן דעם האָבן די ביידע פרויען זיך באַצײַטנס צונויפגעשריבן, צי זיך צונויפגעקלונגען, קאָן שוין רוּוון ניט פאַרשטיין. בלויז דערפון, וואָס זי האָט אַ פּאָר מאָל אָנגעוויזן דעם יונגנמאַן אויפן דרויסנדיקן וואָקזאַל־זייגער און דער יונגערמאַן שטייט אין פאַרלעגנהײַט, ווי בא אַ ריוו, וועלכן ער דאַרף אַריבערשפּרינגען, און איז ניט איבעריקס זיכער אין זיך, אַז ער וועט אים קאָנען אַריבער, קאָן מען נאָך אַזאַ אויספיר ניט מאַכן. יעטווידער איינער אויפן יונגנמאַנס אָרט וואָלט אין אַזעלכע מינוטן זיך פאַרלוירן, ביפראַט נאָך, אַז ער פילט, ווי פון אַלע פענצטערלעך פונעם וואַגאָן קוקט מען אויף אים און מע זאָגט דערבײַ אַרויס וועגן אים און די צוויי פרויען אַזעלכעס, אַז ס'איז גלײַכער פאַר אים, ער זאָל טאַקע אַרויסשטײַגן אָדער זיך אַריבערקלײַבן אין אַן אַנדער וואַגאָן.

וועגן אָט דעם האָט רוּוון אַ קלער געטאָן, ווען דער אַגראָנאָם איז שוין ניט געווען לעבן אים. אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, קיין וואָרט ניט זאָגנדיק מער, האָט געגעבן מיטאַמאָל אַ שפּרונג אַרויף אויף די טרעפּלעך פונעם וואַגאָן און איז ניט

געוואָרן. אין א קארגער מינוט ארום האָט רווון אים דערזען שטיין בא דער זײַט פונעם מיטלסטן פענצטערל, ווי אויסבאהאלטנדיק זיך. ווען דער יונגערמאן פון זייער קופּע איז א צעטומלטער צוגעלאָפן צום פּראָוואָדניק און געבעטן אים אומקערן דעם בילעט, ווײַל ער שטײַגט דאָ ארויס, האָט רווון שוין ניט געזען אנאטאָלין שטיין באם פענצטערל.

ביזן אָפּגיין פון צוג זײַנען פארבליבן קנאפּע דרײַ מינוט. אָפּגענומען באם פּראָוואָדניק דעם בילעט, האָט דער יונגערמאן, ווי ניט באמערקנדיק די פּאסאזשירן, וואָס האָבן פארפולט דעם קאָרידאָר, זיך דורכגעשטופּט צו דער קופּע און געבליבן פארלוירן שטיין. די טיר איז געווען פארמאכט. ער האָט זי א שלעפּ געטאָן מיט אלע קויכעס איין מאָל און א צווייט מאָל, נאָר די טיר האָט זיך ניט געעפנט.

— דאָרט איז עמעצער דאָ? — האָט ער אָנגעכמורעט געפרעגט בא דעם ניט ווייניקער פון אים פארכידעשטן רווענען, וועלכער האָט זיך אויך שוין אומגעקערט אין וואגאָן און איז געשטאנען אומבאהאָלפן בא דער צוגעמאכטער טיר.

— כ'ווייס ניט, מע דארף פרעגן באם פּראָוואָדניק. אויב ער האָט מער קיינעם אהער ניט ארײַנגעזעצט, דאן קאָן דאָרט זײַן בלויז אונדזער דריטער פּאסאזשיר. אף וויפל כ'האָב באמערקט, איז ער ניט קיין טויבער, אז ער זאָל ניט דערהערן, אויב אפילע ער איז אײַנגעשלאָפן, — און רווון האָט צוגעהאָלפן דעם יונגנמאן פויקן אין דער טיר.

פון אינווייניק האָט זיך אָפּגערופן א פארטויבטע שטים. פאנאנדערקלײַבן אָבער, וואָס און ווען, וואָס האָט עס דאָרט אזעלכעס געטראָפן, איז געווען אומעגלעך.

— קענטיק, ס'האָט זיך בא אים פארהאקט דער שלאָס און ער קאָן אים ניט עפענען. ס'טרעפט צומאָל אזוינס. בעט באם פּראָוואָדניק דעם שליסל, אנדערש וועט איר גאָרניט מאכן, — האָבן די פארזאמלטע פּאסאזשירן בא דער פארהאקטער טיר געייצעט דעם פארזאָרגטן יונגנמאן.

צי ווײַל קיינער פון די אייצעגעבער האָט ניט געײַלט א רוף טאָן דעם פּראָוואָדניק, צי ווײַל ס'איז ניט געווען צו זען, אז עמעצער פון די דערבײַשטייענדיקע זאָל ארויסווײַזן מיטגעפיל צום יונגנמאן, נאָר בא רווענען איז געווען דער אײַנדרוק, אז פאר די פארזאמלטע אין קאָרידאָר איז ניט אומדערווארט, וואָס דער שלאָס האָט אין דער סאמע נייטיקער מינוט זיך פּלוצעם פארהאקט. אינגאנצן זיכער אין דעם איז ער ניט. רווון, כאָטש ער דערלאָזט, אז פון אזא, ווי אנאטאָלי, קאָן מען „אזוינס" דערווארטן, אָבער אלץ דארף דאָך זײַן מיט א מאָס, מיט א זין, און ניט סטאם אזוי צוליב א שפּיל טאָן זיך.

ווען דער פּראָוואָדניק איז צוגעקומען און אופגעשלאָסן די טיר, האָט דער יונגערמאן שוין פארשפּאָרט זיך איבערטאָן און צונויפקלײַבן אין טשעמאָדאן די פאנאנדערגעוואָרפענע זאכן אף דער פּאָלקע. דער צוג האָט זיך שוין געהאט גערירט. דער יונגערמאן האָט קוים באוויזן ארײַנלויפן אין טאמבור צו דער אָפענער טיר, בא וועלכער ס'איז געשטאנען דער פּראָוואָדניק, ער האָט א פּאָך געטאָן מיט דער האנט צו די צוויי פרויען, וואָס זײַנען אף דער פּלאטפאָרמע, צוזאמען מיט די צוויי גלאנציקע טשעמאָדאנעס, אָפּגעשווומען אף צוריק. דאָס צולייגן די רעכטע האנט צום אויער און די לינקע צום מויל האָט געדארפט פאר זיי באטײַטן, אז ער וועט אָנקלינגען און דערקלערן, פארוואָס ער איז ניט אראָפּ.

אומגעקערט זיך פונעם טאמבור צוריק אין קופּע, איז דער יונגערמאן ארופגעקראָכן צו זיך אף דער אייבערשטער פּאָלקע, אויסגעדרייט זיך מיטן פּאָנעם צום ווענטל און מיט קיין איינציק וואָרט זיך ניט אָפּגערופן אף דעם, וואָס דער ייִנגערער פּאסאזשיר האָט דערציילט דעם עלטערן וועגן דער טיר, וויִאזוי זי האָט זיך בא אים פּלוצעם פארהאקט, וויִאזוי ער האָט זיך אָנגעמוטשעט מיטן שלאָס, געדרייט דאָס הענטל אהער, געדרייט אהין און אזוי אָנגעמוליעט זיך די הענט, אז זיי טוען אים נאָך ביז איצטער ווי. דערציילט האָט ער וועגן דעם אזוי, אז באם יונגנמאן אף דער אייבערשטער פּאָלקע האָט ניט געדארפט, לויט זײַן כעזשבן, בלײַבן קיין כשאד, אז אין דער ווירקלעכקײַט איז עס זיך פארלאָפן אנדערש, אז ס'איז געווען ניט קיין צופאל, נאָר א בייזוויליקײַט, א צולאָכעס.

— הערט, — האָט רווון מיט בארויגעז זיך אָנגערופן צו אנאטאָלי אלעקסייעוויטשן, שטייענדיק מיט אים ווידער אין קאָרידאָר באם זעלבן נאקעטן פענצטערל, — צו וואָס איז אײַך נייטיק געווען אָט די שפּיל?

— וועלכע שפּיל? — דער אגראָנאָם האָט א קוק געטאָן אפן זייגערמאכער, ווי ער זאָל בעמעס ניט אָנהייבן פארשטיין, וועגן וואָס עס גייט א רייד.

רווענען האָט דעם יונגערמאנס איבערפרעגן, קלוימערשט ער הייבט ניט אָן צו פארשטיין, ארויסגעפירט סאָפּקאָלסאָף פון געדולד:

— האָט ניט קיין פאריבל, אנאטאָלי אלעקסייעוויטש, איך האָב ניט ליב, אז מע מאכט זיך, ווי זאָגט מען עס... איך בין דאָך ניט ער. — רווון האָט א ווײַז געטאָן מיטן בליק אף דער צוגעמאכטער טיר פון קופּע, — מיך וועט איר דאָך ניט אײַנשמועסן, אז ס'האָט זיך בא אײַך פּלוצעם צופעליק פארהאקט דער שלאָס און איר האָט אים ניט געקאָנט עפענען. אלץ דארף זײַן מיט א מאָס, ניט איבערדרייען די פּרוזשינע. מיט דער דאָזיקער שפּיל אײַערער, אנאטאָלי אלעקסייעוויטש, האָט איר צופיל געשטעלט אף זיך. וויִאזוי האָט איר עס בעשאסמײַסע ניט א קלער געטאָן, צי צעשטערט איר ניט מיט אײַער ארײַנמישן זיך, מיט אָט דעם פארשפּארן זיך פארן סאמע אָפּגיין פון צוג אין קופּע און ניט ארײַנלאָזן אהין דעם יונגנמאן, א גליקלעכע ליבע? וויִאזוי באטראכט מען זיך עס ניט און מע טוט אָפּ אזא זאך? איר זײַנט דאָך א קלוגער און געבילדעטער מענטש.

— האלט איר, קומט אויס, אז כ'האָב ניט געדארפט זיך ארײַנמישן? — האָט אנאטאָלי

אַלעקסייעוויטש, לאָזנדיק רוווענען אים אַלץ אַרויסזאָגן, זיך אָנגערופֿן. — געדאַרפֿט, הייסט עס, שטיין, אָט ווי איר, אין אַ זײַט און בלויז צוקוקן, וויאַזוי עס גייט אָן די שפּיל? זיך ניט אַרײַנמישן, בייס איך זע, ווי מע רוקט אונטער יענעם אַ פֿאַלשע קאָרט און סע דראָעט אים איבער דעם פֿאַרשפּילן?

— אַז איך פֿאַרשטיי ביכלאַל ניט, פֿאַרוואָס פֿאַרגלײַכט איר עס צו אַ שפּיל? שפּילן אַ ליבע, הייסט דאָך ניט, אַז ליבע איז אַ שפּיל.

— איר האָט צו מיר טײַנעס, פּונקט איך זאָל עס האָבן צוגעטראַכט. דאָס איז געזאָגט געוואָרן, פֿיל געשעצטער רוווים אַרנאָלדאָוויטש, מיט אַ היפּש ביסל יאָרן נאָך פֿאַר מיר. און ניט פֿון אַבי־וועמען, נאָר פֿון גרויסע לײַט. פֿון גאָר גרויסע לײַט. און ניט בלויז די ליבע האָבן זיי צוגעגלײַכט צו אַ שפּיל, נאָר אויך דעם מענטשנס לעבן. צווישן די געוויקסן געשעט אויך עפּעס ענלעכס, און דאָרט קומט אויס זיך אַרײַנמישן. אין דאָמינאָ שפּילט איר?

רוווּן האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער זאָל אָנשטאָט אים מיטאַמאָל דערזען פֿאַר זיך אַן אַנדערן.

— אַנטקעגן וואָס פֿרעג איך עס אײַך, ווילט איר וויסן? פּאָשעט, דערמאָנען אײַך, אַז יעדע שפּיל האָט זיך אירע געזעצן, באַ וועלכע מע דאַרף זיך שטרענג האַלטן, זיי ניט אַריבערטרעטן, אויב די שפּיל ווערט געפֿירט ערלעך און ניט ווי סע האָט זי געפֿירט צווישן זיך אײַער פּאָרל.

— וואָס עפּעס מײַן פּאָרל?

— נו גוט, אונדזער פּאָרל, — האָט אַנאַטאָלי אים נאָכגעגעבן.

— און אין וואָס, אַשטייגער, האָט איר עס אײַנגעזען, אַז זיי האָבן די שפּיל געפֿירט ניט ערלעך?

— אין וואָס?

— נו יאָ, אין וואָס האָט איר עס אײַנגעזען?

אָנשטאָט דעם, ער זאָל אים דערויף ענטפֿערן, האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש אָן דעם מינדסטן סימען פֿון שפּאַס געפֿרעגט:

— אַלע זייגערמאַכערס זײַנען אַזעלכע?

— וואָס זײַנט איר דערמיט אויסן?

— גאָרניט. איך בין דערמיט גאָרניט אויסן. ס'איז מיר פּאָשעט טשיקאַווע, צי אַלע זייגערמאַכערס זײַנען אַזעלכע, ווי איר, וואָס אָן אַ שפּאַקטיוו זעען זיי ניט פֿונדאַנען אַהין. צי דען האָט איר אויך גאָרניט פֿאַרשטאַנען פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿאַר אונדזערע אויגן אויפֿן קורסקער פּעראָן? איר האָט ניט געזען ווי די ביידע פֿרויען האָבן זיך אָנגעזעצט אויפֿן יונגנמאַן, אַז ער זאָל אַראָפּשטײַגן, און ווי דער יונגערמאַן האָט זיך פֿאַרלוירן, געפּרוּווט זיך ווערן און ניט געקאָנט זיי בײַשטיין. ס'איז זייער זאַך, וועט איר זאָגן. אַנטשולדיקט מײַן פֿרײַנט, ס'איז ניט אינגאַנצן אַזוי, אַנדערש וואָלט איך זיך ניט געוועזן אַרײַנגעמישט. איך האָב דערמיט ניט צעשטערט, ווי איר האָט מיר אויסגעוואָרפֿן, אַ גליקלעכע ליבע, איך האָב ניט דערלאָזט מיט מײַן אַרײַנמישן זיך, אַז ס'זאָל צוקומען נאָך איין אומגליקלעכע מישפּאָכע. מיר האָבן זיי אַזוי אויך ניט ווייניק. די שפּיל, וואָס עס האָט פֿאַרפֿירט צווישן זיך אויפֿן קוראָרט דאָס פּאָרל, איך דענק, אַז איר צווייפֿלט שוין איצט ניט, אַז ס'איז אַ קוראָרטנע ליבע, איז אַ שפּיל ניט בלויז פֿון צווייען. אין איר זײַנען אַרײַנגעצויגן, ווי איר פֿאַרשטייט עס גוט אַליין, נאָך איין מענטש, זײַן פֿרוי, און גיכער פֿון אַלץ נאָך אַ קינד, און עפּשער ניט איינס... און דאָס איז דאָס סאַמע געפֿערלעכסטע אין אָט דער שפּיל. ניטאָ קיין מער שרעקלעכערס ווי קינדערשע לײַדן. ווילט איר, איך זאָל אַזוינס פֿאַרבײַגיין מיט צוגעמאַכטע אויגן, זיך ניט אַרײַנמישן?

— דער מענטש איז דאָך אָבער, ווי סע זאָגט זיך, ניט אינגאַנצן באַ זיך אין די הענט. ניט נאָר מיט יונגע, אַפֿילע מיט עלטערע לײַט פֿאַרלויפֿן זיך ניט זעלטן אַזעלכע געשיכטעס, — האָט רוווּן אים דערויף באַמערקט.

— יאָ, דערפֿון איז קיינער ניט פֿאַרהיט, אָבער דאָס הייסט דאָך ניט, אַז דער מענטש איז פֿרײַ צו טאָן אַלץ, וואָס אים פֿאַרגלוסט זיך. מע קאָן דען האָבן טײַנעס, וועט איר פֿרעגן, צום קורסקער ווײַבל, וואָס זי האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ כאַסענע געהאַטן, וועלכער האָט אַ פֿרוי און קינדער? ענטפֿערט מיר אָבער, וויאַזוי קאָן עס אַ פֿרוי, צוליב איר אייגן גליק, אָפּנעמען דאָס גליק באַ אַ צווייטער, אָפּנעמען באַ קינדער זייער פֿאָטער? איך גלייב ניט, אַז אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך ווירקלעך פֿאַרליבט אין אַ כאַסענע געהאַטן, זאָל אײַנגיין דערויף. אַף דעם קאָן אײַנגיין נאָר אַזאַ, וועמען עס גייט בלויז אָן צו פֿאַרנאַרן פֿאַר זיך אין דער פֿאַרוואָרפֿענער נעץ אַ מאַן. דאָס האָט דאָך אָבער ניט צו טאָן מיט עכטער ליבע. דאָס קורסקער ווײַבל איז, אַפּאָנעם, אויך פֿון די פֿרויען, וועלכע פֿאָרן אַף קוראָרט, בלויז קעדיי צוזוכן זיך אַ מאַן און וועלכע וויסן, וויאַזוי אים פֿאַרנאַרן, און וויאַזוי אים פֿאַרבלענדן. אַ פֿאַרבלענדטן לאָזט זיך לײַכט פֿאַנגען אין דער נעץ. דאָס ווײַבל, וואָס האָט זיי באַגעגנט, האָט מיסטאָמע אויך אַף אַזאַ אופֿן כאַסענע געהאַט, ס'איז צו זען פֿון איר אַרײַנלייגן זיך אינעם שידעך.

— עס טרעפֿט דען ניט, אַז אַ קוראָרטנע באַקאַנטשאַפֿט ענדיקט זיך מיט אַ גליקלעכער ליבע? — האָט רוווּן זיך אַלץ נאָך געפּרוּווט אײַנשטעלן פֿאַרן פּאָרל פֿון זייער קופּע.

— סע טרעפֿט! אַלץ טרעפֿט.

— איז פֿאַרוואָס דערלאָזט איר ניט...

— אַז באַ אײַער פּאָרל, אַנטשולדיקט, באַ אונדזער פּאָרל, האָט אויך אַזוי פּאַסירט? דאָס ווילט איר זאָגן? ווען עס זאָל ווירקלעך געוועזן זײַן אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס, ענטפֿערט מיר, איז אײַער יונגערמאַן ניט אַראָפּגעשטיגן אַף דער אַנדערער סטאַנציע און זיך ניט אומגעקערט צוריק קיין קורסק? פּונקט ווי ער וואָלט, מיסטאָמע, אָנגעקלונגען פֿון קורסק צו זיך אַהיים, ווען דאָס ווײַבל נעמט אים אַראָפּ פֿון צוג, אַז ער פֿאַרהאַלט זיך נאָך אַף עטלעכע טעג אַף קוראָרט, קעדיי די פֿרוי זײַנע זאָל ניט קומען באַגעגענען דעם דאָזיקן צוג, וואָלט ער דאָס זעלבע געקאָנט

איר דאָך אָנקלינגען אויך פון דער אנדערער סטאנציע, ווען ער שטײַגט אהין אראָפּ. ס'איז ניט, ווי פריִער, ווען מע פלעגט דארפן באַשטעלן א געשפּרעך און די טעלעפאָניסטקע פלעגט שטענדיק אָנזאָגן, פונוואנען מע קלינגט. פּרוּווט אָבער איצטער טרעפן. קאָנסט ריידן פון קראַסנאָדאר און זאָגן, אז דו רעדסט פון אירקוטסק. דער טעלעפאָן־אווטאָמאט גיט דאָך ניט ארויס. — און ווי ער זאָל אונטערפירן א סאַכאַקל פון דעם אַלץ, וואָס זיי האָבן דיביידע טעג צווישן זיך געשמועסט, האָט אנאטאָלי אַלעקסייעוויטש, און ווידעראַמאָל אָן דעם מינדסטן סימען פון שפּאַס, א זאָג געטאָן: — א צווייט מאָל, רוּווים ארנאָלדאָוויטש, אז איר וועט זיך לאָזן אין וועג, זאָלט איר ניט פארגעסן פארכאַפּן מיט זיך א שפּאַקטיוו.

דערויף האָט אים רוּוון אָפּגעענטפערט מיט א הוסטל, וואָס האָט געדארפט אָן ערעך באַטײַטן: גאָר אינגאנצן זיכער בא זיך איז ער ניט, אז דער אגראָנאָם האָט זיך געדארפט ארײַנמישן, כאָטש אים, רוּווענען, איז טאקע בעפּיירעש ניט פארשטענדלעך, פארוואָס דער יונגערמאַן איז ניט אראָפּ אף דער אנדערער סטאנציע און זיך ניט אומגעקערט קיין קורסק.

דער צוג האָט אָנגעיאָגט די האַלבע שאָ צײַט, וואָס ער האָט פארשפּעטיקט, און פּונקט צו דער מינוט זיך אָפּגעשטעלט באַם באַלויכטענעם פּעראָן, אף וועלכן ס'איז שווער געווען זיך דורכשטופּן. די איינציקע פּאסאַזשירן, וועמען מע איז ניט געקומען באַגעגענען, זײַנען, דאַכט זיך, געווען בלויז דער אגראָנאָם און דער זייגערמאַכער. רוּווענען האָט זיך ניט געוואָלט קיינעם באַאומרויִקן — זײַן גאנצער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון א טשעמאָדאַן און א קליין קוישל — האָט ער בעקיוון ניט מיטגעטיילט, מיט וועלכן צוג ער פאָרט ארויס. דער אגראָנאָם האָט גלאַט ניט געהאַט, ווער עס זאָל אים באַגעגענען. ער איז אין א קאָמאַנדירונג. ביידע, ווי מע זאָל זיך באַצײַטנס געווען צונויפגערעדט, האָבן זיך פארהאַלטן אפן פּעראָן, ניט געאײַלט זיך אראָפּלאָזן אינעם דורכגאַנג־טונעל, וואָס פירט אין שטאָט.

דער לעצטער איז פון וואַגאָן ארויסגעשטיגן זייער מיטפאָרער. ווי נאָר רוּוון און אנאטאָלי אַלעקסייעוויטש האָבן דערזען אים ארויסשטײַגן, זײַנען זיי איין אויגנבליק אָפּגעטראָטן אָן א זײַט, וווּהין ס'האָט ניט געגרייכט די שנייִקע ליכטיקײַט פונעם אנטקעגנבערדיקן שײַנענדיקן פּראָזשעקטאָר־לאָמפּ.

— פּאַפּאַ! פּאַפּולינקאַ! — האָבן מיט א פרייִלעכן אויסגעשריי זיך א וואָרף געטאָן צום יונגנמאַן א מיידעלע מיט א ייִנגעלע און זיך אָנגעהאַנגען אים אפן האַלדז.

די פרוי מיטן בוקעט בלומען, וועלכע האָט ארומגענומען דעם יונגנמאַן און זיך מיט אים צעקושט, איז געווען פיל נידעריקער פונעם קורסקער ווײַבל. זי האָט אים קוים דערגרייכט ביזן אַקסל, און ייִנגער פון יענער האָט זי אויך ניט אויסגעזען, גיכער, אפילע עלטער. נאָר דאָס זאָל זײַן די איינציקע סיבע, האָט רוּוון א קלער געטאָן, וואָס דער יונגערמאַן, א טאַטע פון צוויי קליינע קינדער, וועלכע מע דארף ערשט שטעלן אף די פיס, זאָל מיטאַמאָל אין אַלץ מיטאַנאַנדער פארגעסן און זיך לאָזן בלינד פארפירן פון א צווייטער, קאָן דאָך ניט זײַן. מיסטאַמע איז צווישן דעם פּאָרפאָלק זיך פארלאָפן אין לעבן אַזוינס, וואָס האָט געבראַכט דעם יונגנמאַן דערצו, אז ס'זאָל מיט אים אַזוי פּאַסירן. פון וועמען האָט ער עס, רוּוון, געהערט, אז אין אַזעלכע פאַלן איז אָפּטער פון אַלץ פונדעסטוועגן שולדיק דאָס ווײַב, אז פון א פרוי, וואָס ווייסט, וויִאַזוי זיך אופירן מיט א מאַן, וועט דער מאַן קיינמאָל ניט אוועקגיין.

דערזען אָבער, ווי זייער מיטפאָרער האָט צוגעטוליעט צו זיך די פרוי און זאָרגזאַם צאַרט דורכגעפירט מיט דער האַנט איבער איר קורץ אונטערגעשאָרענעם קאָפּ האָר, האָט רוּוון א מאַך געטאָן צום אגראָנאָם:

— מיר דאַכט זיך שוין אויך, אז בא אים איז מיט יענער געווען טאַקע ניט מער ווי א שפּיל, א קוראָרטנע ליבע, ווי איר רופט עס. נאָר ווער ווייסט, וויִאַזוי עס וואָלט זיך בא זיי געענדיקט, ווען ס'פארהאַקט זיך ניט פּלוצעם דער שלאָס... נו, כ'וועל גיין.

— וואָס אײַלט איר זיך אַזוי? וואַרט צו נאָך א ווײַלע.

— וואָס איז פאראַן דאָ צו וואַרטן? די שפּיל האָט זיך דאָך שוין געענדיקט...

— איר זײַנט זיכער אין דעם?

— און איר ניט?

— אַזוי גיך און פּאָשעט פארענדיקן זיך ניט, רוּווים ארנאָלדאָוויטש, אַזוינע שפּילן. איך זע נאָך אים, אז ס'איז ניט קיין פארענדיקטע שפּיל.

לויט וועלכע סימאָנים זעט עס אײַן, דער אגראָנאָם, אז ס'איז ניט קיין פארענדיקטע שפּיל? לויט דעם, וואָס זייער מיטפאָרער טרעט ניט אָפּ פון וואַגאָן און קוקט זיך אַלץ ארום? וואָס איז פאראַן דאָ צו וווּנדערן זיך? ער האָט זיי מאַשמאָעס ביידן באַמערקט און האָט פּאָשעט מוירע, זיי זאָלן אים ארויסגעבן.

א סמאַך אַזוי צו קלערן, נאָכדעם ווי מע איז זיך מיט אים אַזוי באַגאַנגען אין וועג, האָט ער, פארשטייט זיך. איז שטייט ער און וואַרט, זיי זאָלן פארלאָזן דעם פּעראָן.

און איידער רוּוון האָט, נאָכפאָלגנדיק נאָכן יונגנמאַן, באַוויזן רעכט נאָך וועגן דעם אַלץ א טראַכט צו טאָן, האָט ער אומגעריכט דאָרט דערזען דעם אגראָנאָם. פון אָט דער אומגעריכטקײַט איז רוּוון, אַליין ניט באַמערקנדיק עס, ארויס אף דער העל באַלויכטענער זײַט פונעם פּעראָן. וואָס אַזעלכעס האָט דער אגראָנאָם שוין ווידער פארטראַכט, וואָס ער האָט אויך דאָס מאָל, ווי באַם פארשפּאַרן זיך אין קופּע, עס אויסבאַהאַלטן פון אים... רוּוון האָט זיך צוגעקוקט מער מיט מוירע, ווי מיט נײַגער.

צוגעקומען נאָענט, האָט דער אגראָנאָם זיך אָפּגעשטעלט, אראָפּגענומען די הוט, זיך פארנייגט און גאַנץ הויך, אָפּאָנעם, עס זאָל דערגיין אויך צו אים, צו רוּווענען, זיך אָנגערופן צו דער פרוי:

— נו, אָט. אבי אײַער מאַן האָט דעם גאנצן וועג געציטערט, אַז אונדזער צוג וועט פארשפּעטיקן און איר וועט ניט קומען מיט די קינדערלעך אים באַגעגענען, און וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — האָט דער אַגראָנאָם זיך געווענדט צום יונגנמאַן, פאַרהאַלטנדיק אַף אים אַ לענגערע ווײַלע דעם בליק, און צוגעגעבן: — ווײַלע קינדער בא אײַך. זייער כּיִעסדיקע קינדער בא אײַך...

אָנגעטאָן צוריק די הוט און זיך העפלעך פאַרנייגט, האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש זיי צוגעווונטשן אַ גוטע נאַכט און ניט געאײַלט אַוועק צום טונעל, בא וועלכן ס'האָט שוין אַף אים געוואַרט דער זייגערמאַכער.

— אָסער אויב איך פאַרשטיי, צו וואָס איר האָט עס באַדאַרפט? — האָט רוּוון זיך אָנגערופן צום אַגראָנאָם, אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט אים אינעם טונקל באַלויכטענעם אומהיימלעכן טונעל. — דערמיט, וואָס איר האָט זיך איצט אַרײַנגעמישט, קלערט איר, האָט איר אים צוגעהאָלפן מאַכן אַ סאָף צו דער ניט פאַרענדיקטער שפּיל, ווי איר רופט עס? מיט אַ טליִענדיק פּײַערל, וואָס האַלט באַם אויסגיין, דאַרף מען זײַן זייער געהיט. מע קאָן מיט איין בלאָז אים צומאָל צוריק פאַנאַנדערבלאָזן.

— ס'איז אָפּהענגיק ווי מע בלאָזט.

— איר זײַנט, זע איך, פון די מענטשן, וואָס קאָנען ניט אויסקומען, זיי זאָלן זיך ניט אַרײַנמישן.

— און איר, ווי כ'האָב באַוויזן באַמערקן, געהערט צו די מענטשן, וועלכע קלערן, אַז דערמיט, וואָס זיי גייען אָפּ אין אַ זײַט, ווען מע דאַרף זיך אַרײַנמישן, און קוקן זיך בלויז צו צו דעם, וואָס עס קומט פאָר פאַר זייערע אויגן, מישן זיי זיך ניט אַרײַן. אַזעלכע לעבן אָבער אין טאָעס, וואָרעם ס'איז ניטאָ דער מענטש, וועלכער זאָל אַזוי צי אַנדערש זיך ניט אַרײַנמישן אין דעם, וואָס עס קומט פאָר. ניטאָ, ווי ס'איז ניטאָ קימאַט די זאַך אַף דער וועלט, אין וואָס מע זאָל ניט דאַרפן זיך אַרײַנמישן. און מער פון אַלץ נייטיקט זיך אין דעם דער מענטש. ער איז ניט קיין זייגער, וואָס לאָזט זיך לײַכט פאַריכטן. מע דאַרף צוליב דעם בלויז ניט איבערכאַפּן, ווי איר זאָגט, די מאָס, ניט איבערדרייען די פּרוזשינע. דער מענטש איז אויך ניט קיין געוויקס אין פעלד, כאָטש צווישן אים און דעם געוויקס איז פאַראַן פיל ענלעכס...

— זאָגט, איך בעט אײַך, אײַער דיסערטאַציע איז ניט וועגן אַרײַנמישן זיך?

— איר האָט געטראָפן, רוּווים אַרנאָלדאָוויטש, וועגן דעם, ווײַל קיינער מישט זיך אַזוי ניט אַרײַן אין ענדערן און אויסבעסערן דאָס, וואָס איז אונדז, ווי מע פלעגט זאָגן אַמאָליקע צײַטן, געגעבן פון אויבן, ווי אַן אַגראָנאָם.

צווישן דעם האַמוין, וואָס האָט נאָך אַלץ געשפּאַרט אַהער פון אַלע אַרײַנגאַנגען, האָבן זיי דערזען זייער מיטפאָרער פון קופּע. ער איז געגאַנגען הינטער דער פרוי און די קינדער מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט.

— איך וואָלט ניט געוואָלט זײַן איצט אַף זײַן אָרט. — האָט אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטש, צוקוקנדיק עס, אַ זאָג געטאָן.

— אים איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניטאָ איצט וואָס מעקאַנע צו זײַן. כ'האָב מוירע, אַז מיט אײַער אַרײַנמישן זיך אַפּן פּעראָן האָט איר ניט צוגעלאָשן, נאָר פאַנאַנדערגעבלאָזן דאָס פּײַערל. אַלץ דאַרף זײַן מיט אַ מאָס. מע טאָר קיינמאָל ניט איבערציִען די פּרוזשינע... איר ווייסט, כ'וואָלט אַ באַלן געווען זײַן אַף דער פאַרטיידיקונג פון אײַער דיסערטאַציע, איך בין אַ קליינער פאַרשטייער אין דער לאַנדווירטשאַפט, ניט געקוקט דערוף, וואָס יעדעס יאָר שיקט מען מיך אַף אַ כוידעש, אַמאָל אַפילע אַף צוויי, אין די קאָלווירטן. ווען אָן ערעך דאַרפט איר זי פאַרטיידיקן?

— אין זייער אַ שווערן טאָג. דעם דרײַצנטן, דערצו נאָך מאָנטיק.

— איר גלייבט טאַקע אין אַזעלכע זאַכן? און וויפל דעם זייגער? אייגנטלעך מאַכט עס מיר ניט אויס. וואָרעם מאָנטיק אַרבעט איך ניט. זונטיק און מאָנטיק זײַנען בא מיר רו־טעג. כ'מיין, אַז ביזן דרײַצנטן וועלן מיר זיך נאָך מיט אײַך זען. איר וועט דאָך מיסטאַמע זײַן פאַר דער צײַט אין צענטער שטאָט. אונדזער זייגער־וואַרשטאַט איז אין רעכטן צענטער שטאָט, אַף סאַדאָווע, מאַמעש עטלעכע שפּאַן פון דער מעטראָסטאַנציע מאַיאַקאָווסקאַיאַ.

קענטיק, ס'איז אָנגעקומען נאָך אַ צוג, ווײַל ס'האָט ווידער אַ שפּאַר געטאָן אַ האַמוין מענטשן פון אַלע טירן און צעשיידט רוּוענען מיט זײַן מיטפאָרער אַנאַטאָלי אַלעקסייעוויטשן, וואָס האָט אַוועקגעאײַלט צום אַרויסגאַנג פונעם לאַנגן אומהיימלעכן טונעל.

ארן ווערגעליס

# פונעם ציקל „זיכרוינעס פון דער ווײַט"

## איך קאָן ניט זאָגן

דאָס וואָרט איז פריִער פון באשאף געווען...
נאָר אויב אזוי, האָט ווער דאָס וואָרט באשאפן?
צו וועמען איז געווען דאָס וואָרט געווענדט?
ווער האָט דאָס וואָרט געשניצט מיט צונג מיט שארפן?

געווען דאָס וואָרט איז פריִער פון געדאנק...
נאָר אויב אזוי, איז וואָרט — א פוסטער קלאַנג.

כ'שטיי אויף גאנצפרי און זאָג: גוטמאָרגן, וועלט.
די וועלט מיר פעלט, און ס'וואָרט מײַנס לויפט זי זוכן,
ווײַל זי פון פריִער שויך, פון נעכטן מיר געפעלט,
און כ'נעם זי אפן צאָן, ווי א געשמאקן קוכן.

בא יעדן הייבט זיך אָן פון אייגענעם געבורט
דער וועלט־באשאף — פון א געשריי אָן ווערטער.
דאָס לעבן איז א בוים, וואָס איז באשענקט מיט פרוכט:
מיט ווערטער, מיט געוויין און מיט געלעכטער.

ווען ס'פרעגט מיך די נאטור: דו זאָג מיר, מענטש, דו זאָג... —
געפין איך ניט קיין וואָרט. און פון פארדראָס איך קלאָג.

איך קאָן ניט זאָגן אײַך, וויאזוי דאָס איז געשען,
איך קאָן ניט זאָגן אײַך, וויאזוי דאָס איז פארלאָפן,
נאָר גלייבט ניט, אז דאָס וואָרט איז אויסער מיר געווען,
אז ס'איז צו מיר געקומען פון איין־סאָף.

איך שטעל אוועק דאָס וואָרט לעם דעם געדאנק,
און דאן — ווהין איך שטרעב, אהין כ'דערלאַנג.

## אן אייצע

כאווע, צום גאניידן קום
דורך א צוים און דורך א טרעפל,
מיטן שטעג, וואָס שמאָל און קרום,
ברענג אהין א זיסן עפל.

כאווע, הענג דעם עפל אוף
אף דעם שיינעם אייץ האכאים.
טו דאָרט אָדעמען א רוף,
זײַ זיך מיט דער וועלט מעכייַע!

ס'איז א וועלט פאר מאן און פרוי,
ס'איז א וועלט פאר שײַן און שאָטן,
ס'איז א וועלט פאר העל און גרוי,
ס'איז א וועלט פאר יעדן אָטעם.

כאָווע, פּאַסל דעם פאַרבאָט,
נעם אַראָפּ די שטראָף פאַר לעבן,
ס'זאָל צוריק ניט נעמען גאָט
דאָס, וואָס איז דעם מענטש געגעבן.

און אויב יאָ, איז טראָג אַרויס
אַ גערעכטע שטראָף פאַר יענע,
וואָס אַרייַנגעלייגט אין שויס
פון דער וועלט האָבן דעם געגנעם.

ס'איז אַ וועלט פאַר מאַן און פרוי,
ס'איז אַ וועלט פאַר שייַן און שאָטן,
ס'איז אַ וועלט פאַר העל און גרוי,
ס'איז אַ וועלט פאַר יעדן אָטעם.

## דייַן לעבן נאָכן טויט

דו גיי און גיי און שטעל זיך ניט אָפּ,
דו שטעל זיך ניט אָפּ און גיי און גיי —
אַראָפּ און אַרויף,
אַרויף און אַראָפּ,
דורך ווי און דורך פרייד, דורך פרייד און דורך ווי,
דו גיי צו דייַן גרונט און גיי צו דייַן צייַט,
דו גיי צו דייַן טרונק און גיי צו דייַן ברויט,
דו גיי און גיי צו דער נאָ'נט, צו דער ווייַט
און שפּאַן אַריבער דעם אייגענעם טויט.
און אויב וועסט דעם טויט אַריבער,
און גיין,
יאָ, ווייַטער גיין, נאָכן טויט, נאָך דעם סאָף, —
דייַן לעבן דעמלט וועט קיינמאָל פאַרגיין,
אַזוי ווי די וואָר קערט זיך אום נאָכן שלאָף.

## דער שלאַנג און די מענטשן־פרוי

דער פאַרפירער אין גאַניידן
איז געווען נאָך פאַר דער זינד.
וואָס איז זינד? בלינד זיך צעשיידן?
צי זיך עפּשער ליבן בלינד?

די פאַרבאָטענע באַגערן
האָט דער שלאַנג גערימט מיט רעכט —
וויִאַזוי איין לייַב צו ווערן
דורך דער טייַווע פון געשלעכט.

וויִאַזוי צו זען און גאַפן
און דערפילן וואָס עס פעלט.
אָט דער גלוסט — ער איז באַשאַפן
אין איין אָטעם מיט דער וועלט.

פריִער נאַקעטקייַט, דערנאָכדעם
אַלע צודעקעכצן, וואָס
ס'האָט אַראָפּגענומען אָדעם
פון דער זינד פאַר זיי אַ מאָס.

וואָס איז זינד? די פּראָסטע וואָר פון
יעדן וועזן. לייַב צו לייַב...
נאָכאָש האָט אַן אויג געוואָרפן
אויף דעם שיינעם מענטשן־ווייַב.

ס'איז געווען א גוטער וועטער,
זיס בא נאָכאַשן די שטים...
סארא גליק, וואָס כאווע שפּעטער
ניט פארשוואונגערט האָט פון אים,

ווײַל דאָס מאנצבלשע געזעמל,
וואָס די פרוי רופט שלאַנג פון לאַנג,
וואָלט נאָך צוגעגעבן דעמלט,
אז צוויי מאָל זי איז א שלאַנג.

## דער גוטער כאָלעם

איר ווייסט ניט, וואָס עס איז אזוינס א גוטער כאָלעם.
ער וועט ניט אופהערן ארומצושוועבן אָן א צוים,
אפילע אויב די זון וועט זיך ארויסגיסן אין כאָלעל,
אפילע אויב די ערד וועט זיך אראָפּשיטן אין רוים.

אפילע אויב ס'וועט גאָרניט זײַן! דער כאָלעם, ווידער,
ארום א שטויבל פון דער פרעמדוועלט שאפן וועט א קנויל,
אין וועלכן ס'וועט ארײַן, פונקט ווי א דיבוק, יענער ציטער,
וואָס ער דעם גוטן כאָלעם געבן וועט א מויל.

און ס'וועט צערעדן זיך דער גוטער כאָלעם הארציק
און וועט דערציילן וועגן דעם, וואָס וועט נאָך זײַן,
און ס'וועט פון אים ארויסגיין עפּעס פארטיקס,
און ס'וועט פון אים זיך אָנצינדן עפּעס א שײַן.

איר ווייסט ניט, וואָס עס איז אזוינס א גוטער כאָלעם.
ער וועט ניט אופהערן ארומצושוועבן אָן א צוים,
אפילע אויב די זון וועט זיך ארויסגיסן אין כאָלעל,
אפילע אויב די ערד וועט זיך אראָפּשיטן אין רוים.

# פונעם ציקל „רינג נאָך רינג"

## ווער האָט צעבראָכן דעם שפּיגל

א שפּיגל מ'האָט צעבראָכן!
די מענטשן האָבן שטיל
אַן אַלטן שפּרוך פארשפּראָכן
מיט מוירע און געפיל,

ווײַל אויב דאָס האָט געטראָפן
(ניט פון דער העלער הויט!),
מע ווייסט, אז גאָט וועט שטראָפן:
אין שטוב קלאַפּט אָן דער טויט.

און ניט געוווּסט האָט קיינער
און זאָגן ניט געקאָנט,
ווער איז ער, אָט דער איינער,
וואָס האָט דאָס אָפּגעטאָן.

פון שפּיגל כ'האָב א שטיקל
גענומען אין דער האנט
און אויסגעשריגן: שפּיגל,
דו פינקלסט מיט טאלאנט!

אָט נעמסטו אונדז באווײַזן
א לעבעדיק געשטאלט,
וואָס עכטקײַטן און גרײַזן
אין טאָך זײַנעם אנטהאלט.

ניין, ניט קיין פלאכן אָפּבילד
דו האָסט געגעבן אונדז,
ס'איז דער כאראקטער טאָפּלט
באוויזן אין דײַן קונסט.

איך ווייס דײַן מיין דעם קלענסטן,
ווען כ'קוק אין דיר אָן שפּאָט,
ווײַל כ'האָב דערקענט דעם מענטשן,
וואָס דיך צעבראָכן האָט.

## «Дым отечества»

שוין זייער לאַנג ביסט ניט געווען בא זיך,
ארומגעהאַוועט אַלץ איבער מעקוימעס.
אָנשטאָט צו זען פון אייוועלע די ליכט,
האָסט אין דער ווײַט געזוכט דעם רויך פון קוימען.

און אויסגעזען דײַן ווען האָט פארלאָזט,
פּונקט ווי אין טיפער אָסיען־צײַט א גאָרטן.
דײַן אויג האָט בא דער שויב געטאַפּט דאָס גלאָז
אָנשטאָט אליין ארויסקוקן פון דאָרטן.

דעם נאָמען פון דײַן היים האָסט אָנגערופן שלאַבעריק,
מיט ווײַטן רויך געעטעמט — א שמעק טאַבעק...

## די מאַמע דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי איר זון איז געפאלן אין שלאַכט

דער קאָפּ און די כושים באַגרײַפן ניט
אַזא אומגעלומפּערטן פאַל:
געטראָפן אין האַרץ האָט א גרײַפּעלע,
א קײַקעלע פון מעטאַל,

און אָט פון אזא מין געוויינלעכקײַט
וועט אופהערן לעבן מײַן זון,
און איך וועל דערלעבן שוין ווינענדיק
און אופהערן לעבן דערפון...

## פּונקט ווי דער בוים

עס ליגט מיר ניט די היץ אין זינען,
דאָס לײַב מיט היץ איז פול דאָסראָוו.
איך קאָן שוין גאָרנישט ניט געפינען,
פּונקט ווי דער בוים אין כוידעש אָוו.

אויך וועל איך פון דער קעלט ניט פרירן,
מײַן לײַב האָט קעלט אין זיך צו זאַט.
איך קאָן שוין גאָרנישט ניט פארלירן,
פּונקט ווי דער בוים אין כוידעש שוואַט.

## אַלע ווייסן עס

מע זאָגט, אַז זומער שטייט דער הימל.
עס קומט דער האַרבסט, די וועסנע קומט,
ווען ער צעוואַקסט זיך און צעבלימלט,
און אין זײַן הייכל קלינגט און ברומט —
דאַן גייט דער הימל, רינט און פלאַטערט
און ווערט פון דעם צו נאַכט פארמאַטערט.

וואָס הייסט — דער הימל שטייט, וואָס הייסט עס?
וואָס הייסט — ער פלאַטערט, רינט און גייט?
דאָס ווייסן בלויז די דיכטער, מיינסטנס,
און כוץ די דיכטער —
קינד־און־קייט...

# א וואָרענונג, וואָס איז גילטיק פאַר די פריִערדיקע
# און פאַר די איצטיקע יאָרן

עס וואַרטן שוין וועגענער, כאָטש ניטאָ נאָך קיין פּליטים דערוויַילע,
עס בלאָנדזשעט דאָס היימלאָזע פי, כאָטש אין שטאַלן סע שטייט נאָך אַצינד.
אוי! באַלד וועט א האַריקע האַנט צעטרייסלען די זיכערע זיַילן!
אוי, נעמט כאָטש אוועק דאָס קינד!

עפּשער מאַכן א סוב־וועלט פאַר קינדער ערגעץ אין טיפע היילן,
זיי זיַינען ניט שולדיק אין דעם, וואָס די עלטערע טוען אָפּ.
אוי! באַלד וועט ניט בליַיבן קיין נעפעש, וואָס זאָל וועגן אונדז דערציילן!
אוי, מענטשן, פאַרלירט ניט דעם קאָפּ!

עס וואַרטן שוין ברידער־קוואָרים, כאָטש סע זיצט דער סאָלדאַט אין קאַזאַרמע.
אין סאָנגמי, אין דייר־יאַסין פאַרורטיילט שוין אַלע עס זיַינען פונפריִ׳ר.
אוי! באַלד וועט א האַריקע האַנט פאַרלעשן די זון די וואַרעמע!
אוי, מענטשהײַט, דעם קאָפּ ניט פאַרליר!

איך נעם דיך ארום, ווי א ברודער, דו מענטש, כ׳וועל ניט לאָזן דיך פאַלן,
וועל קושן דיך אין די אויגן, מיט פויסטן דיך שלאָגן אין ברוסט
און טרייסטן דיך, וועקן און רופן: די וועלט טאָר ניט גיין פאַרפאַלן!
היי! איַינשטעלן זיך דו מוזט
פאַר זיך, און פאַר זיי, און פאַר אַלעמען!

## די סיבע פונעם געט

ערשט ניט לאַנג געווען איז אַלץ קעשורע:
ס׳האָט געלייגט דאָס וואָרט זיך אין דער שורע,
צווישן זיסע ווערטער — זאַלץ א ביסל,
בייזע בילן, נאָר עס קוקט דער היצל —
אין זיַין קליוטשקע בייזע ווערטער וויען...
טרעפט א ליד פון „וויינען״ און פון „אויען״,
נאָר ס׳באַקומט זיך אַנדערש אין סאַכאַקל:
דאָס געמיט, דער גאַנצער האַקל־פּאַקל
שייַנט מיט לעבן אין דער לעצטער שורע.
ערשט ניט לאַנג געווען איז אַלץ קעשורע...

מיטאַמאָל — פאַר פיַינט א גוטע בסורע:
דעם מעכאַבער פּאָלגט שוין ניט די שורע,
עס באַקומט זיך שורע־מורע, ברידער,
עפּעס פול מיט זויערקייַט די לידער,

לעם די בייזע הינט, די פלאַכע וויצן
פּוסט־און־פּאַסעוועט דער כאַוור היצל,
דער געוווי, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרדייען,
די געשרייען פון די „אויען״־„וויען״
גריַילצן, און ס׳באַקומט זיך אין סאַכאַקל:
דאָס געמיט, דער גאַנצער האַקל־פּאַקל
איז פאַרפינצטערט ביז דער לעצטער שורע —
פאַר די פיַינט איז עס א גוטע בסורע...

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

כ׳האָב זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף פון שפּעטן
און געזאָגט דעם וויַיב: איך גיי זיך געטן.
ניט מיט דיר, מיַין טיַיערע מעזוזע —
מיט דער דאַמע, וואָס מע רופט זי מוזע.

## דער אָנדענק פון א מענטשן

לאָמיר אָף א טאַוול דאָס פאַרקריצן,
צו די דוירעס שריַיען: זעט א קונץ!
עס איז דורכגעפלויגן אזוי בליציק
עפּעס ניט געוויינלעכס איבער אונדז.

מיט א דולן קאָפּ, מיט אויגן — שפּאַרבערס,
מיט א מאַך א מאָדנעם פון דער האַנט,
אין דער וואַנט א וואָרף געגעבן אַרבעס,
ווי מיר זאָגן — אַרבעס אין דער וואַנט...

עפּעס האָט ער יאָ געלאָזט אונדז הערן,
נאָר אַרויסגעזאָגט עס גלאַט אַזוי, —
האָבן מיר געוואָרפן שטיינער שווערע
און ווי וועלף געדראָעט מיט געוווי.

וואָס פאַר אַרבעס אין דער וואַנט? ס'אַ העפקער!
גיב אונדז אַרבעס בעסער צו דעם טיש!
און ער האָט אונדז ניט דערווידערט דאַפקע,
בלויז געקוקט אין פּאָנעם ווי צעמישט.

און גענומען וואַרפן אַרבעס ווידער
אין דער וואַנט, וואָס האַרט זי איז און טויב,
און דערנאָך, פאַראַקשנט און דערשיטערט,
ווי אַ שפּאַרבער, זיך געלאָזט נאָך רויב.

אין דער וואַנט, ווען ער איז שוין פאַרשוווּנדן,
האָבן מיר דערזען אַ דורכלויכט שוין,
און אַזאַ מין זאַך האָט אונדז געוווּנדערט,
און זײַן אָנדענק האָבן מיר געשוינט.

איצטער, לײַדער, צײַט מיר האָבן ווינציק
אָף צו איבערכאַזערן די קונץ.
עס איז דורכגעפלויגן אַזוי בליציק
עפּעס ניט געוויינלעכס איבער אונדז.

---

כראָניק

# טעאַטער און עסטראַדע

## לויט שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן“

דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל האָט באַוויזן די פּרעמיערע פון זײַן נײַער שטעלונג לויט שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן“ אונטערן אַפּישע־נאָמען „קאָמעדיאַנטן“ (סצענאַרי — מיכאיל ראָגאַטשעווסקי, רעזשי — יאַקאָוו גובענקאָ, מוזיק — וו. טערלעצקי). אינעם סצענאַרי זײַנען אײַנגעשלאָסן פּאָעטישע קאָמפּאָזיציעס פון אַרן ווערגעליס, וועלכע טראָגן אַרײַן אין דעם קלאַסישן שאָלעם־אַלייכעם ספּעקטאַקל אַ הײַנטצײַטיקע אינטערפּרעטאַציע. יעדע ליד איז רעזשיסעריש פאַרטראַכט ווי אַ סצענע, וואָס ווערט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער שטעלונג.

צום אָרט זײַנען אינעם ספּעקטאַקל די רוסישע אַרײַנפיר־טעקסטן (אין דער אויספילונג פונעם אַרטיסט עמאַנויִל גערשמאַן), וועלכע העלפן דעם צושויער, וואָס באַהערשט ניט די ייִדישע שפּראַך, זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דער האַנדלונג.

צווישן די צוואַנציק שוישפּילער, וואָס זײַנען פאַרנומען אין דער נײַער שטעלונג, טיילן זיך באַזונדערס אויס די אויספילער פון די ראָלן א. גאָרעליק (רייזל), א. פּרייטיעוו (לייבל), מ. קאָטליאַראָווע (לייע), וו. גוסיינאָוו (דער כאַזן)... (האָצמאַך), ב. סאָראָקע (שטשופּאַק)... סטעלמאַך (ראַפּאַלעסקאָ), גייכמאַן (מוראַווטשיק).

די פאָרשטעלונג „קאָמעדיאַנטן“ איז אַ נײַער, באַדײַטנדיקער דערפּאָלג פון דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו.

## גאַסטראָלן פון דער ביראָבידזשאַנער שאָו־גרופּע „פריילעכס“

די גאַסטראָלן פון דער ביראָבידזשאַנער שאָו־גרופּע „פריילעכס“ האָבן אַרויסגערופן אין טאַשקענט אַ שטאַרקן אינטערעס.

שוין גלײַך פון אָנהייב האָבן די ערשטע אַקאָרדן פונעם אָרקעסטער אַרויסגערופן סימפּאַטיע פון די צושויער.

אָף דער בינע זײַנען איינע נאָך דער אַנדערער אופגעקומען סצענעס, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דעם צושויער. אַ באַזונדערן דערפּאָלג האָבן געהאַט די סאָליסטן פונעם אַנסאַמבל איליאַ לערנער (קינסטלערישער אָנפירער) און ריטע פּראַדקינע.

ניט נאָר די ייִדישע צושויער, נאָר אויך רוסן, אוקראַיִנער, אוזבעקן און אַנדערע האָבן מיט גרויס אינטערעס אופגענומען די קאָנצערטן פון די ביראָבידזשאַנער עסטראַדע־אַרטיסטן.

פאַרבלײַבנדיק אַ טיף פאָלקישער לויטן גײַסט, טראָגט דער קאָלעקטיוו אַרײַן אַן אויסגעשפּראָכענעם עמאָציאָנעלן אימפּולס פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

קיין טאַשקענט איז „פריילעכס“ געקומען נאָך דערפאָלגרײַכע גאַסטראָלן אין בראַטסק, נאָוואָסיבירסק, אירקוטסק, קאָמסאָמאָלסק־אָפן־אַמור און אין אַנדערע שטעט.

## דער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער אין באַקו

אין מעשעך פון צען טעג האָט דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער גאַסטראָלירט אין דער הויפּטשטאָט פון אַזערבײַדזשאַן באַקו. די ספּעקטאַקלען זײַנען פאָרגעקומען אינעם קולטור־פּאַלאַץ אָף וו. אי. לענינס נאָמען, וועלכער נעמט אין זיך אַרײַן העכער 2000 צושויער.

אין יענע טעג האָט דער טעאַטער אָפּגעמערקט אַן אייגנאַרטיקן יובליי, באַווײַזנדיק צום הונדערטסטן מאָל די שטעלונגען „אַ שוואַרץ צײַמל פאַר אַ ווײַס פערדל“ און „לאָמיר אַלע אינאיינעם“.

אַלע ספּעקטאַקלען זײַנען דורכגעגאַנגען באַ איבערפולטע זאַלן.

## ליטעראַטור־קריטיק
## ביבליאָגראַפֿיע
## פֿראַגן פֿון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן

# געטע און די ייִדישע קולטור

(צום 150־טן יאָרצייַט פֿונעם גרויסן דייַטשישן דיכטער)

יאָהאַן וואָלפֿגאַנג געטען רעכנט מען געוויינלעך צו צו די גדוילים פֿון דער וועלט־קולטור, מע שטעלט אים אין איין ריי מיט האָמערן, דאַנטען, שעקספּירן, טאָלסטאָיען. דער רוסישער דיכטער באָראַטינסקי האָט אין זייַן ליד „אויף געטעס טויט“ געשריבן וועגן אים: „גאָרנישט האָט ער ניט געלאָזט אונטער דער לעבעדיקער זון אָן א גרוס, אַף אַלץ זיך אָפּגערופֿן מיטן הארצן... מיט א באַפֿליגלטן געדאַנק איז ער ארומגעפֿלויגן איבער דער גאַנצער וועלט“... ס'איז, דאַכט זיך, בעעמעס אזוי.

פֿאַרשטייט זיך, מע טאָר אזא כאַראַקטעריסטיק ניט אַבסאָליוטיזירן. געטעס שאַפֿונג און זייַן וועלט־אָנשויונג האָבן געהאַט ניט ווייניק ווידערשפּרוכן. קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס האָבן אָפּט אָנגעוויזן, אַז געטע, פּונקט ווי העגעל, איז געווען אַן עמעסער זעווס־אָלימפּיקער, אָבער „ניט דער און ניט יענער האָבן ניט געקענט פֿולקאָם פּאָטער ווערן פֿון דעם גייַסט פֿונעם דייַטשישן פֿיליסטערטום“. דאָ גלייַך דאַרף מען זאָגן, אַז די פֿיליסטערישע זייַט פֿון געטעס וועלט־אָנשויונג האָט זיך טיילווייַז (עמעס, זעלטן) ארויסבאַוויזן אויך אין דער באַציִונג צו די ייִדן. געטע האָט פֿלייַסיק שטודירט דיי ייִדישע קולטור, צומאָל פֿאַרטיידיקט אייניקע ייִדן, ווען מע האָט פֿאַרפֿאָלגט, אָבער ווען אין 1823 האָט דער הערצאָג דערלויבט כאַסענעס פֿון די דייַטשן מיט די ייִדן, איז ער ניט געווען אייַנשטימיק מיט דעם דאָזיקן באַשלוס. נאָך אין עטלעכע פֿאַלן האָט ער ניט אונטערגעהאַלטן די אָדער יענע פּראָגרעסיווע פֿאָדערונגען, אָבער אין אַלגעמיין גענומען פֿלעגט ער טאָמיד פֿאַרטיידיקן טאָלעראַנץ בענעגייע פֿאַרשיידענע עמונעס, בעסויכעם אויך בענעגייע דער ייִדישער.

די סיבעס פֿון דער דאָזיקער ווידערשפּרעכלעכקייַט דאַרף מען זוכן אין דער פּאָליטישער און סאָציִאַל־עקאָנאָמישער לאַגע פֿון דייַטשלאַנד, וואָס איז אין געטעס צייַט — אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם XVIII און אין אָנהייב פֿון XIX יה.„ — געווען דאָס סאַמע אָפּגעשטאַנענע לאַנד אין אייראָפּע. פֿונדעסטוועגן דאַרף מען צוגעבן, אַז געטע איז קיינמאָל ניט געווען נאַציִאָנאַליסטיש באַגרענעצט, ניט געזונגען קיין לויב־געזאַנגען די פּילצאָליקע דייַטשישע הערשער. צו אים אַליין קאָן מען אָנווענדן זייַן פֿאַרגלייַך פֿון

א דיכטער מיט אָן אָדלער, וועלכער קוקט מיט א פרײַען בליק פון דער הייך אף דער ערד און וועמען ס'איז אלציינס, וווּ צו כאפן דעם האָז — אין פרײַסן אָדער אין זאקסן.

נאָך אין דער קינדהײַט האָט געטע געלערנט און בעהאדראָגעדיק פרײַ באהערשט פארשיידענע שפראכן — פראנצויזיש, ענגליש, איטאליעניש און אויך די אוראלטע לעשוינעס — לאטײַן און העברעיִש. דערנאָך, אין דער יוגנט, איז ער געוואָרן א פלײַסיקער אָנהענגער פון דער לערע וועגן איינהײַט פונעם אלוועלטלעכן היסטאָרישן און קולטורעלן פראָצעס, וועלכע ס'האָט ארויסגערוקט דער בארימטער דײַטשישער פילאָסאָף און ליטעראטור־פאָרשער יאָהאן גאָטפריד הערדער. דער יונגער געטע האָט גענומען אָן אָנטייל אינעם זאמלבוך „שטימען פון די פעלקער אין לידער“, וואָס הערדער האָט ארויסגעלאָזט. שפעטער האָט געטע געשריבן וועגן דעם: „די העברעיִשע דיכטונג־קונסט, וועלכע איז אזוי גײַסטרײַך באהאנדלט געוואָרן מיצאד הערדערן, די פאָלקס־פאָעזיע, די אלטערטימלעכע דענקמעלער פון מינדלעכער שאפונג — דאָס אלץ איז אָן אידעס, אז די פאָעזיע איז א גאָב, וואָס עס באקומט די גאנצע וועלט און אלע פעלקער, און ניט א פערזענלעך יערושע־אייגנטום פון באזונדערע פײַנע און געבילדעטע מענטשן“.

זײַענדיק באגײַסטערט פון די קולטור־אשירעס פון פארשיידענע פעלקער, שעפט געטע פון זיי אזעלכע מאָטיוון און געשטאלטן, וועלכע זײַנען אים נאָענט. ער פארטראכט ווערק אוןווארפט גלײַך אָן פראגמענטן פון זיי וועגן א ריי באוווּסטע העלדן פון די פעלקער: פראָמעטיי, סאָקראט, יויסעף, מאהאָמעט, צעזאר אא. אין די דאָזיקע ווערק האָט געדארפט זיך אנטפלעקן „די אלוועלטלעכע דיכטונג“. ער איז געווען פולקאָם מאסקים מיט הערדערן, וועלכער פלעגט פרײדיקן, אז בלויז דער וועט קענען „פארשטיין די שטימען פון פעלקער, וועלכער וועט ווערן א ייִד, ווען ער שרײַבט וועגן די ייִדן, אן אראב, ווען ער שרײַבט וועגן די אראבער, א בארד, ווען ער שרײַבט וועגן די שאָטלענדער. בלויז אזוי וועט ער קענען פונעם שטאנדפונקט פון זײַן צײַט פארשטיין אי מוישען, אי איִעוון, אי אָסיִאנען. אין דער ליד „די וועלט־ליטעראטור“ האָט געטע פאָעטיש ארויסגעזאָגט זײַן געדאנק וועגן דעם, אז אלע פעלקער האָבן די זעלבע רעכט זיך פרייען מיט זייער גלײַכבארעכטיקטן צוגאָב אונטערן אלגעמיינעם הימל פון דער קונסט.

דאָס דאָזיקע ווערק האָט געטע ניט צופעליק אָנגעהויבן מיט א שורע וועגן דאָווידס געזאנגען („ווי קיניגלעך מיט דער ארפע דאָוויד זינגט, אזוי באם טראָן אויך די ליד פונעם ווײַנציכטלער קלינגט...“). די ייִדישע קונסט האָט ער געהאלטן פאר איינער פון די סאמע עלטסטע און זיך מיט איר שטארק אינטערעסירט. דער אינטערעס איז בא אים סטימולירט געווען אויך אדאנק דעם, וואָס ער פלעגט זיך פון קינדהײַט אָן באגעגענען מיט ייִדן און, זײַענדיק א מענטש א נײַגעריקער, האָט ער געשטרעבט זיך באקענען מיטן כאראקטער פונעם פאָלק ביכלל.

געטע איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן אין פראנקפורט־אף־מײַן, וווּ די ייִדן האָבן זיך באזעצט נאָך אין מיטלאלטער. אין זײַן קינסטלערישער לעבנס־באשרײַבונג „דיכטונג און וואָרהאפט“ דערמאָנט ער זיך, ווי נאָך אין דער קינדהײַט האָט זײַן אופמערקזאמקײַט צוגעצויגן דער שארבן פון א מעלוכע־פארברעכער, וואָס איז געהאנגען אף איינעם פון די שטאָט־טורעמס. אים האָט מען דערציילט, אז בעערעך מיט אָנדערהאלבן הונדערט יאָר צוריק האָט אין פראנקפורט אויסגעבראָכן אָן אופשטאנד, די אופשטענדלער האָבן פארגאָסן א סאך בלוט און געמאכט א טייל אויך פון „דער יודענשטאדט“. ווײַטער באשרײַבט ער עס: זי איז באשטאנען פון איין־און־איינציקער גאס (מע פלעגט זי געוויינלעך רופן „די יודענגאסע“, וועלכע איז געווען ארײַנגערוקט, ווי אין א שטײַג, צווישן דעם שטאָט־מויער און דעם טאָל און פארנומען א קליינינקן שטעטל. דאָס איז געווען א געטאָ, אָפגעזונדערט פון דער ארומיקער וועלט. א ייִנגעלע נאָך, פלעגט געטע צומאָל ארײַנכאפן זיך אהער, אין דאָזיקן סוידעספולן געסל, וואָס איז געווען זייער ענג, קויטיק און געמאכט אף אים א שווערן אײַנדרוק. באם ארײַנגאנג אין געסל פלעגן אים טייקעף ארומרינגלען קאָלערליי הענדלער און פאָרלייגן פארשיידענע מײַסעלעך וועגן דער גרויזאמקײַט פון די ייִדן בענעגייע קריסטלעכע קינדער, און האגאם, — גיט ער צו, — אין די נײַע צײַטן האָט זיך צום בעסערן געענדערט די מיינונג וועגן די ייִדן, אָבער אף א וואנט פונעם פראנקפורטער בריקן־טורעם איז נאָך געהאנגען א בילד, וווּ זיי ווערן אויסגעשפאָט“.

אין זײַן הארץ, — מערקט געטע אָפ, — האָט זיך געקלאפט אויך אָן אנדער געפיל, א געפיל פון צוטרוי צו דעם פאָלק, וואָס איז אָן און פאר זיך געווען א לעבעדיקער אָנדענק פון אוראלטע צײַטן. דער קינפטיקער שרײַבער האָט דערפילט אָפשײַ צו די ענערגישע מענטשן, וועלכע האָבן מיט גרויס אקשאָנעס דורעסלאנג פארהיט זייערע מידעס, זייער קולטור. דער שטענדיק ליבעפולער באָכער פלעגט זיך פארקוקן אף ייִדישע מיידלעך, ארײַנגיין אין די כאדאָרים, בײַגעווען בא כאסענעס אָדער בריסן, באאָבאכטעט, ווי מ'האָט געפײַערט יאָמטויווים. אדאנק דעם פארקער מיט די אײַנוווינער פון דער יודענגאסע האָט געטע באקאנט זיך מיט דער ייִדישער שפראך. וועגן דעם זאָגט אידעס דער פארטראכט צו אָנשרײַבן א זיבנשפראכיקן ראָמאן: זיבן שוועסטער זאָלן איינע דער אנדערער שיקן בריוו אף פארשיידענע שפראכן, און די ייִנגסטע האָט געדארפט שרײַבן אין ייִדיש. דער פארטראכט איז ניט פארווירקלעכט געוואָרן, ווי אנדערע שפעטערישע פלענער פון דער יוגנט־צײַט.

פון איינעם א ווערק, וואָס איז פארבונדן מיט א לעגענדאר געשטאלט פון א ייִדן זײַנען פארבליבן אויסצוגן. ס'איז א פאָעמע אונטערן נאָמען „דער אייביקער ייִד“. די סיפער־האמײַסע האָט געטע אליין שפעטער איבערדערציילט. דער

סוזשעט שטאַמט פון א פאָלקס־בוך, וואָס ער האָט געלייענט אין דער קינדהייַט און פאַרטראַכט צו געבן אַן אָריגינעלן טייַטש דער פאַרשפּרייטער מיטלאַלטערלעכער לעגענדע. אין יערושאָלאַיִם האָט געלעבט א שוסטער, וועמען מע האָט געגעבן א נאָמען אהאַספער. ארבעטנדיק אין גאַס, פלעגט ער ליב האָבן פאַרפירן רייד מיט די פאַרבייַגייער. יעזוס קריסטוס מיט זייַנע שילער פלעגן זיך אויך אָפּט אָפּשטעלן לעבן אים. און דער שוסטער האָט ליב באַקומען קריסטוסן און, ניט פאַרשטייענדיק זייַן לערע, ארויסגעזאָגט אים זייַן באַנעם פונעם לעבן, געראָטן אופהערן צו בלאָנדזשען איבער דער וועלט מיט קאָלערליי ליידיקגייערס — צו קיין גוטן וועט עס ניט ברענגען. יעזוס קריסטוס, פון זייַן זייַט, פלעגט אים דערציילן וועגן זייַנע אָנשויונגען, אָבער דער אַקשן האָט זיי ניט געוואָלט אופנעמען. ווען קריסטוס איז געוואָרן באַרימט, איז דער גוטהאַרציקער שוסטער אַלץ אָפּטער צוגעשטאַנען צו אים: אויב ס'וועט אזוי גיין ווייַטער, וועלן זיך אָנהייבן אומרוען, און וועלכע מע וועט באַשולדיקן אים, קריסטוסן. ענדלעך האָט מען קריסטוסן טאַקע פאַרכאַפּט, פאַרורטיילט, און אהאַספער איז געוואָרן אויסער־זיך — צו זייַנע וואָרענונגען האָט זיך יענער ניט צוגעהערט. ווען מע האָט קריסטוסן געפירט פאַרבייַ אהאַספערס וואַרשטאַט, האָט זיך צעשפּילט די באַוווּסטע סצענע: אונטער דער שווערקייַט פונעם ציילעם פאַלט יעזוס אום, דער האַמוין באַשולדיקט אים, און ער שווייַגט פון אָנהייב, קוקט בלויז מיט אַן אויסערגעוויינלעכן בליק. פלוצלינג האָט אהאַספער דערזען אין אים גאָר אַן אַנדער געשטאַלט — ניט קיין לייַדנדיקס, ניט קיין מאַרטירערישס, און דערהערט די צו אים געווענדטע ווערטער: „דו וועסט וואַנדערן איבער דער ערד, ביזוואַנען וועסט מיך נאָכאַמאָל דערזען אין דעם דאָזיקן אָנבליק". ווען אהאַספער איז געקומען צו־זיך, האָט ער דערזען, אז די יערושאָלאַיִמער גאַסן זייַנען געבליבן פּוסט, אַלע זייַנען אוועק צום געריכט־פּלאַץ, און ער האָט זיך געלאָזט וואַנדערן.

אזוי האָט געטע אָף דער עלטער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דער פּאָעמע „דער אייביקער ייִד", אָבער די אויסצוגן, וועלכע זייַנען געבליבן אין קסאַוויאַדן (פאַרעפנטלעכט נאָכן טויט פונעם שריפטשטעלער), שפּיגלען ניט אינגאַנצן אָפ דעם דערציילטן אינהאַלט. אין זיי זייַנען פאַרהיט בלויז אייניקע פּראָטים, און זיי זייַנען איבערהויפּט געווידמעט די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך געטראָפן נאָך דעם, ווי אהאַספער האָט אָנגעהויבן וואַנדערן. סאַטיריש — אינעם גייַסט פון דער אופקלערערישער ליטעראַטור — זייַנען געשילדערט די רעליגיעזע זיטן פון יענער צייַט. אין די פלענער פון דער פּאָעמע איז אויך געווען א האַשאָרע — צום סאָף שילדערן, וויִאזוי דער אייביקער ייִד באַגעגנט זיך מיט באָרעך שפּינאָזען.

דער גאַנצער פלאַן איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, עטלעכע מאָל — שוין נאָך די יוגנט־יאָרן — האָט זיך געטע גענומען צו אָט דעם ווערק און ניט געקאָנט פאָרזעצן. נאָך מער, די אָנגעשריבענע פראַגמענטן זייַנען ווייניק ענלעך אָף דעם, אין וואָס געטע האָט דערנאָך זיך דערמאָנט. אין די זיכרוינעס איז אהאַספער א מענטש מיט סייכל־האַיאָשער, א ראַציאָנאַליסט מיט סאָקראַטישע מידעס, מיט א הומאָריסטישן כאַראַקטער, וועלכער דערמאָנט דעם באַרימטן דייַטשישן דיכטער האַנס זאַקס (אויך א שוסטער לויטן פאַך). ס'איז א קריטיש געשילדערט געשטאַלט פון א סעקטאַנט, א מיסטיקער.

מע קאָן זיך מעשאַער זייַן, אז דער גאַנצער פאַרטראַכט איז אַנטשטאַנען פון דעם, וואָס געטע האָט באַאָבאַכטעט דעם טרויעריקן גוירל פון די ייִדן אין זייַן היימשטאָט, און, שאַפנדיק די פּאָעמע, איז ער אָפּגעטראָטן פונעם פריִער צונויפגעשטעלטן פלאַן, שילדערנדיק דאָס, וואָס אים האָט באַאומרויִקט.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דעם אַרטיקל, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין אָט די יאָרן אין א פראַנקפורטער צייַטשריפט, — „די לידער פון א פוילישן ייִדן". ס'איז א רעצענזיע אָף א בוך לידער פון א ייִדישן דיכטער, וועלכער שטאַמט פון פוילן, איזאַשאַר פאַלקענזאָנבער. זיי זייַנען געשריבן אין דייַטש און ארויסגעגעבן אין לייַפּציג אין 1772. דער יונגער געטע — ער האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דער צייַטשריפט („די פראַנקפורטער געלערנטע אַנצייַגען"), וועלכע איז אַדאַנק דעם געוואָרן אַן אָרגאַן פון דער ליטעראַרישער באַוועגונג, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „שטורעם און דראַנג", — הייבט אָן זייַן אַרטיקל מיט אַזעלכע ווערטער: „פון אָנהייב אָן קאָנען מיר פאַרזיכערן, אז דער טיטל פונעם בוך האָט געמאַכט אָף אונדז זייער א גוטן אייַנדרוק. דאָ טרעט ארויס, טראַכטן מיר, א פלאַמעדיקער גייַסט, א פילבאַר האַרץ, א מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער א פרעמדן רויען הימל און איז איצט געקומען צו אונדז". מיט גרויס נייַגער האָט געטע גענומען לייענען דעם בוך, פרעגנדיק בא זיך, „וואָס איז עס פאַר א דיכטער, וועלכע געפילן האָבן זיך בא אים אופגעוועקט, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט א נייַער וועלט". אָבער די לידער האָבן אים אַנטוישט, און ער גיט דעם בוך א נעגאַטיווע אָפּשאַצונג: „שוין אין דעם פאַרלענגערטן פאָרוואָרט פילט זיך א זעלבסטבאַפרידיקונג. מע וואָלט געקענט לויבן דעם פוילישן ייִדן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם מיסכער, אויסגעלערנט דייַטש און זיך געווידמעט די מוזעס... אָבער באַקומען האָבן זיך בלויז שילערישע איבונגען... פון די לידער זעט מען אַן אָנגעפּודערטן יונגן מענטשן, וועלכער האָט זיך פאַרינטערעסירט מיט קונסט און איז געקומען צום אויספיר, אז ס'איז מילד און לייַכט אָנפּייַפן פאַרשיידענע ניגונים".

אין געטעס שאַפונג פון די יוגנט־יאָרן איז פאַראַן נאָך א ווערק, וואָס האָט א שייַכעס צו דער ייִדישער טעמאַטיק. ס'איז די באַוווּסטע קאָמעדיע „דער יאָמטעוו אין פלונדערסווייַלערן" א פאַרס, אָנגעשריבן אין נוסעך פונעם זייער פּאָפּולערן אין יענער צייַט פאָלקישן ליאַלקע־

טעאטער, און עס איז פארבונדן, מיין איך, מיט די יידישע פורים־שפילן. אין טאך גענומען איז עס א ליטערארישע פאראדיע, אין וועלכער געטע לאכט אויס זיינע ליטערארישע קעגנער. געטע האט גלענצנד אויסגענוצט דעם יאריד אלס א פאן, ווו עס קומט פאר די האנדלונג. די ארויסטרעטונג פון א וואנדער־טרופע פלעכט זיך איבער מיט דעם, וואס עס קומט פאר אפן יאריד. ס'איז אן עמעסער פריילעכער יאמטעוו, ווו אלץ ווערט פארקויפט און אלע נארן אפ איינער דעם אנדערן. דער יאריד קומט פאר אין פלונדערסווייילערן — דאס ווארט איז געשאפן געווארן פון געטען לויט די פארשפרייטע נעמען פון די פירשטלעכע רעזידענציעס. פלונדער באטייט אין דייטש אלטווארג, שמאטעס, אזוי קלינגט שוין דער טיטל גופא סאטיריש.

ווי ס'איז געוויינלעך אנגענומען אין אזא מין פארשטעלונג, הייבט זי זיך אן מיט א פראלאג. עס טרעטן ארויס צוויי ארטיסטן (א שארלאטאן און א דאקטער). און באלד עפנט זיך א צווייטער פארהאנג, און מע זעט דעם גאנצן יאריד, עס שפילט מוזיק, אלץ קומט אין באוועגונג, די הענדלער, פויערים, באלמעלאכעס, ציגיינער, קליין און גרויס, לויפן ארום און רופן, קויפן. די זינגער זינגען לידער (אגעוו, א יינגעלע זינגט א לידל, וויאזוי ער וואנדערט איבער דער וועלט מיט זיין מייסעלע, די ליד איז שפעטער בארימט געווארן אדאנק דער מעלאדיע, וואס עס האט געשאפן בעטהאווען). א גאנצער טאראראם. דערווייל שטעלט מען אף דער בינע אוועק א טראן און אינדערווייטנס — א טליע. עס באווייזן זיך האמען און דער קעניג אכאשווירעש. אזוי פירט געטע אריין אין דער פיעסע נאך א פיעסע, אן אינטערמעדיע — די פארשטעלונג פון דער באוווסטער ביבלישער געשיכטע וועגן עסטערן, וואס האט געראטעוועט דאס יידישע פאלק.

די דאזיקע געשיכטע איז געווען זייער פאפולער אין מעשעך פון יארהונדערטער, און ניט איין מאל האט מען זי דראמאטיזירט. דאס סאמע בארימטע ווערק אף דעם סוזשעט איז געווען די טראגעדיע פונעם גרויסן פראנצויזישן דראמאטורג פונעם XVII יה. זשאן ראסין. דער יונגער געטע איז געווען אן אנטשיידענער קעגנער פונעם קלאסיציסטישן קינסטלערישן מעטאד, און אין דער קאמעדיע, וועגן וועלכער מיר ריידן איצט, פאראדירט ער אים.

די ביבלישע פערסאנאזשן באקומען אן אפענעם קאמישן כאראקטער. האמען באהאלט ניט אויס זיינע קאוואנעס, ער וויל אויסראטן דעם גאנצן ייסראעילישן שטאם. דער בייסהאמיקדעש איז צעשטערט, די יידישע מעלוכע עקזיסטירט מער ניט, אבער די יידן זיינען געבליבן דא אין באוול, און מע דארף זיי פארניכטן. האמען ווייסט, אז אכאשווירעש באציט זיך צו זיי גוט, גיבנדיק זיי א מעגלעכקייט פריי צו לעבן אין זיין לאנד. ער הייבט אן ווירקן אפן קיניג, ער זאל איבערבייטן זיין מיינונג וועגן די יידן, שרייבט רעכילעס קעגן זיי — קלוימערשט, זיי ווילן אראפווארפן אכאשווירעשן פונעם טראן, קעדיי צו פארכאפן די גאנצע מאכט אינעם לאנד. אכאשווירעש איז מאלע קאס און דערלויבט האמענען צערעכענען זיך מיט די יידן, אופהענגען מארדכען און ניט דערלאזן צו אים עסטערן. אזוי פארענדיקט זיך דער ערשטער אקט, און אף דער בינע באווייזן זיך ווייטער דער לעץ, דער שארלאטאן און אנדערע פערסאנאזשן פונעם יאריד, וועלכע באהאנדלען די באוויזענע פארשטעלונג. אייניקע זיינען אופגעבראכט פון האמענס אופירונג, אנדערע אבער זאגן, אז ס'איז ניטא וואס צו מוירע האבן — האמענען וועט מען סאפקאלסאף אופהענגען. דערנאך גייען ווידער ארויס אף דער בינע עסטער און מארדכע, זיי זיינען אויך קאמיש געשילדערט. מארדכע האט וועגן אלץ זיך דערוווסט און איז אויסער־זיך, עסטער ווייסט ניט, וויאזוי אים העלפן, זי זאגט צו, אז זי וועט אים מיט גרויס קאוועד צו קווורע ברענגען. דערווייל איז זי מעווולוול, וויינט, און מארדכע באשליסט, אז ער מוז האנדלען אנטשיידענער.

דעם סאף פון דער געשיכטע האט געטע ניט געהאלטן פאר נייטיק צו באווייזן — ער איז אלעמען אזוי אויך באוווסט. די קאמעדיע פארענדיקט זיך מיט נאך איין סצענע פונעם ליארעמדיקן יאריד. עסטערס געשיכטע האט אינטערעסירט געטען ניט אן און פאר זיך, זי איז בא אים געווארן א מיטל צו אויסלאכן דעם פאטעטיש־באצירטן קלאסיציסטישן סטיל. אבער ס'איז גאנץ באצייטנס זיין ווענדונג צו א סוזשעט, וואס האט צו טאן מיט יידישער טעמאטיק און מיטן ביבלישן מאטעריאל ביכלאל.

געטע האט שפעטער גענוי דערציילט, וויאזוי ער האט ליב באקומען דעם טאנאך און וואס פאר א טיפן איינדרוק דער טאנאך האט אף אים געמאכט. פון קינדווייז אן פלעגט אים די מוטער לייענען אויסצוגן פון דער ביבל. די געשיכטע פון מוישען און אנדערע געשעענישן פונעם כומעש זיינען אים אזוי געפעלן געווארן, אז ער האט זיי געוואלט איבערלייענען אין אריגינאל. טייקעף האט ער זיך גענומען פארן יידישן אלעפבייס, אים אויסגעלערנט און שוין געקענט לייענען דעם אזויגערופענעם „יידיש־טייטש“. ווילנדיק זיך אויסלערנען אויך שרייבן אף יידיש, האט ער דערפילט, אז עס פעלט אים העברעיש, אן וועלכן מע קאן ניט דערגיין צום היינטצייטיקן „זייער פארדארבענעם יידיש“. אבער זיין הויפט־ציל איז געווען זעלבשטענדיק לייענען דעם טאנאך. דער פאטער האט באגריסט דעם באגער פונעם זון און איינגעלאדן צו אים א גוטן קענער פון אלטערטימלעכע שפראכן — דעם רעקטאר פון דער פראנקפורטער גימנאזיע. עמעס, דער סכאלאסטיש־פעדאנטישער מעטאד פונעם לערנען האט דעם שילער ניט אין אלץ באפרידיקט, שווער איז אים אנגעקומען דאס באהערשן די אייגנשאפטן פון דער אומגעוויינלעכער שפראך — העברעיש, דאס לייענען דעם טעקסט אן וואקאלע בוכשטאבן, אבער בעהאדראגעדיק איז ער געווארן פארכאפט מיט דעם אינהאלט פונעם טאנאך,

וועלכער איז אזוי לעבהאפט און קינסטלעריש פאנאנדערגעוויקלט.

דער טאנאך האָט זיך געטען פאָרגעשטעלט ווי א קאָדעקס פון דינים, ווי א הערָאִישער עפאָס, ווי א הימן, ווי א צארטע ליבע־ליד, מיט איין וואָרט — אלע סטרונעס פון זייַן נעשאָמע זייַנען באַרירט געוואָרן. באזונדערס האָט ער ליב באקומען דעם נאַיוון און גלייַכצייַטיק גרויסארטיקן קאָלאָריט פון די ערשטע ביכער פונעם כומעש, ער האָט אין זיי דערזען א מין אידעאל פון דעם פאָשעטן, נאטירלעכן לעבן פון פאסטעכער און ערדארבעטער. אזא אופנעם פונעם טאנאך איז געוואָרן א גינסטיקער באָדן פאר דעם דיכטערס סענטימענטאלער וועלטאָנשויונג, אין וועלכער א גרויס אָרט האָט פארנומען דער אידעאל פונעם פאָשעטן לעבן אין שויס פון דער נאטור. באגייַסטערט האָט געטע שפעטער אופגענומען הערדערס טעזיס וועגן דער ביבל אלס א פאָעטיש ווערק, וואָס דארף אוועקגעשטעלט ווערן אין איין ריי מיט האָמערס פאָעמעס.

אָבער שוין פאר דעם יונגן געטע איז געווען כאראקטעריסטיש דער שטרענגער אנאליז. ער איז דאָך געווען א זון פונעם XVIII יאָרהונדערט, וועלכער איז אָנגערופן יאָרהונדערט פון פארנונפט, פון סייכל. די ביבלישע געשיכטעס האָבן בא אים ארויסגערופן ניט ווייניק ספייקעס. „ווי מענטשלעך, שיין און העל עס האָט ניט דערשייַנט די רעליגיע פון די אָוועס, — שרייַבט ער אין זייַנע זיכרוינעס, — זייַנען איר געווען אייגנטימלעך שטריכן פון ווילדקייַט און גרויזאמקייַט. פון די דאָזיקע אייגנשאפטן — גיט ער ווייַטער צו, — קען דער מענטש זיך באפרייַען, און ער קען אין זיי פארזינקען“. און נאָך א שרעקלעכן צייכן האָט ער באמערקט אין יענער „הערלעכער וועלט“ — אינעם פרידלעכן לעבן פלעגט מען אריבערטראָגן די מינהאָגים פון מילכאָמע, פון קריגערייַען, און אלס קאָרבאָנעס פאלן דאָרט אפילע אייגענע קינדער און פרויען. זיי פאלן א קאָרבן פון דעם בלוטיקן וואנזין.

נאָך מער, דאָס זאָרגזאמע שטודירן פונעם טאנאך האָט בא אים פארפעסטיקט זייַנע פריִערדיקע ספייקעס וועגן דעם געטלעכן אָפשטאם פון דער גאנצער ביבל. אָבער אזעלכע געדאנקען און ספייקעס האָבן ניט געקענט פארמינערן זייַן באוואונדערונג פון איר פאָעטישן, עפישן און זיטלעכן אינהאלט. אין די זיכרוינעס קומט געטע צו אזא אויספיר: „ווען מייַן קויעך־האדימיען האָט מיך געוואָרפן אָט אין איין זייַט, אָט אין אן אנדער זייַט, ווען דער געמיש פון מעשאָלים און געשיכטעס, פון מיטאָלאָגיע און רעליגיע האָט שטארק געדראָעט מיך צו פארפלאָנטערן, פלעג איך גערן זיך אוועקטראָגן אין די מיזרעכדיקע לענדער, ארייַנטאָן זיך אין מוישעס ביכער און זיך דאָרט געפינען אין פולער אייַנזאמקייַט און גלייַכצייַטיק אין דער געזעלשאפט פון פארשיידענע פאסטעך־שוואָטים“.

אין מעשעך פון זייַן גאנץ לעבן פלעגט געטע זיך ווענדן צו דעם דאָזיקן אומויסשעפלעכן קוואל. אין זייַנע ווערק באגעגענען מיר גאנץ אָפט פסוקים פון דער ביבל אָדער אָפקלאנגען פון איר. אין דער יוגנט האָבן אים אייניקע געשיכטעס אזוי באצויבערט, אז ער האָט זיך גענומען אפסנייַ צו אינטערפרעטירן זיי. א באזונדערס גרויסע ווירקונג האָט אף אים געהאט דאָס געשטאלט פון יויסעפן און זייַן גאנצע געשיכטע. אין פערצניאָריקן עלטער האָט דער קומענדיקער געניִאלער דיכטער פארטראכט א פאָעמע וועגן יויסעפן, זי אָנגעהויבן צו שרייַבן, אָבער ניט געפונען דעם אנטשפרעכיקן דיכטערישן אויסדרוק און סאָפקאָלסאָף באשלאָסן זי אָנשרייַבן אין פראָזע. שפעטער האָט ער זיך דערמאָנט, וויִאזוי ער האָט אָנגעמערקט די פארשיידענע כאראקטערן, געוואָלט יעדערן גענוי אויסמאָלן, געשטרעבט ארייַנפירן אין סוזשעט קאָלערליי צוזאמענשטויסן, קעדיי „פארוואנדלען די אלטע פאָשעטע געשיכטע אין א נייַ ווערק“.

אָט וויִאזוי ער האָט שפעטער אין זייַן לעבנס־באשרייַבונג כאראקטעריזירט זייַן יוגנטלעכן באנעם פון יויסעפס געשטאלט: „ס'איז געווען א קינד פון לייַדנשאפטלעכער ליבע. ער האָט שוין פרי, ווי א נאָווי, דערזען די פאָרצוגן, וועלכע וועלן אים דערהייבן איבער זייַן מישפאָכע. ארייַנגעוואָרפן דורך די ברידער אין אזא אומגליק, האָט ער געפונען אין זיך מוט צו קעגנשטעלן זיך די פארשיידענע סאקאָנעס, זיך ראטעווען און אדאנק זייַנע גייַסטיקע פייִקייַטן פארדינען א גרויסן קאָוועד. פון אָנפאנג העלפט ער דעם גרויסן קיניגרייַך און דערנאָך — אויך זייַנע קרויווים. מיט דער רויִקייַט פון פאשטעס איז ער געווען ענלעך אף זייַן אורפאָטער אווראָם, מיט דער שטארקייַט און ענערגישקייַט — אינעם זיידן ייִצכאָק. אָבער ער האָט זיי איבערגעשטיגן: עס גייט דאָ א רייד ניט וועגן די טשערעדעס, וועלכע ער האָט בא זיך און בא דעם שווער שטארק פארגרעסערט, נאָר אויך וועגן די פעלקער, וועלכע ער האָט מיט זייער גאנץ פארמעגן געבראכט אונטער דער מאכט פונעם קייסער“. באגייַסטערט פון דער מיטאָלאָגישער געשיכטע, האָט געטע מיט גרויס פלייס זי גענומען צו באארבעטן, שוין אָנגעשריבן א גרויסן טייל, אָבער באלד האָט זייַן קריטישער כוש אים אונטערגעזאָגט, אז אזא ווערק פאָדערט א גרעסערע לעבנס־דערפארונג און ער האָט פארברענט דעם קסאוויאד.

א שטארקן אייַנדרוק האָט אף אים אויך געהאט דאָס געשטאלט פונעם נאָווי יעהוישוע, די געשיכטע פון דאָווידן, באזונדערס זייַן קאמף מיט די פלישטים און די שלאכט מיט האָליִאפן, שיר־האשירים, די טראגישע געשיכטע פון איִעוון. וועגן איר דארף געזאָגט ווערן גענויער, ווייַל זי האָט זיך אָפגעשפיגלט אין געטעס גרעסט ווערק, אין „פאוסט“.

דאָס געשטאלט פונעם בארימטן צויבערער האָט געטע צום ערשטן מאָל דערזען אין דער קינדהייַט, אין א ליאלקע־קאָמעדיע, און פון דעמלט אָן איז פאוסט פארבליבן אין זייַן זיקאָרן. געארבעט האָט געטע איבער דער טראגעדיע „פאוסט“ בא זעכציק יאָר, קימאט זייַן גאנץ שפעריש לעבן. די ערשטע סצענעס האָט

ער אָנגעוואָרפֿן נאָך אין די זיבעציקער יאָרן, אין זיי איז פֿאוסט געווען אַ מין פּראָטעסטאַנט, אַ שטורמער, וואָס טרעט אַרויס קעגן די סכאָלאַסטישע וויסנשאַפֿטן, קעגן דעם גאַנצן מיטלאַלטערלעכן געזעלשאַפֿטלעכן לעבנסיידער, אָבער דאָס האָט ניט באַפֿרידיקט דעם אוטאָר — די סצענעס האָבן ניט געהאַט די נייטיקע פֿילאָסאָפֿישע אָנלאָדונג. אין סאָף פֿון די אַכציקער יאָרן, האָט געטע איבערגעלייענט די אָנגעוואָרפֿענע סצענעס, עטלעכע פֿון זיי אָפּגעדרוקט, אָבער ניט פֿאָרגעזעצט. בלויז אין די נײַנציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך באַפֿרײַנדעט מיט שילערן, וועלכער האָט אײַנגעשפּאַרט פֿאָרגעשלאָגן אים ווײַטער צו באַאַרבעטן די פֿאַרשפּרייטע לעגענדע, האָט געטע זיך אומגעקערט צו איר. טראַכטנדיק וועגן דעם, וויאַזוי צו שאַפֿן אַ פֿילאָסאָפֿישע קאָליזיע, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער געשיכטע פֿונעם ביבלישן איִעוו און גלײַך אָנגעשריבן דעם פּראָלאָג אין די הימלען, וווּ ס'איז פֿאָרמולירט דער פֿילאָסאָפֿישער קאָנפֿליקט פֿון דער טראַגעדיע.

ווי באַוווּסט, איז „איִעוו“ איינס פֿון די מערקווירדיקע ביכער ניט נאָר פֿונעם טאַנאַך, נאָר פֿון דער גאַנצער אוראַלטער ליטעראַטור. דאָרט איז אוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגן דעם בייז אין דער וועלט, וועגן גורל פֿונעם מענטשן און זײַן באַציִונג צום גאָט, וועלכער האָט באַשלאָסן אויספּרוּוון אים, דעם מענטשן. איִעוו — דער גערעכטיקער, גאָטספֿאָרכטיקער מענטש, דער צדיק ווערט מיט דער האַסקאָמע פֿונעם אייבערשטן אויסגעפּרוּווט דורכן סאָטן, עס האָבן זיך אָף אים אַ שאָט געטאָן קאָלערליי אומגליקן. פֿון אָנהייב האָט ער זיך געהאַלטן פֿעסט, אָבער ווען ער האָט אַלץ אָנגעווירן, געבליבן אַליין, אַ קראַנקער, האָט ער זיך סאָפּקאָלסאָף געווענדט צו גאָט — פֿאַרוואָס קומט עס מיר? עמעס, איִעוו איז גלײַך אַליין דערשטוינט געוואָרן פֿון זײַן ווײ־געשריי, זיך דערמאָנט וועגן דער מאַכט פֿונעם אייבערשטן און אַנשוויגן געוואָרן, דערפֿאַר האָט אים גאָט מוחל געווען. אָבער ניט אומזיסט פֿאַרגלײַכט מען דעם דאָזיקן בוך מיט „קוהעלעס“, ער איז אויך פֿול מיט ייִעש, ער שטעלט די גאָטסקעמפֿערישע פֿראַגע — פֿאַרוואָס?

געטע אין „פֿאוסט“ באַהאַנדלט, אין טאָך גענומען, די זעלבע טעמע. ווי אין טאַנאַך, קומט פֿאָר בײַ אים דער „פּראָלאָג“ אויך אויפֿן הימל: דאָרט באַווײַזן זיך פֿריִער די מלאָכים, וועלכע לויבן די וועלט און דעם אייבערשטן, דערנאָך טרעט אַרויס דער סאָטן — מעפֿיסטאָפֿעל, וועלכער לייקנט אָפּ די גרויסקײַט פֿון דער וועלט און באַזונדערס פֿונעם מענטשן. דעמלט רופֿט דער אייבערשטער אָן דעם נאָמען פֿון פֿאוסטן און פֿרעגט, צי אויך וועגן אים קאָן גיין אַזאַ רייד. מעפֿיסטאָפֿעל מוז אָנערקענען, אַז פֿאוסט איז עפּעס אַן אַנדערער, מיט אַלץ איז ער ניט באַפֿרידיקט, אָבער ס'איז בלויז צײַטווײַליק, פֿאוסט איז אויך ניט מער ווי אַ מענטש. און דער אייבערשטער דערלויבט אויספּרוּוון פֿאוסטן. אַזוי הייבט זיך אָן די טראַגעדיע, וועלכע פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ פֿולער מאַפּאָלע פֿון מעפֿיסטאָפֿעלן.

פֿאוסט האָט דערוויזן די גרויסקײַט פֿון דעם מענטשן.

ווי ס'איז צו זען, האָט געטע אויסגענוצט פֿון דער ביבל בלויז די טעמע און אויך די פֿאָרם — דעם סיכסעך פֿון גאָט מיטן סאָטן. ער האָט אָפּגעוואָרפֿן די פּשאָרעסדיקײַט פֿונעם מאָקער און געקומען צו גאָר קעגנזעצלעכע אויספֿירן, באַוויזן די אומאָפּהענגיקײַט און די זעלבשטענדיקײַט פֿונעם מענטשן, באַוויזן, ווי פֿאוסט, נאָך די פֿאַרשיידענע ניסיונעס, דורך וועלכע דער סאָטן האָט אים דורכגעפֿירט, האָט געפֿונען דעם זין פֿונעם מענטשלעכן זײַן: „נאָר דער פֿאַרדינט די פֿרײַהײַט און דאָס לעבן, ווער יעדן טאָג עס גייט אין שלאַכט פֿאַר זיי“. אינעם עפּילאָג זעען מיר פֿאוסטן אין הימל ווי אַ טריִומפֿאַטאָר. און אַפֿילו דאָס גאָט־געשטאַלט האָט געטע געשילדערט אַנדערש — קיין שום פּיִעטעט בענעגייע אים, גאָט איז גאָר ניט יענער טראַדיציאָנעלער שעפֿער פֿון דער וועלט, ער איז ענלעך אָף אַ גוטהאַרציקן זאָקן און איז אַ גרויסער כאָכעם, וועלכער גלייבט אין דעם מענטשן און אין זײַנע קויכעס. ווי שטענדיק, האָט דער טאַנאַך בלויז באַגײַסטערט געטען, אַרויסגערופֿן בײַ אים פֿאַרשיידענע געדאַנקען, פּאָעטישע געשטאַלטן, און די עצעם לייזונג פֿון די פֿילאָסאָפֿישע פֿראַגן איז בײַ אים אַן אייגנאַרטיקע, אַ הומאַניסטישע.

צו דעם דאַרף מען צוגעבן, אַז אין פֿילאָסאָפֿישע פּראָבלעמען איז געטע פֿון אָנהייב אָן געווען און איז געבליבן אַן אָנהענגער פֿון באָרעך שפּינאָזען. אין זײַן לעבנס־באַשרײַבונג האָט ער אַליין אָפּגעמערקט, אַז פֿון אַלע דענקער האָט שפּינאָזע געהאַט אָף זײַן וועלט־אָנשויונג די גרעסטע האַשפּאָע. נאָך אין דער יוגנט, ווען ער האָט זיך געפֿונען אינעם צושטאַנד פֿון זוכן, האָט זיך אים געטראָפֿן שפּינאָזעס „עטיק“. „דאָס דאָזיקע בוך, — דערמאָנט ער זיך, — האָט באַרויִקט מײַנע לײַדנשאַפֿטן און געעפֿנט פֿאַר מיר אַ פֿרײַע און ווײַטערע פּערספּעקטיוו — די גאַנצע זינלעכע און זיטלעכע וועלט“. פֿון שפּינאָזעס לערע האָט געטען פֿריִער פֿון אַלץ צוגעצויגן „די גרענעצלאָזע אומייגנוציקײַט, וואָס זעט זיך אין יעדן זאַץ באַם פֿילאָסאָף, פֿון דעמלט אָן איז דער דעוויז פֿונעם דיכטער געוואָרן: זײַן אומייגנוציק אומעטום און מער פֿון אַלץ — אין ליבע און פֿרײַנטשאַפֿט.

שפּינאָזעס פּאַנטעיִסטישע אָנשויונגען (גאָט — איז די נאַטור) האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין געטעס קינסטלערישער שאַפֿונג. דער בעסטער באַווײַז איז די באַוווּסטע ליד „פּראָמעטיי“ — אַ הערלעכער הימן דער נאַטור, וועלכע אַנטוויקלט זיך זעלבשטענדיק, אָן קיין שום אָנטייל פֿון די געטער.

די דאָזיקע יוגנט־ליד געטעס איז שפּעטער געוואָרן די סיבע פֿון אַ שטאַרקער פּאָלעמיק, וועלכע האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט אין דײַטשלאַנד אַרום שפּינאָזעס פֿילאָסאָפֿישער לערע. די פּאָלעמיק האָט אַרויסגערופֿן דער באַוווּסטער אויפֿקלערער מוישע מענדעלסאָן, וועלכער האָט אָפּגעלייקנט די באַהויפּטונג פֿון איי־

ניקע דײַטשישע דענקער, אַז לעסינג, זײַן נאָענטער פרײַנט, איז קלוימערשט געווען אַן אָנהענגער פון שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם. שמועסנדיק וועגן געטעס „פּראָמעטײ״, איז לעסינג זיך מודה געווען, אַז ער איז פולקאָם מאַסקים מיט דעם מעכאַבער פון דער ליד און האַלט אויך, אַז דער באַגריף פון גאָט איז די אַרומיקע נאַטור. געטע האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט אין דעם סיכסעך. אָבער ניט געקוקט דערויף, וואָס מוישע מענדעלסאָן איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן דער מאַטעריִאַליסטישער פילאָסאָפיע, בעסויכעם אויך קעגן דער לערע פון באָרעך שפּינאָזע, האָט געטע ניט געביטן זײַן מיינונג וועגן דעם אָנגעזעענעם אויפקלערער. געטע האָט שוין פון לאַנג נאָכגעשפּירט נאָך דער אַנטוויקלונג פון מענדעלסאָנס שאַפונג, ער האָט הויך געשעצט זײַנע ווערק. אַזוי האָט ער דעם בוך „פּעדאָן אָדער די אומשטערבלעכקײַט פון דער נעשאָמע״ פאַרגלײַכט מיט די באַרימטע שמועסן פונעם אַלטגריכישן פילאָסאָף פּלאַטאָן. אים איז שטאַרק געווען געפעלן, וואָס די פילאָסאָפישע ווערק פון מוישע מענדעלסאָן זײַנען אָנגעשריבן פּאָשעט און פאַרשטענדלעך, און דעריבער, ווי ער שרײַבט, „האָבן זיי אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם מיטגעפיל און אַן אַנציקונג״. געטע האָט צוגערעכנט דעם דײַטשיש־יִדישן מאַסקיל צו די ווירדיקסטע דענקער פון זײַן צײַט.

אינטערעסאַנט איז אויך געטעס באַציִונג צו מוישע מענדעלסאָנס אייניקל, דעם באַרימטן מוזיקאַנט און קאָמפּאָזיטאָר פעליקס מענדעלסאָן, וועלכער איז אין צעניאָריקן עלטער אָנגעקומען אין דער בערלינער „זינג־אַקאַדעמיע״, אָנגעהויבן פאַרפאַסן מוזיקאַלישע ווערק, אַרויסגעטרעטן מיט קאָנצערטן. אין 1821 — דער מוזיקאַנט איז דאַן אַלט געווען צוועלף יאָר, — האָט ער באַזוכט ווײַמאַר, געווען אײַנגעלאַדן צו געטען און געשפּילט פאַר אים באַכס פוגן און אייגענע פאַרפאַסונגען. געטע איז געווען אַנציקט און געשענקט אים אַ גאָלדן פינגערל. נאָך זײַן אָוועקפאָרן האָט געטע געשריבן אין אַ בריוו צו זײַן פאָטער — אַווראָמען: „אָף די עלטערע יאָרן איז ניטאָ קיין גרעסערע טרייסט, ווי זען נײַע טאַלאַנטן, וועלכע זאָגן צו מיט גרויסע טריט גיין איבער דעם לאַנגן לעבנסוועג״. געטע האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. פעליקס מענדעלסאָנס טאַלאַנט האָט זיך ריזיק אַנטוויקלט. איינס פון זײַנע ווערק — דעם דריטן קוואַרטעט — האָט ער געווידמעט געטען, ספּעציִעל אים אָפּגעדרוקט, אײַנגעבונדן און אַוועקגעשיקט אַלס אַ מאַטאָנע דעם גרויסן דיכטער. אָף געטעס צוויי לידער — „די שטילקײַט פונעם יאַם״ און „די גליקלעכע נעסיִע״ — האָט פעליקס מענדעלסאָן פאַרפאַסט מעלאָדיעס. אַזוי האָבן זיך באַפרײַנדעט דער יונגער מוזיקער און דער אַלטער שריפטשטעלער.

די דאָזיקע פרײַנטשאַפט האָט נאָכאַמאָל באַוויזן, אַז געטע האָט געשעפּט נאַכעס פון די דערגרייכונגען פון דער מענטשלעכער קולטור, וועלכע ווערט געשאַפן אַדאַנק דער באַגאַבטקײַט פון סאַמע פאַרשיידענע פעלקער פון דער וועלט.

---

# כראָניק

## איראַקלי אַנדראָניקאָוו וועגן עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן

אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ איז דערשינען איראַקלי אַנדראָניקאָווס אַ נײַער בוך אונטערן נאָמען „און איצט וועגן דעם״, אין וועלכן דער אַווטאָר ווערט פאָרגעשטעלט סײַ אַלס ליטעראַטור־פאָרשער, סײַ אַלס פּובליציסט און קענער פון מוזיק און קונסט.

איינס פון די פּילצאָליקע אַרטיקלען איז געווידמעט עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן, מיט וועמען אַנדראָניקאָוו איז געווען באַפרײַנדעט אין משך פון פיל יאָרן. צוזאַמען האָבן זיי דורכגעמאַכט אַ שעפערישע רײַזע איבער איטאַליע.

„עמאַנויִל הענריכאָוויטש, — שרײַבט אַנדראָניקאָוו, — געהערט צו די סאַמע ווונדערלעכע מענטשן, וועלכע איך האָב ווען־ניט־איז געזען, צו די אויסטערלישע הײַנטצײַטיקע שרײַבער. דאָס איז בעליסאָפעק געווען אַ גרויסער טאַלאַנט״.

## שיקע דריזס קינדער־לידער אין דער צענטראַלער טעלעוויזיע

די צענטראַלע טעלעוויזיע האָט אין איר אָוונט־פּראָגראַם „אַ גוטע נאַכט, קינדערלעך״, וועלכע עס פירט די פאָלקס־אַרטיסטקע פון רספסר וואַלענטינע ליעאָנטיעווא, אײַנגעשלאָסן אַ פאָרלעזונג פון שיקע דריזס לידער. ניט לאַנג צוריק זײַנען דעם דיכטערס ווערק טראַנסלירט געוואָרן אין אַ שול־פּראָגראַם.

# א בוך וועגן דעם ערשטן קאָסמאָנאווט

די רעדאַקציע באַקומט בריוו, אין וועלכע לייענער בעטן דערציילן וועגן דער ניט לאַנג צוריק דערשינענער זאַמלונג „ערשטער קאָסמאָנאווט פון דער פּלאַנעטע ערד".

אויף דער דאָזיקער באַקאַשע האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די צונויפשטעלער פונעם בוך וויקטאָר מיטראָשענקאָוו.

*

דערשינען איז די זאַמלונג לויט דער איניציאַטיוו פון דעם מעלוכע-קאָמיטעט פון רספסר איבער די איניאָנים פון פאַרלאַגן און פונעם פאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיאַ". דאָס איז א נײַע, פאַראַלגעמיינערטע כראָניקאַל-דאָקומענטאַלע דערינערונג וועגן יורי גאַגאַרינען, אַן אוניקאַלע, פײַן איליוסטרירטע אויסגאַבע, וועלכע שטעלט פאָר איבערצײַגעוודיק, אַלזײַטיק דעם ערשטן קאָסמאָנאווט, זײַן וועלט, זײַן אַרומרינגלונג, דעם אָטריאַד קאָסמאָנאווטן, דאָס שטערנשטעטל „זוויאָזדנע", די געלערנטע, די קאָנסטרוקטאָרן, די וויכטיקסטע ריכטונגען פון דער אַלוועלטפאָרשונג, די וויסנשאַפט-פּראַקטישע ראָל פון דער קאָסמאָנאווטיק, איר בײַטראָג אין דעם הײַנטצײַטיקן פּראָגרעס.

אין דער זאַמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן לידער, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן, אינטערוויוען.

עס האָבן זיך באַטייליקט אין שאַפן דעם בוך קאָסמאָנאווטן, געלערנטע, קינסטלער.

מיר ווייסן גוט, אַז א בוך מוז האָבן אַן אַדרעסאַט — זײַן לייענער. ווער איז איצט באַזונדערס נײַגעריק צו יורי גאַגאַרינס פּערזענלעכקײַט? קודעמקאָל, פאַרשטייט זיך, די יוגנט. יורי אַלעקסייעוויטש, אַליין א יונגער מענטש, האָט ליב געהאַט די יוגנט. ער איז געווען א מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון קאָמיוג, פלעגט א סך און אָפט זיך באַגעגענען מיט קאָמסאָמאָלצעס און פּיאָנערן.

דאָס לעבן און דער העלדנטאַט פונעם ערשטן קאָסמאָנאווט, אין וועמענס גורל ס'איז אָפּגעשפּיגלט אונדזער צײַט, די עפּאָכע פונעם רײַפן סאָציאַליזם, האָבן א גרויסע ווירקונג אויף דער יוגנט, אויף דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר. יורי גאַגאַרין האָט ניט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז אַלדאָס גוטס אין אים שטאַמט פונעם לעניניסטן קאָמסאָמאָל.

אָבער... עס זײַנען שוין אַדורך פיל יאָרן. גאַגאַרינס מיטצײַטלער, אייִדעס פון די גראַנדיעזע געשעענישן האָבן זיך געעלטערט, מע איז געוואָרן טאַטעס און זיידעס... קאָן מען דען א בוך וועגן זייער צײַט, וועגן זיי אַליין אַדרעסירן בלויז צו זייערע קינדער און אייניקלעך? פאַר יורי גאַגאַרינס מיטצײַטלער איז ער א רעאַלער מענטש, ניט קיין ליטעראַריש געשטאַלט, ניט קיין לעגענדאַרע, טיפּישע פּערזענלעכקײַט.

דעריבער דאַרף דער בוך וועגן גאַגאַרינען זײַן געווידמעט אונדזער היימלאַנד, דער גרויסער צײַט

פון אַרײַנדרינגונג אין דער אַלוועלט. דאָס דאַרף זײַן א בוך פאַר פיל דורעס.

קודעמקאָל איז עס געווענדט פון די מעכאַברים, פון די שעפער פונעם בוך. העכער הונדערט שרײַבער און זשורנאַליסטן זײַנען מאַסקים געווען אָנטיילצונעמען מיט זייערע ווערק אין דעם קאָלעקטיוון ווערק.

מיר האָבן געאַרבעט עטלעכע יאָר. ס'איז געווען אַלץ: אַנטוישונגען, וואַריאַנטן, שוועריקײַטן. מיר האָבן געמוזט פאַרבײַטן א ריי מאַטעריאַלן, זוכן נײַע אויטאָרן, פון אייניקע — זיך אָפּזאָגן. מיר האָבן אײַנגעשלאָסן אין בוך די ערשטע אָפיציעלע מיטיילונגען וועגן באַהערשן דעם קאָסמאָס — דאָקומענטן, אין וועלכע עס קלאַפּט נאָך ביז איצט דער דויפעק פון דער העראָישער ראָמאַנטיק, אין זיי פילט זיך אַדײַעם די פאַרגאַפטקײַט, די פרייד, דער אומרו פון דער מענטשהײַט אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזערע קאָסמישע ניצחוינעס. צווישן די היסטאָרישע דאָקומענטן איז אין בוך פאַרעפנטלעכט די ווענדונג פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פונעם פּרעזידיום פון אויבערסאָוועט און פון דער רעגירונג פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד צו אַלע פעלקער, צו דער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט.

פאַרן סטאַרט האָט יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרין

---

Первый космонавт планеты Земля. Москва, изд-во «Советская Россия», 1981.

געזאָגט, אז זײַן גאַנץ לעבן זעט זיך אים איצט ווי איין שיינער אויגנבליק. זײַן צושטאַנד האָט מען געקאָנט פאַרשטיין: ער האָט זיך געקליבן אין א ווײַטן וועג, אהין, ווו קיינער איז נאָך ניט געווען, פּרײַוויליק האָט ער גענומען אף זיך אזעלכע אויספּרוּוון, וועלכע קיין איין מענטש ביז אים האָט נאָך ניט אויסגעהאלטן.

מע האָט אים דערציילט, אז ס'איז אלץ געטאָן געוואָרן, ס'זאָל זײַן קעשורע, אָבער אויסזיכטן אף א בעשאָלעמדיקן צוריקער זײַנען פאראן ווייניק. ער האָט דערווידערט, אז דאָס גאנצע לעבן זײַנס איז אדורך לעשעם דער דאָזיקער מינוט, אז צו דעם אויספּרוּוו האָט ער זיך געגרייט לאַנג און לײַדנשאפטלעך.

א באַדײַטנדיק אָרט אין דער זאמלונג פארנעמען די אָפּרופן אף יו. גאגארינס פלוג. וועגן דער געשעעניש האָבן געשריבן אלע צײַטונגען אין דער וועלט. פארשיידענע זײַנען געווען די געפילן, די אָפּשאצונגען, אָבער פארשווײַגן גאגארינס העלדנטאט איז געווען אומעגלעך.

בעהאדראָגעדיק איז דער בוך וועגן גאגארינען אויסגעפורעמט געוואָרן. די בעקאָוועדיקע מעגלעכקײַט אָנצוהייבן דעם שמועס, האָבן מיר געגעבן יעווגעני אנאטאָליעוויטש קארפּאָוון — דעם ערשטן פארוואלטער פונעם קאָסמאָנאווטן־צענטער, און ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאמאנין — דעם ערשטן אָנפירער פון דער צוגרייטונג פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאווטן. זייער גוויִעס־איידעס פארמאָגט א באזונדערע ווערט.

דעם באוווּסטן מיליטערישן זשורנאליסט, דעם ערלעכן, מיזאמען מענטשן אנאטאָלי קריקונענקאָ האָבן מיר באפולמעכטיקט אָרגאניזירן די מאטעריאַלן וועגן דער קאָסמישער וויסנשאפט און וועגן די געלערנטע, וועגן דעם, וויִאזוי עס איז געשאפן געוואָרן די קאָסמישע שיף „וואָסטאָק". יורי דאָקוטשײַעוו האָט געשריבן וועגן דעם, וויִאזוי עס קומט אוף דער העלדנטאט. צו יענער צײַט זײַנען שוין דערשינען דאָקוטשײַעווס עטלעכע ביכער וועגן קאָסמאָנאווטן און געלערנטע.

נאָר פונדעסטוועגן זײַנען די הויפּט־מעכאברים פונעם בוך געוואָרן די פליִער־קאָסמאָנאווטן. גערמאן טיטאָוו האָט קאָנסולטירט די אווטאָרן, געהאָלפן זיי באגעגענען זיך מיט די געלערנטע און קאָנסטרוקטאָרן. „פרי איז אוועק פון אונדז יורי. ער וואָלט א סאך מער געקאָנט אופטאָן פאר דער קאָסמאָנאווטיק, — האָט געזאָגט טיטאָוו, — די עפּאָכע האָט פארלאָרן איר העלד".

דער עמאָציִאָנעלער, ארײַנגעטאָנענער אין דײַגעס פון צוגרייטן צווישנפּלאַנעטערלעכע עקיפּאזשן, אלעקסיי לעאָנאָוו האָט וועגן זײַן פרײַנט געזאָגט אזוי: „אלץ, וואָס עס האָט געהאט א שײַכעס צו אונדזער ארבעט, האָט אים געדעגט און באומרויִקט. ווי א קינד, פלעגט ער זיך פרייען מיט אונדזערע דערגרייכונגען, ער פלעגט שווער איבערלעבן, אויב עס האָבן זיך אנטפּלעקט שוועריקײַטן און פעלערן. יורי איז געווען אן אָפענע נעשאָמע".

אינטערעסאנטע מאטעריאַלן וועגן גאגארינען האָבן צוגעגרייט פאר דער זאמלונג די קאָסמאָנאווטן געאָרגי שאָנין, יורי גלאזקאָוו, וויטאלי סעוואסטיאנאָוו, פּיאָטער קלימוק, געאָרגי בעראָגאָוואָ, וולאדימיר שאטאלאָוו און אנד.

אין בוך איז ארײַן יורי גאגארינס רעדע, מיט וועלכער ער האָט געדארפט ארויסטרעטן אין דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס. די דאָזיקע רעדע איז אָבער געבליבן אין זײַנע פּאפירן, ווײַל ער איז פריצײַטיק אומגעקומען. א לענגערע צײַט איז די רעדע געווען אומבאוווּסט. מיר האָבן דעם מאנוסקריפּט געפונען.

אינטערעסאנט איז אויך די געשיכטע פון נאָך איין רעדע, מיט וועלכער יורי גאגארין האָט געדארפט ארויסטרעטן דעם 26 מארט 1968 אפן אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פון א. מ. גאָרקי. יורי אלעקסייעוויטשן האָט פארבעטן ארויסטרעטן דער ערשטער סעקרעטאר פון דער פארוואלטונג פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר ק. א. פעדין. אינעם טעקסט פון דער רעדע, וועלכע איז פארבליבן אין זײַן ארבעטס־קאבינעט, האָט יורי אלעקסייעוויטש געשריבן: „מיר זײַנען איבערצײַגט, אז אונדזער דראנג ארויסצורײַסן זיך אף די ראכוועסן פון דער אלוועלט איז אן אָרגאנישע פאָרזעצונג פון דער גרויסער זאך, וועגן וועלכער גאָרקי האָט זײַן גאנץ לעבן געטרוימט".

דער זשורנאליסט אנאטאָלי ווארפּאָלאָמייעוו האָט אויסגעפאָרשט די צווישנבאציִונגען צווישן דעם אָנהייבער פון דער קאָסמישער וויסנשאפט און אָנהייבער פונעם סאָציִאליסטישן רעאליזם אין דער ליטעראטור. אלעקסיי מאקסימאָוויטש פלעגט העלפן ציִאָלקאָווסקין אין זײַן טעטיקײַט. גאָרקי האָט געגלייבט אין דער צוקונפט פון ציִאָלקאָווסקיס אידייען. וועגן דעם האָט ער זיך ספּעציִעל געווענדט צו לענינען.

מיר האָבן געגרייט די זאמלונג צום דרוק, בייס עס איז רעאליזירט געוואָרן די פּראָגראם „אינטערקאָסמאָס". דעם קאָסמישן רוים באהערשן מיר אינאיינעם מיט אונדזערע כאוויירים פון די סאָציִאליסטישע לענדער און מיט אונדזערע פרײַנט אין דער מײַרעווועלט. וועגן דעם האָט געשריבן יורי גאגארין. די מיטארבעטערשאפט האָט פאָרויסגעזען א ברייטן וויסנשאפטלעכן אספּעקט: שיקן אין קאָסמאָס שיפן אָן פּילאָטן, ווי אויך אָרביטאלע סטאנציעס. די צילן און אופגאבעס פון די געמיינזאמע פאָרשונגען זײַנען געווען פרידלעכע. מע האָט זיי פאָרגענומען לעשעם די אינטערעסן פון דער וויסנשאפט און פון דער פאָלקסווירטשאפט. איצט, ווען דער בוך איז ארויס פון דרוק, איז שוין די פּראָגראם „אינטערקאָסמאָס" פארווירקלעכט געוואָרן. אירע וויסנשאפטלעכע רעזולטאטן זײַנען זייער גרויסע. די אָרביטאלע סטאנציע „סאַליוט־6", אף וועלכער עס זײַנען געווען טעטיק צווישנפעלקערלעכע עקיפּאזשן, פונקציִאָנירט שוין העכער דרײַ יאָר, צוויי פון זיי — אין א פּילאָטירנדיקן רעזשים. פארן פעריִאָד, ווען ס'איז רעאליזירט געוואָרן די פּראָגראם „אינטערקאָסמאָס", זײַנען פון די סאָוועטישע קאָסמאָדראָמען אוועק אין קאָסמאָס 21 ספּוטניקעס פון דער סעריע „אינטערקאָסמאָס", 8 ראקעטעס פון דער סעריע „ווערטיקאל". קעדיי רעאליזירן די דאָזיקע פּראָגראם, זײַנען אין די סאָציִאליסטישע לענדער געשאפן געוואָרן 200 וויסנשאפטלעכע מאכשירים. די רעזולטאטן פון די וויסנשאפט־פאָרשערישע פלוגן נוצן אויס אין זייער טעטיקײַט 400 וויסנשאפטלעכע און פּראָדוצירערישע אָרגאניזאציעס — מיטגלידער פונעם סאָוועט פון עקאָנאָמישער קעגנזײַטיקער הילף.

די אוטאָרן פון אונדזער זאמלונג האָבן גענוי דערציילט וועגן דעם, ווי׳אזוי די קאָסמאָנאַווטן פון די סאָציאַליסטישע לענדער האָבן זיך געגרייט צום ארויספלי אין קאָסמאָס, ווי׳אזוי די פלוגן זײַנען דורכגעגאַנגען, וועלכע רעזולטאַטן זײַנען דערגרייכט געוואָרן בײַם דער ארבעט אָף דער אָרביטע.

דער פלי׳ער־קאָסמאָנאַווט אלעקסיי לעאָנאָוו שרײַבט וועגן דעם, ווי׳אזוי צוויי גרויסע מעלוכעס — פססר און די פאַרייניקטע שטאַטן — האָבן פאַרווירקלעכט זייער געמיינזאַמע קאָסמישע פּראָגראַם. אליין אן אָנטיילנעמער פון אָט דעם פלוג, ברענגט ער א סאַך אינטערעסאַנטע פאַקטן, אייַנצלהייַטן, ארויסזאָגונגען פון די אָנפירער פון דער פּראָגראַם און פון די קאָסמאָנאַווטן.

וועגן די וויסנשאַפטלעכע פּראָגראַמען פון די אָרביטאַלע פלוגן דערציילן אין דעם בוך די פלי׳ער־קאָסמאָנאַווטן פּאַוועל פּאָפּאָוויטש און יורי גלאַזקאָוו. א גרויסן אינטערעס רופן ארויס זייערע ענטפערס אָף די פראַגן וועגן געהיימניספולע דערשייַנונגען אין דער נאַטור, וועגן סוידעס פון די קאָמעטן, וועגן די גאַלאַקטישע אופרייַסן פון שטערן, וועגן דער עוואָליוציע פונעם לעבן, וועגן פאַרשיידענע אָפּשטאַם־היפּאָטעזעס פון דער ערד.

אין דער זאמלונג זײַנען אָפּגעדרוקט א סאַך לידער, פאַרשיידענע לויט דער קוואַליטעט, אָבער אַלע אַנטשפּרעכן זיי דעם טעמאַטישן די׳אַפּאַזאָן פונעם בוך גופא — זיי באַזינגען דעם העראָ׳יזם און די גרויסקייַט פון אונדזער היימלאַנד, דעם פרי׳אָריטעט פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט, דעם העלדנטאַט פון די קאָסמאָנאַווטן.

יורי גאַגאַרין האָט ליב געהאַט פּאָעזיע. ער האָט געקאָנט מיט עכטער באַגייַסטערונג לייענען לידער, הערן ווי אַנדערע לייענען. ער האָט אַליין אויך פאַרפאַסט לידער. מיט פיל דיכטער איז ער געווען פערזענלעך באַפרייַנדעט, צווישן זיי — מיט לעאָניד ווישעסלאַווסקין, וועמענס סאָנעטן זײַנען פאַרעפנטלעכט אין אונדזער זאמלונג. דער דיכטער מיקאָלאַ אופעניק האָט אָנגעשריבן א פּאָעטישן ציקל ספּעצי׳על פאַר דער זאמלונג. אין אונדזער בוך זײַנען פאַרעפנטלעכט לידער פון אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקין, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוון, סטעפאַן שטשיפּאַטשאָוון.

מיר האָבן פאַרבעטן מיטאַרבעטן מיט אונדז די באַוווּסטע מייַסטערס־פאָטאָגראַפן א. מאַקלעצאָוו, א. סערגייעוו, א. גריגאָריעוו. לויט דער באַקאָשע פונעם פאַרלאַג איז דער פאָטאָגראַף וולאַדימיר סוטשקאָוו ארויסגעפאָרן קיין סמאָלענסק און אין דער שטאָט גאַגאַרין, ער האָט באַזוכט אויך זוויאָזדנע. אין רעשוס פון די קינסטלער פונעם בוך זײַנען געווען די פאָטאָ־אַרכיוון פון זוויאָזדנע, פון דער סאָוועטישער טעלעגראַף־אַגענטור, פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“. מיר האָבן זיך אויך געווענדט צו די פילאַטעליסטן, צו די זאמלער פון קאָסמישע צייכנס, זיי זאָלן מאַכן זייער בייַטראָג.

דרײַ יאָר האָבן מיר געאַרבעט, גרייטנדיק די זאמלונג צום דרוק. צי ס׳האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן צו שאַפן אן אײַנדרוקפולן בוך — וועט אָפּשאַצן דער לייענער.

■ ■ ■

# סערגאָ בענגעלסדאָרף

# מײַסטערשאַפֿט

פאַרשיידענע זײַנען די אַרטיסטישע גויראָלעס. אָפֿט הייבט זיך אָן דער וועג צו קונסט בײַ קינדער פֿון אַרטיסטן, מוזיקאַנטן און מאָלער, ווען זיי נעמען איבער דעם באַרוף פֿון זייערע עלטערן ווי אַ טראַדיציע. אין דער מישפּאָכע פֿון באָריס קאַצן (פּסעוודאָנים — ראַיסאָוו) זײַנען קיין מוזיקאַנטן ניט געווען. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1928 אין בעסאַראַביע אינעם יישעוו דאָנדושאַנע אין דער מישפּאָכע פֿונעם שנײַדער ייִצכאָק קאַץ, געגאַנגען אין כיידער, דערנאָך זיך געלערנט אין אַ רומענישער גימנאַזיע.

אַ שטאַרקע ווירקונג, ווי באָריס דערמאָנט זיך, האָט געהאַט אָף זײַן אויספֿאָרמירונג דער עלטערער ברודער שמועל — אַן אָנפֿירער פֿון אַן אומלעגאַל קאָמוניסטיש קעמערל אין דאָנדושאַנע. שמועל פֿלעגט געבן דעם יונגן באָריסן פֿאַרשיידענע אויפֿגאַבן, ער האָט אים אויך אַרײַנגעפֿירט אין דער וועלט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿאָרלייענענדיק פֿאַר דער גאַנצער מישפּאָכע שאָלעם־אַליכעמען, מענדעלע מוכער־ספֿאָרימען, פּערעצן.

די מילכאָמע האָט טראַגיש איבערגעריסן די קינדהײַט פֿון אַ גאַנצן דאָר. צו דרײַצן יאָר איז באָריס אַרײַנגעפֿאַלן אין בערשאַדער געטאָ. די פֿאַשיסטן האָבן פֿאַר זײַנע אויגן דערהאַרגעט דעם טאַטן. שפּעטער האָבן זיי אויך דעם ברודער אומגעבראַכט.

די סינע צו די נאַציסטן, דער פֿאַרלאַנג צו נעמען נעקאָמע פֿאַר זײַנע אייגענע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז צו זעכצן יאָר, ווי נאָר בערשאַד איז באַפֿרײַט געוואָרן, איז ער פֿרײַוויליק אוועק אין דער סאָוועטישער אַרמיי. צוזאַמען מיט אַ פּאַנצער־בריגאַדע מאַכט ער דורך דעם וועג פֿון אוקראַיִנע ביז די באַלקאַנען. דאָן, אין דער אַרמייִשער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט, שטעלט ער די ערשטע טריט אין דער קונסט. שוין נאָכן קריג, זײַענדיק אָף רעגולערער דינסט אין דער פֿלאָטיליע אָפֿן טײַך דונײַ, זעעצט פֿאַר דער יונגער מאַטראָס זײַן קאָנצערט־טעטיקײַט אַלס סאָליסט אין אַנסאַמבל פֿון לידער און טענץ. דעם מוזיקאַליש־באַגאַבטן באָכער אײַלעצט מען זיך פֿאַרנעמען מיט פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג, און נאָכן פֿאַרענדיקן די דינסט קומט ער אָן אָפֿן וואָקאַלן פֿאַקולטעט פֿון דער קעשענעווער מעלוכעקאָנסערוואַטאָריע.

— אין דער קאָנסערוואַטאָריע האָב איך זיך געלערנט בײַ גוטע פּעדאַגאָגן, — דערציילט איצט דער אַרטיסט. — באַזונדערס האָט געווירקט אָף מײַן אויספֿאָרמירונג דער באַוווסטער זינגער פּיאָטער אַלעקסייעוו...

ניט בלויז וואָקאַלע קונסט האָט אײַנגעפֿלאַנצט פּיאָטער דמיטריִעוויטש אין זײַנע טאַלמידים, נאָר אויך אַלגעמיינע מוזיקאַלע קולטור. ער האָט זיי געהאָלפֿן צו פֿאַרשטיין דורך מוזיק די קינסטלערישע געשטאַלטיקײַט סײַ אין דער אָפּערע, סײַ אין קאַמערנע געזאַנג.

וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט זיך געלערנט באָריס קאַץ אין דער קאָנסערוואַטאָריע, זאָגט איידעס דאָס, וואָס, זײַענדיק נאָך אַ סטודענט פֿונעם דריטן קורס, איז ער אײַנגעלאַדן געוואָרן אַרויסצוטרעטן אין דער הויפּט־פּאַרטיע בעשאַס עס איז געשטעלט געוואָרן די ערשטע מאָלדאַווישע אָפּערע „גראַיִאַין" פֿון דאַוויד גערשפֿעלד. מיט אָט דער אָפּערע האָט דעם 8 יוני 1956 זיך געעפֿנט אין קעשענעוו דער מעלוכע־טעאַטער פֿון אָפּערע און באַלעט. אָפֿן פֿערטן קורס דעביוטירט ראַיסאָוו שוין ווי אַ סאָליסט אין איינער פֿון די סאַמע קאָמפּליצירטע פּאַרטיעס אין דער אָפּערע „ריגאָלעטאָ". ווי עס האָט דעמלט געשריבן די מוזיקאַלע קריטיק, איז די פּאַרטיע געווען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער שעפֿערישער אינדיווידואַליטעט פֿון דעם יונגן זינגער. שוין פֿון די ערשטע ספּעקטאַקלען איז געוואָרן קלאָר, אַז ריגאָלעטאָ אין דער אויספֿילונג פֿון ראַיסאָוון איז איינע פֿון די בעסטע אַקטיאָרישע דערגרייכונגען אָף דער מאָלדאַווישער אָפּערע־בינע.

אין מעשעך פֿון קימאַט אַ פֿערטל יאָרהונדערט איז די שעפֿערישע ביִאָגראַפֿיע פֿון באָריס ראַיסאָוון פֿאַרבונדן מיטן קאָלעקטיוו פֿונעם מאָלדאַווישן אָפּערע־טעאַטער. עס איז אַ סאַך גרינגער צו דערמאָנען יענע ספּעקטאַקלען, וווּ ער איז ניט געווען פֿאַרנומען, איידער די, אין וועלכע ער האָט אָנטיילגענומען. טראַגישע, לירישע, דראַמאַטישע, העראָיִשע פּאַרטיעס — אַזאַ איז דער שעפֿערישער דיִאַפּאַזאָן פֿון איינעם פֿון די פֿירנדיקע סאָליסטן אין מאָלדאַווישן מוזיק־טעאַטער.

אַן אָפּערע, ווי באַוווסט, ווערט געבוירן דורך צוויי קונסט־וועגן: דורך מוזיק און טעאַטער. פֿונדאַנען קומען אַרויס די צווייִקע טערמינען, וועלכע מע באַנוצט, ווען מע רעדט וועגן אַן אָפּערע: אַ „דיריגענט און רעזשיסער", „צוהערער און צושויער", „זינגער און אַקטיאָר". נאָר מע האָט אין זינען דעם פּרימאַט פֿון דער מוזיק. וועגן באָריס ראַיסאָוון קאָן מען זאָגן, אַז ער איז „אַן אַקטיאָר — אַ זינגער" און ניט „אַ זינגער — אַן אַקטיאָר". און ניט ווײַל דער זינגער איז אין עפּעס הינטערשטעליק. ראַיסאָווס באַריטאָן איז שיין און שטאַרק, זײַן הויכע וואָקאַלע טעכניק און דאָס אויסדריקפֿולע זינגען העלפֿן אים אַ סאַך צו שאַפֿן אָף דער בינע אַ קינסטלעריש געשטאַלט. און דאָך איז אַלס אַ גרונט־שטריך פֿון זײַן שעפֿערישער אינדיווידואַליטעט, זײַן דאָמינאַנטע — אַ פּרעכטיקער אַרטיסטישער טאַלאַנט. דאָס קענען שאַפֿן טיף־פּסיכאָלאָגישע און רעאַליסטישע גע־

שטאַלטן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ראַיסאָווס אַרבעטן. ער נוצט אויס מײַסטעריש פאַרשיידענע סצעניש פאַרבן, פּלאַסטישע אויסדרוק־מיטלען, באַהערשט פולקאָם די קונסט פונעם אונטערטעקסט.

מע קאָן, לעמאָשל, דערמאָנען איינע פון זײַנע לעצטע אַרבעטן — די פּאַרטיע פונעם פירשט גאַליצקי אין באָראָדינס אָפּערע „דער פירשט איגאָר". גאַליצקין טראַקטירט מען געוויינלעך אין די אָפּערע־טעאַטערן אַלס אַ העפקער־יונג, אין אונטערשייד פון דער נאָבלקײַט פון איגאָרן און יאַראָסלאַוונען. בײַ קאַצן ווערט אָבער דאָס געשטאַלט אַ סך גרעסער. בײַ זײַן פירשט גאַליצקי איז דאָס העפקיירעס ווי אַ מאַסקע, נאָר טיף אין האַרצן זײַנען פאַרבאָרגן דער דאָרשט צו מאַכט, די פאַרביטערונג פאַר דעם ניט געראָטענעם פירשטלעכן לעבן. אינעם אונטערטעקסט פילט זיך, אַז גאַליצקי איז אַן אינטריגאַן, וועלכער האָט אַרײַנגעבראַכט זײַן איקער־כיילעק אין דער רײַסעניש צווישן די רוסישע פירשטן.

מע קאָן נישט ניט דערמאָנען זײַן אינטערפּרעטאַציע פון דער טאָניאָ־געשטאַלט אין לעאָנקאַוואַלאָס אָפּערע „פּאַיאַצן". ריידנדיק וועגן טראַגישע פאַרבן אין דער שעפערישער פּאַליטרע פון באָריס ראַיסאָוון, האָט די אָמסקער צײַטונג „מאָלאָדאָי סיביריאַק" בײַס די גאַסטראָלן אין אָט דער שטאָט געשריבן: „אַדאַנק דער גרויסער מײַסטערשאַפט פונעם זינגער, איז טאָניאָ גראָד געוואָרן די סאַמע פולקומע אַקטיאָרישע אַרבעט אין אָט דעם ספּעקטאַקל. ראַיסאָוו שפּילט ניט קיין טראַדיציאָנעלן רעצייעך. אָבער פון אונטער דער קריפּל־מאַסקע טרעט אַרויס אַ לײַדנדיק מענטשלעך געשטאַלט".

דער זינגער לייגט אַוועק אויף זײַן העלדס געזיכט אַ מאַסקע, אונטערשטרײַכנדיק דערמיט זײַן אינטעלעקטועלן קריפּל, וואָס פּאָרט זיך צונויף מיט נידערטרעכטיקײַט, צופּאַסלערײַ, פּאַכדאָנעס. פּרעכטיק פירט דורך קאַץ די סצענעס, ווען דער בורגאָמיסטער, קעדיי אָוועקצוגיין פון אַ ליאַדע פּאַראַנטוואָרטלעכן באַשלוס, סימולירט אַ פּסיכישע קראַנקײַט. דאַכט זיך, אויף דער בינע געפינט זיך אַן אָפּגעריסענער נאַר, אַ טיפּעש, וואָס כאָטש מעלק אים אויס, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז ער, ווי פּרימיטיוו ער זאָל ניט זײַן, ניט אַזוי פּראָסט. דער אַקטיאָר אַנטוויקלט בעהאַדראָגע זײַן פּערסאָנאַזש און אַנטפּלעקט אין די לעצטע סצענעס, ווען זײַן העלד, קומענדיק צו דער מאַכט, וואַרפט פון זיך אַראָפּ די מאַסקע פון טיפּשעס און צוויעס און באַווײַזט זײַן ווילדן כײַישן טאָך.

אין לעצטן סעזאָן האָט באָריס ראַיסאָוו אָנטיילגענומען אין דער פּרעמיערע פון דער נײַער אָפּערע פון דאָוויד גערשפעלד „סערגיי לאַזאָ", מיט וועלכער דער מאָלדאַווישער טעאַטער פון אָפּערע און באַלעט האָט אָפּגעמערקט זײַן כאַנוקאַס־האַבאַיס אין אַ גרויסאַרטיקן בניען. אין אָט דער אָפּערע, וואָס איז געווידמעט דעם בירגערקריג, האָט ער געזונגען אַ קליינע עפּיזאָדישע פּאַרטיע — פונעם פעלדפעבל. אָבער וויאַזוי געזונגען! ער האָט געשאַפן אַ פּאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פון אַ סאָלדאַפּאָן פון דער צאַרישער אַרמיי.

דער הויפּט־רעזשיסער פונעם טעאַטער, פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון מאָלדאַוויע יעווגעני פּלאַטאָן זאָגט וועגן ראַיסאָוון: „אין דער פּערזאָן פון באָריס איסאַקאָוויטשן פאַרמאָגט דער מאָלדאַווישער אָפּערע־טעאַטער איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע זינגער־אַקטיאָרן. אויב הײַנט־צו־טאָג איז די פּראָבלעם פון אַנטוויקלען די אָפּערע־קונסט פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם פון דערציִען אַ סינטעטישן זינגער־אַקטיאָר, קאָן ראַיסאָוו דינען אַלס בײַשפּיל פון צונויפגיסן אָרגאַניש אָט די צוויי אייגנשאַפטן. ער איז אַ גרויסער מײַסטער פון פאַרקערפּערונג, פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך ברייטע שעפערישע פּאַליטרע. מע קאָן אים אָן קיין שום גוזמעס אָנרופן קיניג פון אַ קליינעם עפּיזאָד. מע דאַרף נאָך אָפּמערקן זײַן אַקטיווע אַרבעט אין דער מאָלדאַווישער נאַציאָנאַלער קונסט. אָנהייבנדיק פון „גראָזאָוואַן", איז ניט געווען קיין איין מאָלדאַווישע אָפּערע, אין וועלכער קאַץ זאָל ניט אָנטיילנעמען אין די הויפּט־פּאַרטיעס".

— באָריס איסאַקאָוויטש, וואָס פאַר אַ שעפערישע פּלענער האָט איר?

— כ׳וואָלט מיט פאַרגעניגן אָנטיילגענומען אין אַ שטעלונג פון אַ סאָוועטישער סאַטירישער אָדער קאָמישער אָפּערע. און איצט האָב איך נאָך איין טרוים: צוגרייטן אַן אָוונט פון ייִדישע פאָלקסלידער און ראָמאַנסן אויף די ווערטער פון סאָוועטישע ייִדישע דיכטער. איך בין אַ גרויסער ליבהאָבער פון ייִדישע לידער. דאָס האָט זיך בײַ מיר פאַרהיט פון קינדווײַז, ווען איך האָב געהערט ווי מײַן ברודער שמועל זינגט... פאַר אָט דעם קאָנצערט האָב איך אָפּגעקליבן ווערק, וועלכע זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — איך שרײַב אים אויס שוין לאַנגע יאָרן. דאָס זײַנען ראָמאַנסן פון סערגיי טשעבאָטאַריאָוו, דאָוויד אַשקינאַזי, נאַטאַן שולמאַן, זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, ווי אויך אַזעלכע פאָלקסלידער, ווי „איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטעכל", „שלאָף, מײַן קינד", „אַ זעמערל" „אַ קינדער־ליד" און אַנדערע.

## ב לעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

אין צוזאמענהאנג מיטן 20־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש הײמלאנד" האָבן די פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונגען אין אויסלאנד פארעפנטלעכט באַגריסונגען און ארטיקלען לעקאָווד דעם יובילײאר. מיר דרוקן איבער אײניקע מאטעריאלן פון די דאָזיקע צײַטונגען.

# א ליטערארישער ווונדער איז אלט געוואָרן 20 יאָר

געשען איז עס מיט 20 יאָר צוריק. אומגעפער אין דער זעלבער צײַט, ווען דער קאָסמאָנאווט גערמאן טיטאָוו האָט 17 מאָל ארומגעקרײַזט די ערד, איז אָנגעקומען די ידיִעה, אז דאָס ראטנפארבאנדישע ייִדישע וואָרט איז צוריק ארײַן אין זײַן סאָציִאליסטישער אָרביטע. און ניט לעשעם מעטאפאָרע זאָגן מיר עס, נאָר ווײַל דאָס דערשײַנען פון „סאָוועטיש הײמלאנד" האָט געהאט א וועלט־באדײַטונג פארן פּראָגרעסיון ייִדישן וואָרט אומעטום, פּונקט ווי א סאָוועטישער הימל־אופטו האָט א וועלט־באדײַטונג פאר דער גאנצער וויסנשאפט פון דער מענטשהײַט.

ווי א ליטערארישע לופט־שיף האָט דער זשורנאל ארומגעקרײַזט די וועלט, און מיר האָבן אלע געענטפערט אפן דאָזיקן פלי, ווי עס ענטפערט א געדיכטער וואלד: מיט קלאנגפולע עכאָס, אפילע פון יענע טײלן וואלד, ווו עס לויערן די וועלף, די פוקסן און די טכוירן...

די ערשטע נומערן „סאָוועטיש הײמלאנד" האָבן מיר געהאלטן אין האנט, ווי זײַד און ווי סאמעט. ניט געבלעטערט האָבן מיר זײ, נאָר מאמעש געגלעט און געצערטלט, ארײַנגעצויגן אין זיך מיט האנאָע זײער אינערלעכן אראָמאט און די גראפישע שײנקײַט פון זײער אויסזען. דאָס וויכטיקסטע איז, פארשטײט זיך, געווען דאָס אינווייניקסטע, דער אינהאלט — די דערצײלונגען, ארטיקלען, פארצײכענונגען, עסײען, פּאָעמעס און לידער אף די פארשײדנסטע טעמעס, וואָס יעדע אײנע פון זײ האָט געאָטעמט מיט לעבנס־עכטקײַט, מיט ייִדיש־סאָוועטישער פרײד און מיט מאָראליש־אָפּגעפרישטן סאָציִאליזם.

עס איז דעריבער קײן איבערראשונג ניט, וואָס „סאָוועטיש הײמלאנד" טײלט זיך אויס אין דער פּאנאָראם פון דער ייִדישער וועלט־קולטור, ווי א שלאנקער זוניק־שנײיִקער בארגשפּיץ און ניט ווי סטאם א ייִדישער זשורנאל, וואָס דארט און קווארט אין זײַן עלנטקײַט, לויטן מוסטער פון ייִדישע אויסגאבעס אף דער וועלט. ס'איז אן אָרגאן פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר מיטן גאנצן געשטעל, מיטן גרויסן אָנזען און מיט דער פולער פאראנטוואָרטלעכקײַט, וואָס אָט די הויכע פאָרשטײערשאפט זײַנע באטײַט. „אונדזער זשורנאל וועט מיט ווירדע טראָגן דעם נאָמען, וואָס איז אָנגעצײכנט אף זײַן טאָוול", — זאָגט זיך אין נומער 1, און ס'איז ניטאָ דער נומער, וואָס זאָל עס ניט האָבן באשטעטיקט אין די פארגאנגענע 20 יאָר.

אויב עס קאָן זיך עמעצן אויסדוכטן, אז אונדזערע רײד צו „סאָוועטיש הײמלאנד" זײַנען צו שירהאשירימדיק און צו באגײַסטערט, איז גענוג צו ציטירן דאָס, וואָס פארביסענע קעגנער האָבן געזאָגט וועגן דעם זשורנאל, קעדײ פעסטצושטעלן, אז מיר זײַנען גאנץ באשײדן מיט אונדזער אָפּשאצונג.

אזא סאָוועטנפרעסערישער שײנגײַסט, ווי יאנקעוו גלאטשטײן, האָט זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון דער פּאָעזיִע פון די ייִדיש־סאָוועטישע דיכטער. צווישן ספּעציפישע לויבגעזאנגען פאר אײנצלנע דיכטער זאָגט ער, אין אלגעמײן, וועגן „א צענדליק ערשטראנגיקע פּאָעטן, מײַסטערס פון וואָרט און באמײַסטערער פון געפיל און טעמאטיק אָט וואָס; „ייִדיש אין די הענט פון די מײַסטערס־פּאָעטן אין ראטנפארבאנד איז אי שרײַבעריש־דערוועגט, אי אָנגעלענט אף א געשמאקער פּאָלקסטימלעכקײַט א סאך מער ווי אין דער גאנצער און גרויסער ייִדישער פּאָעזיִע".

און בענעגײע פּראָזע, איז קעדײַ צו ציטירן דאָס, וואָס עס זאָגט דער ניו־יאָרקער אקאדעמישער ייִוואָ־זשורנאל „ייִדישע שפּראך", דער אײנציקער פאך־זשורנאל אף דער וועלט, וועלכער פארנעמט זיך מיט די וויסנשאפטלעכע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער קלאל־שפּראך".

דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל ד״ר מאָרדכע שעכטער גיט אָפּ צוויי נומערן פונעם זשורנאַל אַף צו אַנאַליזירן אונטערן מיקראָסקאָפּ „דאָס לאָשן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

באַטראַכטנדיק די שפּראַך פון דער בעלעטריסטיק אינעם זשורנאַל, גייט ד״ר שעכטער אַראָפּ פון דער קאַלט־אַנאַליטישער, גראַמאַטיש־וויסנשאַפטלעכער ליניע, און ער צעוואַרעמט זיך אָט וויאַזוי:

„די בעלעטריסטיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז אַ שמאַלצגרוב פאַרן יידיש־פאָרשער און יידיש־ליבהאָבער. ניט נאָר די גרויסע, נאָר אַפילע צווייטראַנגיקע בעלעטריסטן זײַנען אָפּטמאָל באַלע־לאָשן, ערשטקלאַסיקע שפּראַכיקע באַלע־זיקאָרן. די דיאַלאָגן בא א 10־12 מיטאַרבעטערס פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַנען אַזוינס און אַזעלכס, פּאָשעט אַרײַנצונעמען אין אַן אַנטאָלאָגיע פון גערעדטן יידיש אָדער אַרײַנלייענען אין דיסק, אַז יידיש־לערנערס זאָלן קענען די אידיאָמען ניט נאָר לייענען, נאָר זיי הערן מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע״[1].

אַזעלכע זײַנען די אָפּשאַצונגען פון גלאַטשטיינען און שעכטערן, וועלכע זײַנען ביידע שטרענגע עקספּערטן און געהערן ביידע אידעאָלאָגיש און עמאָטיוו צום אַנטיסאָוועטישן לאַגער.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז דערגאַנגען צו אַזאַ מאַדרייגע, אַז ער קען זיך צירן און פּוצן אַפילע אין די רייד פון סאָנים, און עס זאָל דערבײַ ניט אַראָפּפאַלן קיין האָר פון זײַן קאָוועד און גרויסקײַט. ניט געקוקט אַף די אַרויסשפּרינגעכצן פון די פּראָפעסיאָנעלע סאָוועטנהעצער און פון די קאַפּיטולאַנטן פון דער הינקענדיקער „מאָרגן־פרײַהײַט״, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט אַלגינס קאַמפּס־אָרגאַן אין אַן אידעאָלאָגישן גליטש אָדער אויסגליטש־פעלד...

דער עמעס וועגן דער גרויסקײַט און אימפּאָזאַנטקײַט פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז אַלעמענס, אָבער די פרייד איז, פאַרשטייט זיך, אונדזערע. מע קאָן דעם עמעס אַרויסשטאַמלען מיט פאַרדראָס, און מע קאָן אים אויך אויסזינגען מיט ליבע. אָט אין דעם שטעקט דער אונטערשייד צווישן אונדז און די, וואָס זײַנען אַנטקעגן און קעגן אונדז.

אַרום און אַרום, אינערלעך און אויסערלעך, דורך און דורך, איז דער וואָרטזאָגער פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער יידישער ליטעראַטור עכט סאָוועטיש, סײַ אין טרײַ זײַן דער אָקטיאַבערטראַדיציע, סײַ אין פאַרבונדן זײַן מיט די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, סײַ אין אָנווענדן שעפעריש די אידייען פון ברידערלעכער פעלקער־פרײַנטשאַפט, און בעיִקער — אין אַרויסברענגען די לעבעדיקע סאָוועטישע ווירקלעכקײַט.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ פילט זיך דער קויעך און פאַרמעסט, און אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרמעסט מען זיך ניט סטאַם אַזוי. יעדער פאַרמעסט האָט אַ באַרעכטיקונג און אַ פּערספּעקטיוו. פונדאַנען איז די זיכערקײַט און די פרייד אונדזערע.

צאַלעל בליץ

„אונדזער לעבן״ (ב ו ע נ אָ ס־אַ ײַ ר ע ס)

---

[1] אַגעוו, קאָן מען בא אָט דער געלעגנהייט ברענגען אויך די אַרויסזאָגונג פון ש. לעווענבערג (לאָנדאָן) אין דער ציִעניסטישער צײַטונג „אונדזער וואָרט״ אין צוזאַמענהאַנג מיטן 20־יאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״:

„ס׳איז אַ טאָעס צו איגנאָרירן די גרויסע פּאָזיטיווע פאַרדינסטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. פון ליטעראַרישן און קולטורעלן שטאַנדפּונקט איז ער אַן אויסגעצייכנטער זשורנאַל — מיט אַ סאַך וויכטיקע און אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן.

די אויסגאַבע איז שיין געדרוקט, גוט רעדאַגירט, רײַך אין אינהאַלט.

די בענדער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַר די לעצטע 20 יאָר איז אַ וויכטיקער בײַטראָג צו דער יידישער קולטור־שעפערישקײַט און אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט וועגן די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד״.

# „סאָוועטיש היימלאַנד״

דער טיטל פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ רעדט שוין פאַר זיך אַליין. אינעם גאַנצן פאַרנעם פון דעם זשורנאַל, אין בעלעטריסטיק, אין ליטעראַרישער קריטיק, פּאָעזיע, פּובליציסטישע קאָמענטאַרן, כראָניק, רעצענזיעס און נאָטיצן ליגט דער שטעמפּל פון אַ סאָוועטישן סאָציאַליסטישן וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו די הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן, צו די ליטעראַרישע און קינסטלערישע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

דאָס, וואָס עס טיילט אָפּ דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ פון דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איז ריישיסקאָל די ערנסטקײַט, מיט וועלכער אירע שרײַבער, דיכטער און קינסטלער, ליטעראַטור־כראָניקער און קריטיקער באַהאַנדלען און שילדערן די לעבנס־פּראָבלעמען פונעם סאָוועטישן מענטשן, זײַן שעפערישע אַרבעט, זײַן גײַסטיקן אויפשטײַג, זײַן הויכע מאָראַלישע באַציִונג צו די ווערטן פון סאָוועטישן לעבן, זײַן אומדערמידלעכע שעפערישע אַרבעט.

אין אָנבליק פון אַ טייל פײַנטלעכע באַציִונגען פון דער בורזשואַזער יידישער פּרעסע אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און אויך אין

יִסראָעל, לעגאבע דעם סאָוועטנפארבאנד, לעגאבע דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, מוז דער זשורנאל אײַנשליסן אין זײַן טעטיקײַט אידעאָלאָגישע און פאָליטישע נייטיקע אופקלערונגען. ער מוז דעמאסקירן די פאלשע, ווערטלאָזע אײַנשטעלונגען, באקעמפן אידייען, טעאָריעס, אָנשווינגען און צוגלײַך ליגנס און רעכילעסן פון זשורנאליסטן און שרײַבער, וועלכע פארטומלען יִדישע מויכעס און פארפינצטערן יִדישע נעשאָמעס, האָדעווען יִדישע לייענער מיט פאלשע אינפאָרמאציעס, מיט גיפטיקע העצרײַען קעגן דעם אופשטײַג פונעם סאָוועטישן לעבן און פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

צוגלײַך מיטן סאָוועטישן פאָלק, מיט דער פאָרגעשריטענער יִדישער אינטעליגענץ, פראָגרעסיווער קעמפנדיקער מענטשהײַט שטייט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ מיטן יִדישן וואָרט אין קאמף קעגן די סאָנים פון סאָציִאליזם, פון שאָלעמקעמפנדיקע פעלקער אין דער וועלט.

אזוי ווי אין די 50—60־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט האָט דער זשורנאל „סאָוורעמעניק“ בעראָש מיט די שרײַבער טשערנישעווסקי, נעקראסאָוו און דאָבראָליובאָוו געשטורעמט די זײַלן פון דער צארישער פינצטערניש פאר די אידייען פון גלײַכהײַט און פרײַהײַט, אזוי שטייט הײַנט אין די פרײַע באדינגונגען פון דעם סאָוועטישן לעבן, דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ ווי א לײַכט־טורעם קעגן די פארקויפטע פען־שרײַבער, וועלכע ווילן פארהייליקן די עקספלואטאציע, פעלקער־פארקנעכטונג, מילכאָמע־העצעס, שטייט פאר פרייד און האָפענונג, פון גלויבן אינעם זיג פון סאָציִאליזם.

טראָץ די אָנפאלן און רעכילעס מיצאד דער געלער יִדישער פרעסע אין דער קאפיטאליסטישער וועלט, האָט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ אין מעשעך פון אירע 20 יאָר באוויזן צו שטיין אף דער הייך פון ווערטפולע ליטערארישע, קינסטלערישע שאפונגען, ער האָט געגעבן דעם יִדישן לייענער פון סאָוועטנפארבאנד, פון דער גאָרער וועלט א ווערטפולן מאטעריאל, וואָס באַרײַכערט גײַסטיק די לייענער, באוואָפנט זיי מיט וויסן, פארשאפט זיי א לעבהאפטיקן עסטעטישן גענוס און א פערספעקטיוו פון א וועלט אין שאָלעם אָן עקספלואטאציע.

בעשאס די בורזשואזע רעאקציִאָנערע יִדישע פרעסע פארזייט אין יִדישן לעבן א קרענקלעכן פעסימיזם, א גײַסטיקע ליידיקײַט און פוסטקײַט, פאלשע אינפאָרמאציעס און נישטיקע ווערטלאָזע אָפהאנדלונגען איבער ליטעראטור און קונסט, נאציִאָנאליסטישע, שאָוויניסטישע אידייען, מיסטיציזם און אידעאליזם, איז דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ א קוואל פון סאָציִאליסטישן הומאניזם, פון גלויבן אין ווערט פון מענטשן, אין זײַן קויעך צו בויען, צו שאפן און ענדערן דאָס לעבן אין דער ריכטונג פון פראָגרעסיווער היסטאָרישער אנטוויקלונג.

א וויכטיק קאפיטל אינעם זשורנאל איז דער קאמף פאר פרײַנטשאפט צווישן פעלקער, פאר פארברידערן פעלקער אין זייער קאמף פאר שאָלעם.

אין די 20 יאָר פון זײַן טעטיקײַט האָט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ אופגעלעבט אין דער יִדישער פראָגרעסיווער ליטעראטור נײַע שעפערישע קויכעס: דיכטער, דערציילער, ראָמאניסטן און ליטעראטור־קריטיקער.

אין „סאָוועטיש היימלאנד“ וועלן די לייענער ניט געפינען די סאָכרישע רעקלאמעס, מיט וועלכע עס פוסטעווען פיל צײַטונגען און זשורנאלן אין דער בורזשואזער וועלט. א זשורנאל אין אמעריקע, אין דײַטשלאנד, אין פראנקרײַך איז שווער אין דער וואָג, רײַך אין בלעטלעך מיט פארביקע מעלדונגען, אָבער אָרעם אין אינהאלט, און לייענען איז ניטאָ וואָס.

ווען א יִיד קויפט זיך א צײַטונג, א זשורנאל אין ניו־יאָרק, אין פאריזש, אין לאָנדאָן, איז אים שווער עס צו טראָגן ביז אהיים, און נאָך א טאָג צוויי טרעפט מען עס אין מיסטקאסטן.

„סאָוועטיש היימלאנד“ פארמאָגט א דאָקומענטאלן מאטעריאל, א פובליציסטיק און א שעפע פון פאָעזיע, וואָס איז פולווערטיק אין מעשעך פון יאָרן. אין פיל יִדישע הײַזער אין יִסראָעל פארנעמט די גאנצע קאָלעקציע פונעם כוידעש־זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ אין מעשעך פון יאָרן א בעקאָוועדיק אָרט.

א טייל צײַטונגען, זשורנאלן לייענט מען דורך אין אײַלעניש, קעדיי געשמאקער צו שלאָפן. דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ פאָדערט, מ'זאָל אים לייענען און לערנען, זיך באציִען מיט ערנסטקײַט צו דעם רײַכן ליטערארישן מאטעריאל, ווײַל יעדע דערציילונג און יעדע פאָעזיע אָטעמט מיט שעפערישן לעבן, מיט טיפע וויסנשאפטלעכע אָפהאנדלונגען.

א זשורנאל אין דער קאפיטאליסטישער וועלט, א בירגערלעכע צײַטונג ווארטן אפן קוינע. אין סאָוועטנפארבאנד און אין דער פראָגרעסיווער יִדישער וועלט ווארט דער לייענער אפן יִדישן סאָוועטישן זשורנאל. מיט יעדן נײַעם נומער, מיט יעדן ארטיקל, דערציילונג און פאָעזיע וואקסט און באַרײַכערט זיך זײַן אינהאלט.

די לעצטע צײַט דערשײַנט א בײַלאגע צו יעדן נומער פונעם זשורנאל, מיט א טעמאטיק, וואָס באהאנדלט פארשיידענע פראָבלעמען פונעם סאָוועטישן לעבן, פון דער סאָוועטישער הײַנטצײַטיקער יִדישער ליטעראטור, פון פאָעזיע און שפראך־סטודיעס (פילאָלאָגיע און גראמאטיק).

אין די 20 יאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד“ האָבן זיך אויספאָרמירט און פארטיפט זייער ליטערארישע שעפערישקײַט פיל יִדישע שרײַבער. זיי האָבן געשטעלט זייער ציל אין דינסט פונעם זשורנאל, באַרײַכערט מיט דערציילונגען, ראָמאנען און דיכטונג, וואָס שילדערן און באזינגען מיט א רײַפן טאלאנט דעם אופבלי פונעם סאָוועטישן מענטשן, פון יִדן בויער און קעמ־

פער, ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייַט אין דער מילכאָמע אין פארטיידיקן די סאָוועטישע היים זייערע.

די ערשטע 20 יאָר אין לעבן פון א מענטשן זייַנען די בליִענדיקע פרילינג־יאָרן, וואָס שפראָצן מיט לעבנס־פרייד, מיט ווייַטגייענדיקע וויזיִעס. זאָלן די 20 יאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" זייַן דער אָנזאָג אף ווייַטערדיקע יאָרן פון ליטעראַרישער און קינסטלערישער טעטיקייַט לעטויוועס דעם סאָוועטנפארבאנד, לעטויוועס דער פראָגרעסיווער שאָלעמקעמפנדיקער מענטשהייַט.

ש. בוים

„דער וועג" (טעל־אוויוו)

---

## באגריסונגען דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" אין צוזאמענהאנג מיט זייַן יובילײ

טייַערע כאוויירים!

פיל פרייד פארשאפט אונדז דער 20־יאָריקער יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאנד". מיט עמעסן אומגעדולד ווארטן מיר אף יעדן נייַעם נומער פון דער אויסגאבע, וועלכע איז פון אלע שטאנדפונקטן זייער אינטערעסאנט און וואָס איך ליטעראריש־קינסטלערישער ניוואָ האלט אין איין שטייַגן.

אין דער גאנצער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם ייִדישן ליטעראַרישן שאפן איז ניט געווען אזא זשורנאל, וואָס זאָל זיך קאָנען פארגלייַכן מיט „סאָוועטיש היימלאנד", און דאָס פילט זיך באזונדערס אין אונדזער צייַט, ווען די באווײנערס פון דער קולטור אין ייִדיש זאָגן קאדיש נאָך אונדזער פאָלקס־שפראך.

אף די זייַטן פון „סאָוועטיש היימלאנד" ווערן געדרוקט ווערק אין פראָזע און אין פאָעזיע, וואָס וועלן ארייַנגיין אין אויצער פון דער ייִדישער ליטעראטור. דורך איבערזעצונגען פון אנדערע לעשוינעס באקאנען זיך די ייִדישע לייענער מיט די דערגרייכונגען פון אנדערע קולטורן.

אין די 20 יאָר „סאָוועטיש היימלאנד" איז אנטפלעקט געוואָרן, אז אין ראטנפארבאנד לעבן צענדליקער טאלאנטפולע מענטשן, וואָס שאפן אין ייִדיש און זייערע ליטערארישע מעגלעכקייַטן וואָלטן זיכער פארלאָרן געגאנגען, ווען ס׳וואָלט ניט עקזיסטירט דער זשורנאל.

ווי פראָגרעסיווע ייִדן, קאָנען מיר אויך ניט פארזען דעם פובליציסטישן טייל פון „סאָוועטיש היימלאנד". מיר, אין אויסלאנד, לעבן אין מעלוכעס, ווו ס׳קומט אונדז אויס צו פירן א שווערן אידעאָלאָגישן קאמף מיט דער ייִדישער רעאקציע, דעריקער מיטן ציִעניזם אין אלע זייַנע שאטירונגען.

„סאָוועטיש היימלאנד", אָפּשפיגלענדיק די דערגרייכונגען פון די ייִדן אין גרויסן ראטנפארבאנד, העלפט אונדז שטארק מיט אין דעם דאָזיקן קאמף.

באגריסן מיר אייַך צו אייַער יובילײ און ווינטשן, איר זאָלט גיין קעסיידער פאָרויס!

לאנג לעבן זאָל „סאָוועטיש היימלאנד"!

**„גרופע „היימלאנד" אין ארגענטינע**

* * *

מיר באגריסן הארציק די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" מיטן 20־טן יאָרגאנג פונעם זשורנאל.

„סאָוועטיש היימלאנד" איז א מוסטער און א וועגווייַזער אין זייַנע ליטערארישע שאפונגען ניט בלויז פארן סאָוועטישן ייִדנטום, נאָר פאר אלע פראָגרעסיווע ייִדישע שעפערישע קרייזן אין דער גאָרער וועלט.

מיר ווינטשן אייַך און דער גאנצער שרייַבער־מישפאָכע נאָך א סאך, א סאך יאָרן פרוכטבארע ארבעט פאר א וועלט פון שאָלעם און סאָציאַליזם.

**א גרופע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד"**
**אין מאָנטרעאל, קאנאדע:**
**ל. ראָזענבלום, א. גרין, ר. גאמוס,**
**פישל און דזשעני גאָלדמאן, ה. בלעקמאן, ר. בעקער.**

# אָנהייב פרילינג אין ביראָבידזשאַן



1 2

.1 .2 דעם וועטער קאָמענטירט דער קינסטלער אָלעג עסקין
.3 די פּיאָנערן־גאַס
.4 רעב בערל איז אופגעשטאַנען פון שלאָף
.5 לאָמיר אָפּפּאַרטרעטלען דעם אוועקגייענדיקן ווינטער

3

4

5

# אין צוזאמענהאנג מיטן 60=יאָריקן יובליי
# פון דער „מאָרגן-פרײַהײַט"

אין די טעג, ווען די געוויזענע פּראָגרעסיווע ניו־יאָרקער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט" ווערט אלט 60 יאָר, קומט אויס מיט גרויס באַדויערונג אָפּמערקן דעם כורבן, אין וועלכן ס'האָבן זי אַרײַנגעוואָרפן די רענעגאַטן פּ. נאָוויק, כ. סולער און אנד. מיר דרוקן דאָ איבער א נאָטיץ פון דער אַרגענטינער פּראָגרעסיווער צײַטונג „אונדזער לעבן", וועלכע קלערט אויף די סיבעס פון דעם אַראָפּגאַנג פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" צו דער פּאַריאַ־דישקייַט פון א וואָכנבלאַט. די צווייטע פּובליקאַציע איז א פּאַסטאַט פון דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער צײַטשריפט „דזשויש אפערס", וועלכע האָט איבערגעדרוקט פון דער אָבסקוראַנטיש־רעאַקציאָנערער זשורנאַליסט מ. גראַניט און דעם איצטיקן רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פּ. נאָוויק. פון די דאָזיקע פּובליקאַציעס איז צו זען, ווי נידעריק עס זײַנען געפאַלן די רענעגאַטן און אין וואָס פאר א מאַצעוו עס באַלעגט די „מאָרגן־פרײַהײַט" איר 60־יאָריקן יובליי.

## „מאָרגן־פרײַהײַט" — איין מאָל אין וואָך

די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט", וואָס אמאָל־אמאָל האָט זי געגאָלטן ווי „די מוטער פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרעסע", האָט אין איר 59־יאָריקער געשיכטע דורכגעמאַכט פאַרשיידענע עטאַפּן פון אײַנשרומפּונג. פון א טעגלעכער צײַטונג האָט זי זיך בעהאַדראַגעדיק פאַרוואַנדלט אין א צײַטונג פון 5 מאָל א וואָך, שפּעטער — פון דרײַ מאָל א וואָך, און זינט דעם 1 יוני 1981 — פון איין מאָל א וואָך.

די דאָזיקע באַרגאַראָפּיקע פאַרקלענערונג מאָטיווירט די רעדאַקציע מיט א דראָענדיקן דעפיציט פון 425.000 דאָלאַר א יאָר. נאָך אַלע מעלאָדראַמאַטישע רופן נאָך הילף, אין אָנבליק פון דער „סאַקאָנע פון אונטערגאַנג", און נאָך פאַרשיידענע קונציקע „קאַמפּיין־סטראַטעגיעס", האָט מען זיך געמוזט דעצעדירן צו ווערן א וואָכן־צײַטונג. עס איז אויך קעדײַ צו דערמאָנען, אז אין אָלגינס צײַטן האָט די צײַטונג געהאַט א טיראַזש פון 50.000 עקזעמפּליאַרן און איצט — פון אַרום 5.000 מע דאַרף אויך געדענקען אז די צײַטונג האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין לעגאַלע שוועריקייטן צו דערשײַנען, אפילו אין די מאַקאַרטי־צײַטן, און האָט קיינמאָל ניט געפילט אף איר קאַרק די פּאָליציישע פויסט, אזוי ווי מיר, אין אַרגענטינע, ווו צענדליקער פון אונדזערע צײַטונגען און אנדערע אויסגאַבעס זײַנען ברוטאַל ליקווידירט געוואָרן דורך די פאַרשיידענע פּראָפאַשיסטישע רעזשימען.

ריידנדיק וועגן דעפיציט, פאַרשווײַגט אָבער די רעדאַקציע דאָס וויכטיקסטע: די שנעלע פאַרקלענערונג פון איר אײַנפלוס צווישן די מאַסן איבער דעם, וואָס זי האָט אויסגעקרימט איר פּאָליטיש־פּראָגרעסיווע ליניע אין דער ריכטונג פון אנטיסאָוועטישקייט און פּראָציוניזם, און ס'איז קעדײַ אָנווייזן, אז אָט דער אידעאָלאָגישער דעגראַדאַציע־פּראָצעס אירער ווערט קעסיידער אַלץ שטאַרקער.

עס איז ריכטיק, אז אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראַן אָן אַנטשיידענע אַנטיציוניסטישע פּובליציסטיק, און אַנדערש, ספּעציעל אין די איצטיקע באַדינגונגען, האָט דאָך ניט געקאָנט זײַן, אָבער די „מאָרגן־פרײַהײַט", מיטגרילצנדיק מיטן כאָר פון דער רעאַקציע, טײַנעט, אז „אַנטיציוניזם איז אַנטיסעמיטיזם", און פונדאַנען איז דאָך קלאָר פאַר איר, אז עס עקזיסטירט א „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם" און א פאַרשווערונג פונעם לעניניזם... די דריטהאַלבן קאַפּיטוליאַנטן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרשטייען ניט, ווי לעכערלעך זיי זײַנען, ווען זיי שטעלן זיך אוועק לערנען לעניניזם ניט מיט קיין אַנדערן, ווי גראָד מיטן ראַטנפאַרבאַנד...

עס איז נאָך קעדײַ צוצוגעבן, אז ווי נאָר ס'דערשײַנט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט א ידיעה, וואָס איז אומגינסטיק פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָן מען זי גלײַך געפינען אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט", וואָס איז, אגעוו, די פאַרטיידיקערן פון קאָלערליי דיסידענטן און דעזערטירן.

בעמיילע מאכט זי שוין צו בלאָטע דעם שפּיגל־אָרגאַן פון דער מאָדערנער ייִדיש־פּראָגרעסיווער ליטעראַטור „סאָוועטיש היימלאַנד", דערפאַר ווײַל דאָרט איז געוואַגט געוואָרן צו געבן א געהעריקע אָפּשאַצונג פונעם פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן באַרג־אַראָפּ פון די „מאָרגן־פרײַהײַט"־רעדאַקטאָרן, אין ווענענס שלאַבעריקע הענט עס ליגט איצט אָלגינס רומפולער אָרגאַן.

וואָס שייַעך זייער פּראָציאָניזם, האָבן די רעדאַקטאָרן, די אמאָליקע באַקעמפער פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, אופגעדעקט איצט א „גוטן" ציוניזם, און זיי באַמיִען זיך אַלץ אָפּטער דורכצושטופּן אין דער צײַטונג וואָס מער סימפּאַטיע פאַר זייערע אמאָליקע קעגנער, אָנגרייפנדיק גלײַכצײַטיק די פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין ייִשראָל — די איינציקע, וואָס ראַנגלט זיך פאַר א ייִדיש־אַראַבישן שאָלעם.

# דווירע קאָוואַלטשיק

וועגן אָט דער קינסטלערן ווייסן מיר זייער ווייניק. די פּוילישע ייִדן זײַנען געווען אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, קלײנהענדלער, און אָפט פלעגט מען זיי געבן פאַמיליעס לויט זייערע פאַכן. ווײַזט אויס, אַז עמעצער פון דווירע קאָוואַלטשיקס אָוועס איז געווען אַ קאָוועל.

דער לאַגער פון צוואַנגס־אַרבעט אין לײַביטץ, מיזרעך־פּרײַסן, וווּ עס איז געווען פאַרשפּאַרט ד. קאָוואַלטשיק, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין פיליאַל פונעם שטוטהאָפער קאָנצלאַגער. די קינסטלערן האָט געמאָלט דאָס, וואָס זי האָט געזען מיט אירע אײגענע אויגן.

דעפּאָרטירטע פרויען אינעם לאַגער שטוטהאָף. געמעל מיט אַ פּען און אַ בלויען בלײַער, 1945.

# אמאָס שוואַרץ

וועגן אים זײַנען פאַראַן קנאַפּע ידיעות. מע האָט אים אינטערנירט אין לאָדזשער געטאָ, דערנאָך איבערגעשיקט קיין אָשוועניצים (1944), פֿונוואַנען ער האָט זיך שוין ניט אומגעקערט. אין זײַנע פּילצאָליקע געמעלן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזוכט נאָך דער מילחמה, זײַנען פֿאַרײַביקט די ליידן פֿון די אינטערנירטע אין די פֿאַשיסטישע לאַגערן, הויפּטזאַכלעך די ליידן פֿון קינדער.

א גאסן־הענדלער אין געטאָ. אקוואַרעל, 1944.

# כאלינא אַלאָמוצקא

זי איז געבוירן געוואָרן אין ווארשע, אריַינגעפאלן אין ווארשעווער געטאָ און אין אָשוועני־צים. נאָך דער באפריַיונג זיך אומגעקערט קיין ווארשע, ווו אין 1949 איז איַינגעאָרדנט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון אירע ווערק. נאָך דער מילכאָמע שטודירט אין דער לאָדזשער אקאדעמיע פון שיינער קונסט.

אירע בילדער געפינען זיך אין פיל מוזייען. עטלעכע געמעלן אירע, וועלכע זיַינען געשאפן געוואָרן אין געטאָ, האָבן די פוילישע פריַינט געראטעוועט, אויסבאהאלטנדיק זיי אף דער אזוי־גערופענער ארישער זיַיט.

אין געטאָ. געמעל מיט קויל און מיט א פען, 1943.

# יויסעף ריכטער

לעכאטכילע האָט ער זיך קעגנגעשטעלט די פאשיסטן מיט זײַנע געמעלן, דערנאָך פאָרגעזעצט דעם געראנגל מיט קלײזײַען אין די הענט. אין כעלם, לעם סאָביבאָר האָט ער איבערגעלאָזט די געמעלן אין א באוואָרנט אָרט און איז אוועק צו די פארטיזאנער. צי האָט מען אים געכאפּט אפן וועג צום וואלד, אָדער ער איז געפאלן אין שלאכט?..

יויסעף ריכטערס ווערק וועקן דעם מענטשלעכן זיקאָרן, זיי לאָזן ניט פארגעסן די קאָרבאָנעס פון די פאשיסטן.

אָט איז א קלײנינקער געמעל אף א שטיקל צײַטונגס־פאפיר: „א פענצטערל אין א וואגאָן פאר פי״. אף דער לינקער זײַט האָט יויסעף ריכטער אָנגעשריבן: „זיי בעטן וואסער״. טוט א קוק אפן געמעל „א מענטשישע האנט אף די רעלסן נאָך דעם, ווי עס איז דורכגעגאנגען א צוג קיין סאָביבאָר״...

אף אן אנדער געמעל לייענען מיר: „זי איז געלאָפן פון א פי־וואגאָן. אין עק פונעם צוג שטייט א קוילנוואָרפער. דער וואלד איז ניט קיין געדיכטער״. און נאָך א בילד: „א פאָרטרעט פון א געהאָר־געטן מאנצבל״. דערנעבן אן אופשריפט: „א ייד, ווען מ׳האָט דערמאָרדעט אף דער פראכט־סטאנציע אין ליובלין״ און אָט — א גאנצע מישפּאָכע. מע פירט זיי אפן בעסוילעם אין קראסניסטאווע — צום צעשיסן...

דעפּאָרטאציע. געמעל מיט א בלײַער, 1943.

קעדיי צו פארשטארקן די ליניע פון פּראָציִעניזם, האָט זיך די „מאָרגן־פרײַהײַט" לעצטנס פארזאָרגט מיט א נײַעם ייִסראָעל־קאָרעספּאָנדענט — איינעם א צירולניקאָוו, וואָס שיט פּעך און שוועבל אף כאדאש און אף די פּראָגרעסיווע קרײַזן. ער האָט זיך ארײַנגעפּאסט מיט א געהעריק שרײַפל אין דער אנטיפּראָגרעסיווער מאשינעריע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און שטעלט צו פולע טעלער מיט „גוטן" ציִעניזם...

נעמענדיק אין אכט די גאנצע ליניע פון דער צײַטונג, איז ניט קיין וואונדער, וואָס זי איז אבסאָליוט סאָלידאריש מיט דער פּוילישער „סאָלידארנאָסט", וועלכע ווערט דורך איר אָנגערופן אין א לייטארטיקל ווי א „באוועגונג פאר דעמאָקראטיע און פרײַהײַט", וואָס איז „קעגן אנטיסעמיטיזם און בעמיילע פאר עמעסן סאָציִאליזם"... בא דער געלעגנהײַט דערמאָנען מיר, אז לויטן ווארשעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער טעל־אוויווער צײַטונג „יעדיִאָט אכראָנאָט", איז געווען א באשלוס פון „סאָלידארנאָסט" ניט ארײַנצונעמען קיין ייִדן אין די נײַע סינדיקאטן, קעדיי „אויסמײַדן א ייִדישע באהערשונג".

אין אלגעמיין גענומען, איז די גרונט־סיבע פון אײַנקאָרטשען זיך פון דער צײַטונג — דער פארלוסט פון איר פּרעסטיזש איבער איר אידעאָלאָגישער פארבלאָנדזשעטקײַט, צוליב טאָן דאָס פארקערטע, וואָס אָלגין האָט אויסגעקרייצט אף אירע לוכעס. מיט קנאפּע 25 יאָר צוריק האָט זי זיך פּראָקלאמירט ווי אן „אומאָפּהענגיקע פאָלקס־צײַטונג", אָבער „אומאָפּהענגיקײַט" בא א צײַטונג, וועלכע איז אופגעקומען אף מיליטאנטישע פּראָגרעסיוו־סאָציִאליסטישע יעסוידעס, איז אָפּטמאָל דער סינאָנים פון אומפאראנטוואָרטלעכקײַט, וואָס פירט בעמיילע צו אידעאָלאָגישן באנקראָט.

„א ו נ ד ז ע ר  ל ע ב ן",
(בוענאָס־אײַרעס)

## גערשפּרעך מיט פּסח נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרייהייט"

אין דעם געשפּרעך האָט נאָוויק געזאָגט:

„איך בין געבוירן ביי אַן אָרעמער באַלעבאַטישער משפּחה אין בריסק, ליטע, די שטאָט פון ר' חיים סאָלאָווייטשיק, קריב 90 יאָר צוריק. מיין טאַטע, אַ קרעמער, האָט מיך געשיקט אין דער ישיבה און גענומען צו ר' חיימען ער זאָל מיך בענטשן. ער האָט געבענטשט איך זאָל ווערן אַ רב. אַפּנים איך בין געוואָרן אַ רב ביי יידן אויף אַן אַנדער שטייגער", דערציילט פּסח נאָוויק.

**פּסח נאָוויק האָט אָנגעפאַנגען ווי אַ בונדיסט**

די אידעעס פון פּסח נאָוויק ווערן פאָרמולירט אויף די שפּאַלטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט", שוין 42 יאָר ווי ער רעדאַגירט די יידישע קאָמוניסטישע צייטונג. ער איז דער פּוסק אחרון, דער מאַרקסיסטישער „רב" ביי ראַדיקאַלע יידן.

**פּסח נאָוויק אַ בעל־תשובה**

פּסח נאָוויק איז תמיד געווען און איז פאַרבליבן אַ שאַרפער קעגנער פון ציוניזם און פּרינציפּעל אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט. ער איז אָבער אַן ערלעכער קעגנער, אַ מוטיקער, און שרעקט זיך ניט צוצוגעבן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות; ער איז איצט אַ בעל־תשובה און קלאַפּט זיך על־חטא.

**אוישוויץ האָט געבוירן אַ נייעם יידישן באַוואוסטזיין**

אין 1947, ווען די פאַראייניקטע פעלקער האָבן געשטימט פאַר דער חלוקה פון פּאַלעסטינע און עס איז דערנאָך פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה, האָט פּסח נאָוויק אויפגעגעבן זיין קעגנערשאַפט צום ציוניזם, און שטיצט די יידישע מדינה. זיין נייע שטעלונג, זאָגט ער, איז אַ פּועל יוצא פון אַ „נייעם יידישן באַוואוסטזיין", וואָס איז געבוירן אין אוישוויץ".

„ד ז ש ו י ש  א פּ ע ר ס"
(ניו־יאָרק)

■ ■ ■

# יוסעף אלבירט

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן הארציק דעם דיכטער יוסעף אלבירט מיט זיין 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאס־יאָמים און נייע שעפערישע דערפאָלגן.

## צוויי מעשאָלים

### דער אָדלער און די פּראָש



פון בלאָטע האָט א גרינע פּראָש
ארויסגערוקט די נאָז
און האָט דערזען אן אָדלער לעבן זיך...
האָט זי צו אים א שפּרונג געטאָן אפּגיך
און קוואקען מיט באגייסטערונג גענומען:
— אָ, וועמען זע איך! ביסט געקומען
זיך כאָווערן מיט מיר! ווייזט אויס,
אז ווי עס זאָל דער הימל זיין ניט גרויס,
איז אין דער בלאָטע מיינער בעסער
און זי פון בערג פון דיינע איז נאָך גרעסער —
גרויסארטיק גרין, צעקוויטלט, ווי א טעפּיך!
דער אָדלער איז געווען פארוווּנדערט, נעבעך,
נאָר הערן פון א פּראָש אזעלכע ווערטער!
אין קאַס ווערט ער,
צעשפּרייט די פליגל, טוט מיט זיי א מאַך:
— ס'איז פּאַר אן אָדלער דען א זאַך
זיך כאָווערן מיט פּרעש?
געדענק — און ניט פארגעס,
ביסט מיעס און געמיין אין מיינע אויגן!
זיך אופגעהויבן — און אוועקגעפלויגן...

### דער אקער און די רויערד

אין פעלד, אין סאַמע מיטן,
האָט אין דער רויערד זיך אן אקער איינגעשניטן.
איז באַלד
די ערד ארויס מיט א געוואַלד:
— וואָס טוסטו, דו, רעצייעך?
אזויפיל יאָרן רויק שטיי איך,
דו פּרעג בא יעדן איינעם —
איך טשעפּע דאָך ניט קיינעם.
פארוואָס זשע קומט מיר אָט אזא מין פּיין?
דער אקער — קוים ער האַלט זיך איין
ניט אויסצושיסן א געלעכטער:
— אוואדע ביסטו, טייערינקע ערד,
גערעכט!
נאָר ווער פון אונדז א גוטער איז
און ווער א שלעכטער,
וועט פּאַסקענען דערנאָך א דריטער —
פון דער גערעטעניש א שניטער...

### מיר ענטפערן אויף פראגעס פון אונדזערע לייענער

# ווער זײַנען די „פילאנטראָפּן"?

מיט אזא פראגע האָט זיך צו אונדז געווענדעט די פענסיאָנערקע ליובע דיריבאסנע (קראסנאָיארסק), האָבנדיק אין זינען די פערזאָנען אין אויסלאַנד, וואָס שיקן געלט און זאכן אפּן אדרעס פון אומבאוווּסטע פאר זיי סאָוועטישע בירגער.

זאָגן, אז מאקס ב. איז א קאפּצן, קאָן מען ניט. זאָגן, אז ער איז א גוויר, וואָלט אויך געווען ניט ריכטיק. ער פארנעמט א באשיידענע שטעלע אין איינער פון די ריגער בוימאָנטאזש־פארוואלטונגען. פונדעסטוועגן, ווען לייע זיסקינד, וועלכע ווױנט אין דער דײַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק, האָט זיך געווענדעט צו אים מיט א באקאָשע, ער זאָל איבערגעבן א ריי מענטשן גרויסע סומעס געלט, איז ער ניט ניספּאָעל געוואָרן און טייקעף זיך גענומען פאר דעם איניען.

ווּעמען און פארוואָס עס איז אופגעקומען די נויטווענדיקײַט צו צאָלן אָט די כויוועס, וועלן מיר דערציילן שפּעטער, דערווײַל לאָמיר זען, פונוואנען מאקס ב. שעפּט אזא באדײַטנדיקע פּויטעקע.

אין 1980 האָט פון ריגע קיין יִשׂראָעל עמיגרירט יודל זיסקינד. און, ווי עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, האָט ער פארן אָפּפאָרן איבערגעלאָזט מאקסן א גאנץ שווערן בײַטל אָף דעם פאל, אויב מע וועט דארפן „קויפן און איבערשיקן וועלכע־ס'ניט־איז כפּייצים". אין איינעם פון זײַנע בריוו האָט זיסקינד אומגעריכט מיטגעטיילט, אז אויב עס וועלן אָנקומען פאראָרדענונגען פון אן אנדער מענטשן, ניט פון אים, אשטייגער פון זײַן שוועסטער לייע, וועלכע ווױנט אין אָפּענבאך אָף דעם מײַן, מוז מען זיי פאָלגן, גלײַך ער אליין, יודל זיסקינד וואָלט זיי ארויסגעזאָגט. לאנג ווארטן האָט מען ניט געדארפט. אָבער עס איז געגאנגען א רייד ניט וועגן קויפן אן אײַזקעלטער, אָדער די בארימטע ריגער מעבל־גארניטורן. מאקסן האָט מען פאָרגעלייגט אָפּזוכן לויט דער רעשימע, וואָס איז צוגעלייגט געוואָרן צום בריוו, א ריי מענטשן און „אומקערן זיי לייעס אלטע כויוועס". די כויוועס זײַנען געווען פארשיידענע — פון הונדערט ביז טויזנט רובל.

מיילע, אלץ קאָן זיך טרעפן אין לעבן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז א ברודער שענקט דער שוועסטער געלט, און זי, אין דרײַצן יאָר ארום נאָך איר עמיגראציע פון לעטלאנד, באקומט לעסאָף א מעגלעכקײַט צו ווערן אויס באלכויוו. א גוט הארץ, א קרעפּטיקער זיכּאָרן. אן אויסערגעוויינלעך קרעפּטיקער, אויב נעמען אין אכט, אז קיינער פון די קרעדיטאָרן האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווער עס איז אזוינס לייע זיסקינד און ווער איז איר ברודער יודל. און וועגן די געבאָרגענע סומעס האָט אויך קיינער קיין אנונג ניט געהאט, האגאם ניט אלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט באקומען זיי.

די ווערסיע וועגן א האלוואָע האָט געפּלאצט. ס'איז נאטירלעך אופגעשווּמען די פראגע: ווו איז דער שוירעש פון אזא מין ברייטהארציקײַט און ווער זײַנען זיי אינדערעמעסן, אָט די „פילאנטראָפּן", וועלכע האָבן זיך פארשטעלט מיט א פרעמדן נאָמען?

אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אין דעם „ווײַסן בוך", וועלכער איז דערשינען אין מאָסקווע מיט א פּאָר יאָר צוריק. „די ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס שעמען זיך ניט אונטערצוקויפן עמעצן, פאנגען אים מיט א וואָסער־ניט־איז מאטאָנע, וועלכע דארף, לויט זייער מיינונג, דעמאָנסטרירן דעם הויכן לעבנס־ניווא אין יִשׂראָעל און ביכלאָל אָף מײַרעוו". די פּעקלעך ווערן ארויסגעשיקט מיט דער הילף פון דער פירמע „דינערמאן און קאָמפּאניע" אין ענגלאנד, פון די אקציִאָנערע געזעלשאפטן „מעלאָ" אין שווייצאריע, „כעלגא קאָך טריידינג" אין דענעמארק, „טאָמאס און עליאס" אין בעלגיע. די אמערסטן באוווּסטע פון זיי איז די פירמע „לינערמאן און קאָמפּאניע", וועמענס שטאב־קווארטיר געפינט זיך אין לאָנדאָן. זי איז געקניפּט און געבונדן מיט קאָלערליי ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס, מיטן לאָנדאָנער „פארבאנד פון בײַבאלטישע יִדן", מיטן „בוקאָווינער רעליף" און נאָך מיט פיל אזעלכע געזעלשאפטן. איר באלעבאָסטע מ. דיינערמאן האָט א ברודער — אלעקס דזשאפּעט, און ער איז טעטיק אין טעל־אוויוו אלס „צונויפזאמלער פון אדרעסאטן".

מיטן קלײַבן אדרעסן פארנעמען זיך אקטיוו א סאך מענטשן און די אָרגאניזאציעס, וואָס שטייען הינטער זיי, לעמאָשל, „סאָכנוט", „דזשאָינט", „היִאס". מיט זיי — מיט די אדרעסן און מיט אָט די מענטשן — אינטערעסירט זיך באזונדערס שטארק „שין־בעט", די יִשׂראָעלדיקע אויסשפּיר־דינסט, וועלכע איז, אייגנטלעך, א פיליִאל־„פירמע" פון דער אמעריקאנער צענטראלער אויסשפּיר־פארוואלטונג. ס'איז ניט איבעריק דאָ צו ברענגען אן ארויסזאָגונג פונעם אמעריקאנער

אויסשפירער, גענעראל דזשאָן קיגאַן. אין זײַן אינטערוויו דער צײַטונג „דזשערוסאלעם פּאָסט" האָט ער זיך בארימט, אז פאר יעדן דאָלער, וואָס די פארייניקטע שטאטן גיבן אויס אין דער פאָרם פון הילף פאר ייִסראָעל, באקומען זיי אף טויזנט דאָלער אלערליי באדינונגען, צווישן זיי — א מעגלעכקײַט זיך באקענען מיט דער דאָקומענטאציע און געהיימער אינפאָרמאציע וועגן דעם סאָוועטנפארבאנד.

נאטירלעך, אז געלט פון אויסלאנד שיקט מען ניט מאכמעס אלטרויִסטישע געפילן. די רעאקציִאָנערע אנטיסאָוועטישע צענטרען לאָקערן נאָך די נעשאָמעס, נאָך די מענטשן, אף וועלכע זיי האָפן זיך אָנשפארן אין אונדזער לאנד. מעטאָדן ווערן אויסגענוצט דערבײַ פארשיידענע, אָבער דער ציל איז איינער. מיט עטלעכע יאָר צוריק, לעמאָשל, האָט דער טוישעוו פון לעטלאנד אנשל ט. געמוזט זיך ווענדן צו די קאָמפּעטענטע אָרגאנען פון דער רעפּובליק און אפילע צום גענעראל־סעקרעטאר פון דער אָרגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס מיט א באקאָשע, מע זאָל אים פארטיידיקן פונעם שאנטאזש מיצאד געוויסע פערזענלעכקײַטן און אפילע אָפיציִעלע קערפערשאפטן פון ייִסראָעל, וועלכע האָבן אים גענומען שיקן „ארויסרופן" אף אוועקצופאָרן פון פּססר. אזעלכע אקציעס, וועלכע ווידערשפרעכן די צווישנפעלקערלעכע גערעכט־נאָרמעס און דעם גײַסט פון די העלסינקער אָפּמאכן, ווערן פראקטיקירט זייער אָפּט. בלויז פאר דער לעצטער צײַט האָבן צענדליקער מענטשן זיך געווענדעט אין די סאָוועטישע יוסטיץ־אָרגאנען מיט בריוו, אין וועלכע זיי דריקן אויס זייער אופגעבראכטקײַט פאר די באקומענע פאלשע פאפירלעך. די אַרגאניזאטאָרן פון דער אידעאָלאָגישער און פסיכאָלאָגישער מילכאָמע קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד שעמען זיך ניט מיט קיין שום שמוציקע גענג, קעדיי דערגרייכן זייערע צילן. בא די אָרגאניזאטאָרן פונעם, ווי זיי זאָגן אליין, „קאָנווייער פון דעם פסיכאָלאָגישן קריג", איז פאראן, פארשטייט זיך, ניט נאָר א טעל־אוויווער אדרעס. הינטער די פּראָוואָקאציִאָנעלע אקציעס שטייען פארשיידענע אָפענע און געהיימע צווישנפעלקערלעכע אנשטאלטן, פארייניקטע מיט אן איינהײַטלעכער פּלאטפאָרמע — דעם פארביסענעם אנטיסאָוועטיזם. דערבײַ, אלס קלאל, דעקן זיי זיך צו מיט דערהויבענע און לײַטישע דעקלאראציעס וועגן פארטיידיקן די מענטשן־רעכט (פארשטייט זיך, בלויז אין פּססר און אין אנדערע סאָציִאליסטישע לענדער).

דאָ ניט לאנג האָט די צווישנפעלקערלעכע אָרגאניזאציע „עמניסטי אינטערנעשנל" פאנאנדערגעוויקלט א ראשיקע פּראָפּאגאנדיסטישע קאמפּאניע ארום דעם פארורטיילטן מיצאד דעם סאָוועטישן געריכט יא. טילגאליס, וועלכן מע האָט אפגיך געקרוינט מיטן טיטל „מארטירער פונעם געוויסן", אנדערש געזאָגט — ארויסגעשטעלט אים אלס קאָרבן פון געבראָכענע מענטשן־רעכט. דעם ספּעקוליאטיוון כאראקטער פון אָט דער קאמפּאניע האָט בעסער פון אלעמען אופגעקלערט אליין טילגאליס אין דעם בריוו צו איינעם פון די אָנפירער פון „עמניסטי אינטערנעשנל": „איר, הער האראָלד זעבער פון באָן, פאָדערט אין אײַערע פילצאָליקע ווענדונגען צו פארשיידענע סאָוועטישע אָרגאניזאציעס, מע זאָל מיך באפרײַען, איר שטרײַכט אונטער, אז עס האָבן מיך געקרוינט אלס „זייערן א זון" א ריי גרופּעס פון „עמניסטי" אין דער דײַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק, אין די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע, אין שווייץ, שווייצאריע און בעלגיע. איך בין איבערצײַגט, אז דאָס איז דיקטירט געוואָרן ניט פונעם הומאניסטישן געפיל צו מײַן באשיידענער פערזאָן, נאָר פונעם גלוסט אויסצונוצן מײַן נאָמען אין פּראָפּאגאנדישע צילן".

מיט א שטיקל צײַט צוריק האָט די פּרעסע מיטגעטיילט וועגן דעם שענדלעכן סאָף פון דער שפּיִאָנישער מיסיע, וועלכע עס האָבן גענומען אף זיך דער טוריסט פון שוועדן ניעדרע און זײַן באהעלפער סקודרא. זייער אוואנטיורע איז איצט שוין ברייט באוווּסט. דאָס איז נאָך איין פאקט, וועלכער אנטבלויזט דעם טאָך פון דער טעטיקײַט פון די אומגעבעטענע „פילאנטראָפּן" פון פארשיידענע אנטיסאָוועטישע צענטערן. ניט דאָס לעצטע אָרט פארנעמען דאָ די נאציִאָנאליסטישע עמיגראנטישע אָרגאניזאציעס. פון די געהיימע פאָנדן, וועלכע פינאנסירן די אויסשפּירדינסטן, ווערט באצאָלט די ארבעט פון קאָלערליי אגענטן און עס ווערן ארויסגעגעבן אוואנסן אף דער צוקונפט.

צי ניט זיי האָבן דיקטירט דעם בריוו, וועלכער איז אָנגעקומען פון אָפּענבאך אף דעם מײַן? ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אז לייע זיסקינד איז געווען א באלכויוו בא צענדליקער מענטשן אין פארשיידענע ראיאָנען פון לעטלאנד. פיל מערקווירדיקער איז אן אנדער אומשטאנד. אלע אירע קלוימערשטע קרעדיטאָרן זײַנען קאָמפּראָמעטירט געוואָרן מיט ניט קיין אָנשטענדיקער טעטיקײַט, וועלכע זיי האָבן פאָרגענומען בענעגייע דער סאָוועטנמאכט, אלע האָבן זיי אונטערגעהאלטן פארבינדונגען מיט אנטיסאָוועטישע עמיגראציע־צענטרען. מירן דאָ ברענגען פּראָטים בלויז פון עטלעכע ביִאָגראפיעס — זיי ריידן אליין פאר זיך.

•

באָניפאצי ג. ארבעט אלס ווירטשאפט־פארוואלטער אין דאוגאווּפּילסער ראיאָן. זײַן פאָטער איז געווען א באהעלפער בא די היטלערישע אָקופּאנטן, א געוועזענער באלעגוף.

די שוועסטער מילדא ק. און ריטא ד. זייערע נאָענטסטע קרויווים זײַנען אמאָליקע אָפיצערן פונעם לעטלענדישן עסעס־לעגיִאָן, איצט וווינען זיי אין פּשא. זייער פאָטער איז פארמישפּעט פאר פײַנטלעכער טעטיקײַט.

עדוארד ש. איז א שאָפער אין עקאבפּילסקער ראיאָן. בייס דער מילכאָמע האָט ער געדינט אלס לייטענאנט אין עסעס, אָנטיילגענומען אין שטראָף־אָפּעראציעס אין ווײַסרוסלאנד און לעטלאנד. פאר אָט די פארברעכנס האָט ער באקומען זײַן שטראָף.

דער אָפּקלײַב פון די פערזאָנען איז ניט קיין צופעליקער. די „פילאנטראָפּן" גייט גאָרנישט ניט אָן, זיי שעמען זיך קיין קאפּל ניט, וואָס די קלוימערשט איבערגעלאָזענע געלט־מיטלען פון יענע ייִדן, וואָס עמיגרירן אף מײַרעוו, ווערן אויסגענוצט אף פינאנסירן נאציסטישע פארברעכער און קרימינעלע עלעמענטן.

ניין, די פירמע „דינערמאן און קאָמפּאניע" איז גאָר ניט אזא ברייטהארציקע, ווי אייניקע וואָלטן זי געוואָלט פאָרשטעלן, דאָס זעלבע — אלע אירע אנדערע קרויווישע אנטיסאָוועטישע פירמעס. איינעם

מיט דעפיציטע כפייצים פון ברייטן געברויך האָט אָט די פירמע, לעמאָשל, איבערגעגעבן אינסטרוקציעס פון דער ייִסראָעלדיקער אויסשפיר־דינסט ג. בוטמאנען און זײַן גרופּע, וועלכע האָט אין 1970 יאָר געפּרוּווט פארכאפּן אן עראָפּלאן אף דער לופט־טראסע לענינגראד — ריגע.

קיינער שטערט ניט די בירגער בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד, זיי זאָלן זיך פארייניקן מיט נאָענטע קרויווים פון אויסלאנד. ס׳איז גאנץ נאָרמאל, וואָס די קרויווים שיקן איינער דעם אנדערן מאטאָנעס און באגריסונגען אין די יאָמטויווים. דאָס איז א מישפּאָכע־איניען. די סאָוועטישע געזעצן זײַנען קוידעמקאָל אָנגעצילט אף וואָרענען יענע מענטשן, וועלכע טרעטן אריבער אין זייערע פארבינדונגען אָט די נאָרמאלע קרויווישע באציִונגען.

ס׳איז נייטיק צו מאכן אופמערקזאם יענע מענטשן, וועלכע באקומען מאטאָנעס פון אויסגעטראכטע אויסלענדישע פארשוינען, אָדער זײַנען מעקלערס אין קעדוימע אזעלכע איניאָנים, אז סאָפּקאָלסאָף קומט אויס צו לעשן אָט די וועקסלען. פאר אלץ צאָלט דער מענטש. יעדערער שאפט זײַן גוירל אליין, מיט די אייגענע הענט.

וו. בלוויואקס

---

# ערע זייער אָנדענק!

## אווראָם דאָברינקי

אין עלטער פון 93 יאָר איז געשטאָרבן אווראָם דאָברינקי. געבוירן אין 1888 אין בערדיטשעוו, האָט ער אלע זײַנע יאָרן געארבעט אלס בוכהאלטער, נאָר שטענדיק ארויסגעוויזן א צוגעבונדנקײַט צו דער ייִדישער ליטעראטור. אָנהייבנדיק פון די 20־ער יאָרן און ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן האָט ער געפירט א ביבליִאָגראפישע רעשימע פון די ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע און אויסלענדישע שרײַבער, וועלכע זײַנען בא אונדז אין לאנד דערשינען אין באזונדערע ביכער, אין זשורנאלן, זאמלונגען און צײַטונגען. ער האָט צונויפגעזאמלט א היפּשע צאָל ייִדישע פאָלקסלידער, זיי סיסטעמאטיזירט און אָנגעשריבן א ריי ארטיקלען איבער פאָלקלאָריסטיק. די ערשטע ליטעראטור־קריטישע ארבעטן האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1941. אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט א. דאָברינקי פארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן דער ייִדישער דיכטונג אין דער פרעסע פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן, וועגן דער שאפונג פון שיפרע כאָלאָדענקאָ, נויעך לוריע, מייער אלבערטאָן.

אויסער קסאוויאדן פון א ריי ארטיקלען, האָט א. דאָברינקי איבערגעלאָזט טאָגביכער, וועלכע ער האָט געפירט, אָנהייבנדיק פון די דרײַסיקער יאָרן.

## ריווקע שילער־בוזגאן

אין מאָסקווע איז געשטאָרבן ריווקע שילער־בוזגאן. אין מעשעך פון א האלבן יאָרהונדערט איז זי צוזאמען מיט איר מאן כעוול בוזגאן געווען צווישן די טאלאנטפולסטע ייִדישע שוישפּילער, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט די טראדיציעס פון עסטער־ראָכל קאמינסקע.

געבוירן אין 1903 אין שטעטל ליובאר (אוקראַיִנע), האָט ריווקע שילער־בוזגאן נאָכן ענדיקן די גימנאזיע אָנגעהויבן ארויסטרעטן אף דער בינע. שפּעטער ווערט זי א פראָפעסיאָנעלע אקטריסע — צוערשט אין לעמבערג, דערנאָך אין ריגע, ווילנע און אין אנדערע שטעט פון אייראָפּע און אמעריקע. בייס דער צווייטער וועלטמילכאָמע טרעט זי ארויס צוזאמען מיט כעוול בוזגאנען אין ארגענטינע און אין אנדערע לאטײַן־אמעריקאנער לענדער מיט קאָנצערטן לעטוויוועס דעם פאָנד פון הילף דעם סאָוועטנפארבאנד. נאָכן זיג איבערן פאשיזם פאָרט זי אריבער קיין פוילן, ווו זי ארבעט אין מעשעך פון העכער צוויי צענדליק יאָר אינעם ווארשעווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער און שאפט א ריי ווונדערלעכע געשטאלטן — גאָלדען אין „טעוויע דער מילכיקער", עטיע־מעניע אין „צוויי הונדערט טויזנט", דעם קאָמיסאר אין דער „אָפּטימיסטישער טראגעדיע" און פיל אנדערע. אָנהייבנדיק פונעם 1973 האָט זי געלעבט אין מאָסקווע.

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

מאַרק שאַגאַל

# אומגעבראַכטע ייִדישע קינסטלער

צי האָב איך זיי אַלעמען געקענט? צי בין איך געווען אין זייערע סטודיעס? צי האָב איך געזען זייער קונסט? אינדערנאָענט אָדער פונדערווײַטנס? איצט ווער איך משוגע, איך גיי אַראָפּ פון זינען, איך שפּאַן צו זייערע אומבאַוווסטע קוואָרים. זיי רופן מיך, שלעפּן צו זיך, פרעגן מיך: ווו ביסטו געווען? איך בין אַנטלאָפן...

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דורך די בלוט־בעדער פונעם טויט, זיי האָבן געפילט דעם טאַם פונעם אייגענעם שווייס. טאָקע דעמאָלט האָט זיך באַוויזן די שײַן אַף זייערע ניט אָנגעשריבענע בילדער, זיי האָבן געציילט זייערע ניט דורכגעלעבטע יאָרן — אַזעלכע טײַערע און גלוסטפולע — אַ סוואָרע, צוליב דעם, קעדיי דערזען זייערע כאַלוימעס אַף דער וואָר.

זיי האָבן געזוכט אין זייער באַוווסטזײַן אַ קינדער־ווינקל, ווו די לעוואָנע, אַרומגערינגלט מיט שטערן, האָט צוגעזאָגט אַ ליכטיקן מאָרגן. אַ יונגע ליבע אין דעם טונקעלן אַלקער, און דאָס גראָז, אײַנגעוויקלט אין מילך־זאַפט און באַצירט מיט בלומען, האָט צוגעזאָגט אַ גאַניידן.

איך זע זיי איצט באָרוועסע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אַף זייערע שטומע וועגן — די ברידער פון פּיסאַראָ, איזראַעלס און מאָדיליאַני. זיי ווערן געפירט אַף אַ שטריק צום טויט אין קרעמאַטאָרי.

ווי קאָן איך, ווי דאַרף איך וויינען? זיי זײַנען שוין לאַנג דורכגעזאַפּט אַלע מיט מײַנע געזאַלצענע טרערן. די געהאַקטע ווונדן האָבן זיי אויסגעטריקנט, — אַזוי־אַרום מעג איך זיך אָפּזאָגן פונעם לעצטן ביטאָכן.

וויאַזוי זאָל איך וויינען? איך זע דעם פײַער, דעם רויך און דעם גאַז, וועלכע שוועבן צום בלויען וואָלקן און פאַרטונקלען אים. איך זע אויסגעבראָכענע ציינער און אויסגעריסענע האָר, זיי זײַנען די גרימצאָרנדיקע קאָלירן פון מײַן פּאַליטרע. איך בין אין אַ מידבער — צווישן בערג מיט שוכווארג, אָנצוגן, פײַער און שמוץ, און איך שעפּטשע אַ טרויער־טפילע.

און צו מיר לאָזט זיך אַראָפּ פון מײַנע בילדער דאָוויד־האַמעלעך מיט אַ לירע אין די הענט. ער וויל מיר העלפן אין מײַן שמערץ, און ער זינגט אַ קאַפּיטל טילים. גלײַך נאָך אים קומט צו מוישע ראַביינו. ער זאָגט: פאַרגעסט די שרעק, און ער בעט אײַך, איר זאָלט ליגן רויִק, ביז וואַנען ער וועט אָנקריצן אַ נײַע טוירע פאַר דער נײַער וועלט.

דער לעצטער פונק ווערט פאַרלאָשן, עס פאַרשווינדט דער לעצטער גוף... ס'איז שטיל, ווי ערעוו אַ נײַעם מאַבל. איך שטיי אויף און איך שיק אײַך מײַן געזעגענונגס־גרוס, איך לאָז זיך מיטן וועג צום נײַעם בייסהאַמיקדעש און איך צינד דאָרט אָן אַ ליכט לעבן אײַער בילד.

# מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
## פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

### פען, יעהודע
### (1854—1937)

— קינסטלער. געבוירן געוואָרן אין שטעטל נאָוואָאַלעקסאַנדראָווסק (קאָוונער גובערניע) אין אַן אָרעמער פאַמיליע. געאַרבעט בא א מאָליער אלס לערן-יינגל. געענדיקט די קונסט-אקאדעמיע אין פעטערבורג (1885) און זיך באַזעצט אין וויטעבסק, ווו ער האָט געגרינדעט די ערשטע קונסט-סטודיע אין ווײַסרוסלאַנד.

יעהודע פען איז געווען אַן אָנגעזעענער קינסטלער-רעאַליסט. באַזונדערס גרויסע דערפאָלגן האָט ער דערגרייכט אין פּאָרטרעטן-זשאַנער. ער האָט גוט געווּסט דעם ייִדישן לעבנסשטייגער פון יענער צײַט און אים אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ווערק. פענס טאַלמידים זײַנען מאַרק שאַגאַל, ס. יודאָווין, ל. לייטמאַן און אַנדערע באַרימטע קינסטלער.

ווערק: „א האַרבער איניען", „דער אַלטער ראָווי", „באַם טײַטש-כומעש", „באַם שאַלעסורדעס", „דער געט", „א ברייוו פון אַמעריקע", „דער אַלטער סאָלדאַט", „נאָכן שטרײַק", „דער שאַדכן", „די שנײַדערקע", „דער בעקער", „דער אַלטער שנײַדער", „אוטאָפּאָרטרעט", „דער קינסטלער שאַגאַל", „זכרוינעס פון א קינסטלער", מינסק, 1926.

ביבליאָגראַפיע: ייִשראָעל ראַבינאָוויטש — „דער קינסטלער יעהודע פען, „צײַטונג „אייניקײַט", 10 אַפּרעל 1947; זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 6, 1974.

◇

### פליך יאנקעוו
### (1897 — 1980)

— ליטעראַטור-פאָרשער, פּעדאַגאָג. געבוירן אין שטעטל סאַמאָגאָראָד, וויניצער געגנט. צו 16 יאָר פאַרענדיקט עקסטערנע א גימנאַזיע און געוואָרן א „רעפּעטיטאָר" אין גווירישע הײַזער. נאָך דער רעוואָליוציע באַקומען הויכבילדונג. אין די דרײַסיקער יאָרן אונטעריכט אין אָדעסער פּעדאַגאָגישן טעכניקום און אין דאָרטיקן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט ייִדישע און מײַרעוו-אייראָפּעיִשע ליטעראַטור. נאָך דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע געאַרבעט אין א ריי שולן און טעכניקומען פון אָדעס.

ווערק אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד": וועגן צוויי דיכטערישע אויפטוען אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 10, 1972; א שיין בלעטל געשיכטע (וועגן כ. טאַבאַטשניקאָווס בוך „באַרשעווער מאָטיוון"), נומ. 3, 1974; איציק קיפּניסעס „אונטערוועגנס", נומ. 10, 1974; פאַרליבט אינעם לעבן (וועגן כ. ווײַנערמאַנס בוך „א גוטער רעגן"), נומ. 4, 1977.

### פענס, מוישע
### (1922)

— דיכטער, פּראָזאַיקער. געבוירן געוואָרן אין שטעטל סטריזשעווקע, וויניצער געגנט (אוקראַינע). אין 1940, נאָכן פאַרענדיקן די וויניצער מיטלשול נומ. 3, זיך געלערנט אין פּיאַטיגאָרסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אין 1947. אין דעם זעלבן יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אלס לערער פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דאַגעסטאַן. פון 1969 ביז 1981 זיך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקײַט אין דאַגעסטאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1935, פאַרעפנטלעכט לידער אין די צײַטונגען „זײַ גרייט!", „דער שטערן". אַרבעטנדיק אין דאַגעסטאַן, האָט ער פאַרעפנטלעכט אייניקע ווערק אף רוסיש, צווישן זיי — צוויי לידער-זאַמלונגען, ווי אויך באַזונדערע דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, לידער און איבערזעצונגען — אין דאַגעסטאַנער זאַמלונגען, אַלמאַנאַכן און צײַטונגען. ווידעראַמאָל אָנגעהויבן זיך דרוקן אף ייִדיש אין „סאָוועטיש היימלאַנד", ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט א ריי דערציילונגען און לידער. וווינט אין מאָסקווע.

ווערק: „דער אָפּרו איז אוועקגעגאַנגען" — קינדער-שאַפונג, זאַמלבוך, כאַרקאָוו, קינדער-פאַרלאַג, 1935; אין „סאָוועטיש היימלאַנד": ער האָט זיך אף קיין ענטפער ניט דערוואַרט, נומ. 3, 1963; לידער — נומ. 9, 1976; הערשעלעס דערציילונגען, נומ. 10, 1978; דאָס פלאַקאַטל, נומ. 12, 1981. אף רוסיש: די שײַן פון וווּנדערלעכער פרײַנטשאַפט (לידער-זאַמלונג), מאַכאַטשקאַלאַ, 1970; א באַלכויוו דער זון (לידער-זאַמלונג), מאַכאַטשקאַלאַ, 1975.

## Окончание урока XVI לימעד XVI

**§ 31б.** Вспомогательный глагол [зол-] употребляется для выражения совета, рекомендации, просьбы или приказа совершать действие, выраженное основным глаголом, и переводится словами «надо», «следует», «должен», «пусть» или повелительной формой глагола, например:

| | |
|---|---|
| 1. — **Напиши** (тебе **следует**..., ты **должен... написать**) мне немедленно письмо! | 1 — (דו) זאָלסט **מיר גלײַך** אָנשרײַבן **א בריוו!** |
| 2. — **Пусть** он немедленно телеграфирует! (ему **следует**..., он **должен**... телеграфировать) | 2 — זאָל **ער גלײַך** טעלעגראַפּירן! |
| 3. — **Не приходите** слишком поздно! (вам **не следует**..., вы **не должны** придти...) | 3 — **איר** זאָלט ניט קומען **צו שפּעט!** |
| 4. — **Пусть они спросят** (им **следует**..., им **надо спросить**) у учителя! | 4 — זאָלן **זיי** פרעגן **באַם לערער!** |

З а м е т ь т е! Эти же значения могут быть выражены простыми формами повелительного наклонения (см. урок VI, § 2а, б) или же с помощью вспомогательного глагола [лоз] (см. урокXV). Сравним, например, способы перевода следующих русских предложений:

| | |
|---|---|
| 1. — **Не делай** этого! | 1 א. — טו **דאָס ניט!**<br>1 ב. — (דו) זאָלסט **דאָס ניט** טאָן! |
| 2. — **Не приходите** поздно домой! | 2 א. — קומט ניט **שפּעט אהיים!**<br>2 ב. — **איר** זאָלט ניט קומען **שפּעט אהיים!** |
| 3. — **Пусть** он **читает!** | 3 א. — לאָז **ער** לייענען!<br>3 ב. — זאָל **ער** לייענען! |
| 4. — **Пусть** они **напишут** мне! | 4 א. — לאָזן **זיי מיר** אָנשרײַבן!<br>4 ב. — זאָלן **זיי מיר** אָנשרײַבן! |

**Задание 6*:** Замените повелительные формы на сочетания [зол] с неопределенной формой глагола, например:

**1) קום! 2) קומט! 3) לאָז ער קומען! 4) לאָזן זיי קומען!**

**1) דו זאָלסט קומען! 2) איר זאָלט קומען! 3) זאָל ער קומען! 4) זאָלן זיי קומען!**

Задано:

Ваш ответ:

Выполняйте задание!

**1) לייען דעם זשורנאַל! 2) לייענט דעם זשורנאַל! 3) לאָז ער לייענען דעם זשורנאַל! 4) לאָזן זיי לייענען דעם זשורנאַל! 5) לערנט יידיש! 6) לערן יידיש! 7) לאָז ער מאַכן די אויפגאַבע! 8) לאָזן זיי איבערזעצן דעם טעקסט! 9) פאַרשרײַבט מײַן אַדרעס! 10) פאַרשרײַב מײַן טעלעפאָן!**

**§ 31в. Сочетания «вопросительного слова» с [зол] и с отрицанием [нит]** (или [ништ]) переводится на русский язык соответствующим «вопросительным словом» **с добавлением частиц «бы... ни».** Сравним, например, перевод следующих пар предложений, где в первом употребляется сочетание «вопросительное слово + [зол]», а во втором — то же сочетание, но с добавлением [ни (ш)т]:

| | |
|---|---|
| 1) — **Когда мне** придти? | 1) — ווען זאָל **איך קומען?** |
| 1а) — **Когда бы** ты **ни** пришел, я всегда дома. | 1א) — ווען **דו** זאָלסט ניט קומען, **טאָמיד בין איך אין דער היים.** |
| 2) — **Что мне** подарить тебе? | 2) — וואָס זאָל **איך דיר שענקען?** |
| 2а) — **Что бы** ты **ни** подарил, все мне понравится. | 2א) וואָס **דו** זאָלסט ניט **שענקען, אַלץ וועט מיר געפעלן.** |

**אופגאבע 7*. שרײַבט ארויס די נײַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער די ווײַטערדיקע פראגמענטן און לידער:**
**1) א׳ויסוויינען זיך; 2) אײַנלייגן זיך; 3) באַז׳יגן; 4) דעמלט; 5) דערז׳עז; 6) הייליק; 7) העלפן; 8) דער ווילן, ־ס; 9) ער ווייסט; 10) די זאך, ־ן; קיין זאך ניט; 11) דער טאָן, ־ען; 12) טרייסטן; 13) טרוים, ־ען; 14) דער יאם, ־ען; 15) דער נאָמען, נעמען; 16) נאָר; 17) פארצ׳וימען; 18) פּאָרט; 19) פֿאָרן; 20) פון פאָרנט; 21) קיינמאָל; 22) קושן; 23) קליין; 24) ריין; 25) שוואך; 26) דער שפיגל, ־ען; 27) דער העמשעך=די פאָרזעצונג, ־ען.**

1) выплакаться; 2) укладываться (в чем-либо), поместиться в чем-либо; 3) победить (кого-либо); 4) тогда; 5) увидеть; 6) святой, -ая, -ое; 7) помогать; 8) воля, желание; 9) он знает; 10) вещь, предмет, дело; ничто, ничего; 11) сосна, -ы; 12) утешать; 13) мечта, -ы; 14) море, -я; 15) имя, имена; 16) только; лишь; однако; все же; 17) преградить, загородить; 18) все же; тем не менее; 19) ехать; 20) впереди; 21) никогда; 22) целовать; 23) мал, небольшой; 24) чистый; 25) слабый; 26) зеркало, -а; 27) продолжение.

**טעקסטן:** 1) „וו׳יפל **די מ׳אמע** זאָל **זי** ניט טרייסטן, וויפל **דער טאטע** זאָל **זי דעמלט** ניט קושן, — **עס העלפט קיין זאך ניט, בוזי מוז זיך אויסוויינען**״ (**שאָלעם־אלייכעם**). 2) „ווען **איך** זאָל **צו דיר** ניט קומען, **ביסטו קיינמאָל ניט אליין**״ (**אי. פעפער**). 3) „וווה׳ין זאָלסט ניט גיין, ווו׳הין זאָלסט ניט פאָרן, **די הייליקע נעמען מארש׳ירן פון פאָרנט**״ (**מ. טייף**). 4) „ווי גרויס **עס** זאָל ניט זײַן **דער יאם, פארצ׳אמט אים פּאָרט דער ברעג.** ווי שטארק **עס** זאָל ניט זײַן **דער טאָן, באַז׳יגט אים פּאָרט די זעג.** ווי **שוואך מײַן ווילן** זאָל ניט זײַן, **ווי קליין מײַן טרוים, ער לייגט זיך אין קיין ברעג ניט אײַן און ווייסט ניט פון קיין צוים** (**א. גאָנטאר**).

**העמשעך פון דער טעמע „פילבאטײַטיקײַט פון „זאָל״ אינעם לימעד XVII.**

## Ключи к уроку XVI

## שליסל צום לימעד XVI

**צו אופגאבע 6: 1) זאָלסט לייענען... 2) איר זאָלט... 3) זאָל ער לייענען... 4) זאָלן זיי לייענען... 5) איר זאָלט לערנען... 6) זאָלסט לערנען... 7) זאָל ער מאכן... 8) זאָלן זיי איבערזעצן... 9) איר זאָלט פארשרײַבן...**

**К заданию 7:** (дословно) 1) сколько бы мама ее ни утешала, сколько бы отец ее тогда ни целовал, ничто не помогает, Бузи должна выплакаться (Шолом-Алейхем). Когда бы я ни пришел к тебе, никогда ты не одна (никогда не застаю тебя одну) (И. Фефер). 3) Куда бы ты ни шел, куда бы ты ни ехал, святые имена (героев) маршируют (шагают) впереди (тебя) (М. Тейф). 4) Каким великим ни было бы море, все же берег — преграда ему. Какой бы крепкой ни была сосна, пила все же побеждает ее. Какой бы слабой ни была моя воля, как (ни) мала моя мечта, она не укладывается (не умещается) ни в какие берега и не знает преград (дословно: не знает ограды, узды) (А. Гонтарь).

**ד אַ צ ו נ ט שימען סאנדלער**

The sky that had riveted the attention of the authors became only a subject for delight but an object of research. Writers recalled the words of Fyodor Dostoyevsky, who had said that if you gave a little Russian boy a map of the celestial globe, he would hand it back to you with corrections on the next day. The sky was becoming a work-site.

"...Our life," wrote Alexander Borshchagovsky, "gives us many occasions for joyous wonder. But it demands something else as well—thought, profound reflection on the feat of the people and on one's own life. On such a day as today, one's mind works with a particularly ruthless perspicacity and precision..."

In one hour, Kaluga and Gzhatsk became a literary Mecca. The young poet Nina Byalosinskaya wrote these accurate and moving lines:

*All my friends without exception told me,*
*"In Kaluga you must have a care,*
*For the streets you walk on in Kaluga*
*Lead up to the Milky Way from there."*
*To my friends I answered,*
*"In Kaluga*
*That means I would have no cause to grieve.*
*If the people there hold up the heavens,*
*That's where stars show people how to live."*

I am not writing about all this by chance. The delight of the authors at Gagarin's flight and the tremendous interest they took in him as a person were of particular concern to Yuri himself. He was well aware that the attention of the writers to space could be ralistic and comprehensive only when all this was on a thoroughly scientific basis. He did not look on his flight as a personal exploit, but rightly said that it signified a qualitative jump forward by science and that it was a collective feat by the country and the people..."

Our current issue contains a generous selection of prose and poetry. We are publishing the continuation of the novel "The Fate of an Artist" by Grigory Polyanker of Kiev, the novella "Never To Be Forgotten" by Chaim Melamud of Chernovtsy—about the Buchenwald death camp and the resistance to fascism that sprang up there, the story "An Unfinished Game" by Samuil Gordon of Moscow in which, questions of morality and human relationships are raised. A wide range of subjects is also typical of the verse cycles by Matvei Golbstein of Simferopol, Boris Mogilner of Moscow, Aron Vergelis of Moscow.

Our "Lierature and Art" section feautres an article by Zalman Libinzon of Gorky about the 100th anniversary of the death of the great German poet and thinker, Johann Wolfgang Goethe, a review of the collection, "First Cosmonaut of the Planet Earth", an essay by Sergo Bengelsdorf of Kishinev about Boris Raisov, People's Artist of the Moldavian Republic and a soloist at the Kishinev opera house.

In connection with the 75th anniversary of the birth of the poet Iosif Albirt of Moscow, we are publishing wo f his fables.

Also of interest to the reader are our regular features: "From the Newspapers and Magazines", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", "An Aid to Those Learning Yiddish", "Readers' Questions Answered" and "A Chronicle of Literary and Cultural Life".

*Translated by Alex Miller*

**Supplement to the issue: "A trip to Israel"**
**by V. Karpov /The treval notes/**

That April in 1961, Boris Agapov wrote in "Literaturnaya gazeta":

"Thus the human gaze, exploring the skies, rejected immobility for the first time!"

"It is no accident that the spaceship bearing the first man up into the Stellar heights lifted off from Soviet territory. It is no coincidence that the highly complicated technical equipment for the ship was bilt at Soviet factories. It is no coincidence that Soviet scientific and design ideas built this ship. . ." wrote Boris Polevoi.

Readers were moved by Pavel Antokolsky's poem. Here are a few lines:

*I am passionately grateful to you,*
*I shall give you all the love I can,*
*Yuri Alexeyevich Gagarin,*
*Very far from ordinary man,*

*Just for going far out into orbit,*
*As into atack, with head held high,*
*And because, when the dread speed of sound*
*Screamed, lifting its tail up to the sky,*

*You were quite impervious to the danger,*
*Never quailed nor let your spirits fall.*
*Henceforth may your courage be a shining*
*Memory and example to us all!*

Daniil Danin wrote at the time:

"How many composers on that Wednesday sat down at their pianos and carefully fingered the keys, fearing to fill space with the wrong melody?. . . How many artists sat at their easels and tentatively touched the palette with their brushes: confound i, how few colours in the spectrum and what a wrettched choice of combinations!

On that historic Wediesday, each wanted to express himself not in words, but in action; not in mlody, but in conduct; not with the stroke of a brush, but with excitement. In something not mundane, something not routine, something that would suddenly and convicningly reflect the soul brimming over with joy and the happy feeling of selfless involvement in the great event of the day".

Ilya Grigorievich Ehrenburg learned about the manned spaceflight while he was abroad. Stirred by the news, he sent a telegram to "Literaturnaya gazeta": "I am upset that we have used big words so ften, but that it is now impossible to find suitable expressions for the meaning of the first flight into space by Yuri Gagarin. . ."

In his article, Emmanuil Kazakevich wrote: "How happy I am today that I belong to the human race, to the Soviet people, to those who follow Lenin's views, and that I have fought in the ranks of the army in which Gagarin served as a major!"

To express their feelings, the writers took to high-flown language, to imagery, to the emotions.

". . .I open my breast to the wind, "wrote Chinghiz Aitmatov, "and it bears away my warm words that are spoken from a pure heart: may it be blessed for all time, that moment when you, Man, returned triumphant from space!"

Marieta Shaginyan wrote: "The significance of our scientific and technical victory is very great. But the spiritual luggage with which Soviet Major Gagarin flew into space—the courage and high repute of the Soviet character, evoking as response in millions of human hearts such noble and good feelings of pride for mankind—this tells more than words can say about the moral strength of the Soviet system. . ."

# RÉSUMÉ

## "Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
## No 4, April 1982

April is a jubilee month in the space Age, since the first man was launched into orbit on the 12th of this month. It is therefore natural that the current issue of "Sovietish Heimland" should open with items about this historical achievement by our people.

Here is an excerpt from an article by Yuri Verchenko of Moscow, "The Theme of Space in Literature".

"Gagarin belongs o all tthe people of Earth, since it was for the sake of mankind that he explored the undtrodden ways of the Universe.

Gagarin's feat evoked a lively reaction from the writers. Many authors' sessions—creative, Party and publishers'—were devoted to Gagarin. Emotions had already subsided, the rhetorical flights of appreciation had simmered down after many weeks, but the ideas inspired by the flight of the first cosmonaut continued to surge irresistibly forward like a flow of volcanic lava. Writers sent their reflections on Yuri Gagarin to the Board of the Writers' Union, to the "Literaturnaya gazeta" and ot other literary magazines. Whole columns of publicistic writing appeared in the Party newspapers.

"The Ancients rigthly called the thorny path of human development the way to the stars," wrote Leonid Leonov in "Pravda" on 16 April 1961. "Exploration of the skies—that is the content of human progress. An elemental striving to begin with, it became more and more conscious in the course of time: to sharpen one's vision, to reach out into the depths of the Metagalaxy, to refine one's fingers and sonse of touch so that it would be possible at will to move the finiest bricks of the microcosm".

Alexei Surkov, Semyon Babayevsky, Konstantin Paustovsky and Vera Ketlinskaya all appeared in "Pravda".

Yuri Gagarin's heroic achievement was rightly seen as that of a generation, a people, a Party. Writers recalled that Gagarin was born on 9 March 1934, and on 16 April 1934 the Cenrtal Executive Committee of the USSR founded the honoured title of Hero of the Soviet Union. Needless to say, there is no mystique here, but writers investigating the times, the era and the life of the first cosmonaut found a host of surprising coincidences.

In April 1961, it was 27 years since the day when the title of Hero of the Soviet Union was created, and Earth's first cosmonaut carried out his mission at the age of twenty-seven.

Twenty-seven years.

At that age, the revolutionary Nikolai Ivanovich Kibalchich, a member of the People's Will movement, drafted a project for the world's first rocket for manned flight; Friedrich Arturovich Tsander finished work on his masterpiece, the manuscript of "Travel in an Air and Space Ship"; Konstantin Eduardovich Tsiolkovsky finally decided to devote himself to the theory of flight; Sergei Pavlovich Korolev became the head of a team for the study of reachive motion (GIRD) which built the first liquid-fuel rocket in the USSR, "GIRD-9"; and Yuri Vasilievich Kondratyuk finished developing the fundamental problems of cosmonautics. . .

зя» — о лагере смерти Бухенвальд и зародившемся в нем сопротивлении фашизму, рассказ Самуила Гордона (Москва) «Незаконченаая игра», где поднимаются вопросы морали и взаимоотношений между людьми. Широкий тематический диапазон характерен также для поэтических циклов Матвея Голбштейна (Симферополь), Бориса Могильнера (Москва), Арона Вергелиса (Москва).

В разделе «Литература и искусство» помещена статья Залмана Либинзона (Горький) о 150-летии со дня смерти великого немецкого поэта и мыслителя Иоганна Вольфганга Гёте, рецензия на сборник «Первый космонавт планеты Земля», очерк Серго Бенгельсдорфа (Кишинев) о солисте кишиневской оперы, народном артисте Молдавской ССР Борисе Раисове.

В связи с исполняющимся 75-летие со дня рождения поэта Иосифа Альбирта (Москва) публикуются две его басни.

Читатель с интересом прочтет материалы, включенные в традиционные рубрики «Листая газеты и журналы», «Материалы для лексикона Советской еврейской литературы», «В помощь изучающим идиш», «Отвечаем на вопросы читателей», «Хроника литературной и культурной жизни».

**Приложение к номеру:**
**В. Карпов «Поездка в Израиль»**

*(Путевые заметки)*

подберешь подходящие выражения для того, чтобы сказать о значении первого полета в космос, полета Юрия Гагарина»...

Эммануил Казакевич в своей статье пишет: «Как я радуюсь сегодня, что принадлежу к роду человеческому, народу советскому, и единомышленникам Ленина, что я воевал в рядах армии, в которой служит майор Гагарин!»

Писатели, чтобы выразить свои чувства, обращаются к высокому стилю, образному выражению, художественной патетике.

«...Я открываю грудь навстречу ветру — писал Чингиз Айтматов, — и он уносит мои горячие, сказанные от чистого сердца слова: да будет благословен во веки веков миг, когда ты, человек, вернулся из космоса победителем!»

Мариэтта Шагинян писала: «Очень высоко значение нашей научной и технической победы. Но вот этот духовный багаж, с каким вылетел в космос советский майор Гагарин, мужество и престиж советского характера, вызвавшие в ответ в миллионах человеческих сердец благородные и добрые чувства гордости за человека — вот это ярче свяких слов говорит о нравственной силе советского строя...»

Небо, приковавшее внимание литераторов, стало не только предметом восхищения, но объектом исследования. Писатели напоминали слова Федора Достоевского о том, что если дать русскому мальчику карту звездного неба, то на другой день он вернет ее исправленной. Небо становилось рабочей площадкой.

«...Наша жизнь — писал Александр Борщаговский, — дает нам много поводов для радостного удивления. Но она же требует от нас и другого — мысли, глубокого размышления над подвигом народа и собственной жизнью. А в такой день, как нынешний, мысль работает с особой беспощадной остротой и отчетливостью...».

Буквально в одночасье Калу́га и Гжатск стали литературной Меккой. Молодая поэтесса Нина Бялосинская написала точные и волнующие строки:

*Мне друзья твердили и подруги:*
*— Ты в Калуге осторожней будь,*
*потому те улицы Калуги*
*прямо переходят в Млечный Путь.*
*Я друзьям ответила:*
*— А мне бы,*
*мне б в Калуге не пришлось тужить —*
*там, где люди поднимают небо,*
*Звезды людям*
*помогают жить.*

Обо всем этом я пишу не случайно. Восторженное отношение писателей к полету Гагарина, тот огромный интерес, который они проявляли к его личности, необычайно заинтересовали Юру. Он хорошо понимал, что внимание писателей к космосу может быть настоящим и всеохватывающим лишь тогда, когда все это значительно и глубоко научно. Свой полет он не считал личностным подвигом, он справедливо говорил, что полет ознаменовал качественный скачок науки, что это коллективный подвиг страны, народа...».

В номере имеется богатый раздел прозы и поэзии. Читатель получит продолжение романа Григория Полянкера (Киев) «Судьба художника», повесть Хаима Меламуда (Черновцы) «Это забыть нель-

В этом возрасте народоволец — революционер Николай Иванович Кибальчич создает проект первого в мире ракетного летательного аппарата для полета человека, Фридрих Артурович Цандер завершает работу над рукописью «Путешествие на воздушном и космическом корабле», Константин Эдуардович Циолковский окончательно решает посвятить себя теоретическим проблемам летания, Сергей Павлович Королев становится начальником группы изучения реактивного движения (ГИРД), которая создает первую в СССР жидкостную ракету, «ГИРД-09», Юрий Васильевич Кондратюк завершает разработку основных проблем космонавтики...

Борис Агапов в те апрельские дни 1961 года писал в «Литературной газете»:

«Так человеческий взор, испытующий небо, впервые отказался от неподвижности!»

«И не случайно, что космический корабль, унесший первого человека в Звездные выси, стартовал с советской территории. Не случайно, что сложнейшее техническое оснащение корабля построено на советских заводах. Не случайно, что советская наука и конструкторская мысль создали этот корабль...» — писал Борис Полевой.

Читателей взволновали стихи Павла Антокольского. Вот несколько строф:

*Я за то вам страстно благодарен*
*И за то вас полюбил навек,*
*Юрий Алексеевич Гагарин,*
*Необыкновенный человек,*

*Что вы шли в пространство мировое,*
*Как идут в атаку, в полный рост,*
*И когда, безумствуя и воя,*
*Скорость звука поднимала хвост,*

*Вы не знали страха и унынья,*
*Перед грозным риском не склонясь.*
*Будет ваше мужество отныне*
*Эталоном мужества для нас!*

Даниил Данин в те дни писал:

«Сколько композиторов в ту среду садились за рояль и осторожно перебирали клавиши, боясь наполнить пространство не той мелодией... Сколько художников садились за мольберт и нерешительно трогали кистями палитру: ах, черт возьми, как мало красок в спектре и как невзрачны их возможные сочетания.

В ту историческую среду каждому человеку хотелось выразить себя — не в слове, так в действии, не в мелодии, так в поступке, не в ударе кистью, так в порыве. В чем-то не будничном, не регулярном, что внезапно и доказательно отразило бы переполненность взбудораженной души и счастливое ощущение бескорыстнейшей сопричастности к великому событию дня».

Илья Григорьевич Эренбург о полете человека в космическое пространство узнал находясь за рубежом. Взволнованный этим известием, он прислал в «Литературную газету» телеграмму: «Обидно, что мы так часто употребляли большие слова, а теперь вот не сразу

# РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 4, апрель, 1982

Апрель — юбилейный месяц космической эры, двенадцатого числа этого месяца, в 1961 году, был запущен в космос первый человек. Естественно поэтому, что апрельский номер «Советиш геймланд» открывается материалами об этом историческом подвиге нашего народа.

Приводим отрывок из статьи Юрия Верченко (Москва) «Космическая тема в литературе»:

«Гагарин принадлежит всем людям Земли, ибо ради всего человечества он прошел нетоpенной дорогой Вселенной.

Подвиг Юрия Гагарина вызвал живую реакцию среди писателей. Многие писательские заседания: творческие, партийные, издательские, посвящались Гагарину. Уже улеглись страсти, поостыли бушевавшие многие недели «высокие штили» оценки подвига, мысль, разбуженная полетом первого космонавта, работала с вулканической мощью, убегая вперед. Свои размышления о Юре Гагарине писатели направляли в правление Союза писателей, в «Литературную газету», в литературные журналы. Целые полосы писательской публицистики печатали партийные газеты.

«Древние не зря называли тернистый путь человеческого развития дорогой к звездам, — писал в газете «Правда» Леонид Леонов 16 апреля 1961 года. — ...Разведка неба — вот содержание человеческого прогресса. Стихийное в начале стремление, оно с течением времени становилось все сознательней: заострить взор, протянуть руку в глубь Метагалактики, — настолько утончить пальцы и осязание, чтобы по своему усмотрению перемещать мельчайшие кирпичики микрокосмоса».

В «Правде» выступили Алексей Сурков, Семен Бабаевский, Константин Паустовский, Вера Кетлинская и другие.

Подвиг Юрия Гагарина справедливо рассматривался как подвиг поколения, народа, партии. Писатели вспомнили, что Гагарин родился 9 марта 1934 года, а 16 апреля 1934 года ЦИК СССР учредил почетное звание Героя Советского Союза. Разумеется, здесь нет мистики, но писатели, исследуя время, эпоху, жизнь первого космонавта находили массу неожиданных сравнений.

В апреле 1961 года исполнилось 27 лет со дня учреждения звания Героя Советского Союза, первый космонавт планеты совершил свой полет в возрасте двадцати семи лет.

Двадцать семь лет.

**СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД**

**(Советская родина)**

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

*На еврейском языке*

**Орган Союза писателей СССР**

**Издается с 1961 г.**

**Издательство «Советский писатель»**

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

**Х. Бейдер** (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон,**
**Нотэ Лурье, Х. Меламуд,**
**Б. Миллер, Б. Могильнер,**
**Г. Полянкер, И. Шрайбман,**
**И. Шустер** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.01.1982. Подписано к печати 18.03.1982 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 960.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1982 г.

Цена 80 коп.
70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

**В НОМЕРЕ:**

Ю. Верченко. Космическая тема в литературе.

Г. Полянкер. Судьба художника (роман, продолжение).

**Рассказы** Х. Меламуда, С. Гордона.

**Стихи** М. Голбштейна, Б. Могильнера, А. Вергелиса, И. Альбирта.

**Литературная критика, вопросы искусства.** З. Либинзон. Гете и еврейская культура. Книга о первом космонавте. С. Бенгельсдорф. Мастерство.

**Публицистика.** В. Блойвакс. Кто они, «филантропы»?

Материалы из зарубежной печати о 20-летии «Советиш геймланд».

Листая журналы и газеты. К нашей художественной вклейке. Хроника литературной и культурной жизни. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш.

Отвечаем на вопросы наших читателей.

Резюме на русском и английском языках.

1982
№ 4